STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10747

DOVID EDELSHTAT

David Edelstadt

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמעס
פארלאג

אינסטיטוט פאר יידישער פראָלעטארישער קולטור פון דער אוקראַינישער
וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע ★ אינסטיטוט פאר יידישער פראָלעטארישער
קולטור פון דער ווײַסרוסישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע

די עלטערע רעוואָליוציאָנערע ליטעראטור

געקליבענע ווערק פון
מאָריס ווינטשעווסקי, דאָוויד עדעלשטאט, יויסעפ באָוושאָווער

★ ★

★

פארלאג „עמעס״ ★ מאָסקווע 1935

אינסטיטוט פאר יידישער פראָלעטארישער קולטור פון דער אוקראַינישער
וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע ★ אינסטיטוט פאר יידישער פראָלעטארישער
קולטור פון דער ווייסרוסישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע

דאָוויד עדעלשטאט

געקליבענע ווערק
אין דריי בענדער

★

באנד I

ק. מארמאָר — דאָוויד עדעלשטאט (ביאָגראפיע)
דאָוויד עדעלשטאט — בריוו

פארלאג „עמעס" ★ מאָסקווע 1935



דאָוויד עדעלשטאט
א פּאָר יאָר נאָך זײַן אָנקומען קיין אמעריקע

די אויסגאבע דערשײַנט אונטער דער אלגעמיינער רעדאקציע פון:
ש. אגורסקי, מ. לעוויטאן, ק. מארמאָר און מ. עריק

צוגעגרייט צום דרוק דורך דער סעקציע פאר ליטעראטור און
קריטיק באַם אינסטיטוט פון יידישער פראָלעטארישער קולטור
פון דער אוקראאינישער וויסנשאפט-אקאדעמיע

מיטנ אָנקומענ פונעמ כ׳ קאלמענ מארמאָר אינ ראטנפארבאנד, לויט דער אײַנלאדונג פונעמ אינסטיטוט פאר יִדישער פּראָלעטארישער קולטור פונ דער אוקראיִנישער וויסנשאפט־אקאדעמיע אינ קיִעוו, איז מעגלעכ געוואָרנ צו רעאליזירנ די אויפגאבע, וואָס איז שוינ לאנג געשטאנענ פאר די סאָוועטישע וויסנשאפטלעכע אנשטאלטנ: געבנ א וויסנשאפטלעכע, א מארקסיסטישע אויסגאבנ פונ די וויכטיקסטע ווערק פונ דער עלטערער יִדישער רעוואָליוציִאָנערער ליטעראטור — פונ די ווערק פונ ווינטשעווסקי, עדעלשטאט, באָוושאָווער אונ אנדערע.

כ׳ מארמאָר האָט מיטגעבראכט אונ געשטעלט אינ אונדזער רעשוס א ביז גאָר רײַכנ סײַ האנטשריפטלעכנ סײַ געדרוקטנ ״ארכיוו־מאטעריאל צו דער געשיכטע פונ דער יִדישער פּרעסע אונ ליטעראטור אינ ענגלאנד אונ אינ אמעריקע זינט די 80־ער יאָרנ פונעמ XIX יה., אונ דאָס האָט טאקע מעגלעכ געמאכט צו געבנ א וויסנשאפטלעכ־אויסגעפאָרשטנ אונ קאָנטראָלירטנ טעקסט פונ די עלטערע יִדישע רעוואָליוציִאָנערע שרײַבער. באזונדערס וויכטיק פאר דער דאָזיקער אויסגאבע איז די דירעקטע פאָרשערישע ארבעט פונעמ כ׳ מארמאָר, איינעמ פונ די עלטסטע אונ פארדינסטפולע פאָרשער אפ אָט דעמ געביט. מיר פארמאָגנ איצט אינ אונדזער רעשוס דעמ ארכיוו פונ דאָוויד עדעלשטאט, דעמ האנטשריפטלעכנ ארכיוו פונ מאָריס ווינטשעווסקי, דעמ גאנצנ ארכיוו פונ מאָריס ראָזענפעלד, א רײ נײַע זייער וויכטיקע מאטעריאלנ וועגנ ארנ ליבערמאנענ, א רײ קאָמפּלעקטנ אונ א גרויסנ אויסשניטנ־ארכיוו פונ דער סאָציִאליסטישער פּרעסע אינ ענגלאנד אונ אינ אמעריקע.

די סאָוועטישע פאָרשונג פונ דער עלטערער רעוואָליוציִאָנערער דיכטונג איז ביז איצט געווענ געפּענטעט איבערנ פעלנ פונ די נייטיקע ארכיוו־מאטעריאלנ, פונ דעמ געהעריקנ מאנוסקריפּטנ־אונ פּרעסע־פאָנד, איבערנ קלאָגעדיקנ צושטאנד פונ דעמ עצמ טעקסט, מיט וועלכנ ס׳איז אויסגעקומענ צו אָפּערירנ. אינ דער עצמ ארבעט פונ דער קריטיק אפ אָט דעמ געביט זײַנענ געווענ היפּשע פעלערנ סײַ פונ רעכטנ מינ (דאָס ניט־דערשאצנ דעמ באטײַט פונ דער עלטערער יִדישער רעוואָליוציִאָנערער דיכטונג) סײַ פונ „לינקאטשיש״־רעכטנ כאראקטער (דער ניט־קריטישער צוגאנג אונ בעטײלע איבערשאצנ דעמ באטײַט פונ דער דאָזיקער ירושה, דאָס פארשמירנ די אנארכיסטישע אונ ביכלאל קלײנבירגערלעכע עלעמענטנ אינ דער שאפונג פונ עדעלשטאט, באָוושאָווער, ווינטשעווסקי). דער גרונטציל פונ אונדזער אויסגאבע דארפ זײַנ — קריטיש, אינ ליכט פונ דער לענינישער לערע וועגנ דער קולטור־ירושה, אויסצוקלאָרנ דעמ עמעסנ באטײַט אונ ווערט פונ דער ירושה פונ די עלטערע רעוואָליוציִאָנערע שרײַבער, ווי אויכ זייער אָרט אינ דער אינטערנאציִאָנאלער רעוואָליוציִאָנערער ליטעראטור אונ אינ דער געשיכטע פונ דער יִדישער רעוואָליוציִאָנערער ליטעראטור.

מיר האָבנ פונ אָנהייב אָנ אָפּגעוואָרפנ דעמ געדאנק וועגנ אנ אקאדעמי־

שער אויסגאבע, דה. וועגנ אנ אויסנאבע, וואָס זאָל איינשליסנ אלע אָנ אויסנאמ טעקסטנ, וואריאַנטנ אאוו. אזא מינ אויסגאבע וואָלט איינגעשלונגענ אָנ א שיר קויכעס אונ וואָלט זיכ צעצויגנ אפ א ריי יאָרנ, מיר וואָלטנ דאנ אויכ היפש ענערגיע געפּאטערט אפ טעקסטנ אונ ווערק, וואָס האָבנ שוינ בא היינטיקנ טאָג א קליינעמ באטייט אָדער א ריינ־נעגאטיווג באטייט (א ריי קינסטלעריש־שוואכע זאכנ ווינטשעווסקיס, עדעלשטאטס אא., עדעלשטאטס אויסגעשפּראָכנ אנארכיסטישע פּובליציסטיק אונ לידער אדג.). מיר האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט אפ דעמ טיפּ פונ א האלב־אקאדעמישער אויסגאבע, דה. פונ אנ אויסגאבע, וואָס וועט געבנ אנ אויסוואל, אָבער א גענוג רעפּרעזענטאטיווג, פונ ווינטשעווסקיס ווערק, וואָס וועט געבנ קימאט אויסשעפּנדיק עדעלשטאטס לידער אונ פּראָזע אונ באָוושאָווערס דיכטונג אונ א קליינעמ טייל פונ זייער פּובליציסטיק; אנ אויסגאבע, וואָס וועט גלייכצייטיק פארמאָגנ א היפּשנ וויסנשאפטלעכנ אפּאראט אינ זינענ פונ גרעסערע אריינפירנ אונ ביאָגראפישע יעדיעס, וואריאַנטנ, קאָמענטארנ, ביבליאָגראפיע אאוו.; וואָס וועט, אלזאָ, דערלויבנ סיי דעמ ברייטערנ קרייז לייענער סיי דעמ סטודענט אונ פאָרשער צו שאפנ זיכ א מער גענויע פאָרשטעלונג וועגנ דער עלטערער רעוואָלוציאָנערער יידישער ליטעראטור אונ וועט געבנ א מעגלעכקייט מער פארטיפט צו פירנ ווייטער די אויספאָרשונג פונ דער דאָזיקער ליטעראטור. סאכאקל איז פארפלאנירט 6 בענדער ווינטשעווסקיס ווערק, דריי בענדער עדעלשטאטס ווערק, א באנד באָוושאָווערס שריפטנ.

* * *

אונדזער איצטיקע עדעלשטאט־אויסגאבע איז דער אָנהייב פונ דער רעאַליזאציע פונ דער דאָזיקער גרויסער אונטערנעמונג. פונ עדעלשטאטס ווערק האָבנ מיר אינ אונדזער אויסגאבע געגעבנ א טייל פונ זיינע רוסישע לידער, וואָס האָבנ א באטייט פארנ אויסקלאָרנ דעמ ערשטנ עטאַפּ פונ עדעלשטאטס אידייִש־קינסטלערישנ וועג (מיט קליינע אויסנאמענ, זיינענ די דאָזיקע לידער קיינמאָל ניט געווענ פארעפנטלעכט); ווייטער זיינענ אריינ קימאט אלע יידישע לידער עדעלשטאטס, קימאט זיינ גאנצע קינסטלערישע פּראָזע אינ יידיש אונ אנ ערעכ א דריטל פונ זיינ פּובליציסטיק; ענדלעכ, איז געגעבנ די גרעסטע מערהייט פונ עדעלשטאטס בריוו, פראגמענטנ פונ זיינ טאָגבוכ (מער ווי פראגמענטנ איז פונעמ טאָגבוכ ניט אופגעהיט געוואָרנ), עדעלשטאטס אופרופנ אאוו. מיר האָבנ אויכ לויט עדעלשטאטס מאנוסקריפּטנ געגעבנ וואריאַנטנ צו עדעלשטאטס לידער אונ צו אייניקע ארטיקלענ אונ דערציילונגענ.

די עדעלשטאט־אויסגאבע איז צוגעגרייט געוואָרנ דורכ דער סעקציע פאר ליטעראטור אונ קריטיק באמ אינסטיטוט פאר יידישער פּראָלעטארישער קולטור פונ דער אוקראַינישער וויסנשאפט־אקאדעמיע — דורכ די ככ׳ מ. לעוויטאַנ, ק. מאַרמאָר אונ מ. עריק.

די טעקסטנ האָט צוגעגרייט דער כ׳ ש. בריאנסקי (אינ די אָפּטיילונגענ „דערציילונגענ אונ פעליעטאָנענ“ אונ „בריוו“ האָט אימ מיטגעהאָלפנ כ׳ מיזשיריצקי).

מיר ווילנ, ענדלעכ, אויסדריקנ א וואַרעמענ דאנק א ריי פּערזאָנענ אונ אנשטאלטנ, וואָס זיינענ אונדז געקומענ צו הילפ באמ צוגרייטנ די עדעלשטאט־אויסגאבע. אינ דער ערשטער ריי איז עס עדעלשטאטס שוועסטער סאָניע (סאָרע עדעלשטאט־טעלסאָנ), וועלכע האָט איבערגעגעבנ עדעלשטאטס מאנוסקריפּטנ אונ אנדערע מאטעריאַלנ פונ עדעלשטאטס ארכיוו, וואָס זי האָט טריי אָפּגעהיט

איבער 40 יאָר. זי האָט אויכ איבערגעגעבנ דעמ כ׳ מארמאָר מינדלעכ אונ שריפטלעכ א סאכ אינפאָרמאציע וועגנ עדעלשטאטס לעבנ, ווי אויכ זיכרוינעס פונ איר עלטסטנ ברודער אב. עדעלשטאט אונ א בריוו, געשריבנ פונ זײַנ פרוי אנא עדעלשטאט. מיטגעהאָלפנ מיט א רײַ וויכטיקע אינפאָרמאציעס האָט אויכ איר מאנ ארקאדי טעלכאָנ אונ מאקס ב. מײַזל.

דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער-אָרדענ (דורכ זײַנ סעקרעטאר פונ דער ייִדסעקציע כ׳ זאלצמאנ אונ דורכ זײַנ געהילפ איציק גארבאטי) האָט פאר אונדזער אויסגאבע געמאכט פאָטאָגראפישע קאָפּיעס פונ א גאנצער רײַ געדרוקטע שריפטנ עדעלשטאטס אינ דער פּרעסע. כ׳ ל. גרינהויז האָט היפּש געהאָלפנ מיט קאָפּיעס אונ אינ הינזיכט פונ אונטעררײדונגענ מיט אלעקסאנדער הארקא-ווי אונ מיט א רײַ אנדערע פּערזאָנענ. כ׳ באקאל, טשיקאגאָ, האָט צוגעשיקט ליטעראטור וועגנ די טשיקאגער מארטירער, צומ טײל געקראָגנ בא לוסי פארסאָנס.

די רעדאקציע פונ דער עדעלשטאט-אויסגאבע איז אינ גרונט אָפּגעשלאָסנ געוואָרנ דעמ 12-טנ יול 1934.

אוקראינישע וויסנשאפטלעכע אקאדעמיע.
אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור.

★

ווײַסרוסישע וויסנשאפטלעכע אקאדעמיע.
אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור.

קאַלמען מאַרמאָר

דאַוויד עדעלשטאַט

ביאָגראַפיע

געווידמעט דעם אָנדענק פון מײַן חאַווערטע
און פרײַנט און מײַן מיטהעלפערן אין דער ארבעט
סאָרע מארמאָר.

די גאנצע ליטעראַרישע טעטיקײַט פונ דאָוויד עדעלשטאט אינ דער ייִדישער שפּראַכ דויערט קנאַפּע פיר יאָר. מער ווי א פערטסכיילעק דערפונ איז ער שטארק קראַנק אפ טובערקוליאָז. אינעמ עלטער פונ 26 יאָר איז ער שוינ טויט.

ניט געקוקט אפ אָט דער ביז גאָר קורצער צײַט פונ זײַנ שאַפנ האָט דער יונגער רעוואָליוציאָנערער דיכטער דאָוויד עדעלשטאט באַוויזנ אײַנצוקריצנ זיכ טיפ אינ די הערצער פונ די ייִדישע ארבעטנדיקע. אינ מעשעכ פונ פיל יאָרנ נאָכ עדעלשטאטס טויט האָט נאָכ זײַנ ליד געקלונגענ אינ אלע לענדער, ווו ייִדיש-ריידנדיקע ארבעטער האָבנ געקעמפט קעגנ דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. עדעלשטאטס לידער האָבנ ייִדישע ארבעטער אינ רוסלאַנד געזונגענ צווערשט בא דער ארבעט אינ ווארשטאט אונ אפ געהיימע פארזאמלונגענ אונ שפּעטער אפ דעמאָנסטראַציעס אונ אפ באַריקאַדעס.

אינ עדעלשטאטס לידער האָבנ די ייִדישע ארבעטער געשעצט דעמ פלאַמיקנ פּראָטעסט קעגנ דעמ קאַפּיטאַליזמ, דעמ לײַדנשאַפטלעכנ רופ צומ קאַמפ קעגנ די עקספּלואַטאַטערס, דאָס דעמאַסקירנ די מעשאָרסימ פונעמ קאַפּיטאַל אונ ספּעציעל דעמ קלער, דעמ ברויזנדיקנ פאַטאָס, וואָס האָט זיכ געפילט אינ עדעלשטאטס גאַנצער דיכטונג.

עדעלשטאט איז ניט געווענ קיינ פּראָלעטאַרישער דיכטער. ער איז געווענ א קלייַנבירגערלעכער בונטאַר. ער האָט אויסגעדריקט די שטימונגענ אונ די געפילנ פונ א טייל ניט-לאַנג אריבערגעקומענע, אָקאָרשט האַלב-פּראָלעטאַריזירטע נעכטיקע ייִדישע קליינבירגער (קליינפּראָדוצירער אונ קליינ-אייגנטימער), וואָס זײַנענ ארײַנגעפאַלנ אינ דער שוויץ-באָד פונ די קאַפּיטאַליסטישע „שאָפּנ" אונ געוואָרנ דער אָביעקט פונ דער שוידערלעכסטער עקספּלואַטאַציע. ער איז געווענ דער אויסדריקער פונ אָט די נאָכ שוואַכ-אָרגאַניזירטע אונ קנאַפּ-אײַנגעוואָרצלטע

(אינעם נײַעם אמעריקאנער באָדן) געװעזענע קלײנבירגערלעכע מאסן, װאָס זײַנען געװען דורכגעדרונגען מיט האס צום קאַ-פּיטאליזם, װעלכע זײַנען אָבער גלײַכצײַטיק געװען פול מיט שרעק פאר דער פאבריק און געשטרעבט װאָס גיכער זיך ארויסצורײַסן פון איר און צוריק װערן „זעלבשטענדיקע" מענטשן.

א טײל פון אָט די נעכטיקע קלײנבירגער האָט דעם אויס-װעג געזוכט אפן װעג פון פעדלערײַ, קרעמערײַ, און ניט װײניק איז טאקע געװען אזעלכע, װאָס זײַנען אינגיכן אלײן געװאָרן „באָסן" און האָבן עקספּלואטירט ארבעטער אין זײערע גרע-סערע און קלענערע פאבריקן. אנדערע װידער זײַנען פארכאפּט געװאָרן פון אנארכיזם, פון אָט דער „בורזשואזקײַט אף דער לינקער זײַט". דער אנארכיזם האָט זײ בעצויגן און געבלענדט מיט זײַנע אינדיװידואליסטישע פאָרשטעלונגען װעגן דער צו-קונפט-אָרדענונג, מיט זײַן הורא-רעװאָלוציאָנערער פראזע און מיט זײַן „טעאָריע", אז דער קאפּיטאליזם קאָן פארניכטעט װערן מיט אײן קלאַפּ — דורך „דירעקטער אקציאָן". אויך דער אנארכיזם האָט, אזױ־ארום, אף זײַן אויפן געשפּײַזט די איליו-זיעס פון די דאָזיקע מאסן װעגן אויסגעלײזט װערן פון דער פאבריק און װעגן „זעלבשטענדיקײַט".

אָט װיאזוי לענין כאראקטעריזירט די װעלט-אָנשויונג פונעם אנארכיזם:

„די װעלט-אָנשויונג פון די אנאַרכיסטן איז די בור-זשואזע װעלט-אָנשויונג, אויסגעדרײט אף דער לינקער זײַט. זײערע אינדיװידואליסטישע טעאָריעס, זײער אינדיװידוא-ליסטישער אידעאל געפינען זיך אין דירעקטן קעגנזאץ צום סאָציאליזם. זײערע אָנשויונגען דריקן אויס ניט די צו-קונפט פון דער בורזשואזער אָרדענונג, װעלכע גײט מיט אן אומאָפּהאלטלעכער קראפט צו פארגעזעלשאפטלעכונג פון ארבעט, נאָר די קעגנװארט און אפילו די פארגאנגענהײַט פון דער דאָזיקער אָרדענונג, די הערשאפט פונעם בלינדן צופאל איבערן אָפּגעזונדערטן, אײנזאמען, קלײנעם פראָ-דוצירער. זײער טאקטיק, װאָס װערט רעדוצירט צו אָפּ-לײקענונג פון פּאָליטישן קאמף, טײלט פאנאנדער די פּראָ-לעטאריער און פארװאנדלט זײ פאקטיש אין פאסיװע אָנ-טײלנעמער פון דער אָדער יענער בורזשואזער פּאָליטיק, װאָרעם באזײַטיקן זיך אינדערעמעסן פון פּאָליטיק איז פארן ארבעטער אומעגלעך און אומפארװירקלעכבאר" (לענין, ב. VIII, ז. 411, „סאָציאליזם און אנארכיזם").

אָט דער קליינבירגערלעכער אנארכיזם דרינגט עס אדורך אלע שריפטן עדעלשטאטס: זײַנע לידער אין רוסיש און יידיש, זײַן קינסטלערישע פּראָזע, זײַן פּובליציסטיק.

עדעלשטאטס ליטעראַרישע ירושה פאָדערט, אזויארום, א קריטישע דורכאַרבעטונג און לײַטערונג אין שײַן פון מאַרקסיזם-לעניניזם.

עס איז קלאָר, אז עדעלשטאַט דער אנאַרכיסט, וואָס איז פרעמד געווען די לערע פונעם מאַרקסיזם און וואָס זײַן סאָציאַליזם האָט געטראָגן א נעפּלדיקן קליינבירגערלעך-עטישן כאַראַקטער, האָט ניט געקאָנט זײַן קיין פּראָלעטאַרישער שרײַבער. גלײַכצײַטיק דאַרפן אָבער אונטערגעשטרײַכט ווערן די רעוואָלוציאָנערע מאָמענטן פון עדעלשטאַטס שאַפן. עדעלשטאַט האָט מיט טיפסטן מיטגעפיל אָפּגעשפּיגלט אין זײַנע שריפטן די אומגעהייערע ליידן פון גרויסע מאַסן אַרבעטנדיקע אינעם קאַפּיטאַליסטישן גענעם. ער האָט געהאַסט און לײַדנשאַפטלעך געשטעמפּלט די בורזשואַזע עקספּלואַטאַציע, די בורזשואַזע צוויִעסדיקע מאָראַל, געזעצן, פּרעסע, ליטעראַטור. ער איז אויך געווען א קריגערישער אַטעיִסט און אן אינטערנאַציאָנאַליסט. ניט געקוקט אף אייניקע וואַקלענישן, איז ער געווען א שאַרפער קעגנער פון נאַציאָנאַליזם. זײַן דיכטונג האָט געטרונקען פון די קוואַלן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ראַדיקאַלער און רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור פונעם XIX יאָרהונדערט, — נעקראַסאָוו און היינע, פריילִיגראַט און ניקיטין.

דאָס אַלץ שטעלט מיט זיך פאָר פּאָזיטיווע און נאָך ביז איצט לעבעדיקע ווערטן אין עדעלשטאטס ליטעראַרישן פאַרמעגן. קריטיש איבערגעאַרבעט, נייען זיי אַרײַן אין דער קולטור-ירושע פונעם פּראָלעטאַריאַט, ווי וואַפן אין אונדזער קולטור-רעוואָלוציע, ווי ציגל אינעם בנין פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קולטור.

קעדיי אָבער קריטיש דורכצואַרבעטן עדעלשטאַטס ליטעראַרישע ירושה איז נייטיק פריִער פאַר אַלץ אויסצוקלאָרן יענע קאָנקרעט-היסטאָרישע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע ס'איז אופגעקומען און ס'האָט זיך אַנטוויקלט עדעלשטאַטס שאַפן. דאָס איז דער גרונט-ציל פון דער עדעלשטאַט-ביאָגראַפיע, וואָס מיר גיבן דאָ.

1

עדעלשטאטס קינדהײַט [1]

דאָוויד עדעלשטאט איז געבאָרנ געוואָרנ אינ קאלוגע דעמ 19־טנ מײַ 1866.

זײַנע עלטערנ זײַנענ געווענ פּאָשעטע פּאָלקס-מענטשנ [2]. דער פּאָטער: מאָסיי איוואנאָוויטש (מוישע), איז געווענ אנ אויסגעדינטער ניקאָלײַעװשער סאָלדאט [3], ווארשײַנלעכ, א קאנטאָניסט. נאָכ דער מיליטער־דינסט האָט ער זיכ באזעצט אינ קאלוגע אלס גאָרדאָווױ (פּאָליציאנט) אונ געלעבט אָרעמ. שפּעטער האָט ער געארבעט אינ א זעג-מיל. די מוטער, קאטערינא פּיאָדאָראָוונא (עטל), איז געווענ אנ ענערגישע פרוי. זי האָט מיט איר טעטיקײַט [4] געהאָלפנ אויפהאלטנ איר גרויס געזינד: דרײַ זינ פונ איר ערשטנ מאנ מוטשניקאָוו אונ דרײַ זינ אונ א טאָכטער פונ עדעלשטאטנ.

קאלוגע, אנ אלטע רוסישע שטאָט, 172 וויאָרסט פונ מאָסקווע, איז געלעגנ ווײַט אויסערנ טכומ (די געגנטנ, ווו ייִדנ האָבנ געמעגט וווינענ בא דער צארישער הערשאפט). אינ דאָוויד עדעלשטאטס קינדער-יאָרנ איז אינ קאלוגע געווענ א פּאָר הונדערט ייִדישע נפשות (די גאנצע באפעלקערונג אינ קאלוגע האָט דאנ באטראָפנ 39000 מאנ). די עטלעכע צענדליק ייִדישע פאמיליעס אינ קאלוגע זײַנענ באשטאנענ צומ גרעסטנ טייל פונ אויסגעדינטע ניקאָלײַעווער סאָלדאטנ אונ פונ באלמעלאָכעס. קיינ רעליגיעזע אנשטאלטנ האָבנ זיי ניט געהאט [5]. דאָוויד עדעלשטאט האָט דעריבער ווייניק וואָס געוווסט פונ דער טראדיציאָנעלער ייִדישקײַט. א געוויסע צײַט האָט ער געלערנט בא אנ אײַנגעוואנדערטנ ליטווישנ מעלאמעד, נאָר יענער האָט אימ קימאט גאָרנישט ניט אויסגעלערנט. דאָס ביסעלע יעדיִעס פונ אָט דעמ מינ, וואָס דאָוויד עדעלשטאט האָט פארמאָגט, האָט ער זיכ דערוואָרבנ מיט יאָרנ שפּעטער, ווענ ער האָט געארבעט צוזאמענ מיט ייִדישע ארבעטער פונ מיזרעכ-אײראָפּע.

קיינ רוסישע שול האָט דאָוויד עדעלשטאט ניט באזוכט. קאלוגע האָט אינ די 70־ער יאָרנ געהאט צענדליקער קירכנ אונ איבער א הונדערט שענקענ, אָבער גאָר ווייניק קולטור-אנשטאלטנ. פאר די קינדער פונ די פּריצימ אונ גווירימ האָט די צארישע רעגירונג אויסגעהאלטנ א פּאָר גימנאזיעס, א רעאל-שול אדג. פאר די קינדער פונ דער איבעריקער באפעלקערונג האָט זי געהאט בלויז א הײַפל עלעמענטארע שולנ [6], לייענענ אונ

שרײַבן רוסיש האָט זיך דאָוויד עדעלשטאַט אויסגעלערנט בײַ א פּריוואַטן לערער.

גאָר יונג הייבט דאָוויד עדעלשטאַט אָן שרײַבן לידער. ער באַזינגט די נאַטור (דעם קאַלוגער ברייטן טײַך אָקאַ, איבער וועלכן ס׳באַוועגן זיך היפּשע שיפן; די ארומיקע געדיכטע וועלדער און דעם געזאַנג פון דעם באַרימטן געוואָרענעם קאַלוגער נאַכטיגאַל). ער שרײַבט אויך בעלעגנהײַט-לידער. אַזוי באַזינגט ער א זינגערן זאָרינאַ, וואָס גאַסטראָלירט אין קאַלוגע. ער שרײַבט אָן א ליד «Роковое три» (פאַטאַלע דרײַ), וועגן ער הערט אונטער א שמועס פון מיליטער-לײַט, וואָס זײַנען געווען אײַנגייערס אין הויז פון זײַנע עלטערן, אַז דרײַ איז א פאַטאַלע צאָל[7]. איינ ליד זײַנע, א נעקראָלאָג אויפן פּריצײַטיקן טויט פון א גוטהאַרציקן דאָקטער יאַראָווסקי, א פּוילישער פאַרשיקטער אין קאַלוגע, וואָס האָט געהאַט א ווירקונג אויף עדעלשטאַטן און זיך באַצויגן פרײַנטלעך צו אים, ווערט געדרוקט אין דער אָרטיקער צײַטונג „גובערנסקיִע וועדאָמאָסטי“[8].

די „גוטע מיינונגען וועגן מײַן קינדערשן טאַלאַנט — דערציילט עדעלשטאַט אין זײַן אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג „ווערא“[9] — פלעגן אָנפילן מײַן יונגע ברוסט מיט רײַכע, אָפּטמאָל ווילדע האָפענונגען. איך פלעג טרוימען, אַז איך וועל נאָך אַמאָל זײַן א בײַראָן אָדער א שעקספיר“...

די פאָלקיסטישע אידייען פון די 70-ער יאָרן זײַנען געווען ארײַנגעדרונגען אויך אין קאַלוגע. מעגלעך, אַז אין די ארומיקע דערפער האָבן טאַקע געווירקט אַזעלכע עמעסע רעוואָליוציאָנערן, ווי ווערא[10], די העלדן פון עדעלשטאַטס דערציילונג מיט דעם זעלביקן נאָמען. פאָלקיסטישע שטימונגען דרינגען ארײַן אויך אין עדעלשטאַטס סוויווע. בײַ אים דריקן זיי זיך אויס אין זײַן באַגײַסטערונג פאַר דער פאָלקיסטישער פּאָעזיע. ער שרײַבט וועגן דעם אין זײַן דערמאָנטער דערציילונג אַזוי:

„איך בין דעמלט געווען אַלט א יאָר 15 און האָב געוווינט מיט מײַנע עלטערן אין דער שטאָט ק. שוין דעמלט האָב איך צווישן מײַנע פרײַנט און באַקאַנטע געטראָגן דעם נאָמען „פּאָעט“ און האָב געשריבן רוסישע געדיכטע. מײַן לײַדנשאַפט פאַר פּאָעזיע, איבערהויפּט פאַר די רוסישע דיכטער ניקיטין און נעקראַסאָוו, האָט זיך פרי דערוועקט אין מײַן האַרצן. איך האָב פאַרבראַכט פילע טעג און נעכט איבער זייערע מײַסטערהאַפטע שילדערונגען פון די לײַדן און זאָרגן פונעם אָרעמען רוסישן פאָלק“.

אין יענער צײַט ווערט שוין דאָוויד עדעלשטאַטן צו ענג אין זײַן געבורטשטאָט. זײַנע עלטערע פיר ברידער האָבן אַלע געהאַט פאַרלאָזט קאַלוגע. נאָכמען מוטשניקאָוו, דער סאַמע עלטסטער ברודער, האָט געהאַט אויסגעשטודירט אויף אַדוואָקאַט און האָט פּראַקטיקירט אין מאָסקווע און אין פּעטערבורג. די אַנדערע דרײַ ברידער: גרישא (הערש) און אַראָשא (אַראָן) מוטשניקאָוו און אַבראַשא (אַווראָם) עדעלשטאַט האָבן געאַרבעט אין קיִעוו. אַהין פאָרט אַריבער אויך דער 15-יאָריקער דאָוויד עדעלשטאַט.

2

קיעוו. — דער אָפּפאָר קיין אמעריקע

דאָוויד עדעלשטאַט קומט קיין קיעוו אין אַן אומרויִקער צײַט. די צאַרי־שע רעגירונג פּרוּווט זיך באַקעמפן די רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג דורך פאַנאַנדערבלאָזן שאָוויניסטישע שטימונגען. גלײַכצײַטיק וויל זי אויך באַשטראָפן די ייִדישע אָרעמע באַפעלקערונג פאַר דעם היפּשן אָנטייל פון ייִדישע יוגנטלעכע אין דעם רעוואָלוציאָנערן קאַמף פון די 70-ער יאָרן, און זי פירט דורך אירע אַגענטן אין קיעוו, ווי אין אַ סאַך אַנדערע שטעט, אַ שטאַרקע אַנטיסעמיטישע אַגיטאַציע. פון דער אַנדערער זײַט, פאַרמאָגט דאַן קיעוו אַ לעבהאַפטיקע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג. עס אַרבעט דאָרט דער באַנײַטער „דאָרעם־רוסישער אַרבעטער־פאַרבאַנד“ און אַ ריי סטודענטישע פּאָלקיסטישע קרײַזלעך. אײנעם שוסטער־וואַרשטאַט פון דעם עלטערן ברודער עדעלשטאַטס, אַבראַשאַ[11], קומען אַרײַן סטודענטן און רעוואָליוציאָ־נערן.

דער יונגער דאָוויד איז אָבער די ערשטע צײַט אַרײַנגעטאָן אינגאַנצן אין לייענען די קלאַסישע רוסישע ליטעראַטור און אין שרײַבן רוסישע לידער.

זײַנע לידער פון יענער צײַט זײַנען פול מיט יוגנטלעכער באַגײַסטערונג פאַר דער שיינער נאַטור. אַריבערגעקומען פון דעם קאַלטן צאָפן צום זוניקן דאָרעם, איז ער באַרוישט פון ליכט און פאַרב. ווען ער גיט אַ קוק אויף דער „הייליקער געטן־פרילינג“ פאַרגעסט ער מענטשלעכע מי און ליידן. ער כאָלעמט אין זײַן ליד „Сон — Из южной поэмы“ (אַ כאָלעם — פון אַ דאָרעם־דיקער פּאָעמע) וועגן „אַ הייליקע פייע“, וואָס קומט צו אים אַרונטער פון די וואָלקנס, „און דורך דעם געמיינעם פענצטערל“ פון זײַן קאַפּצאָנישן הײַזל דרינגט אַרײַן „די רעגנבויגנדיקע זון מיט אַ מיליאַרד פּורפּור־שטראַלן“. די מענטשלעכע ליידן ווערן געמילדערט דורך די „וווּנדער־אויגן פון דער מאַדאָ־נע“, וואָס קוקן „מיט מילדקײַט פון קריסטוס“ און וועקן אויף אין דער ברוסט פונעם יוגנטלעכן דיכטער דעם „גאָט פון ליבע און עמעס“...

מער נאַטור־ליבע און לעבנס־פרייד פילט זיך אין זײַן ליד „Две елки“ (צוויי יאָדלעטשקעס), ווו דער פּופּצניאָריקער עדעלשטאַט מאָלט אַ לאַנדשאַפט פרילינג־צײַט:

„ליב איז געווען זיי,
ווען ס'איז געקומען
פון פרילינג דער הייליקער גאָט,
און אַלץ האָט געגרינט און געטאַנצט און געזונגען,
געפרייט זיך אין אײן קאַראַהאָד“ [12].

דאָוויד עדעלשטאַטס זאָרגלאָזיק לעבן און דיכטן[13] דויערט ניט לאַנג. אין דער קעגנוואַרט פון זײַן „געטן־פרילינג“ און בײַ דער פולער שײַן פון איר „רעגנבויגנדיקער זון“ האָט די צאַרישע רעגירונג אָרגאַניזירט אַ

פּאָגראָם אפ די ייִדן אין קיִעוו (דעם 8-טן מיי 1881). באם צארטפילנדיקן ייִנגל קומט פאָר א צוזאמענברוך, ווען ער דערזעט די צעיושעטע פּאָגראָמשטשיקעס. ער פאלט אריין אין א היץ־קראנקייט און ווערט צוגענומען אינעם צייטווייליקן שפּיטאָל, אפ פּעטשערסק, פאר די פּאָגראָם־געליטענע ייִדן. סטודענטן פון קיִעווער אוניווערסיטעט, וואָס האָבן געגעבן מעדיציניש הילף די פארוווּנדעטע ייִדן, געפינען אין עדעלשטאטס קעשענעס זיינע רוסישע לידער. זיי פארינטערעסירן זיך מיט אים. זיי זיינען גרייט אים העלפן זיך צוגרייטן צום אוניווערסיטעט. ער ווערט דורך זיי אן אריינגייער בא ד״ר מאנדעלשטאמען אין הויז[14]. דער לעצטער נעמט אים אריין אין קאנצעליאריע פונעם קאָמיטעט, ווו עס ווערט געטיילט הילף די פּאָגראָם־געליטענע[15].

דער פּאָגראָם אין קיִעוו, ווי אין אלע אנדערע פונקטן, האָט געטראָפן דעריקער די ייִדישע ארבעטנדיקע מאסן און די אָרעמשאפט. די רייכע ייִדן האָט דער קיִעווער פּאָליצמייסטער פאָרויס געוואָרנט. ער האָט זיי אויך געגעבן שוץ. געליטן האָבן הויפּטזאכלעך ארבעטער, באלמעלאָכעס און קליינהענדלער, וועמעס ביסל אייגנטום ס'איז אינגאנצן פארניכטעט געוואָרן. פון די 750 פאמיליעס (3150 נעפאשעס), וואָס האָבן ניט געהאט מיט וואָס א טאָג איבערצוקומען, איז געווען 403 פאמיליעס פון ארבעטער און באלמעלאָכעס[16]. דערצו נאָך האָט זיי די צארישע פּאָליציי מיט באזונדערער אכזאָריעס געטריבן פון קיִעוו. דער צארישער מיליטערישער טריבונאל האָט ריינגעוואשן די פּאָגראָמשטשיקעס. ווען א ייִדישע דעפּוטאציע פון דעמיִעווקע האָט אפּעלירט צום קיִעווער גענעראל־גובערנאטער, האָט ער איר געענטפערט: „אויב אייך געפעלן ניט די היגע באדינגונגען, טאָ גייט קיין יערושאָלאיִם״...[16].

די אייצע פונעם קיִעווער גענעראל־גובערנאטער צו גיין צוריק קיין יערושאָלאיִם איז געווען אינגאנצן אין איינקלאנג מיט דעם פּאלעסטיניזם פון די פריערדיקע אסימיליאטארישע און איצט נאציאָנאליסטיש געוואָרענע ייִדישע בורזשואזע אינטעליגענטן אין כארקאָוו, וועלכע אָרגאניזירן דאן א גרופּע פּאלעסטינצעס אונטער דעם לאָזונג „בילו״, — די אָנהייב־בוכשטאבן פון די ווערטער „בייס יאנקעוו לעכו ווענייילכאָ״ (יאנקעווס הויז, קומט, לאָמיר גיין!)... נאָר אין קיִעוו גופע האָבן דעמאלט אפילע נאציאָנאליסטן געזוכט פארבינדונגען מיט אמעריקע[17]. די ברייטע מאסן ייִדישע עמיגראנטן האָבן געלייזט די פראגע לעטוויועס אמעריקע. א טייל פון די ייִדן, וואָס זיינען ארויסגעטריבן געוואָרן פון קיִעוו אין יול און אווגוסט 1881, האָט געהאָלפן שאפן די ערשטע ייִדישע לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניע אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע אינעם שטאט לויִזיאנע[16].

אין 1882 פארשארפט די צארישע רעגירונג אירע אויסנאם־געזעצן קעגן ייִדן, און ס'הייבט זיך אויף א נייע כוואליע נעצווּונגענע ייִדישע אויסוואנדערער פון רוסלאנד. באזונדערס איז גרויס געווען דער עמיגרא-

ציע-שטראָם פון קיִעוו, ווו די צארישע אדמיניסטראציע האָט זיך באזונדערס גרויזאם איזדיעקעוועט איבער דער יידישער באפעלקערונג. זי פלעגט ארויס־שיקן יידישע ארבעטער אונ באַלמעלאָכעס [16]. אָט די נײַע עמיגראציע־כוואַליע רײַסט מיט אויך דאָוויד עדעלשטאטן.

דאָוויד עדעלשטאט פאָרט קיין אמעריקע צוזאמען מיט א קיִעווער סטודענטן-גרופע, „אמ־אוילאָם" (אייביק פאָלק), וואָס פלאַנט צו גרינדן אין אמעריקע א לאַנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניע אפּ קאָמוניסטישע יעסוידעס [18]. מער פון אלץ האָט אָבער עדעלשטאט געהאט אינזינען צו פאָרן צו זײַן מישפּאָכע, צו זײַנע צוויי עלטערע ברידער פון איין מאמען, אראָשא (אראָן) אונ גרישע מוטשניקאָוו.

דער 16־יאָריקער דאָוויד עדעלשטאט האָט זיך, פּונקט ווי די עלטע־רע פון אים מיטגלידער פון דער „אמ־אוילאָם"־גרופּע, פאָרגעשטעלט אמע־ריקע אלס א לאַנד פון פרײַהײַט אונ גלײַכהײַט. דער דורכגעלעבטער פּאָ־גראָם אין קיִעוו, די ברוטאל־צינישע האנדלונג פון דער צארישער מאכט, ווי אויך דער מארטירער־טויט פון די העלדישע נאראָדאָוואָלצעס, — דאָס אלץ האָט אָנגעפילט דאָס הארץ פונעם יונגן דיכטער מיט א טיפן האס צום צאריזם. דאָוויד עדעלשטאט פארלאָזט רוסלאנד מיט א קלאָלע צו די אונטערדריקער פונעם לאַנד. ער פאָרט אָפּ קיין אמעריקע מיט גרויסע האָ־פענונגען אפּן נײַעם לעבן אין דער רעפּובליק, ווו, לויט ווי ער גלייבט, זײַנען אלע מענטשן גלײַך, אונ אלע האָבן די פולע מעגלעכקײַט צו לעבן אונ צו געניסן.

די קיִעווער „אמ־אוילאָם"־גרופּע האָט געמאכט א גרויסן אײַנדרוק אין אויסלאנד. דאָס איז געווען דערפאר, ווײַל פאָרויס פון דער גרופּע איז געגאנגען דאָס נײַס, אז יידישע סטודענטן פאָרן גרינדן קאָמוניסטי־שע קאָלאָניעס אין אמעריקע. אפּן גאנצן וועג פון איר רײַזע, אין בראָד, לעמבערג (ווו זי האָט פארבראכט א וואָך צײַט), קראָקע, ברעסלוי, בער־לין, האמבורג אונ ליווערפּול, האָט מען די גרופּע אופגענומען מיט פּאראַד. דער מעטושטעשדיקער אידייִשער פּארצעפּ פון דער גרופּע שפּיגלט זיך אָפּ אין די מאטאָנעס, וועלכע זי האָט געקראָגן אין וועג. ווי ס'דערציילט איר פירער ניקאָלײַ אָליינקאָוו, האָט די קיִעווער „אמ־אוילאָם"־גרופּע בא־קומען, פון איין זײַט, א סייפערטוירע מיט א נאציאָנאליסטישער פּאָן אונ, פון דער צווייטער זײַט, קארל מארקס „קאפּיטאל" [19].

דאָוויד עדעלשטאטס געפילן פון דער רײַזע קיין אמעריקע זײַנען אויסגעדריקט אין זײַנע צוויי לידער — „Ночь на Атлантическом океане" (נאכט אפּן אטלאנטישן אָקעאן) אונ „На океане" (אפּן אָקעאן).

די ערשטע ליד הייבט ער אָן מיט די ווערטער:

„די נאכט איז שיין, דער יאם איז רויק,
די לויטערע לעוואָנע בלאנקט.
נאָר א כוואַליע וויגט מײַן זעגל —
נאָר א זילבער־כוואַליע צאנקט.

שטרייַט די ליכט נאָכ מיט דער פינצטער
אונ באַקעמפט זי מיט דערפאָלג.
נאָר דערווייַל: בא וואָלגע, קאַמע,
קרעכצט מאַרטירעריש דאָס פאָלק״.[12]

די צווייטע ליד הייבט ער אָנ אזוי:

„די כוואַליעס פונ בייזנ אַטלאַנט
טראָגנ מעשוגע די שיפ,
סע שטייענ צוויי עמיגראַנטנ
אינ אומעט פאַרטיפט...״[20]

ער זעט, אַז פונ זייערע אויגנ רינענ טרערנ... פרעגט ער זיי וועגנ וואָס זיי טראַכטנ, צי טראַכטנ זיי וועגנ זייערע נאָענטע אינ דער היימ... אונ ער פאַרענדיקט:

„וואַרפט אָפ די זאָרג: מיר וועלנ אינ אַמעריקע
קיינ איינציקע טרער ניט פאַרגיסנ:
נאָר לאַכנ, פרייַענט, ביז היסטעריקע,
מיר וועלנ בלויז גליק דאָרטנ וויסנ״.[20]

דעמ 30־טנ מייַ 1882, באַגינענ, קומענ אָנ די קיִעווער אונ ווילנער „אַמ־אוילאָמ״־גרופעס מיט דער שיפ קיינ פילאַדעלפיע אונ פונ דאָרט פאָרנ זיי אָפ מיט דער אייַזנבאַנ קיינ ניו־יאָרק. אַרויסגייענדיק פונ ניו־יאָרקער וואָקזאַל, שטעלנ זיכ אויס די „אַמ־אוילאָמניקעס״ אינ רייענ, זיי נעמענ אַרויס זייער סייפערטוירע, וויקלענ פאַנאַנדער זייער ייִדישע נאַציאָנאַליסטישע פאָנ אונ הייבנ אָנ מאַרשירנ אינ שטאָט, זינגענדיק רוסישע רעוואָליוציאָנערע לידער. פונוויַיטנס הערט זיכ מוזיק. דער 30־טער מייַ איז אינ אַמעריקע אַנ אָפיציעלער יאָנטעוו, „דעקאָריישאָנ־דעי״ (באַפוצונג־טאָג), ווענ קוואָרימ אונ מאָנומענטנ ווערנ באַפוצט מיט בלומענ, אונ פאַטריאָטנ מאַרשירנ מיט מוזיק צו די מאָנומענטנ פונ בורזשואַזע קריג־העלדנ. די אָנגעקומענע אימיגראַנטנ מיינענ, אַז „דאָס האָט אַמעריקע פאַר זיי אַראַנזשירט אַנ אופנאַמע״... נאָר זייער שיינע איליוזיע ווערט באַלד צעשטערט דורכ די שטיינדלעכ, מיט וועלכע גאַסנ־יונגענ באַוואַרפנ זיי...[19]

דאָכ איז דער יונגער עדעלשטאַט נאָכ א היפשע צייַט פול מיט גלויבנ אינ אַמעריקע אַלס א לאַנד פונ פרייַהייַט. ער באַזינגט מיט אַנציקונג זייַנ אָנקומ אינ אַמעריקע אינ א ליד מיט דעמ נאָמענ „В Америке“ (אינ אַמעריקע), ווו ער גלייבט צו זענ אומגיינ „אָפ דער פרייַהייַט שיינקייַט, וואַרהייַט אָנ א צאַמ״.[21]

3

אינ סינסינעטי

דאָוויד עדעלשטאַט בלייַבט ניט לאַנג אינ ניו־יאָרק[21a]. דער פאַריינ צו העלפנ די אימיגראַנטנ זאָגט זיכ אָפ צו קאָלאָניזירנ די „אַמ־אוילאָמ״־גרופעס, אונ זיי צעפאַלנ זיכ. עדעלשטאַט פאָרט דאַנ אָפ צו

זײַנע ברידער אין סינסינעטי (מיטל-מײַרעוו פון די פאראײניקטע שטאטן).

סינסינעטי האָט אין די 80-ער יאָרן געהאט א באפעלקערונג פון ארום 300000 נעפאשעס, דערפון א דריטל דײַטשן און קנאפע פינף פראָצענט ייִדן. צווישן די דײַטשן איז שוין אין די 60-ער יאָרן געווען א באדײַטנדי-קער רעוואָליוציאָנערער עלעמענט. אין 1870 קומט דאָרט פאָר דער טרייד-יוניאָן-קאָנגרעס פון דער „נעשאָנאל לייבאָר יוניאָן" (געגרינדעט אין 1866). בײַם דער גרינדונג פון דער אמעריקאנישער סאָציאַליסטישער ארבעטער-פארטיי, צום סאָף פונעם יאָר 1877, ווערט באשטימט, אז איר צענטראל-קאָמיטעט זאָל זיך געפינען אין סינסינעטי. אין די 70-ער יאָרן גייט דאָרט ארויס א טעג-לעכע סאָציאַליסטישע צײַטונג [22].

די איבערוועגנדיקע מערהײַט פון דער ייִדישער אײַנגעוואנדערטער באַ-פעלקערונג אין סינסינעטי איז אין די 80-ער יאָרן, און טיילווײַז אויך אין די 90-ער, באשטאנען פון פרומאקעס, וועלכע פלעגן אין זייערע באָטע-מעד-ראָשים פירן געשלעגן איבער אליִעס און קיבודים [23].

דער בורזשואזער ייִדישער יישעוו פון סינסינעטי, דער עלטסטער אין מײַרעוו פון די פאראייניקטע שטאטן, איז געווען דער מיטלפונקט פון דער באוועגונג פאר רעפאָרמירן די ייִדישע רעליגיע צווישן דער אמעריקאנישער ייִדישער בורזשואזיע. זינט 1854 דערשײַנט דאָרט דער צענטראלער אָרגאַן „The American Jsraelite", זינט 1875 געפינט זיך דאָרט דער סעמינאר פאר רעפאָרם-ראבינער „The Hebrew Union College", דער „פארבאנד פון ייִדישע געמיינדעס" און אנדערע צענטראלע ייִדישע בורזשואזע רעפאָרם-אנשטאלטן. טרײַ צו אירע קלאסן-אינטערעסן, האָט אָט די ליבעראלע ייִדישע בורזשואזיע גאָרנישט ניט געטאָן פאר העכערן דעם קולטור-ניוואָ פון די האָרעפּאשנע ייִדישע מאסן אין סינסינעטי. עס איז איר, נאטירלעך, געווען מער צום הארצן א פארנארישטע רעליגיעזע מאסע פון פעדלער, פון אָנגעשטעל-טע און פון ארבעטער, וועלכע זי האָט עקספּלואטירט אין אירע האנדל-הײַ-זער, קליידער- און שוך-פאבריקן און אויך געהאלטן אין אָפּהענגיקײַט דורך אירע צדאָקע-אנשטאלטן, צו וועלכע די ייִדישע אָרעמשאפט האָט געמוזט אָנ-קומען אין איר נויט.

די עמיגראציע ברענגט אין סינסינעטי אויך א קליינע גרופּע רוסיש-ייִדי-שע ראדיקאלן: געוועזענע גימנאזיסטן, לערער, מאסקילים אדג. ס'זײַנען געווען צווישן זיי אויך אייניקע פון דער „יעליסאוועטגראדער ברודערשאפט" — די „דו-כאָוונאָיע ביבלייסקאָיע בראטסטוואָ" (גײַסטלעך-ביבלישע ברודערשאפט) — א ייִדישע טאָלסטאָיִשע סעקטע אין יעליסאוועטגראד (איצט קיראָוואָ), געגרינדעט פון יאקאָוו גאָרדין (1853—1909), וועלכער איז שפּעטער געוואָרן באוווּסט אלס ייִדישער דראמאטורג. די דאָזיקע סעקטע האָט אגיטירט פאר געוויסע סאָציאַלע און רעליגיעזע רעפאָרמעס און איז דערפאר פארפאָלגט געוואָרן פון דער צארי-שער רעגירונג. די מערהײַט מיטגלידער פונעם ראדיקאלן קרײַז לעבן פון לוין-ארבעט. דאָך אינטערעסירן זיי זיך ניט די ערשטע צײַט מיט אמעריקאנישע ארבע-

טער-פראגעס. זייער געזעלשאפטלעכע טעטיקייַט באשטייט דעריקער אינ דיסקוסירנ פראגעס פונ דער רוסישער רעוואָליוציִאָנערער ליטעראטור אונ פונ דער רוסישער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג. דאָס לעבנ אינעם נייַעם לאנד איז זיי נאָכ גאָר פרעמד, זיי ווייסנ ווייניק פונ דער סאָציִאליסטישער באוועגונג אינ סינסינעטי אונ נאָכ ווייניקער פונ דער אמעריקאנישער ארבעטער-באוועגונג ביכלאל. ביסלעכווייַז אָבער ווערנ זיי ארייַנגעצויגנ אינ דער אמעריקאנישער ארבעטער-באוועגונג. אייניקע פונ זיי וואקסנ אויס אלס אָנגעזעענע טוערס אינ דער ארבעטער-באוועגונג.

דאָוויד עדעלשטאט דערנעענטערט זיכ באלד צו אָט דעם קליינעם ראדיקאלנ קרייַז. זייַנע נאָענטע פרייַנט דאָ זייַנענ צום גרעסטנ טייל רוסיפיצירטע ייִדישע שנייַדער: זאָלאָטאראָוו, זאסלאווסקי, לוקאָווסקי, מייטוס אא.[24] עס דויערט ניט לאנג, אונ ער ווערט אויכ ארייַנגעצויגנ אינ דער זעלביקער אינדוסטריע. זייַנ עלטסטער ברודער האָט א גוט-באצאָלטע שטעלע אלס בוכהאלטער אינ א קליידער-געשעפט אונ האלט אויס אפ זייַנ כעזשבנ די ייִנגערע צוויי ברידער. אדאנק זייַנ עלטערנ ברודער, האָט דאָוויד עדעלשטאט בעסערע באדינגונגענ פאר שטודירנ, ווי זייַנע כאוויירים זאָלאָטאראָוו אונ מייטוס, וועלכע ווערנ שפּעטער דאָקטוירים. ער וויל אָבער ניט שטודירנ אפנ ברודערס כעזשבנ, אים ווילט זיכ לעבנ פונ אייגענער פראצע אונ פונ פיזישער ארבעט. לערנט ער זיכ אויס ארבעטנ אפ א קנאָפּלאָכ-מאשינ אונ הייבט אָנ דאָס לעבנ פונ א שאפּ-ארבעטער[24].

די ערשטע יאָרנ אינ סינסינעטי איז דאָוויד עדעלשטאט, ווי דאָסראָוו מיטגלידער פונ זייַנ קרייַז, א רוסישער פאָלקיסט. זייַנע לידער פונ יענער צייַט פארנעמענ זיכ מיט רוסישע סיוזשעטנ. אינ א לידל „צוויי פּאָעמעס“ דערקלערט ער, אז בא אונדז רוסנ איז ניטאָ קיינ גראם פארנ וואָרט „Правда“ (עמעס). אינ א ליד „Точки“ (פּינטעלעכ) לאכט עדעלשטאט אויס דאָס צווייִעס פונ א רוסישער גענעראלישער פאמיליע. אינ אנ אנדער ליד „Наивная мысль“ (נאיִווער געדאנק) דערקלערט ער, אז ווענ מענטשנ וואָלטנ פארשטאנענ, אז צוויי מאָל צוויי איז פיר, וואָלטנ זיי ניט געדולדעט קיינ צאר איבער זיכ[25].

צווישנ עדעלשטאטס פּאפּירנ געפינענ זיכ אויכ פראגמענטנ פונ רוסישע רעפעראטנ איבער הייַנע, איבער עסטעטיק אונ „Что такое Истина?“ (וואָס איז אזוינס עמעס). הייַנעס לעבנ אונ שאפנ איז דעם יונגנ עדעלשטאטנ געווענ צו ווייניק באקאנט, קעדיי צו קאָנענ געבנ א ריכטיקע אָפּשאצונג פונ דעם דאָזיקנ דיכטער. דערפאר זעט אויס בא אים הייַנע (אינ זייַנ רוסישער ליד) ווי עפּעס א סענטימענטאלער דיכטער, וואָס איז א גוטער זונ צו זייַנ מאמענ.

אייַנ ליד עדעלשטאטס טראָגט א נאציִאָנאליסטישנ כאראקטער, נעמלעכ די ליד «Моисею Монтефиоре», וואָס איז געשריבנ געוואָרנ לעקאָוועד מוישע מאָנטעפיאָרעס 100-סטנ געבורטסטאָג (24-טנ אָקטיאבער, 1884). עדעלשטאט באזינגט דאָ דעם אלטנ ארכי-בורזשואזנ ייִדיש-ענגלישנ פילאנטראָפּ, אז ער האָט געוווּנענ אלוועלטלעכנ לויב ניט פאר א גלענצנדיקער פּע-

דער, ניט פאר קאלטבלוטיק פארגיסן א יאם בלוט, נאָר פאר ליבשאפט און פאר גוטסקייט. עדעלשטאט באזינגט אויך מאָנטעפיאָרעס ליבע צו ציון.

אגעוו, איז א נאציאָנאליסטישער צוגאנג צו מאָנטעפיאָרן אין יענער צייט געווען כאראקטעריסטיש אויך פאר א גאנצער ריי אנדערע טוער פון די ראדיקאלע קרייזן פון די יידישע אימיגראנטן אין לאָנדאָן און אין אמעריקע. מאָריס ווינטשעווסקי, אשטייגער, האָט צו מאָנטעפיאָרעס 100-סטן געבורטסטאָג אָנגעשריבן אין זיין צייטונג „דער פוילישער יידל" א ביאָגראפישן לייטארטיקל. ווינטשעווסקי אנטשולדיקט זיך פאר זיינע ארבעטער-לייענער, וואָס ער באשרייבט א רייכן יידן, מיט דער דערקלערונג, אז דער נאָמען מאָנטעפיאָרע „פארייניקט אין דיזן אויגנבליק די הערצער פון אלע יידן, און דיזער נאָמען דערוויכט קעגן אונדז אפילע די הערצער פון אונדזערע סאָנים".

אין די דאָזיקע פאקטן קומט צום אויסדרוק דער דרוק פון דער נאציאָנאליסטישער כוואליע אין אָנהייב פון די 80-ער יאָרן אפילע אף יענעם טייל פון דער ראדיקאלער אינטעליגענץ, וואָס איז, אין קעגנזאץ צו קאמינערן, ליליענבלומען, יעהאלעלן אא., ניט מיטגעריסן געוואָרן מיטן טשוווע-שטראָם. ס'איז וויכטיק צו באמערקן, אז אנדערע לידער עדעלשטאטס פון יענער צייט זיינען פריי פון נאציאָנאליזם.

לאנגזאם, אָבער אומופהערלעך הייבט אָן עדעלשטאט זיך צו אנטויש-אין אמעריקע. אין א ליד „Из недавнего прошлого" (פון דער ניט-וויטער פארגאנגענהייט) שילדערט ער, וואָס עס איז געוואָרן פון זייער גרופע אינטעליגענטישע אימיגראנטן. דער מאָלער איז געוואָרן א שוסטער, דער פאָעט — א שניידער, און דער פילאָסאָף — א שמיד...

ווי א סאך אנדערע אימיגראנטישע ארבעטער, איז דאָוויד עדעלשטאט אין דער ערשטער צייט געווען צופרידן מיטן אמעריקאנער לעבן. די ארבעט איז אפילע שווער, די רוסיש-יידישע אימיגראנטן מעסטן אָבער אין אָנהייב זייערע פארדינסטן מיט דער מאָס פון דער ניט-אינדוסטריעלער אלטער היים. זיי באטראכטן זיך דעריבער פאר גרויסע פארדינערס. זייער לעבנשטייגער איז דער זעלביקער, וואָס אין דעם אלטן שטעטל. די באדערפענישן זיינען באשיידענע. זעען אָט די אימיגראנטן א געוויסע צייט בלויז פאָזיטיווס אין זייער נייער היים. ארויסגעריסן זיך פונעם צארישן רוסלאנד, ווערן זיי פארבלענדט פון די בורזשואז-דעמאָקראטישע אינסטיטוציעס אין אמעריקע. באזונדערס מאכט אף זיי א געוואלדיקן איינדרוק דאָס פעלן פון אויסנאם-געזעצן קעגן יידן. דאָוויד עדעלשטאט גלייבט א היפשע צייט אין דער אמעריקאנישער פרייהייט. ווען ער קריגט א פאמיליע-בילד פון דער אלטער היים, ענטפערט ער דער פאמיליע אין א רוסיש ליד „Семейный портрет", אז ער וועט זיין גליקלעך, ווען דער פאָטער וועט זיך שוין געפינען אין אמעריקע, אינעם „לאנד פון פרייהייט", ווו ער וועט קאָנען „רויק אָפּעטעמען פון דעם שטורעם, פונעם לעבנ-שלעכטן וועטער".

ווען דאָוויד עדעלשטאט פארלאָזט רוסלאנד אינעם עלטער פון 16 יאָר

(אין 1882), איז ער שוין דורכגעדרונגען מיט סאָציאַלע סענטימענטן. אפֿ זײַן רײַזע פֿון רוסלאַנד קיין אַמעריקע צוזאַמען מיט דער קיִעווער „אם אוילאָם"-גרופּע, טרעפֿט זיך עדעלשטאַט מיט ייִדישע אינטעליגענטן (סטודענטן, פֿאָלק-שול-לערער אאַז״וו), וואָס פּלאַנעווען איבערצובויען דאָס ייִדישע לעבן דורך גרינדן ייִדישע קאָמוניסטישע קאָלאָניעס אין אַמעריקע. זיי זײַנען אַלע מער אָדער ווייניקער געווען באַגײַסטערט פֿאַר די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פֿאָלקיסטן, פֿאַר די „נאַראָדאָוואָלצעס". קיינער פֿון אָט די ייִדישע אינטעליגענטן האָט אָבער ניט געהאַט קיין שום דערפֿאַרונג אין דער פּראַקטיק פֿון דער אַר־בעטער-באַוועגונג. די יעניקע פֿון זיי, וואָס זײַנען שפּעטער געוואָרן אָנגעזעענע אַרבעטער-פֿירער, האָבן זיך באַקאַנט מיטן פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף ערשט אפֿן באָדן פֿון אַמעריקע, אין די גרעסערע אינדוסטריעלע צענטערס. האָט דאָס געדויערט ווייניקער צײַט. אין סינסינעטי האָט עס געדויערט לענ-גער. סאָפֿקאָלסאָפֿ אָבער דערגרייכט די כוואַליע פֿונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנ-קאַמף אויך צו דעם ייִדישן ראַדיקאַלן קרײַז אין סינסינעטי און אויך צו דעם 19—20-יאָריקן שאַפֿ-אַרבעטער דאָוויד עדעלשטאַט.

4

ערשטע טריט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג

דאָוויד עדעלשטאַט געפֿינט ניט אין אַמעריקע קיין ייִדישע אַרבעטער-באַוועגונג. זי הייבט זיך אָן ערשט אין זײַן צײַט. א טייל ייִדישע אײַנוואַנ-דערער, וואָס זײַנען אָנגעקומען גלײַכצײַטיק מיט עדעלשטאַטן (זומער 1882) ווערן א געוויסע צײַט אויסגענוצט אַלס שטרײַקברעכערס, ניט ווייסנדיק וואָס זיי טוען[26]. אפֿילע מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווען ענערגישע ייִדישע אַרבע-טער־טוער, געשטיצט פֿון דער דײַטשישער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע, הייבן אָן אָרגאַניזירן ייִדישע טרייד-יוניאָנס (פֿראַפֿאַריינען), קומט זיי אָן די אַרבעט זייער שווער. דער שטראָם פֿון עמיגראַציע האָט קעסיידער געבראַכט נײַע רעקרוטן פֿאַר די „שוויץ"-פֿאַבריקן, ווו די אימיגראַנטן פֿלעגן שוויצן בא דער אַרבעט פֿון 14 ביז 16 שאָ, אין אומגעזונטע באַדינגונגען, פֿאַר א ניש-טיקן לוין. א היפּשער טייל פֿון אָט די נײַע ייִדישע שאַפֿ-אַרבעטער איז בא-שטאַנען פֿון נעכטיקע קליינבירגער, וואָס האָבן געשטרעבט אָפּצושפּאָרן גענוג געלט, קעדיי אַליין צו עפֿענען שוויץ־פֿאַבריקלעך אָדער זיך נעמען צו פּעדלע-רײַ אָדער קליינקרעמערײַ.

די אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע האָט שוין דעמאָלט געהאַט דורכגע-מאַכט א ריי העראָישע קאַמפֿן. באַזונדערס מוטיק האָבן די אַמעריקאַנער אַר-בעטער געקעמפֿט אין די קריזיס-יאָרן 1873—1880, ווען די בורזשואַזיע האָט בא זיי אָפּגענומען אַלע זייערע דעראָבערונגען, האָט פֿאַרפֿאָלגט מיט ווילדסטער אַכזאָריעס די אַרבעטלאָזע[27] און פֿאַרורטיילט צום טויט א ריי מיטגלי-דער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער קוילנגרעבער-אָרגאַניזאַציע „מאַלי מעגווייערס".

די שטרײַקנדיקע אײַזנבאַנ-ארבעטער אינ 1877 פארטיידיקנ זיכ מוטיק קעגנ דער באוואָפנטער מאכט פונ זייערע באלעבאטימ. אינ סט. לויִס גרינדנ דעמאלט די ארבעטער-אָרגאניזאציעס און סאָציאַליסטנ א שוצ-קאָמיטעט, וואָס האָט אינ מעשעכ פונ צוויי טעג געהאלטנ די מאכט אינ שטאט[28]. ווענ אינ אָנהייב פונ די 80-ער יאָרנ בליט ווידער אופ די אמעריקאנער אינדוסטריע, און נאָכ מיט מער שווונג ווי פריִער, וואקסט שטארק אויס די ארבעטער-אָרגאניזאציע „נאיטס אָוו לייבאָר" (ריטער פונ ארבעט), וואָס ציילט ארומ 700 000 מיטגלידער, און צווישנ זיי א היפּשע צאָל רעוואָלוציאָנער געשטימטע. זי האָט אויכ צווישנ אירע פירער אזוינע, וואָס אנערקענענ די איינהייטלעכע אינטערעסנ פונעמ ארבעטער-קלאס און דעמ אומקאָמפּראָמיסלעכנ קעגנזאצ צווישנ די אינטערעסנ פונ ארבעט און קאפּיטאל[29]. זיי שטרעבנ צו פארייניקנ אינ איינ אָרגאניזאציע אלע ארבעטער פונ אמעריקע אָנ אונטערשייד צווישנ קוואליפיצירטע און ניט-קוואליפיצירטע, צווישנ מענער און פרויענ, צווישנ ווײַסע און שווארצע. אינ דער צײַט פונ דער דעפּרעסיע (1883—1885), ווענ די ארבעטגעבער האָבנ שטארק געשניטנ די סכירעס פונ די האלב- און ניט-קוואליפיצירטע ארבעטער, ווערנ די דאָזיקע ארבעטער געפירט אינ שטרײַק דורכ די „ריטער פונ ארבעט". די פאכ-יוניאָנס פונ די קוואליפיצירטע ארבעטער, מערסטנס אײַנגעבאָרענע, וואָס האָבנ באטראכט די ניט-קוואליפיצירטע ארבעטערשאפט, הויפּטזאכלעכ אנ אימיגראנטישע[30], פאר א געפאר צו זייערע פּריווילעגירטע אינטערעסנ, אָרגאניזירנ זיכ אָבער באזונדער. אפ א צוזאמענפאָר אינ פּיטסבורג, אינ נאָיאבער 1881, גרינדנ זיי די „פעדערײשאָנ אָוו אָרגענאיזד טרייד ענד לייבאָר יוניאָנס אָוו די יונייטעד סטייטס ענד קענעדע" (פעדעראציע פונ אָרגאניזירטע פאכ- און ארבעטער-יוניאָנס אינ די פארייניקטע שטאטנ און קאנאדע). זי ווערט שפּעטער (1886) רעאָרגאניזירט אינ דער נאָכ איצט עקזיסטירנדיקער אָרגאניזאציע „אמעריקענ פעדערײשאָנ אָוו לייבאָר" פונ „פּיור ענד סימפּל" (ריינעמ און פּאָשעטנ) טרעד-יוניאָניזמ אָדער עקאָנאָמיזמ.

די פּריווילעגירטע לאגע פונ די אײַנגעבוירענע לעגאבע די אײַנגעוואנדערטע ארבעטער האָט, ווי ס'ווײַזט אָנ ענגעלס, שטארק געשטערט דער אמעריקאנער ארבעטער-באוועגונג.

„ביז 1848 יאָר, — שרײַבט ענגעלס, — האָט מענ וועגנ אנ אײַנגעבאָרענעמ שטענדיקנ ארבעטער-קלאס געקאָנט רײדנ בלויז ווי וועגנ אנ אויסנאמ: די קליינע צאָל ארבעטער, וואָס האָט עקזיסטירט אינ די מיזרעכ-שטעט, האָט נאָכ געקענט האָפנ צו ווערנ פויערימ אָדער בורזשויענ. איצט האָט זיכ אזא קלאס אנטוויקלט און האָט זיכ אויכ אָרגאניזירט הויפּטזאכלעכ אינ פּראָפעסיאָנעלע פאריינענ. ער פארנעמט אָבער נאָכ אלצ אנ אריסטאָקראטישע לאגע און האָט די מעגלעכקײַט איבערצולאָזנ די פּאָשעטע, שלעכט-באצאָלטע באשעפטיקונגענ פאר די אײַנגעוואנדערטע, וואָס נאָר א קליינער טייל זייערער טרעט ארײַנ אינ די אריסטאָקראטישע פאכנ. די דאָזיקע אײַנגעוואנדערטע זײַנענ אָבער צעטיילט אפ נאציאָנאליטעטנ, וואָס פארשטייענ ניט איינע די אנדערע און מערסטנטייל אויכ ניט די לאנדשפּראכ. און אײַער (אמעריקאנישע — ק. מ.) בורזשואזיִע פארשטייט נאָכ פיל בעסער איידער די עסטרײַכישע רעגירונג ווי אויסצושפּילנ איינ נאציאָנאליטעט קעגנ דער אנדערער, יידנ, איטאליענער, טשעכנ אאַ. קעגנ דײַטשנ און אירלענדער אדג. אזוי, אז אינ ניו-יאָרק, דענק איכ, עקזיסטירנ אזוינע אונטערשיידנ אינעמ

לעבנס־ניוואָ פונ די ארבעטער, וואָס אזוינס איז ערגעץ־ווו אנדערש אומבאקאנט״ (בריוו צו הערמאנ שליוטער פונעמ 30־טנ מארט 1891, „אויסגעוויילטע בריוו״. אויסגאבע פונעמ מארקס — ענגעלס — לעניג־אינסטיטוט. אינ דײַטש — 1934, ז. 393).

די ראדיקאלע עלעמענטנ צווישנ די ייִדישע ארבעטער האָבנ זיכ שפּעטער גענומענ דערנעענטערנ צו די „ריטער פונ ארבעט״; נאָכ גרעסער איז אָבער אפ זיי געווענ דער אײַנפלוס פונ די דײַטשישע סאָציאַליסטנ אונ פונ די אנארכיסטנ. די דײַטשישע שפּראַכ איז דעמ ראדיקאלנ ייִדישנ ארבעטער געווענ מער צוגענגלעכ ווי ענגליש. דערצו נאָכ זײַנענ דעמלט די ראדיקאלע דײַטשישע ארבעטער געווענ דער אקטיווסטער עלעמענט אינ דער אמעריקאנישער ארבעטער-באוועגונג. די גרענעצ-ליניע צווישנ סאָציאַליזמ אונ אנארכיזמ איז נאָכ דעמלט ניט געווענ פעסט געצויגנ אינ דער אמעריקאנער ארבעטער-באוועגונג. אפילע מיט א פּאָר יאָר שפּעטער, אינ 1884—1885 האָט דער „שווארצער״ אָפּטייל פונ דער אנארכיסטישער „אינטערנאציאָנאלער ארבעטער-אסאָציאציע״ אינ אמעריקע פארשפּרייט טויזנטער עקזעמפּליארנ פארשיידענע סאָציאליסטישע ליטעראטור („ארבעטער-פרײַנט״, מײַ 1886).

דער לאָנדאָנער „ארבעטער-פרײַנט״, וואָס איז אויכ געווענ דער הויפּט-אָרגאנ פונ דער ייִדישער ארבעטער-באוועגונג אינ אמעריקע, האָט זיכ אָפיציעל דערקלערט פאר אנ „אומפּארטייִיש-סאָציאַליסטישער צײַטונג״. אויגוסט שפּיז, דער רעדאקטער פונ דער טשיקאגער „ארבעטער צײַטונג״ אונ די איבעריקע טשיקאגער אנארכיסטנ ווערנ אינ „ארבעטער-פרײַנט״ (מײַ 1886) אָנגערופנ „באקאנטע סאָציאַליסטנ״. מאָריס ווינטשעווסקי אונ פיליפּ קראנצ בײַזערנ זיכ דאָרט אפ יענע אנארכיסטנ, וואָס טראָגנ ארײַנ סיכסוכימ אינ דער ארבעטער-באוועגונג צוליב צוקונפט-פראגעס. ווינטשעווסקי אונ קראנצ האָבנ דעמלט געהאלטנ, אז די אנארכיסטנ-קאָמוניסטנ, וואָס זײַנענ קעגנ יעדנ מינ מעלוכע, אונ די סאָציאַליסטנ, וואָס אנערקענענ א „מעלוכע פונ ארבעטער״, קאָנענ ארבעטנ האנט בא האנט ביז „דעמ אנדערנ טאָג נאָכ דער סאָציאַלער רעוואָליוציאָנ״... זייער „אומפּארטייִישע סאָציאַליסטישע צײַטונג״ האָט אגיטירט, אז די ארבעטער האָבנ גאָרניט צו דערווארטנ פונ דעמ פּארלאמענט, פונ די טרעד-יוניאָנס, פונ די קאָאָפּעראטיווע אדג., ווײַל די „שקלאפערײַ פונ דענ ארבעטערנ קאָנ נאָר דאנ נעמענ א סאָפ, ווענ זיי וועלנ צוזאמענ אופשטיינ קעגנ זייערע אונטערדריקער אונ מאכנ די סאָציאַלע רעוואָליוציאָנ״ (דאָרט, סענטיאבער 1886).

די ערשטע צײַט האָט דער „ארבעטער-פרײַנט״ נאָכ רעקאָמענדירט די אופגעקלערטע ארבעטער זיי זאָלנ זיכ באנוצנ מיט דער וואל-קאמפּאניע „צו מאכנ פּראָפּאגאנדע אינ פאָלק, צו דערקלערנ די לערע פונ סאָציאַליזמוס״. שפּעטער אָבער טרעט ארויס דער „ארבעטער-פרײַנט״ אינגאנצנ קעגנ דעמ פּארלאמענטארישנ קאמפּ. ערעוו די וואלנ פונעמ יאָר 1886 האָט דער „ארבעטער-פרײַנט״ געוואָרנט די ארבעטער קעגנ דעמ „וואל-שווינדל״, ער האָט צו זיי גערופנ: „וואָטירט [שטימט] ניט, ארבעטער!״ נאָר „לערנט די סאָציאַלע פראגנ, לעזט די סאָציאַליסטישע צײַטונגענ אונ ביכער אונ אָרגאניזירט זיכ צומ קאמפּ מיט די קאפּיטאליסטישע וועלפ״ (דאָרטנ, יול 1886).

די דאָזיקע עקלעקטישע טעאָרעטישע זאָרגלאָזיקייט און ניט-שטאנדהאפטיקייט, וואָס כאראקטעריזירנ דעמ אומגעהײער נידעריקנ טעאָרעטישנ ניװאָ פונ דער ארבעטער-באַװעגונג אינ דער ייִדישער סוויווע, האָבנ דאָס מעגלעכ געמאכט די צוזאמענארבעט פונ די סאָציאַליסטנ מיט די אנארכיסטנ און די אויסבילדונג פונ גרופּעס „אומפּארטײיִשע סאָציאַליסטנ", ווי דאָס איז געווענ דער פאל מיטנ „ארבעטער-פרײַנט" און מיט דער ווינטשעווסקי-גרופּע.

אינ די פאלנ ווידער, ווענ די סאָציאַליסטנ פלעגנ זיכ יאָ אָפּגרענעצנ פונ די אנארכיסטנ, פלעגט זייער קריטיק פונעמ אנארכיזמ אָפּט גײנ פונ אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציעס. די יעניקע, וואָס האָבנ זיכ געהאלטנ פאר סאָציאַליסטנ, זײַנענ דאָכ אינ זייער גרעסטער מערהײַט געווענ אונטער דער ווירקונג פונעמ רעכטנ פליגל פונ דער דײַטשישער סאָציאַל-דעמאָקראטיע, מער אונטער דער ווירקונג פונ לאַסאַלנ, איידער פונ מארקסנ. דאָס האָט, נאטירלעכ, בלויז געגאָסנ וואסער אפ די רעדער פונ די הורא-רעוואָליוציאָנערע אנארכיסטישע פראזיאָרנ. סײַ דער רעפאָרמיזמ סײַ דער אנארכיזמ זײַנענ אינ טאָכ צוויי זײַטנ פונ איינ און דער זעלביקער מאטביע. זייער סאָציאַלע באזע אינ אמעריקע איז געווענ די אָקאָרשט פּראָלעטאריזירטע, אָפּגעשטאנענע, צעטומלטע עמיגראנטישע מאסע, וואָס האָט זיכ געפילט פארלאָרנ אינעמ הויכ-קאפּיטאַליסטישנ גענעמ. זיי זײַנענ געווענ דער אויסדרוק פונ קליינבירגערלעכע פאָרורטײלנ און האַסאָגעס.

אינ ענגלאנד, ווו די אײַנגעוואנדערטע ייִדישע מאסנ האָבנ ניט געהאט קיינ מעגלעכקײַט צו ווערנ בירגער און צו באטייליקנ זיכ אינעמ פּאָליטישנ קאמף, האָבנ די ראדיקאלנ צווישנ די אײַנוואנדערער געמאכט פונ דער נויט א טוגנד און אויסגעלאכט יעטווידע פּאָליטישע טעטיקײַט. סײַ אינ ענגלאנד סײַ אינ אמעריקע האָט דער אנארכיזמ צווישנ די ייִדישע ראדיקאלע ארבעטער זיכ געשטיצט אינ דער ערשטער ריי אפ דעמ אינדיווידואליזמ פונעמ אָקאָרשט פּראָלעטאריזירטנ קליינבירגער, וואָס טראכט אלצ, וויאַזוי זיכ ארויסצורײַסנ פונעמ ארבעטער-שטאנד, און האָט קיינ געדולד ניט פאר לאנגדויערנדיקע סיסטעמאטישנ קלאסנקאמפּ. א היפּשע ראָליע אינ דעמ דערפאָלג פונעמ אנארכיזמ צווישנ ברייטע שיכטנ ייִדישע ארבעטער אינ אמעריקע אינ די 80-ער און אינ אָנהייב פונ די 90-ער יאָרנ האָט געשפּילט דער אָפּאָרטוניזמ פונ דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, וועלכע איז געווענ אָנגעפירט פונ דײַטשישע סאָציאַל-דעמאָקראטנ, דאָסראָוו געוועזענע לאַסאַליאַנער. „דער אנארכיזמ פלעגט ניט זעלטנ זײַנ א מינ שטראָפ פאר די אָפּאָרטוניסטישע זינד פונ דער ארבעטער-באַוועגונג", זאָגט לענינ[30a]. עס איז דערפאר געווענ גאנצ נאטירלעכ, אז דער אנארכיזמ, וועלכער איז לויט לענינס טרעפלעכנ אויסדרוק „א לײַבלעכער ברודער פונעמ אָפּאָרטוניזמ"[31], האָט אדאנק זײַנ קריטיק פונ דער פרידלעכער פּשאָרעמאכערישער טאקטיק פונ דער סאָציאַל-דעמאָקראטיע דערמלט געווו-

נען א באַדײַטנדיקן אײַנפלוס צווישן די רעוואָליוציאָנער-געשטימטע ארבעטער.

אפ די ייִדישע אנארכיסטן אינ אמעריקע האָט געהאט דעם גרעסטן אײַנפלוס יאָהאן מאָסט [32], דער רעדאקטער פונ דער דײַטשישער אנארכיסטישער צײַטונג „פרײַהײַט". מארקס אונ ענגעלס זײַנען געוועזן שטארקע קעגנער פונ מאָסטן אפילע אינ יענע יאָרן, ווען מאָסט איז נאָך געוועזן א סאָציאַל-דעמאָקראַט אונ זײַן צײַטונג—א סאָציאַליסטישע. אינ זײַן בריוו צו זאָרגען פונ 19-טן סענטיאבער 1879 כאראקטעריזירט מארקס מאָסטן אלס „א מאנ פונ קינדערשן ערגײַץ אונ אָן גײַסטיקער פעסטקײַט". ווען מאָסט קריטיקירט אינ זײַן „פרײַהײַט" דעם אָפּאָרטוניזם פונעם אָפיציעלן אָרגאנ פונ די דײַטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן, ווארפט בערנשטיינ פאָר מאָסטן, אז ער איז „צו רעוואָליוציאָנער". נאָר „מיר—שרײַבט מארקס—ווארפנ אים פאָר, אז זי („די פרײַהײַט") האָט ניט קיינ רעוואָליוציאָנערנ אינהאלט, נאָר זי מאכט בלויז רעוואָליוציאָנערע פראזעס" (אונטערגעשטראָכנ פונ מארקסנ). מארקס באמערקט אויכ, אז ער אונ ענגעלס ווארפנ אופ מאָסטנ זײַנ פארשפרייטנ „פלענער פונ אידיאָטישע געהיימע פארשווערונגענ".

סינסינעטי איז געוועזן איינע פונ די שטעט, אינ וועלכע מאָסט האָט געהאט נאָענטע כאוויירים. דאָכ איז בא עדעלשטאטנ ניטאָ קיינ אָנדײַטונג, אז מאָסט זאָל אים האָבנ באאײַנפלוסט אינ דער ערשטער העלפט פונ די 80-ער יאָרנ. מעגלעכ, אז דאָ האָט אויכ מיטגעשפילט דער פאקט, וואָס דער רוסיפיצירטער עדעלשטאט האָט די דײַטשישע שפראכ שווער פארשטאנענ (ער האָט אויכ שפעטער געקאָנט ענגליש בעסער ווי דײַטש). זיכער איז אָבער, אז א טיפערנ אײַנדרוק, ווי מאָסט, האָט אפ עדעלשטאטנ געהאט אלבערט פארסאָנס[33], רעדאקטער פונ דער ענגלישער אנארכיסטישער צײַטונג „אליארמ" אינ טשיקאגאָ, איינער פונ די פינפ טשיקאגער מארטירער.

5

דער קאמפ פארנ 8-שאָעדיקנ ארבעטטאָג

די שטארקסטע ווירקונג אפ עדעלשטאטס לעבנ אונ שאפנ האָט געהאט דער קאמפ פארנ אכט-שאָעדיקנ ארבעטטאָג פונ די אמעריקאנער ארבעטער-מאסנ אונ דער מארטירער-טויט פונ זײַנע אָנפירער אינ טשיקאגאָ.

די פאָדערונג פונ אנ 8-שאָעדיקנ ארבעטטאָג ווערט ארויסגעשטעלט אינ אמעריקע באלד נאָכנ בירגערקריג פונ 1861—1865, ווענ די אמעריקאנער אינדוסטריע האָט זיכ גענומענ ברייט פאנאנדערוואקסנ. דער צוזאמענפאָר פונ די אמעריקאנער ארבעטער-יוניאָנס אינ באלטימאָר (1866) באשליסט צו פאָדערנ א געזעצ, וואָס זאָל באגרענעצנ דעם ארבעטטאָג ביז 8 שאָ. מיט דרײַ יאָר שפעטער ווערט אינ באָסטאָנ אָרגאניזירט אנ „אכט-שאָ-ליגע", וואָס פירט פאר דעם א באַדײַטנדיקע שריפטלעכע פראָפּאגאנדע. אינעם אָנהייב פונ די 70-ער יאָרנ קומענ פאָר גרויסע דעמאָנסטראציעס פאר אנ אכט-שאָעדיקנ

אַרבעטסטאָג. מאַרקס האָט עס באַטראַכט אַלס אַ פּאָליטישע באַוועגונג[37], און אַלע אַמעריקאַנישע סעקציעס פונעם I אינטערנאַציאָנאַל האָבן זיך באַטייליקט אין דער דאָזיקער באַוועגונג. די בורזשואַזיע ענטפערט מיט רעפּרעסיעס קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד. ווען ס'ברעכט אויס די גרויסע סריפּע אין טשיקאַגאָ (אָקטיאַבער, 1871), ווערן די מיטגלידער פונעם I אינטערנאַציאָנאַל באַשולדיקט אין אונטערצינדן די שטאָט[38]. דאָך איז די רעגירונג געצווונגען איינצופירן דעם 8-שאָעדיקן אַרבעטסטאָג אין מלוכישע אונטערנעמונגען. די באַוועגונג פאַרן 8-שאָעדיקן אַרבעטסטאָג ווערט אָפּגעשוואַכט בייסן קריזיס אין די 70-ער יאָרן, זי ווערט אָבער באַנייט מיט אַ שטאַרקן אימפּעט אין די 80-ער יאָרן. די אַמעריקאַנער אַרבעטער גלייבן דעמלט, אַז דער 8-שאָעדיקער אַרבעטסטאָג וועט אָפּשאַפן אַרבעטלאָזיקייט און וועט, אַזויאַרום, באַדייטנדיק פאַרבעסערן די לאַגע פונעם גאַנצן אַרבעטער-קלאַס. די פעדעראַציע פון די פאַכ-יוניאָנס, וואָס האָט צוערשט ווייניק דערפּאָלגן אַפילו צווישן קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואַקסט באַדייטנדיק אויס, ווען זי נעמט אָן דעם פּאָפּולערן לאָזונג: „אַן אַכט-שאָעדיקער אַרבעטסטאָג פאַר די אַמעריקאַנער אַרבעטער ביזן 1-טן מיי 1886". אויפן IV צוזאַמענפאָר אין טשיקאַגאָ (אָקטיאַבער, 1884), באַשליסט זי עס אויסצוקעמפן דורך אַ גענעראַל-שטרייק. די V קאָנווענשאָן (דעקאַבער 1885) באַשטעטיקט דעם באַשלוס. די דורכפירונג פונעם שטרייק ווערט איבערגעגעבן צו די אָרטיקע יוניאָנס[39].

אַכוץ די העצעס, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פּרעסע האָט געפירט קעגן דעם געפּלאַנטן גענעראַל-שטרייק, איז די „8-שאָ-באַוועגונג" באַקעמפט געוואָרן (פון רעכטס און פון „לינקס") אויך מיצאַד דער אָפּאָרטוניסטישער אַרבעטער-פירערשאַפט. דער רעכטער יוניאָן-ביוראָקראַט פּאַודערלי און דער „לינקער" אַנאַרכיסט מאָסט האָבן ביידע געטענהט, אַז דער 8-שאָעדיקער אַרבעטסטאָג מוז באַגלייט ווערן מיט אַ פאַרקלענערונג פון דעם אַרבעטלוין, אַז ער וועט, אַזויאַרום, גאָרנישט ניט געבן די אַרבעטער. דער פאַרעטער פּאַודערלי, וואָס גייט שפּעטער איינגאַנצן איבער צו דער בורזשואַזיע, שיקט אַרויס אַ געהיימען צירקולאַר צו די „ריטער"-אָרגאַניזאַציעס, אַז די אַרבעטער זאָלן זיין פּאָרזיכטיק און זיך ניט איילן צו שטרייקן. מאָסט, ווידער, רופט די אַרבעטער, אָנשטאָט דעם קאַמף פאַרן 8-שאָעדיקן אַרבעטסטאָג, זיך טייקעף באַוואָפּענען פאַר אַ רעוואָלוציע אָפּ אַראָפּצוּוואַרפן דעם קאַפּיטאַליזם איינגאַנצן. אויף אַ פאַרזאַמלונג, ערעוו דעם גענעראַל-שטרייק, דעמאָנסטרירט מאָסט מיט אַ ביקס אין האַנט, וויאַזוי מע דאַרף „קעמפן" קעגן דעם קאַפּיטאַליזם. ער לערנט, וויאַזוי צו מאַכן דינאַמיט-באָמבעס, וויאַזוי צו פאַרכאַפּן די טעלעגראַפן. אַלס אַן אַקט פון סאָציאַלער נעקאָמע רעקאָמענדירט ער, אַז די „טעכטער פונעם פּראָלעטאַריאַט — די דינסטן" — זאָלן אַריינטאָן „אַ קליין ווייניק גיפט אין די שאַמפּאַניער-גלעזער" פון די בורזשואַזע טרינקער...[40] עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט דעם האָט מאָסט נאָר געקאָנט דעזאָרגאַניזירן דעם קאַמף פאַרן 8-שאָעדיקן אַרבעטסטאָג[41].

די ברייטע מאסן אמעריקאנער ארבעטער האָבן מיט באַגײַסטערונג דערוואַרט עפּעס אויסערגעוויינלעכס פון דעם גענעראַל־שטרײַק, וואָס איז געווען באַשטימט אויפן 1-טן מײַ 1886 יאָר[42]. איבער שלעכטער אָנפירונג האָט אָבער געשטרײַקט בלויז א קליינער טייל פון דער אָרגאַניזירטער ארבעטערשאַפט. דאָך האָט איבער א העלפט פון די אומגעפער 350 טויזנט שטרײַקער געווונען די אַרויסגעשטעלטע פאָדערונגען.

אנדערש איז געווען די לאַגע אין טשיקאַגאָ, ווו עס האָבן געשטרײַקט 80 טויזנט ארבעטער, בײַ א פערטל פון די באַטייליקטע אינעם גענעראַל־שטרײַק איבערן גאַנצן לאַנד[43].

דער קלאַסנקאַמף אין טשיקאַגאָ האָט אָנגענומען שאַרפע פאָרמעס זינט פעברואַר 1886, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שטרײַק אין דער לאַנדווירטשאַפטלעכער מאַשינען־פאַבריק פון מעקקאָרמיק, איינער פון די אייגנטימער פון דער אײַנפלוסרײַכער צײַטונג „טשיקאַגאָ־טריביון"[44]. די טשיקאַגער פּאָליציי האָט די ארבעטער און באַזונדערס די אײַנגעוואַנדערטע קעסיידער טעראָריזירט. זי פלעגט ברוטאַל זיך אַרײַנרײַסן אין זייערע פאַרזאַמלונגען און זיי שטאַרק שלאָגן. זי האָט זיי אויך יאָרנלאַנג פּראָוואָצירט דורך אַוועקנעמען בײַ זיי פאַקטיש דורך פאַרשיידנערליי מאַכינאַציעס זייער וואַלרעכט[45]. דאָס האָבן באַלד אויסגענוצט די טשיקאַגער אַנאַרכיסטן צו פּאָפּוליאַריזירן זייערע לאָזונגען וועגן „דירעקטער אַקציאָן". קיין ווירקלעכע רעוואָלוציאָנערע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וואָס זאָל קענען אויפכאַפּן די רעוואָלוציאָנערע שטימונגען פון די מאַסן און געבן זיי א ריכטיקע אָנווענדונג, איז נאָך דעמלט אין אַמעריקע ניט געווען. אַלבערט פּאַרסאָנס אין „אַלאַרם" און אויגוסט שפּיז אין „ארבעטער־צײַטונג" האָבן גערופן צו א באַוואָפנטער דעמאָנסטראַציע פאַרן 8־שאָעדיקן ארבעטסטאָג דעם 1-טן מײַ 1886. ניט געקוקט אויף אַט די שטאַרקע ווערטער, איז דער ערשטער טאָג פונעם גענעראַל־שטרײַק אַריבער פרידלעך. צווישן די ערשטע 40 טויזנט, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט די ארבעט, איז געווען 10 טויזנט האָלץ־ארבעטער, דעמלט אן אַקטיווער קעמפערישער עלעמענט. דעם 3-טן מײַ האָבן זיי אָפּגעהאַלטן א פאַרזאַמלונג לעבן מעקקאָרמיקס פאַבריק מיט אויגוסט שפּיז אַלס הויפּט־רעדנער. אין מיטן פון זײַן רעדע קומען אַרויס פון דער ארבעט די שטרײַקברעכער באַגלייט פון ברוטאַלע דעטעקטיוון. עס ברעכט אויס א געשלעג; פּאָליציי מישט זיך אַרײַן, און אָן שום וואָרענונג שיסט זי אין די שטרײַקער. עס פאַלן פיר טויטע. שפּעטער שטאַרבן נאָך צוויי פון די אַרום צוואַנציק שווער־פאַרווונדעטע[46].

שטאַרק אויפגערעגט איבער דעם בורזשואַזן פּאָגראָם אויף די ניט־באַוואָפנטע ארבעטער (זיי האָבן געקעמפט קעגן דער פּאָליציי בלויז מיט שטיינער), האָט אויגוסט שפּיז אָנגעשריבן א פלוג־בלעטל מיטן נאָמען „ראַכע!" (נעקאָמע), אין וועלכן ער האָט גערופן צו א באַוואָפנטער דעמאָנסטראַציע דעם 4־טן מײַ[47].

די דעמאָנסטראַציע אויפן היימאַרקעט־סקווער איז דורכגעגאַנגען רויִק. דער מעיאָר (בירגערמייסטער) פון טשיקאַגאָ איז בײַגעווען אויף דער דע־

מאָנסטראציע ביז 10 אזייגער באנאכט. ווענ ער האָט געזענ, אז די דעמאָנסטראציע גייט דורכ רויִק, האָט ער גערייצעט דעם פּאָליציי־קאפּיטאנ פאנאנדערצופירנ די פּאָליציסטנ אונ איז אליינ אוועק. די קאפּיטאליסטנ האָבנ אָבער געוואָלט באשטראָפנ די ארבעטער, איז זייער פּאָליציי באפאלנ די דעמאָנסטראציע. פּארסאָנס אונ שפּיז האָבנ שוינ פארענדיקט זייערע רעדעס. אזויווי עס האָט אָנגעהויבנ שטארק רעגענענ, איז דער גרויסער עולם זיכ פאנאנדערגעגאנגענ. עס איז געבליבנ בלויז א פּאָר הונדערט פּערזאָנ, וואָס האָבנ געהערט דעם לעצטנ רעדנער סעמיועל פילדנ. זייַנענ זיי ארומגערינגלט געוואָרנ פונ 176 פּאָליציסטנ, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ אראָפּרייַסנ די פארזאמלונג אפ זייער ברוטאלנ שטייגער. א פּראָוואָקאטער, א באשטעלטער פונ דער טשיקאגער בורזשואזיִע, ווארפט דאנ פונ א דערבייַיִקנ הויפ א באָמבע אפ דער פּאָליציי. איינער פונ דער פּאָליציי פאלט טויט, אונ א געוויסע צאָל ווערט פארוווּנדעט[48]. דער בורזשואזער טעראָר הייבט זיכ דאנ אָנ אינ א גרויסנ מאסשטאב. די בורזשואזע פּרעסע הייבט אופ א שטארקע העצע קעגנ די רעוואָליוציאָנערע ארבעטער. זי באטיטלט זיי אלעמענ אלס באָמבעווארפערס. די טשיקאגער פירער פונ דער באוועגונג פאר אנ 8־שאָעדיקנ ארבעטסטאָג ווערנ ארעסטירט אונ באשולדיקט לויטנ ערשטנ גראד מאָרד. אלבערט פּארסאָנס, וועמענ עס האָט געלונגענ זיכ צו באהאלטנ בייַס די ארעסטנ, גיט זיכ שפּעטער פרייַוויליק איבער, קעדיי צו שטיינ אפנ געריכט צוזאמענ מיט זייַנע כאַוויירים. מיט דער צושטימונג פונ אויגוסט שפּיז נעמט איבער די רעדאקציע פונ דער „ארבעטער־צייַטונג“ דער אלטער סאָציִאליסט יאָזעפ דיטצגענ[49].

דער פּראָצעס איז געווענ בלויז אנ אָנשטעל. די באשולדיקונג האָט אויסער דעמ „נעקאָמע-אופרופ“ פונ אויגוסט שפּיז ניט געהאט קיינ אנדערע באווייַזנ, אז די ארבעטער־פירער האָבנ געהאט א שייַכעס צום באָמבעווארפער. דער בורזשואזער געריכט האָט אָפנ דערקלערט, אז די אכט אָנגעקלאָגטע ווערנ געמישפּעט ניט פאר זייערע אקציעס, נאָר פאר זייערע ווערטער. דער אורטייל איז געווענ באשטימט פונ פאָרויס: טויט פאר די, וואָס רופנ די ארבעטער צומ אקטיוונ קאמפ קעגנ דעמ קאפּיטאליזמ. בלויז איינער פונ זיי — ניבע — ווערט פארורטיילט נאָר צו 15 יאָר געפענקעניש[50].

6

אונטער דער ווירקונג פונ דער „טשיקאגער טראגעדיע“

די טשיקאגער אָדער די היימארקעט־טראגעדיע, ווי די געשעענישנ פונ מייַ 1886 אינ טשיקאגאָ זייַנענ אָנגערופנ געוואָרנ, האָט דערמוטיקט די אמעריקאנער ארבעטער צומ פּאָליטישנ קאמפ. אינ ניו־יאָרק האָבנ די ארבעטער צומ ערשטנ מאָל געשאפנ א פאריייניקטנ פראָנט אפנ פּאָליטישנ געביט. זיי האָבנ אָרגאניזירט א „פאריייניקטע ארבעטער-פּארטיי“

צו דערוויילן זייער קאנדידאט פאר מעיאָר (בירגערמייסטער) פון ניו־יאָרק. אין סינסינעטי און אין טשיקאגאָ באטייליקן זיך מאסן ארבעטער מיט א האלב יאָר שפעטער אין די פרילינג־וואלן אונטער דער אָנפירונג פון דער יוניאָן־לייבאָר־פארטיי[51]. אומעטום ווארפן זיך ארײַן אין קאמף אויך אזוינע ראדיקאלע עלעמענטן, וואָס זײַנען פריער ניט געווען טעטיק פאָליטיש. זיי האָבן דורך דעם צו צווינגען די בורזשואזיע, זי זאָל שאנעווען די לעבנס פון די פאראורטיילטע ארבעטער־פירער אין טשיקאגאָ[52]. אויך דאָוויד עדעלשטאט ווארפט זיך ארײַן אינעם פאָליטישן קאמף. ער איז באזונדערס זייער אקטיוו אין די מעיאָר־וואלן אין ניו־יאָרק, ווו ער באזעצט זיך זומער 1886[53].

די פאָליטישע אָפגעשטאנענקײַט און דער טעאָרעטישער פלאָנטער פון דער „פארייניקטער ארבעטער־פארטיי" ווערן כאראקטעריזירט דורכן פאקט, וואָס איר קאנדידאט פאר מעיאָר פון ניו־יאָרק איז געווען הענרי דזשאָרדזש, דער גרונטלייגער פון דער בורזשואזער באוועגונג פאר אגראר־רעפאָרם. א געוועזענער מאטראָס, גאָלדגרעבער און בוך־דרוקער ווערט ער אינעם יאָר 1880 בארימט דורך זײַן בוך „פראָגרעס פון אָרעמקײַט". ער אטאקירט דאָרט שארף די ערד־אייגנטימער און דערקלערט, אז דער קוואל פון אָרעמקײַט איז פריוואט־אייגנטום אף ערד.

מארקס האָט זיך באצויגן נעגאטיוו צו הענרי דזשאָרדזשן. אין זײַן בריוו צו זאָרגען פונעם 30־טן יוני 1881 מיקויעך הענרי דזשאָרדזשס טעאָריעס, שרײַבט מארקס מיט איראָניע אזוי: „זײַן גרונט־דאָגמע באשטייט אין דעם, אז אלץ וואָלט זײַן אין אָרדענונג, אויב די ערד־רענטע וואָלט אויסגעצאָלט ווערן דער מעלוכע". ווײַטער דעמאסקירט מארקס דעם קלאסן־טאָך פון דזשאָרדזשס „סאָציאַליזם": „דאָס אלץ איז ניט עפעס אנדערש, ווי א פרווו אונטער דער מאסקע פון סאָציאַליזם צו ראטעווען די הערשאפט פון די קאפיטאליסטן, נאָכמער אפילע אפסנײַ זי צו פארפעסטיקן אף א ברייטערער באזע, ווי ביז איצט. די דאָזיקע בייזוויליקע קוואָנע, און איינצײַטיק דערמיט נארישקײַט, קוקט ארויס ניט צווידײַטיק פון הענרי דזשאָרדזשס דעקלאמאציעס". מארקס אנערקענט הענרי דזשאָרדזשס פרווו, עמעס, ניט קיין געלונגענעם, צו באפרײַען זיך פון דער בורזשואזער „אָרטאָדאָקסאלער פאָליטישער עקאָנאָמיע" און זײַן שריפטשטעלערישן טאלאנט. כאָטש אין דעם איז אויך פאראן „טאלאנט צו יענקי־רעקלאמע". בא דעם אלעמען איז, נעמענדיק אין אכט, אז די הויפט־געפאר פאר דער סאָציאַליסטישער באוועגונג אין אמעריקע איז אין יענער צײַט געווען די געפאר פון סעקטאנטישקײַט, פון אָפגעריסנקײַט פון די מאסן, איז ענגעלס געווען צופרידן, וואָס די סאָציאַליסטן אין ניו־יאָרק האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער „פארייניקטער ארבעטער־פארטיי". ענגעלס שרײַבט צו זאָרגען (29־טן נאָיאבער 1886): „דאָס, וואָס די ערשטע פראָגראם פון אָט דער פארטיי איז נאָך פארפלאָנטערט און אויסערסט פעלערדיק, אזוי אז זי האָט דעם הענרי דזשאָרדזש ארויסגעשטעלט פאר א פאָן, דאָס איז אן אומפארמײַדלעך בייז, אָבער אויך בלויז א פארבײַגייענדיקס".

„די מאסן — שרײַבט ענגעלס אין דעם זעלביקן בריוו — נייטיקן זיך אין זייער אנטוויקלונג אין צײַט און פּאסיקע פאַרהעלטעניש; די לעצטע וועלן אלײן זיך באַווײַזן, ווי נאָר די מאסן וועלן שאפן זייער אייגענע באַוועגונג — אלצײנס, אין וואָס פאַר א פאָרם זי וועט זיך אויסגיסן, אבי זי זאָל נאָר זײַן זייער אייגענע באַוועגונג, אין וועלכער זייערע אייגענע טאָעסן וועלן שטויסן די מאכן פאָרויס, און די דערמיט פאַרבונדענע פאַרלוסטן וועלן זיי מאכן קליגער".

די אמעריקאנער בורזשואזיע האָט גוט פאַרשטאַנען די געפאַר, וואָס א פאַרייניקטער ארבעטער־פראָנט באַטײַט פאַר אירע אינטערעסן. זי האָט דעריבער ניט געזשאַלעוועט קיין געלט צו קויפן שטימען פאַר אירע קאַנדידאַטן. דאָך האָט די „פאַרייניקטע ארבעטער־פאַרטיי" באַקומען אין ניו־יאָרק איבער 68 טויזנט שטימען, — א גאָר גרויסע צאָל פאַר יענער צײַט (דער דעמאָקראַטישער קאַנדידאַט האָט דעמלט געזיגט בא די וואַלן בלויז מיט 90 טויזנט שטימען).

דאָוויד עדעלשטאַט פאַרבלײַבט ניט אין ניו־יאָרק ביז צום וואָל־טאָג. אין אָקטיאַבער קומען אָן זײַנע עלטערן פון קיעוו, וווהין זיי האָבן זיך מיט עטלעכע יאָר פאַר דעם געהאַט איבערגעקליבן פון קאַלוגע. זיי קומען קיין אמעריקע צוזאַמען מיט זייער גאַנצן הויזגעזינד. דאָוויד עדעלשטאַט נעמט זיי אַראָפּ פון שיף און פאָרט מיט זיי אוועק צו די עלטערע צוויי ברידער קיין סינסינעטי.

★

ווי א סאַך אַנדערע רוסלענדישע ראַדיקאַלן, איז דאָוויד עדעלשטאַט ביז צום גענעראַל־שטרײַק פונעם 1־טן מײַ 1886 ניט געווען פאַרבונדן מיט די אָרטיקע יידיש־ריידנדיקע ארבעטער. ער האָט געלייענט, געשריבן און גערעדט בלויז אין רוסיש און זיך אינטערעסירט הויפּטזאַכלעך מיט די אָנגעלעגנהײַטן פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד. נאָך דער קאַמף פאַרן 8־שאָעדיקן ארבעטסטאָג און די וואָל־קאַמפּאַניע אין ניו־יאָרק דערנענטערן אים און זײַן קרײַז צום קלאַסנקאַמף אין אמעריקע. דאָ הייבן זיי זיך שוין אָן אינטערעסירן אויך מיט דער יידישער ארבעטערשאַפט. האַלטנדיק, אַז אין דער הינטערשטעליקײַט פון דער יידישער ארבעטערשאַפט האָט א היפּשע שולד די רעליגיע, גיבן זיי זיך אָפּ דעריקער דעם אַנטי־רעליגיעזן קאַמף. זיי גרינדן אַן אַפּיקאָרסים־קרײַזל, צו וועלכן עס שטייען צו אויך ראַדיקאַלע מאַסקילים, ווי דער דיכטער דאָוויד (זאַהיק) גרינבערג [54] אאַז.

עדעלשטאַט ווערט אויך טעטיק אין טרעד־יוניאָן־געביט. ער זוכט צו אָרגאַניזירן א פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון זײַן קנאָפּלאָך־נייער־פאַך און ווערט שפּעטער דערפאַר אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט. ער נעמט אויך א שטאַרקן אָנטייל אין דעם קאַמף פאַר דער באַפרײַונג פון די טשיקאַגער ארבעטער־פירער און ווערט אַרעסטירט פאַר זײַן טעטיקײַט [55].

ביז הארבסט 1887 האָפט נאָך עדעלשטאַט, אַזוי ווי אַנדערע ארבעטער אין אמעריקע, אַז דער „סופּרים קאָורט" (העכסטער געריכט) אין וואַשינגטאָן

וועט באשטימענ א נײַעמ פראָצעס פאר די טשיקאגער ארבעטער-פירער. די בורזשואזע פרעסע האָט פאנאנדערגעבלאָזנ אָט די האָפענונג, קעדיי אָפּצושוואכנ דעמ קאמפ פאר דער באפרײַונג פונ די ארבעטער-פירער. פונ דער אנדערער זײַט, האָט די זעלביקע פרעסע קעסיידער געהעצט קעגנ די אָנגעקלאָגטע ארבעטער-פירער אונ קעגנ די אמעריקאנער אָרגאניזירטע ארבעטער ביכלאל. די „ניו-יאָרקער וואָירלד" האָט דעמלט געשריבנ:

„דער אמעריקאנער ארבעטער דארפ זיכ צוגעווױנענ, אזויווי דער אײראָפּײאישער ארבעטער, צופרידנצושטעלנ זיכ מיטנ קלענסטנ לוינ, וואָס איז גענוג ניט צו שטארבנ פאר הונגער. אפ אזא אופנ וועט ער זיכ אויסהײלנ פונ זײַנ ייִכעס אונ וועט אָנעמענ די ראַליע, וועלכע איז אימ באשטימט פונ דער געטלעכער האזשגאָכע אונ פונ איר גרויסער כאָכמע, — דאָס איז צו זײַנ א מענטשלעכע מאשינ" [56].

דער „ניו-יאָרקער העראָלד" איז געגאנגענ ווײַטער. ער האָט געשריבנ:

„די בעסטע אכילע, וואָס מע קאָנ געבנ די שטרײַקערס, איז בלײַ". מע מוז זיי דערפונ געבנ א גוטע פּאָרציע, קעדיי אײַנצושטילנ זייער שטארקנ אפעטיט" [56].

ווענ ס'איז באקאנט געוואָרנ, אז דער העכסטער געריכט האָט באשטעטיקט דעמ טויט-אורטייל, זײַנענ שוינ געבליבנ בלויז געציילטע טעג ביז צומ אויספירנ דעמ אורטייל איבער די ארבעטער-פירער. די ארבעטער האָבנ גערדארפט האנדלענ שנעל אונ ענערגיש. נאָר זייער מעכטיקסטע אָרגאניזאציע די „ריטער פונ ארבעט" איז סאבאָטירט געוואָרנ דורכ איר פארעטערישנ פירער פאודערלי. די „אמעריקענ פעדערײשאָנ אָוו לײבאָר" אָרגאניזירט א פּראָטעסט-פארזאמלונג, איר פרעזידענט סעמיועל גאָמפּערס, וואָס איז שפּעטער געוואָרנ דער סימבאָל פונ א יוניאָנ-פירער, וואָס דינט אינגאנצנ די אינטערעסנ פונעמ קאפּיטאל [39]. פּרוווט אָבער אפ אזויפיל אָפּגרענעצנ זיכ פונ די טשיקאגער ארבעטער-פירער, אז זײַנ פּראָטעסט ווערט אינגאנצנ א בלאסער. עס האָט זיכ פאקטיש באקומענ א פארײניקונג צומ בורזשואזנ כאָר. שארפ טרעט ארויס די „סאָציאליסטישע ארבעטער-פּארטײ". אינ ניו-יאָרק ווערט דורכגעפירט א דעמאָנסטראציע פונ 20000 מאנ מיט געווער אינ די הענט. עס זײַנענ אויכ אָנגעקומענ פּראָטעסטנ פונ דער ארבעטערשאפט אינ אויסלאנד, דערינ אויכ פונ די סאָציאל-דעמאָקראטנ פונ דײַטשלאנד [57]. בא דער בורזשואזיע איז אָבער געווענ באשטימט צו טויטנ די ענערגישע ארבעטער-פירער. זי לאָזט אראָפּברענגענ א סאכ מיליטער אינ טשיקאגאָ, פארבאריקאדירט יעדנ צוגאנג צו דער געפענקעניש, וועלכע זי האָט פארוואנדלט אינ א באלאגערטער פעסטונג. דערבײַ פארלאָזט זי זיכ ניט בלויז אפ איר פיזישער מאכט, נאָר נעמט צוהילפ אויכ די רעליגיע. א גײַסטלעכער האָט דעמלט געשריבנ אינ א קאפּיטאליסטישער צײַטונג אינ טשיקאגאָ פאָלגנדעס:

„מע דארפ זיי הענגענ אפ א שטריק, וועלכע זאָל זיכ צוויי — דרײַ מאָל צערײַסנ בייסנ הענגענ. ווי איז בעסער זיי צו הענגענ, אלע מיט איינמאָל, אָדער צוויי מיטאמאָל, ווענענ פריִער? פארסאָנסנ אונ שפּיזנ? ניינ, בעסער פריִער ענגעלסנ אונ לינגנ, ווײַל שפּיז איז נערוועז, זאָל ער בעסער צוערשט זענ, ווי מע הענגט די אנדערע, קעדיי אימ צו קרענקענ" [58].

אין איר כּײַישער אכזאָריעס האָט די בורזשואַזיע אויך ניט צוגעלאָזט פּאַר-סאָנס פרוי און קינדער צו געזעגענען זיך מיט אים [59], ווי דאָס ווערט דער-לויבט דעם ערגסטן מערדער. פּאָליציסטן האָבן אַפּלאָדירט, ווען דער טאַליען האָט פאַרוואָרפן די שטריק אַרום די העלדזער פון אירע פּראָלעטאַרישע קלאַסן-סאָנים. די טשיקאַגער מאַרטירער זײַנען אָבער געגאַנגען צום טויט פול מיט זיכערקייט אינעם ענדלעכן זיג פונעם פּראָלעטאַריאַט.

ניט אומזיסט האָבן זיך די קאַפּיטאַליסטן געשראָקן פאַר זייער לעצטן וואָרט און גיך פאַרצויגן די שלייפן אַרום זייערע העלדזער, ווען פּאַרסאָנס האָט אויס-גערופן: «Let the voice of the people be heard!» (לאָז די שטים פון פאָלק געהערט ווערן!). נאָך שפּיז האָט באַוויזן אויסצודריקן זייער אַלעמענס מיי-נונג, ווען ער האָט געזאָגט:

„עס וועט קומען די צײַט, ווען אונדזער שווײַגן וועט זײַן א סאך שטארקער ווי די שטים, וואָס איר דערשטיקט הײַנט!" [60]

געהאַנגען זײַנען געוואָרן דעם 11-טן נאָיאַבער 1887 פּאַרסאָנס, שפּיז, ענ-געלס און פּישער. דער 22-יאָריקער מוטיקער האָלץ-אַרבעטער, לויס לינג, וואָס האָט געהערט אין געריכט מיט דער שפּראַך פון א באַוווסטזיניקן פּראָלעטאַרישן קעמפער [61] און דורכדעם קאָנצענטרירט אויף זיך די הויפּט-סינע פון דער בור-זשואַזיע, איז מיט א טאָג פריער געטויט געוואָרן (דורך מאָרד, אָדער זעלבסטמאָרד) אין זײַן קעמערל דורך א דינאַמיט-אויפרײַס. צוויי, פילדן און שוואַב, האָבן אונטערגעשריבן די פּעטיציע פון די טשיקאַגער אַרבעטער צום גובערנאַטער אַגלעסבי, און זייער טויט-אורטייל איז פאַרביטן געוואָרן אויף לעבן-לאַנגער געפענקעניש [62].

★

די דערמאָרדונג פון די טשיקאַגער אַרבעטער-פירער האָט די רעוואָלוציאָ-נערע באַוועגונג ניט אָפּגעשטעלט. פאַרקערט, איר אימפּעט איז געוואָרן נאָך גרעסער. ס'זײַנען אויך צוגעקומען נײַע עלעמענטן, וואָס דאָס כּײַישע אכזאָר-יעס פון דער בורזשואַזיע האָט זיי געעפנט די אויגן אַײנצוזען, אויף וואָס די בורזשואַזיע איז פעיִק, ווען מע רירט אָן אירע קלאַסן-אינטערעסן. די רעוואָ-ליוציאָנערע עלעמענטן האָבן פאַרשטאַנען, אַז די בורזשואַזיע האָט אַזויפיל געוואַגט בלויז איבער דעם, ווײַל די אַמעריקאַנער אַרבעטערשאַפט איז געווען אומוויסנדיק און ניט אָרגאַניזירט. זיי האָבן דערפון געמאַכט דעם ריכטיקן אויספיר, אַז מע דאַרף זיך אָפּגעבן מיט באַזונדערער ענערגיע צום אויפקלערן די הינטערשטעליקע אַרבעטער-מאַסן און צום אָרגאַניזירן זיי.

דאָוויד עדעלשטאַט איז נאָך אין 1887 געווען הויפּטזאַכלעך א פּאָל-קיסט. ער האָט געגלויבט אין אן אַלגעמיין-מענטשלעכער גערעכטיקייט און אין אן אַלגעמיין-מענטשלעכן געוויסן. דער פאַקט, וואָס די אַמעריקאַנער געזעצשאַפט האָט געהאַלטן פאַר גערעכט און געוויסנהאַפטיק צו דער-מאָרדן מענטשן פאַר זייער טעטיקייט צו פאַרבעסערן דאָס לעבן פון די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט דעריבער געטריבן דעם 21-יאָריקן

עדעלשטאט צו פארצווייפלונג. ער איז ארומגעגאנגען א צעדולטער, האָט ניט געקאָנט מער ארבעטן בא זײַן שנײַדער־פאך. ער ראטעוועט זיך פון זײַן געדריקטן צושטאנד דורך אָפּפאָרן קיין ניו־יאָרק. לאנג אָבער קאָן ער דאָרט ניט פארבלײַבן. די ארבעט אין די ניו־יאָרקער שוויץ־שעפּער איז געווען שווער, די לעבנ־באדינגונגען שוידערלעכע. ס׳פעלט אים די צערטלעכקײַט פון דער היימישער סוויווע פאר זײַנע צערודערטע נערוון, און ער קומט באלד צוריק קיין סינסינעטי.

צוריקגעקומען קיין סינסינעטי, איז שוין דאָוויד עדעלשטאט ניט געווען דער זעלביקער, וואָס פארן עלפטן נאָיאבער 1887. זײַן גלויבן אין אמעריקע איז געווען טויט. ער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט טיפן האס צו איר פאלשער דעמאָקראטיע און צו אירע קליינע און גרויסע „וואמפּירן״, ווי ער האָט עס אויסגעדריקט מיט א פּאָר יאָר שפּעטער אין זײַן ליד „נאטור און מענטש״ („ווארהײַט״, 29 מארט 1889 יאָר):

„פאראן אויך פרײַע רעפּובליקן,
וואָס זײַנען נור פרײַ אף דעם פּאפּיר; —
און פול מיט קנעכט זײַנען דאָרט די פאבריקן,
און יעדער הערשער — א וואמפּיר״.

זײַנע רוסישע לידער און רוסישע פּראָזע פון יענער צײַט האָבן שוין מאָטיוון פון קלאסנקאמף, כאָטש זייער הויפּט־מאָטיוו איז זײַן ביטערע אנטוישונג אין דער בורזשואזער געזעלשאפט. פערזענלעך איז עדעלשטאט אין יענער צײַט (1887—1838) געווען „געזונט און גליקלעך״ און „געהאט פרײַנט״, ווי ער דערמאָנט עס עטלעכע יאָר שפּעטער (8־טן יול 1892) אין א בריוו פון דענווער צו דער פאמיליע אין סינסינעטי.

גאָר לאנג בלײַבן אין סינסינעטי קאָן ניט עדעלשטאט, אים ציט צום ברויזנדיקן קלאסנקאמף, און אין סינסינעטי איז די באוועגונג צו לאנגזאם, צו רויק. זײַן באשלוס צו פארלאָזן סינסינעטי (אין הארבסט 1888) ווערט נאָך באווירקט דורך זײַן פריִער דערמאָנטן פּרווו צו אָרגאניזירן א טרעד־יוניאָן אין זײַן קנאָפּלאָך־פאך. די באלעבאטים שטעלן אים אפּ שווארצן צעטל און ער ווערט ארבעטלאָזיק[55].

אלס ארבעטלאָזיקער לעבט עדעלשטאט איבער זייער שווערע טעג. צווישן זײַנע רוסישע מאנוסקריפּטן געפינט זיך א פראגמענט, וואָס פארנעמט זיך אויסשליסלעך מיט זײַנע ליידן אלס ארבעטלאָזיקער. ער ווענדט זיך דאָרט צו די, וואָס ווערן פעט, „נערנדיק זיך מיטן שווייס און בלוט פון זייערע ברידער און שוועסטער״, און לייגט זיי פאָר צו נעמען זײַן „לעבנספּרילינג״ און „צוזאמען מיט אים די טרוימען און האָפענונגען אף בעסערע צײַטן״ און אים דערפאר געבן „נאָר ברויט״ פאר זײַן פאמיליע און „א ווארעמען ווינקל״ פאר זײַנע „אָרעמע גרויע זקיינים״, פאר די „שטילע גוטע באשעפענישן, וועלכע האָבן דאָס גאנצע לעבן זייערס געארבעט״ פארן „קאָמפּאָרט״ פונעם הערשנדיקן קלאס. אין זײַן נויט רופט ער אויס:

„זאַטע, מאַכטהאָבנדיקע בירגער פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט. קרעזן, צעזאַרן פֿון XIX יאָרהונדערט, איך פֿאַרקויף אײַך מײַן פֿעל, איך פֿאַרקויף מײַן לעבן, מײַן פֿלייש. גיט מיר אַרבעט. — — — איך וואָלט שטאָלץ געשטאָרבן פֿון הונגער־טויט, אָבער די מישפּאָכע... — — — זען די מוטער אַ קראַנקע, אַ גרויע, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן. זען די הונגעריקע הילפֿלאָזע מוטער, זען אירע געהיימע טרערן, הערן אירע דערשטיקטע שלוכצן, זען די יונגע שוועסטער אין בלי פֿון אירע קויכעס, ווי עס שנײַדן פֿון איר שטיקער די אָרעמקײַט און די טאָגטעגלעכע נויט, ווי זי איז דערשלאָגן פֿון צאָרעס, בעט אַף זיך דעם טויט אַלס איינציקע רעטונג פֿון די פּײַניקונגען און ווילדקײַט פֿון אָט דעם שרעקלעכן לעבן. — — — גיט מיר ברויט, ברויט, אַרבעט, אַרבעט!"

און עדעלשטאַט שילדערט דעם ענטפֿער פֿון די רײַכע, אַז זיי האָבן אָן אים אויך גענוג קנעכט און דערצו נאָך אַזוינע עכטע קנעכט: „אײביק אײַנגעהויקערטע, אײביק שמייכלענדיקע"* אונטער די קלעפּ פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער בײַטש; קנעכט, וואָס „לעקן די קנאַפּל פֿון זייערע באַלעבאַטים און קושן די בײַטש, וואָס שלאָגט זיי". אים באַטראַכט די בורזשואַזיע פֿאַר „ניט קיין צופֿרידענעם, ניט קיין פֿייִקן קנעכט". זיי דאַרפֿן אָבער האָבן „פֿאַרפֿולקומטע קנעכט". און עדעלשטאַט איז מאַסקים, אַז ער איז טאַקע „אַ שלעכטער קנעכט, ניט קיין פֿאַרפֿולקומטער קנעכט"... „אַ שלעכטער, אַ האַרטנעקיקער קנעכט", וואָס האָט אין מעשעך פֿון זײַן „פֿינפֿיאָריקער קנעכטשאַפֿט אַף דעם אַמעריקאַנישן באָדן" זיך ניט אויסגעלערנט צו כאַנפֿענען און צו שווײַגן, צוזעענדיק „שרײַענדיקע אומרעכט".

7

ערשטע לידער פֿון אַרבעטער־לעבן

דאָוויד עדעלשטאַט קומט ווידער קיין ניו־יאָרק אין אָנהייב נאָיאַבער 1888, אין אַ צײַט פֿון ברויזנדיקן פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַנאַנדערוויקלען די טרעד־יוניאָן־באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין ניו־יאָרק.

אין אָקטיאַבער 1888 זײַנען שוין די ייִדישע טרעד־יוניאָנען געווען אָרגאַניזירט אין „פֿאַרייניקטע ייִדישע געווערקשאַפֿטן". די גרענעץ צווישן די אַנאַרכיסטן מיט די סאָציאַליסטן איז נאָך דאַן אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג ניט געווען קיין שאַרפֿע, כאָטש צווישן זיי זײַנען שוין פֿאָרגעקומען שאַרפֿע דעבאַטן.

די אַנאַרכיסטישע גרופּע „פּיאָנערע דער פֿרײַהײַט" (געגרינדעט אין אָקטיאַבער 1886), צו וועלכער עס האָט געהערט מאָריס ראָזענפֿעלד, און אָן וועלכער ס'האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן דאָוויד עדעלשטאַט, האָט אין נאָיאַבער 1888 געפֿירט אַ „פֿרײַע דיסקוסיאָן" וועגן דער פֿאַרייניקונג פֿון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן מיט די אַנאַרכיסטן"[63].

* כאַנפֿענענדיקע.

די סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי האָט דעמלט, אינ האַרבסט 1888, צומ ערשטנ מאָל אַרויסגעשטעלט אַנ אייגענעמ קאַנדידאַט פאַר מעיאָר פונ ניו־יאָרק. דער וואַל־קאַמפּ אינ די ייִדישע אַרבעטער-קוואַרטאַלנ איז געווענ זייער לעבהאַפט. נאָר עדעלשטאַט איז, קענטיק, געווענ פאַראינטערעסירט הויפּטזאַכלעכ אינ די פּרעזידענט־וואַלנ. אַפ זײַנעמ אַ בריוו פונעמ עלפטנ נאָ־יאַבער איז פאַראַנ אַנ איראָנישע שורע „הוראַ פאַר העריסאָנענ!” דעמ נײַ־דערוויילטנ רעפּובליקאַנישנ פּרעזידענט—קאַנדידאַט פונ דער אַמעריקאַנישער פּלוטאָקראַטיע.

עדעלשטאַט איז באַגײַסטערט פונ ניו־יאָרק. אינ זײַנ בריוו פונ 11-טנ נאָיאַבער 1888 שרײַבט ער אַהיימ, אַז „אינ ניו-יאָרק לעבט זיכ מערקוויר־דיק שנעל”. פאַר איינ טאָג פילט מענ אָפּט דורכ אַזויפיל, וויפל מע ווערט „אינ דער רויִקער פרידלעכער שטאָט סינסינעטי ניט דורכפילנ אונ ניט דורכטראַכטנ פאַר גאַנצע 5 יאָר”, אַז די ניו־יאָרקער אײַנדרוקנ האָבנ אימ „פאַרפּלייצט ווי אַ קאָכעדיקער שטראָמ” קימאַט פונ דעמ ערשטנ טאָג אָנ, זינט ער איז אַהינ געקומענ צו פאָרנ. ער מערקט דאָרט אַ „נײַ לעבנ, נײַע קויכעס, לערע פונ עמעסנ, זעלבסטבילדונג אונ גיריקע שטרעבונגענ צו ליכט”, „באַזונדערס אינ די ייִדישע קרײַזלעכ”.

באַזונדערס איז דאָוויד עדעלשטאַט באַגײַסטערט פונ דער גרויסער מאַסנ־פאַרזאַמלונג אינ קופּער-יוניאָנ צומ ערשטנ יאָרצײַט פונ די טשיקאַגער מאַר-טירער. ער הערט ריידנ דעמ סאָציאַל-דעמאָקראַטישנ פירער סערגיי שע־וויטש [64]. שעוויטשעס רעדע רירט עדעלשטאַטנ ביז טרערנ, דער ענטוזיאַזמ פונ דער מאַסע מאַכט אימ פילנ, „אַז דער סאָציאַליזמ איז ניט קיינ טרוימ, ניט קיינ איליוזיע, אַז דאָס איז די רעאַלע צוקונפט פונעמ פאָלק”.

מיט זײַנ באַגײַסטערונג אַלייִנ קאָנ אָבער עדעלשטאַט ניט לעבנ, ער קריגט ניט קיינ אַרבעט אונ לעבט איבער אַ שווערע צײַט. קלאָגט ער זיכ אינ זײַנ „ליד פונ אַ פּראָלעטאַריער” — «Песня пролетария»:

„האָסט קיינ אַרבעט ניט — שלעכט!
עס שטיקט דיכ די נויט.
האָסטו אַרבעט — איז שלעכט,
זי איז שווער ווי דער טויט” [12].

ער שטעלט דאָרט די פראַגע:

„דײַנ לעבנ, דײַנ לייד,
וואָס האָט דענ אַ ווערט,
ווענ דו ביסט ניט געליבט
אונ האָסט קיינעמ ניט ליב,
ווענ דו ביסט נאָר אַ קנעכט?
וואָס לעבסטו דענ, זאָג,
אינ צענטנ פאַרבייגט
פאַרנ קייסער, וואָס שטיקט דיכ
אונ דויבט דיכ אונ זויגט?” [12]

טאָ צו וואָס טויג אײַנגאַנצנ דאָס לעבנ אפ דער וועלט? עס איז, זאָגט ער, „זייער א שווערע פראגע, וואָס האָט שוינ א באָרד“, נאָר קיינער האָט זי ביז איצט נאָכ ניט פארענטפערט. דעמ פראָלעטאריער איז עס שווער צו פארענטפערנ, אָבער נאָכ שווערער איז צו לעבנ, ניט פארשטייענדיק פאר וואָס, פאר ווענ אונ פאר וועמענ?

אינ א צווייטער ליד, «Записки пролетарня» (פארצייכענונגענ פונ א פראָלעטאריער), שרײַבט עדעלשטאט:

„כ׳בינ ניט געבוירנ פאר זיסע אריעס,
פאר רויזנ-ליבע אונ פאר גליק.
כ׳בינ ניט קיינ דיכטער, נאָר א פראָלעטאריער,
א קינד פאר קאמפ אונ פאר פאבריק“ [20].

לויט עדעלשטאטס טאָגבוכ איז זײַנ ליד „פראָלעטאריער“, ווארשײַנלעכ, דער ערשטער ווארִיאנט, געווענ געדרוקט דעמ 5-טנ יאנוואר 1889 אינ דער „זנאמיא“ („די פאָנ“) — וועלכע סאָציִאליסטנ האָבנ באטראכט פאר „א שארפ רעוואָליוציִאָנערער סאָציִאל-דעמאָקראטישער צײַטונג“[65], געגרינדעט אונ רעדאקטירט פונ לעאָ באנדעס. דעמ 17-טנ יאנוואר פארעפנטלעכט דאָרט עדעלשטאט זײַנ ליד „Ноги“ (די פיס), אינ וועלכער ער שטעלט די פראגע, צו וואָס דארפנ די אמעריקאנער „פיס“, ווענ זיי האָבנ אײַזנבאנענ איבערנ קאָפ אונ אונטער דער ערד? אונ ער ענטפערט: די אמעריקאנער ארבעטער דארפנ האָבנ פיס ארומצולויפנ זוכנ ארבעט, אָפּצושטיינ שטונדנ בא די פאבריק-טויערנ ביז עס קומט צו פאָרנ דער באלעבאָס אונ זאָגט, אז ער דארפ זיי ניט. אונ עדעלשטאט מאכט דעמ אויספיר: „אָ, ווי זיי דארפנ דעמלט האָבנ די פיס, קעדיי ניט צו פאלנ אינמיטנ גאס, אָנ קויעכ, אָנ גלויבנ, אָנ האָפענונג צו די פיס פונ די דערפאָלגרײַכע אויסוווּרפנ“.

די בורזשויענ, זאָגט עדעלשטאט, דארפנ האָבנ די פיס צו דריקנ די אָרעמע אונ צו צעטרעטנ די פרײַהײַט, צו טאָפּטשענ אינ שמוצ אונ פארומרייניקנ „די הייליקע ווארהײַט אונ ליבע“ אונ צו האָפּקענ זיכ ווילד אפ די קוואָרימ פונ די פרײַנט פונ פאָלק אונ פונ זײַנע קעמפער. ס׳וועט אָבער קומענ א צײַט פונ פאָלקס-ניצאָכנ, דעמלט וועלנ די בורזשויענ ניט מער קאָנענ באניצנ זייערע פיס אפ צו צעטרעטנ די אָרעמע.

„אָ, ניינ, אָנ אנדערער ז׳זייער ציל!
ווענ איבער דער וועלט ט׳א גרויזאמער, א שטרענגער
פלוצעמ דער געריכט פונ פאָלק א דונער טאָנ —
דאנ, אויסוווּרפ, פארלאָז די פאלאצנ
אונ אָנ אָטעמ, ניט אומקוקנדיק זיכ,
אנטלויפ ווי דער שווארצער פעפער וואקסט“ [26].

אינ זײַנ טאָגבוכ דערציילט עדעלשטאט, אז דער רעדאקטער פונ „זנאמיא“ האָט פארקירצט די ליד „די פיס“ אפ גאנצע 11 סטראָפעס. ער דערציילט אויכ, אז ער האָט געוואָלט פארעפנטלעכנ זײַנ ליד „פראָגרעס“[66], נאָר „דער פערז איז א שווערער“ אונ איבערארבעטנ קאָנ ער ניט. ער

קאָן אָפּדרוקן עפּעס אנדערש, נאָר אים האָט „דערעסן ארומצושלעפּן זיך אין רעדאקציע". דערצו איז ער ניט געזונט און ארבעטלאָזיק.

צום סאָף יאנוואר קומט עדעלשטאט פון ניו־יאָרק אין דעם נאָענטן שטעטל אָרענדזש, אין ניו־דזשורסי. ער קומט אהין זוכן ארבעט אין עדי־סאָנס פאָטאָגראף־פאבריק, צו וועלכער ער האָט א רעקאָמענדאציע. ער קריגט דאָרט ארבעט ערשט אין א דריי וואָכן ארום און ארבעט בלויז 4 טעג, פון מאָנטיק דעם 18־טן ביז דאָנערשטיק דעם 21־טן פעברואר. דעם 22־טן, צום יאָנטעוו פון וואשינגטאָנס געבורטסטאָג, ווערט די פאבריק גע־שלאָסן אף דריי וואָכן. דערווייל קריגט עדעלשטאט ארבעט אין ניו־יאָרק בא זיין פאך (קנאָפּלעכער נייען). ער ווערט צוגלייך זייער טעטיק אין דער גרופּע „פּיאָנערע דער פרייהייט". די פּיאָנערן הייבן אָן ארויסגעבן א וועכנטלעכע ארבעטער־צייטונג מיטן נאָמען „דיווארהייט". עדעלשטאט ווערט אריינגעצויגן אין אָט דער ארבעט און דורך איר אין דער יידישער לי־טעראטור.

8

„די ווארהייט"

„די ווארהייט" איז געווען די ערשטע יידישע צייטונג אין אמעריקע, וואָס איז ארויסגעגעבן געוואָרן פון אן ארבעטער־אָרגאניזאציע. די „פּיאָנערע דער פרייהייט" האָבן געפּלאנט צו מאכן זייער צייטונג פאר א „סאָציאליסטיש־אום־פּארטייישער", אפן שטייגער פון דעם לאָנדאָנער „ארבעטער־פריינט", וווּ סאָציאַל־דעמאָקראטן און אנארכיסטן האָבן געארבעט צוזאמען. די „פּיאָנערן" האָבן דעריבער צוגעצויגן פאר א מיטארבעטער איינעם, וואָס האָט זיך גע־רעכנט פאר א „פריידענקענדן" (ס'הייסט אומפּארטייישן) סאָציאַל־דעמאָקראט. אלס רעדאקטער האָבן זיי געוואָלט אראָפּברענגען מאָריס ווינטשעווסקין, וועלכער האָט אויך געהאט א נאָמען פון א „פריידענקענדן" סאָציאליסט[67]. ווען דאָס געלינגט זיי ניט, ברענגען די „פּיאָנערן" אראָפּ פון לאָנדאָן אן אנארכיסטישן זשורנאליסט, וואָס האָט דאָרט מיטגעארבעט איינעם אומפּאר־טייישן „ארבעטער פריינט".

ביזוואנען דער לאָנדאָנער רעדאקטער יאפע וועט קומען, איז באשטימט גע־וואָרן א רעדקאָלעגיע פון צוויי מיטגלידער: הילעל זאָלאָטאראָוו און דאָוויד עדעלשטאט[68]. אלס דיכטער פון רוסישע לידער ווערט עדעלשטאט דערמו־טיקט פון זיינע נאָענטע כאווײרים צו שרייבן פארן ערשטן נומער „ווארהייט" (15־טן פעברואר 1889) א באגריסונג־ליד אין יידיש.

עדעלשטאט איז ניט זיכער, אז ער וועט געפינען גענוג יידישע ווערטער פאר אזא ליד. ער זוכט פאר זיין ליד א מוסטער און געפינט עס — אָדער זיינע כאווײרים ווייזן עס אים אָן, אין ווינטשעווסקיס „צורוף צום ארבעטער־פריינט", געשריבן אין יול 1885. עדעלשטאט רופט אָן זיין ליד „צורוף דער

ווארהייט״ און מאָדעלירט זי לויט ווינטשעווסקיס ליד. ער נעמט אויך פון דאָרט זיינע גראמענ: ווארהייט — קלאָרהייט, ברידער — גלידער, וועלט — געלט. אויך זיינע איבעריקע גראמענ (הערצנ — שמערצנ, שטראלנ — פאלנ, נאכט— מאכט און קנעכט — רעכט) נעמט עדעלשטאט פון ווינטשעווסקיס דעמלט באקאנטע לידער. פון ווינטשעווסקינ נעמט אויך עדעלשטאט א ריי אויס-דרוקנ (וואָרט אינ וואָרט אָדער א ביסל געענדערט), צב. „אָרעמע ברידער״ פאר ארבעטער, ער באגריסט די צייטונג פון „הערצנ״ (ווינטשעווסקי האָט באגריסט מיט „הערצלעכע פרייד״), ער רופט אָנ די אָפּגעשטאנענע ארבע-טער „געפאלענע קנעכט״ (בא ווינטשעווסקינ „איינגעבילדעטע קנעכט״). ווינ-טשעווסקי שרייבט:

„פארקינדיק * דעמ אופגאנג פונ דער ליכטיקער זאָנע
און ווייז זיי דעמ סאָפ פונ דער פינצטערער נאכט״.

עדעלשטאט שרייבט:

„קומ באלייכט מיט דיינע הימלישע שטראלנ
די שרעקלעכע פינצטערע נאכט״.

ס'זיינענ פאראנ ענדערונגענ, אינ וועלכע עדעלשטאט דריקט אויס זיינ סאָציאלע לאגע אלס ארבעטער. צומביישפּיל, דאָרט, ווו ווינטשעווסקי זאָגט צומ „ארבעטער-פריינט״: „קלער אופ מיינע אָרעמע ברידער״, בעט עדעלשטאט בא דער „ווארהייט״: „קומ דערקלער אונדז״. ער טראָגט אריינ אויך מער וועזנטלעכע ענדערונגענ. דאָרט, ווו ווינטשעווסקי רעדט וועגנ דער „לערע״ (פונ „פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט״), באניצט עדעל-שטאט דעמ אויסדרוק „קאַמפ״ (פאר „ליבע און ווארהייט״), און דאָרט, ווו ווינטשעווסקי ראט דעמ „ארבעטער-פריינט״ צו גיינ זיינ וועג און ניט קוקנ אפנ געלעכטער פונעמ „שקלאפ, וואָס בלייבט אייביק אנ איינבילדונג-קנעכט״, בעט עדעלשטאט בא דער „ווארהייט״:

„באגייסטער, פארייניק דיינע אָרעמע ברידער!
הייב אופ דעמ געפאלענעמ קנעכט,
צעברעכ זיינע קייטנ, באפריי זיינע גלידער
און גיב אימ דאָס מענטשלעכע רעכט!..״

פארנ 1-טנ נומער „ווארהייט״ האָט געבראכט א ליד אויך מאָריס ראָזענפעלד, שוינ דעמלט דער באדייטנדיקסטער יידישער ארבעטער-דיכטער אינ אמעריקע. ראָזענפעלדס ליד „אנ די פּאָעטנ״ (געדרוקט אינ א שפּע-טערדיקנ נומער „ווארהייט״), אינ וועלכנ ער רופט צו די דיכטער: „לאָזט צורו די רויזנ, די ליליענ, די שמעטערלינגענ, די נאכטיגאלנ״, „זינגט קאנאָנענ-לידער... שפּיזנ-לידער...״ און „וועקט בעסער צומ קאמפּ אייע-רע ברידער!״ — איז געווויס געווענ אָנ א שיר בעסער ווי עדעלשטאטס ערשט-

* זאָג אָנ.

לינג־ליד אין יידיש. דער „זיצער״ פון דער רעדאקציע, ש. יאנאָווסקי, וועלכער האָט אויסגעפּילט צײַטווײַליק די פליכטן פון א טעכנישן רעדאקטער, האָט געוואָלט אָפּדרוקן ראָזענפעלדס ליד. נאָר עדעלשטאטס פרײַנט און כאווער פון סינסינעטי הילעל זאָלאָטאראָוו איז באשטאנען דורכויס, אז עדעלשטאטס ליד זאָל ארײַן אינעם ערשטן נומער „ווארהײַט״[69]. אזוי־ארום האָט ער ארײַנגעצויגן דעם רוסישן דיכטער עדעלשטאט אין דער יידישער ליטעראטור.

וועגן אָט דער געשעעניש שרײַבט עדעלשטאט מיט א פּאָר יאָר שפּעטער אין זײַן קאפּיטל דערינערונגען „דער ערשטער שטראל״ („פ.א.ש.״ פארן 3־טן יולי 1891). ער געדענקט ניט מער, ווען דאָס איז געווען. אים דוכט זיך, אז דער ערשטער נומ. „ווארהײַט״ איז ארויס אין אָקטיאבער 1888 (אָנשטאָט פעווראל 1889). דערפאר געדענקט ער אָבער קלאָר זײַנע אײַנדרוקן פון יענעם מאָמענט.

„פאר מיר פערזענלעך — שרײַבט עדעלשטאט—איז דאָס געווען א טאָפּלטע סימכע: צוזאמען מיט דער „ווארהײַט״ איז אויך געבוירן געוואָרן מײַן יידישע מוזע, מײַן ערשטעס יידישעס געדיכט. ווען איך האָב געשריבן מײַן ערשטע זשארגאָנישע באגריסונג צו דער „ווארהײַט״, האָב איך גאָר ניט געדענקט, אז מײַן רוסישע מוזע וועט זיך טויפן אין א יידישקע מיט א רויטע ספּאָדניצע און וועט וועקן יישראָליקן צום קאמף. אָבער אזוי איז מיר אפּאָנעם באשערט געווען פון דעם גאָט דער פּאָעזיע, פון דעם גאָלד־לאָקיקן אפּאָלאָ, וועלכער, ווי איך זע, מוז אויך זײַן א גרויסער אנטיסעמיט, אניט וואָלט ער מיר ניט געגעבן קיין יידישע מוזע!״

צוזאמען מיט א גרופּע כאווײרים איז עדעלשטאט „געזעסן אין דער רעדאקציע א גאנצע נאכט״ און „זי ווי א הײליקײַט ארויסגעטראָגן פון דער רעדאקציע״, ווען זי איז באגינען פארטיק געוואָרן צום דרוק. אין א פּאָר שאָ ארום, דערציילט עדעלשטאט, איז אײנער געקומען צו לויפן מיט א נומער „ווארהײַט״. זיי זײַנען אלע אפ אים ארופגעפאלן. „יעדער האָט געוואָלט זען דאָס נײַ־געבאָרענע פּראָלעטאריער־קינד״.

„לאָזט מיך א קוק טאָן!״ האָב איך געשריִען, שטופנדיק זיך צווישן די גענאָסן. איך בין אויך געווען בײַגעריק צו זען מײַן מוזע אין דער זשארגאָנישער ספּאָדניצע: אָבער די צײַטונג וואר אין דעם גרויסן קאמף צעריסן. און איך האָב נאָר געקאָנט זען שטיקלעך פון מײַן ערשטן יידישן געדיכט״.

אין זײַן צווייטער ליד „געדאנקען אין פאבריק״ (22 פעווראל 1889) פּרוּווט זיך עדעלשטאט באניצן מיט דער פאָרם פון די פאָלקלאָרלידער, וואָס ער האָט געהערט ווי יידישע ארבעטער זינגען אין די שנײַדערפאבריקן. די דאָזיקע ליד (וואָס איז ניט ארײַן אין קיין איינ עדעלשטאט־אויסגאבע) איז געשריבן אין פּאָר־גראמען, אין 4־, 8־ און 10־שורעסדיקע סטראָפעס. זי הייבט זיך אָן מיט די שורעס

„עס לויפן די רעדער, עס רוישן די מאשינען —
פון קאפּיטאליסטן געפאנגענע בינען;
זיי קלײַבן פאר רײַכע דעם האָניק צוזאמען
און פאר די ארבעטער ביטערע סאמען״.

מיט דער ערשטער שורע הייבט עדעלשטאַט אָנ אויכ די צווייטע סטראָפע:

„עס לויפנ די רעדער, עס רוישנ די מאשינעג,
טײַכנ פונ בלוטיקנ שווייס טועג רינענ".

א סאכ אויסדריקנ פונ דער ליד „געדאנקענ אינ פאבריק" כאזערנ זיכ איבער אינ עדעלשטאטס שפּעטערדיקע לידער, צומבײַשפּיל, די ווערטער „ביטערע סאמענ", „ארבעטער־טרערנ", „די וועלט איז א פינצטערער יאָמערטאָל", „דער מענטש איז צום ווילדנ טיר* געוואָרנ", „מענטשנ זײַנענ קנעכט", „איינ ברודער דעמ צווייטנ גאזלט", „טויזנטער הונגעריקע קינדער אונ ווײַבער פארקויפנ פאר ברויט זייער ערע, זייערע לײַבער", יעדער טויט פונ א פרײַהײַט־מארטירער רופט צום „קאמפ אונ ראכע", „ניט אייביק וועט הערשנ די פינצטערע נאכט" אונ א „פרײַע גליקלעכע מענטשהײַט" וועט „באזיצנ די ערד". מיט די ערשטע שורעס פונ דער ערשטער אונ צווייטער סטראָפע, עטוואָס געענדערט, הייבט עדעלשטאט אָנ אויכ זײַנ פּאָפּולער ליד „דער ארבעטער" — „שנעל לויפנ די רעדער, ווילד קלאפנ די מאשינענ".

אינ זײַנעמ א בריוו פונעמ 28-טנ פעווראל צו דער שוועסטער שרײַבט עדעלשטאט, אז אינ דער ליד „געדאנקענ אינ פאבריק" איז פאראנ באדכאָנעס. דאָכ איז ער שוינ בא זיכ מוטיקער. ער פארשטייט, אז פריִער־שפּעטער וועט ער באהערשנ די ייִדישע שפראכ אונ וועט ווערנ א דיכטער פונ די ייִדישע ארבעטער־מאסנ. זײַנ דריטע ליד „אינ קאמפ" האָט ער שוינ מאָדעלירט לויט דער פאָרמ פונ זײַנע רוסישע לידער, וועלכע זײַנענ קימאט אלע געשריבנ אינ קרייצ־גראמענ.

מיט דער ליד „אינ קאמפ", געשריבנ אינ 4-שורעסדיקע סטראָפעס, איז עדעלשטאט שוינ געווענ צופרידנ. ער רעקאָמענדירט זײַנ שוועסטער צו זינגענ זי מיט דער מעלאָדיע פונ דער ליד „איכ זיצ בא מײַנ ארבעט", וואָס דער אלטער שנײַדער זאָלאָטאראָוו פלעגט זינגענ אינ זייער ראדיקאלנ קלוב אינ סינסינעטי. ער איז „ביז טרערנ צופרידנ", וואָס זײַנ „טאטינקע" וועט „איצטער קאָנענ אליינ לייענענ די פּאָעזיע פונ זײַנ פּאָעט". אונ „איכ אליינ, שרײַבט עדעלשטאט, בינ איצטער אויכ אײַנגעליבט אינ דער ייִדישער שפראכ אונ געפינ, אז זי איז זייער מוזיקאליש אונ פלאסטיש אפ אויסצודריקנ דעמ פאָלקס ליידנ אונ זײַנע האָפענונגענ אפנ זיג פונ עמעס אונ ברידערלעכקײַט".

עדעלשטאטס ליד „אינ קאמפ" ווערט באלד זייער פּאָפּולער. מיט א יאָר שפּעטער שטעלט מאָריס ראָזענפעלד עדעלשטאטס „אינ קאמפ" אינ איינ ריי מיט ווינטשעווסקיס „מארסעליעזע" אונ באטראכט בײדע לידער פאר פּראָלעטארישע מוסטער־לידער. אינ זײַנ ליד „דער ווארער** רעטער — רעוואָליוציאָנ" („מאָרגנשטערנ", 14 מארט, 1890) פאָדערט אופ ראָזענפעלד די רעוואָליוציאָנערע דיכטער:

* כײַע.

** עמעסער.

„זינגט אונדז יעצט דאָס ליד „אין קאַמף",
זאָל דונערן די מאַרסעליעזע!"

ניט ווייניקער דערפֿאָלג האָט עדעלשטאַטס ליד „די צוואָע" („וואַרהײַט", 22-טן מאַרט). זײַנע כאַווײרים האָבן באַלד צוגעפּאַסט צו אָט דער ליד אַ מעלאָדיע פֿון אַ רוסישער רעוואָלוציאָנערער ליד און זי געזונגען.[70]

אין אַ בריוו צו זײַן שוועסטער פֿונעם 23-טן מאַרט שרײַבט עדעלשטאַט: „די „צוואָע" מײַנע איז אַ סאַכן אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז בײַ זיי איז אויסגעוואַקסן אַן אַפּעטיט צו אַזאַ פֿײַערלעכער לעווײַע".[71]

פֿון עדעלשטאַטס 14 געזונגענע לידער זײַנען אַכט („אין קאַמף", „די צוואָע", „נאַטור און מענטש", „אין לאַנד פֿון די פּיראַמידן", „מײַן לעצטע האָפֿענונג", „דער שנײַדער", „דער אַרבעטער" און „דער וועקער") געשריבן אין דער ערשטער העלפֿט פֿון יאָר 1889. דרײַ פֿון זיי: „אין קאַמף", „די צוואָע", „דער אַרבעטער" זײַנען אויסגענוצט געוואָרן אין דער פֿאָלקלאָרישער אַרבעטער-ליד[72]. און די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס אין רוסלאַנד פֿלעגן זיי אויך באַניצן פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע-צוועקן.[72a] די צאַרישע רעגירונג פֿלעגט דעריבער פֿאַרפֿאָלגן די אַרבעטער, בײַ וועמען מע האָט געפֿונען עדעלשטאַטס לידער.[72b]

פּונקט ווי מאָריס ראָזענפֿעלד אין „אַרבעטער-פֿרײַנט", אַזוי אויך שרײַבט זיך אונטער עדעלשטאַט אין דער „וואַרהײַט" מיט לאַטײַנישע בוכשטאַבן (מאָריס ווינטשעווסקי פֿלעגט דעמלט נאָך אײַנגאַנצן ניט אונטערשרײַבן זײַן נאָמען אָפּ זײַנע לידער). פּונקט ווי ווינטשעווסקי און ראָזענפֿעלד, אַזוי באַניצט זיך אויך עדעלשטאַט מערסטנס מיט קרייץ-גראַמען. ער האָט אָבער אויך אַנדערע פֿאָרמעס: פּאָר-גראַמען („געדאַנקען אין פֿאַבריק"), גאַרטל-גראַמען („דער וועקער", „דער פֿאַל פֿון דער באַסטיליע") און דורכגעלאָזטע גראַמען („וואָרע און פֿאַלשע העלדן", „דאָס פֿאַבריק-קינד" און „דער אַרבעטער").

עדעלשטאַטס לידער אין דער „וואַרהײַט" צייכענען זיך אויס מיט זייער דירעקטן אַפּעלירן צו די אַרבעטער-מאַסן. אונטערן אײַנפֿלוס פֿון ווינטשעווסקיס לידער פֿון נויט[73] און ראָזענפֿעלדס לידער פֿון שאַפּ פֿאַרעפֿנטלעכט אויך עדעלשטאַט אַ ריי לידער, וווּ ער באַשרײַבט דירעקט דעם עלנט און די נויט פֿון די אַרבעטער-מאַסן. אין זײַנע שפּעטערדיקע לידער האָט ער קיין געדולד ניט פֿאַר רעאַליסטישע שילדערונגען פֿונעם לעבן אין דער קעגנוואַרט. ס'לאָזט זיך אַלץ מער פֿילן די אַנאַרכיסטישע וועלטאַנשויונג, די אָפּגעריסנקייט פֿון דער קאָנקרעטער פּראָלעטאַרישערווירקלעכקייט.

אַ טייל פֿון זײַנע לידער אין דער „וואַרהײַט" האָט עדעלשטאַט איבערגעדיכטעט פֿון זײַנע רוסישע לידער. אַזאַ איבערדיכטונג האָבן מיר אין זײַן ליד „וואָרע און פֿאַלשע העלדן", געדרוקט אין „וואַרהײַט" פֿאַרן 8-טן מײַ — פֿון „Герой нашего времени", „אַ שטיקעלע ברויט" („וואַרהײַט" פֿאַרן 13-טן מײַ) האָט מאָטיוון פֿון „Друзьям" און פֿון „Работники", זײַן ליד „מײַן לעצטע האָפֿענונג" („וואַרהײַט" פֿאַרן 10-טן מײַ) האָט גאַנצע סטראָפֿעס פֿון „Записки пролетария" און די ליד „בלומען

און שטערן" („ווארהײַט" פארן 17-טן אפּרעל) איז איבערגעדיכטעט פון „Картинки".

איין ליד — „דער ארבעטער" (ווארהײַט פארן 7-טן יוני) איז פארעפנט־לעכט מיט א צושריפט „נאָך נעקראסאָוו". אין עדעלשטאטס מאנוסקריפּט איז אָט די באצייכענונג ניטאָ. עס זעט אויס, אז עדעלשטאט האָט, ווי ס'איז אָנגעוויזן אין דער זאמלונג „פּראָבלעמעס פון פאָלקלאָריסטיק" און אין „פאָלקלאָר־לידער"[72], גענומען דעם דאָזיקן מאָטיוו פון א רוסישער פאָלקיס־טישער וועבער־ליד, וואָס ער האָט אינגאנצן איבערגעארבעט און איר גע־געבן א רעוואָליוציאָנערע טענדענץ. ער האָט זי, מעגלעך, געהערט זינגען אין א רוסישן ראדיקאלן קרײַז. ער איז אָבער ניט געווען זיכער אין דעם, און אינעם לעצטן מאָמענט האָט ער אליין, אָדער דער רעדאקטער, ווע־מען עדעלשטאט האָט איבערגעגעבן זײַנע ספּייקעס, צוגעשטעלט די ווערטער „נאָך נעקראסאָוו".

צווישן עדעלשטאטס לידער אין דער „ווארהײַט" זײַנען פאראן צוויי, וואָס האָבן צו זיך ניט קיין גלײַכן אין זײַנע ווײַטערדיקע שאפונגען. דאָס זײַנען „יעציִעס־מיצראיִם" (אין לאנד פון פּיראמידן)[74] און „בלומען און שטערן".

עדעלשטאט באניצט זיך ניט אין ערגעץ מיט קיין ביבלישע מאָטיוון. די היסטאָרישע מאָמענטן אין זײַן פּאָעזיע און פּראָזע — דאָס זײַנען די פראנ־צויזישע רעוואָליוציע (1789), די פּאריזשער קאָמונע (1871), דער אטענטאט אַף אלעקסאנדער דעם צווייטן (1881) און די טשיקאגער טראגעדיע (1886—1887). זײַן טעמע „יעציִעס מיצראיִם" נעמט עדעלשטאט א פּארטיקע בא יאָהאנן מאָסט, וועמעס ארטיקל „דער נײַער יעציִעס מיצראיִם" איז געווען גע־דרוקט אין דעם ערשטן נומער פון דער „ווארהײַט". מאָסט פלעגט האלטן ספּעציעלע רעדעס אַפ אָט דער טעמע, ווי עס איז צו זען פון די אנאָנסן אין דער פרעסע פון יענער צײַט און אויך פון די שפּעטערדיקע יאָרן[75]. נאָר בײַס אין מאָסטס ארטיקל ווערט דערקלערט, אז „מוישע איז דער סאָציִאליזם", רעדט עדעלשטאט בלויז פון סטאם א העלד. עדעלשטאטס אויס־פיר איז: „פאָלק, זײַ דו זעלבסט דײַן שיינער העלד!"

„אלע שקלאפן זינד * יעצט ברידער,
רייכט זיך, ברידערלעך, די הענט,
שטירצט די ווילדע פארעס נידער
און פון קנעכטשאפט מאכט אן ענד!"

אין זײַן ליד „בלומען און שטערן" („ווארהײַט", 19־טן אפּרעל 1889) האָט עדעלשטאט נעזוכט אויסצודריקן און גלײַכצײַטיק צו פארמאסקירן זײַן אינערלעכן געראנגל צווישן פרויען־ליבע און געזעלשאפטלעכן אידעאל, צווישן „ערדישע בלומען" און „הימלישע שטערן".

דאָוויד עדעלשטאט איז א פּאָר מאָל שטארק געווען פארליבט: איין מאָל אין א ביבליִאָטעקערן אין סינסינעטי[76], א צווייט מאָל אין א פידל־שפּילערן

* זײַנען.

אין ניו־יאָרק. וועגן זיין ערשטער ליבע האָט עדעלשטאט געזונגען בלויז אין רוסיש, אין זיין ליד „Милая Американка“ (ליבע אמעריקאנערן):

„קינד פון ליבע, קינד פון פרייהייט,
הימל־שיינע קינד,
פון נאטור די שענסטע שאפונג —
ביסט מיין טרוים אציגד“.

„אָ, ווי איך וואָלט איצט וועלן שפירן
דאָס וואָרט פון „זיין אָדער ניט זיין“,
צי וועסטו ערלעך מיך נאָך ליבן,
צי עפשער ווערן מיר א פיינט“ 20.

וועגן דער ניו־יאָרקער פידל־שפּילערן האָט עדעלשטאט א פּאָר לידער אין רוסיש— „Картинки“ (בילדלעך) און איינע אין יידיש—„בלומען און שטערן“. איןביידערליי לידער פארמאסקירט עדעלשטאט זיין געליבטע אין דער געשטאלט פון א בלום. זיין יידישע ליד הייבט ער אָן מיט די ווערטער „איך בין פארליבט אין א שניי-ווייסע בלום“. אין איינער פון זיינע רוסישע לידער שילדערט ער זי אלס ליליע (וואָס איז א טאָכטער פון אטלאנטיק און רייַן) מיט וווּנדער-אויגן פון א דייטשקע און מיט א געשטאלט פון א יענקי. אין א צווייטער ליד אין רוסיש זינגט עדעלשטאט אזוי:

„כ׳האָב פארליבט זיך אין דער ליליע,
זי איז שנייִק־ווייס און מילד,
און איך קוש זי און איך האלדז זי,
און איך גלעט איר הייליק בילד.

כ׳קום באנאכט צו דער אלייע,
פארטייעט גיי איך צו איר צו—
עס דרימלט איין מיין בלייכע ליליע
אין שטילער און אין זיסער רו.

מיט לעוואָנע־שיין באשפּריצט שוין
איז איר קערפּערל איר צארטס,
און זי אָטעמט ווי דער פרילינג,
ווי דער פרילינג אין מיין הארץ.

דער גערויש פון קוואל פון בלויען
האָט זי שוין פארוויגט פון לאנג,
ווי די ליד פון צויבער־פויגל,
וועלכער ציטערט פון געזאנג“ 12.

די שיינע יונגע פידל-שפּילערן, אין וועלכער דאָוויד עדעלשטאט איז געווען האָפענונגלאָז פארליבט, און בענעגייע צו וועלכער ער איז געווען שטארק אייפערזיכטיק, פלעגט אין די אָוונטן ארויסטרעטן אין א ביר-גאָרטן. פלעגט עדעלשטאט אינאָוונט קומען אהין טרינקען א גלאָז ביר, קעדיי צו זען זי[77]. ער האָט אָבער קיין מוט ניט געהאט צו דערקלערן זיך איר אין ליבע. פונקט אזוי איז געווען בא אים מיט זיין געליבטער ביבליאָטעקערן אין סינסינעטי.

„ווען עס קומט צו די נאַכט, און עס איז שטיל אומעטום,
אין הימל שײַנען די שטערן,
דאַן גיי איך אין גאָרטן צו מײַן שניי־ווײַסע בלום—
צו זען זי בין איך גערן״.

זעט ער זי ניט, ווילט זיך אים „קלאָגן״, און ווען ער זעט זי יאָ, ווערט ער „שטום״ און קאָן קיין וואָרט „ניט זאָגן״.

עדעלשטאַט מאַכט פון נויט א טוגנד. ער דערקלערט, אז מע קאָן זיך אָפּ די „ערדישע בלומען״ ניט פאַרלאָזן. זיי ליבן הײַנט שיינע רויזן און מאָרגן די נאַכטיגאַל און איבערמאָרגן א גאָלדענע פליג [78]. ער גיט אָפּ דעריבער דעם פאָרצוג „די הימלישע שטערן״, וועלכע זײַנען גוט און טרײַ, נאַרן ניט און שטערן ניט (ווי די פרויען־ליבע) „צו זײַן פאַרגניגן און פרײַ—די „הייליקע שטערן״,

„וואָס וועלן באַלײַכטן מיט בליצנדע שטראַלן
פאַר עלנטע מענטשן דעם וועג,
און אין דער פינצטער ניט לאָזן זיי פאַלן—
פירן צו א הייליקן צוועק״.

די ניט־קלאָרקײַט פון עדעלשטאַטס „בלומען און שטערן״ איז אויסגעלאַכט געוואָרן אין לאָנדאָנער „אַרבעטער־פרײַנט״ פון 10—17־טן מײַ 1889. פונקט ווי אין דער „וואַרהײַט״, איז דאָרט געווען אן אָפּטייל „אָפּפער־אַלטאַר״, און ווער עס האָט געבראַכט אַן „אָפּפער״ (באַשטײַערונג) אויפן „אַלטאַר״ (פאַרן פאָנד) פון דער צײַטונג, האָט געהאַט די פּריווילעגיע עפּעס צוצושרײַבן דערצו [79]. האָט עמעצער געגעבן 2 פענס און אָנגעשריבן:

„פ״. [פרײַנט] ד. עדעלשטאַט — וואָס זאָל איך שליסן פון אײַערע בלומען און שטערן? די ד־ופּט שמעקט — דער בלומען זינגען וועלקט״.

זײַן געראַנגל צווישן פרויען־ליבע און סאָציאַלן אידעאַל האָט עדעלשטאַט געזוכט צו פאַרבאָרגן אפילו פון זײַן איינציקער שוועסטער, מיט וועלכער ער איז, געוויינלעך, געווען זייער אָפנהאַרציק. אין א בריוו פונעם 23־טן מאַרט, אנערעכן מיט א כוידעש פריִער ווי ס׳איז געווען געדרוקט זײַן ליד „בלומען און שטערן״, זוכט עדעלשטאַט אָפּצומעקן בא זײַן שוועסטער יעדן כשאַד, אז ער איז פאַרליבט אין אוועלכער־ס׳ניט־איז פרוי. ער דערקלערט איר, אז ער איז שוין „צו אַלט פאַר דער ראָליע פון א פאַרליבטן״, און אז ער איז פאַרליבט בלויז אין זײַן מוזע. דאָך, ווי ס׳איז קענטיק פון זײַנע שפּעטערדיקע בריוו, איז דער 23־יאָריקער אַרבעטער־דיכטער געווען אַרומגערינגלט מיט שיינע יונגע פרויען, צו וועלכע ער איז ניט געווען גאָר גלײַכגילטיק. זײַן שעמעוודיקײַט האָט אים אָבער ניט דערלאָזט צו דערנענטערן זיך אפילו צו די, וואָס ער האָט געליבט. שפּעטער באַקומען בא אים די „שטערן״ די איבערבערהאַנט איבער די „בלומען״, און ער לעבט בלויז פאַר זײַן אידיי.

★

דאָוויד עדעלשטאט קריגט פאר זײַנ ארבעט אינ דער שנײַדער-שאפּ 8 דאָלער א וואָכ[80]. דאָס איז לויטנ געלט-ווערט פונ 1889 אימ געווענ פול-שטענדיק גענוג צומ לעבנ. אלס רעזולטאט אָבער פונ זײַנע פיר ארבעטלאָזי-קע כאדאָשימ אינ ניו־יאָרק האָט ער געהאט א סאכ כויועס, אונ, ווי ער דריקט זיכ אויס אינ א בריוו צו דער שוועסטער פאר יונ 1889: „אלע פאָ-דערנ, אונ אלעמענ דארפ מענ באצאָלנ". עדעלשטאט האָט דעריבער געמוזט לעבנ זייער אָרעמ. ער האָט געוווינט צוזאמענ מיט זײַנ כאווער הילעל זאָלאָ-טאראָוו, בא יענעמס עלטערנ, אינ א „דריטל ווערשקנ קעמערל, טונקל, פײַכט אונ שווער צו אָטעמענ" [81]. די איינציקע דעקאָראציע אינ זײַנ צימער איז געווענ א בילד פונ היינע, געשענקט פונ א פארערערנ [82].

דעמ 25־טנ מײַ האָבנ עדעלשטאטס פרײַנט געפײַערט זײַנ געבורטס-טאָג[83]. אינ א בריוו פונעמ 28־טנ מײַ צו זײַנ שוועסטער דערציילט עדעלשטאט, אז גלײַכ באגינענ האָט אימ זײַנ גוטע באקאנטע אנא נעטער [84] געבראכט א בוקעט בלומענ. „מיר רופנ זי, — שרײַבט ער, — די קליינע גוטע נעטער. דאָס איז א קליינינטשקע שיינינקע ברונעטנ, א ביסל אנ עקסצענטרישע, נאָר זייער אנ ערלעכע אונ א גוטע". באטאָג האָט ער מיט עטלעכע פרײַנט פארבראכט אפנ קליינעמ אינדזל, ווו עס שטייט די „פרײַהײַט - סטאטוע". אינאָוונט ווערט לעקאָוועד אימ געהוליעט ביז 2 אזייגער באנאכט. אפ דער הוליאנקע זײַנענ געווענ, שרײַבט ער, סאָציאליסטנ אונ סאָ-ציאליסטקעס אונ גלאט מיידלעכ פונ אונדזער קרײַז, פארערערנס פונ „מײַנ פאָעטישנ טאלאנט". עס זײַנענ געהאלטנ געוואָרנ רעדעס וועגנ זײַנ באדײַטונג אלס פאָעט, אלס מענטש, אלס פרײַנט אאוו.

עדעלשטאט איז אינ ניו־יאָרק ארומגערינגלט מיט פרײַנט אונ כאווײ-רימ. ער האָט כײשעק דאָרט צו פארבלײַבנ אונ ניט מער צוריקצוקערנ קיינ סינסינעטי, די פאמיליע ציטערט אָבער איבער זײַנ שוואכנ געזונט. אינ זײַנ בריוו פונעמ 23־טנ מארט צו זײַנ שוועסטער ווידמעט ער איר א ליד „Сон" (א כאָלעמ), אינ וועלכער ער שטעלט זיכ פאָר, אז ער איז אינ דער היימ, אונ די מאמע זאָגט צו אימ: „מײַנ קינד, דו ביסט בלייכ"... „האָסט זיכ געמא-טערט, האָסט געליטנ נויט אינ דער פרעמד"... נייטיקט די אָרעמע פאמיליע זיכ ווידער ער זאָל געבנ צושטײַער אפ איר כא׳ונע. זײַנע עלטערנ אונ שוועסטער פארלאנגענ דעריבער, ער זאָל קומענ צוריק אהיימ [85]. דאָס איז פאר אימ א שווערע פראָבלעמ. „אז איכ הייב אָנ טראכטנ וועגנ מײַנ נע-סיִע, — שרײַבט ער אינמיטנ יונ צו זײַנ שוועסטער, — קומענ בא מיר אופ צוויי פארשיידענע דילעמעס: איכ וויל אײַכ אלעמענ זענ, לעבנ מיט אײַכ אונ טיילנ מיט אײַכ אלצ, וואָס עס פאלט אויס אפ אונדזער גוירל. אונ דערנאָכ דערמאָנט זיכ ווידער אונדזער פארשלאָפענע שטאָט, וואָס אָטעמט קוימ, מיט איר מאָנאָטאָנישקײַט, אונ מיר דוכט זיכ, אז איכ וועל ווי-דער ניט קאָנענ לאנג זיכ האלטנ אינ איר שטיקנדיקער סוויווע. אָבער נאָכ

689 — 4

לאנגע טראכטענישן האָב איך פּאָרט באַשלאָסן קומען צו פאָרן, אויב ניט אַפּ שטענדיק, איז אַפּ אַ שטיקל צײַט".

זײַן לעבן אין ניו־יאָרק כאַראַקטעריזירט ער מיט פּרוגס ווערטער:

„פרייד אַ טראָפּן, לייד אַ קאָס —
דאָס איז אונדזער לעבנס־מאָס".

ער הייסט געבן צו וויסן דער סינסינעטער ביבליאָטעק, אַז „דער פלײַסיקער באַזוכער קומט ווידער, נאָר מיט אַ נײַער באָרד און מיטן נאָמען פון אַ יידישן פּאָעט". ער באַמערקט דערצו, אַז דאָס זײַנען די איינציקע זאַכן, וואָס ער וועט ברענגען צו פירן פון ניו־יאָרק.

צו עדעלשטאַטס אַנטשיידונג צוריק צו פאָרן קיין סינסינעטי האָט אויך מיטגעווירקט די שלעכטע לאַגע פון דער „וואַרהײַט". דעם 14-טן יוני איז די „וואַרהײַט" ניט דערשינען. דעם 21־טן איז זי דערשינען מיט עדעלשטאַטס רוף „אַן די געגאַסן", אין וועלכן ער שרײַבט:

„די וואַרהײַט ליגט עלנט אין קייטן געשלאָסן,
פאַרוווּנדעט פון שרעקלעכן פײַנט,
אָ, וואַרהײַט! ווו זיינען דײַנע טרײַע גענאָסן?
ווו זײַנען דײַנע ערלעכע פרײַנט?"

עדעלשטאַט וויל ניט גלייבן, אַז אַלץ איז שוין פאַרלאָרן.

„ניין, ברידער, איך קען ניט, איך וויל דאָס ניט גלייבן!
מיר זײַנען פאַרמאַטערט, פאַרשקלאַפט,
אין שטײַגן פאַרצאַמט, ווי געפאַנגענע לייבן,
אָבער דאָך איז ניט טויט אײַער קראַפט".

ער ווײַזט אָן, אַז ווער עס ווייס די געשיכטע פון דער וועלט, דער קאָן די האָפענונג אַפּ פרײַהײַט ניט פאַרלירן, און ער מאַכט דעם אויספיר:

„און ווען איר האָט האָפענונג, פאַרלירט ניט די וואָפן,
וואָס קאָנען אײַך פירן צום זיג,
פאַרלירט ניט די וואַרהײַט, זי קעמפט פיר די שקלאַפן,
פיר מענטשלעכע פרײַהײַט און גליק!"

דעם 28-טן יוני דערשײַנט ווידער אַ נומער פון דער „וואַרהײַט". איר אונטערגאַנג איז שוין אָבער אומפאַרמײַדלעך. איר לעצטער (20־טער) נומער דערשײַנט דעם 12-טן יולי, ווען עדעלשטאַט איז שוין צוריק אין סינ־סינעטי, פונוואַנען ער האָט צוגעשיקט אין דער צײַטונג זײַן ליד „דער פאַל פון דער באַסטיליע" (געשריבן דעם 6־טן יולי).

זײַנע לעצטע צוויי לידער אין דער „וואַרהײַט" זײַנען די איינציקע, וואָס זײַנען געווען געשריבן אין זעקס־שורעסדיקע סטראָפעס און אין גאַרטל־גראַ־מען. ביידע אַנטהאַלטן פלאַמיקע אויפרופן צום קאַמף קעגן סוינע. אין דער ערש־טער פון אָט די צוויי לידער, „דער וועקער" (28־טן יוני), רופט עדעלשטאַט די אַרבעטער צו קומען מיט „פרײַע ווערטער, פרײַע הערצער" אין זײַן „פאָלק", וואָס וויל „פון שקלאַפן־יאָך באַפרײַען דאָס אונטערדריקטע פאָלק". ער זאָגט זיי:

„הערט, ווי אונדז דער פײַנט באַליידיקט,
גאָטעספּורכט און קנעכטשאַפט פּריידיקט
פאַר דעם אַרבעטמאַן...
שווינג געגוג אין קייטן שלאָפן,
ברעכט די קערקער־טירן אָפן,
טויט צו דעם טיראַן!"

אין דער ליד „דער פאַל פון דער באַסטיליע" שילדערט עדעלשטאַט, ווי עס פאַלט די באַסטיליע — „די שרעקלעכע מאַכט פון פראַנקרײַכס געקרוינטע באַנדיטן". איצט זעט ער, ווי עס הייבט זיך אויף א געוואַלדיקער שטורעם קעגן דער „שוואַרצער באַסטיליע" פון דער וועלט, „ווי א ברודער דערמאָרדעט דעם צווייטן, דריקט אים, באַרויבט אים און שליסט אים אין קייטן, פאַרקויפט אים פאַר לוקסוס און געלט". עדעלשטאַט קומט צום אויספיר, אַז „די הייליקסטע פליכט פון מענטשלעכע פליכטן" איז „צעברעכן, פאַרברענען, פאַרניכטן דיזע שוואַרצע באַסטיליע דער ערד!", און ער רופט צום פאָלק:

„ער וועקט דאָך דײַן גײַסט, דײַן קראַפט, דײַן צאָרן —
דער מענטש איז פאַר ליבע, פאַר פרײַהייט געבאָרן —
פאָרווערטס מיט פלאַם און מיט שווערד".

עדעלשטאַט האָט זיך באַטייליקט אין דער „וואַרהייט" ניט בלויז מיט זײַנע לידער. ער האָט אויך געשריבן אַדרעסן פאַר איר עקספּעדיציע און געטאָן אַלערליי אַנדערע טעכנישע אַרבעטן אין דער רעדאַקציע[76]. דער אונטערגאַנג פון דער „וואַרהייט" האָט אָפּגעשוואַכט זײַן צובונד צו ניו־יאָרק און אים לײַכטער געמאַכט זײַן צוריקרײַזע קיין סינסינעטי (סאָף יונ). אָן דער „וואַרהייט" האָט די ניו־יאָרקער ייִדישע ראַדיקאַלע געזעלשאַפטלעכקייט אויסגעזען בײַ עדעלשטאַטן אַזוי, ווי ער שילדערט זי אין זײַן האַלב־פעליעטאָניסטישן מאָנאָלאָג „צווישן ניו־יאָרקער ראַדיקאַלן (א שאָטן־בילד פון אַגיטאַציאָנס־לעבן אין ניו־יאָרק)". ער דערציילט דאָרט, אַז ער האָט פריִער געלעבט אין א „קליינער קאַונטרי" (פּראָווינץ־שטעטל), ווו עס איז אים ענדלעך זייער „לאַנגווײַליק געוואָרן" און ער האָט „באַשלאָסן פאָרן קיין ניו־יאָרק". ער באַזוכט דאָרט די אַנאַרכיסטישע און סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען. אומעטום געפינט ער א גרינגשעצנדיקע באַציִונג צו די רעדנער און שרײַבער פון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג. עדעלשטאַט מאָלט א בילד פון א ניו־יאָרקער „קאַפע־סאַלון" (דאָס, וואָס מע וואָלט הײַנט אָנגערופן א ליטעראַרישע קיבעצאַרניע):

„דער פּלאַץ איז געווען אָנגעפּאַקט מיט מענער. געל־בלויע, שוואַרצע, בלאַסע, דומע געזיכטער (דומע איז אויך א מין פאַרב...) האָבן געשמייכלט, געקרימט זיך, אָדער גלאַט אַזוי טאַמעוואַטע געקוקט אין דער וועלט אַרײַן. מע האָט געטרונקען, געגעסן, געראויכערט סיגאַרעטלעך, געלייענט צײַטונגען, קריטיקירט, געשריִען, געלאַכט".

דאָוויד עדעלשטאַט שילדערט, וויאַזוי ער, דער פּראָווינציאַל, ווערט באַגלייט אין „קאַפע־סאַלון" פון זײַנעם א ניו־יאָרקער פרײַנט. ווען יענער פרעגט,

װיִאזוי דאָס געפעלט אים, ענטפערט עדעלשטאט: „עס קוקט מיר אויס ווי א דולהויז". דער ניו-יאָרקער פרייַנט ווייַזט אים אָן אף „א יונגנמאנ, וואָס שפילט אזוי הייס אינ פינאָקל", אונ דערקלערט אים, אז „דאָס איז דער רעדאקטער פונ אנ ארבעטער-צייַטונג"... ווענ דער ניו-יאָרקער באגלייטער דערציילט אים, „אז דאָ פארברענגענ מיר די צייַט נאָכ אונדזער ארבעט, נאָכ די פארזאמלונגענ", פרעגט עדעלשטאט: „אונ ווענ לייענט איר עפעס, ווענ לערנט איר?" ענטפערט דער ניו-יאָרקער פרייַנט: „דו ביסט א נאר. ווער לייענט עפעס אינ ניו-יאָרק, אכוצ א צייַטונג אינ א קאפע-סאלונ? ווער לערנט, אכוצ דער, וואָס דענקט קריגנ א דיפלאָם אונ מאכנ ביזנעס?"... עדעלשטאט מיינט צוערשט, אז ער וועט זייַנ אימשטאנד צו רעפאָרמירנ די ניו-יאָרקער ראדיקאלע קרייַזנ. ער ווערט א „מיטגליד פונ די סאָציאַל-דעמאָקראטישע אנארכיסטישע פאריינענ". ער זוכט אריַינצוברענגענ אינ זיי א נייַעם גייַסט. נאָר אלס „אנ אומפראקטישער גרינהאָרנ" ווערט ער ארויסגעוואָרפנ פונ אָט די „פראקטישע" אָרגאניזאציעס. עדעלשטאט פארענדיקט זייַנ פעליעטאָנ דערמיט, וואָס ער פאקט איינ זייַנע זאכנ אונ פאָרט צוריק אינ זייַנ קליינ שטעטל...

9

„פאסקארעל"

עדעלשטאט קומט צוריק אינ סינסינעטי מיט „א נאָמענ פונ א יידישנ פאָעט". די פריוואטע סאָציאַליסטישע „ניו-יאָרקער יידישע פאָלקסצייַטונג", וועלכע איז זינט איר גרינדונג (אינ 1886) אנערקענט געוואָרנ פונ דער באוועגונג פאר אנ ארבעטער-צייַטונג[86], האָט עס באקאנט געמאכט איבערנ גאנצנ לאנד. באלד נאָכ זייַנ אָנקומענ אינ סינסינעטי האָט די „ניו-יאָרקער יידישע פאָלקסצייַטונג" (פונעם 5-טנ יול 1889) פארעפנטלעכט א קורצנ ארטיקל מיטנ נאָמענ „דער יונגער פאָעט עדעלשטאט". דער ארטיקל הייבט זיכ אָנ אזוי:

„דיזע וואָכ איז דער יונגער פאָעט עדעלשטאט פארייַזט צו זייַנע עלטערנ אינ סינסינעטי, אומ זיכ נאָכ זייַנע שווערע קערפערלעכע ארבעט זיכ אויסצורוענ אונ זייַנ שוואכעס געזונטהייַט צו קרעפטיקנ. אויסער דעמ, וואָס עדעלשטאט באזיצט א ווארעמע הארצ פאר זייַנע לייַדנדע ברידער, איז ער שטענדיק בערייט [שטענדיק גרייט] זייַנ פאר דיזע מיט לייַב אונ זעלע צו קעמפנ אונ וואָס ער האָט אויכ טרייַלעכ געטאָנ.

עדעלשטאט באזיצט א ווארנ פאָעטישנ טאלאנט אונ מע קאָנ זאָגנ, דאָס ער איז יעצט דער איינציקער אונטער די יידישע פאָעטנ, וועלכער אלס ווארער פרייַנט פונ די ארבעטנדע פאָלקסמאסנ, האָט אויכ זייַנ גוואלדיקנ טאלאנט צומ נוצנ פונ זייַנע ברידער פארווענדט. דאָס קאָנ מענ אויכ זענ פונ זייַנע ווערטער אינ זייַנ ליד „אינ קאמפ", ווענ ער רעדט צו דער קאפיטאליסטישער באנדע וועגנ דער אונטערדריקונג פונ פרייַהייַטס-גייַסט אינ פאָלק".

נאָכ דעמ, ווי די צייַטונג ציטירט אייניקע סטראָפעס פונ זייַנע לידער „אינ קאמפ", „מייַנ צוואָוע", „נאטור אונ מענטש", „ווארע אונ פאלשע העלדנ" אונ „יעציִעס מיצראִימ", פארענדיקט זי איר ארטיקל מיט די ווערטער:

„די יידישע ארבעטער-פרעסע קאָנ שטאָלצ זייַנ אפ דיזנ בליִענדנ פאָעטישנ טאלאנט".

מיטן אונטערגאנג פון דער „ווארהײט“ (דעם 12-טן יול 1889) הערט עדעלשטאט אוף אפ א ווײַלע צו שרײַבן אין יִדיש. פארוואָס ער דרוקט זיך ניט אין דעם לאָנדאָנער „ארבעטער-פרײַנט“, איז ניט קלאָר. ס'איז אויך ניט פארשטענדלעך, פארוואָס ער שרײַבט אין דער „ניו-יאָרקער יִדישער פאָלקס-צײַטונג“ אפ רוסיש [87], ער פארעפנטלעכט דאָרט נאָך טשערנישעווסקיס טויט זײַן ליד „Памяти Николая Г. Чернышевского“ [88] (צום אָנדענק פון ניקאָלײַ ג. טשערנישעווסקי). עס איז אויך ניט זיכער, צי ער האָט זיך באטייליקט אין דעם אנטירעליגיעזן פלוגבלאט [89], וואָס די „פּיאָנערע דער פרײַהײַט“ האָבן ארויסגעלאָזט ערעוו די „יאָמים-נוירויִם“ 1889. נאָר ווען די „ניו-יאָרקער יִדישע פאָלקסצײַטונג“ גייט אונטער (דעם 20-טן דעקאבער 1889), און איר רעדאקטער ד״ר א. ברעסלאווסקי הייבט אָן רעדאקטירן א נײַע צײַטונג — „דער מאָרגנשטערן“ — ווערט דאָרט עדעלשטאט א שטענדיקער מיטארבעטער [90].

דער „מאָרגנשטערן“ איז געגרינדעט געוואָרן (דעם 17-טן יונ 1890), אלס א פריוואטע אומפארטייִשע ארבעטער־צײַטונג. דער רעדאקטער איז געווען א סאָציאַל־דעמאָקראט, נאָר אין זײַן צײַטונג האָבן מיטגעארבעט מער אנארכיסטן, ווי סאָציאַליסטן. די לעצטע האָבן זיך שוין געגרייט באלד ארויסצוגעבן זייער אייגענעם סאָציאַל־דעמאָקראטישן אָרגאן די „ארבעטער-צײַטונג“.

דאָוויד עדעלשטאט הייבט אָן מיטארבעטן אינעם דריטן נומער פונעם „מאָרגנשטערן“. ער ארבעט אין דער דאָזיקער צײַטונג, ביז זי גייט אונטער — דעם 20-טן יונ 1890. אפ זײַנע לידער אינעם „מאָרגנשטערן“ שרײַבט עדעלשטאט ניט אונטער זײַן נאָמען. ער שרײַבט אונטערן פסעוודאָנים „פאסקארעל“. דאָס טוט ער אָבער ניט, קעדיי צו פארבאָרגן דעם פאקט פון זײַן מיטארבעט דאָרט. די ערשטע צײַט שרײַבט ער זיך אונטער „ד. פאסקארעל“. און אמאָל אויך „ד. פאסקארעל, סינסינעטי“. אפ זײַן ליד אין „ארבעטער-פרײַנט“, געשריבן דעם 1-טן מארט, שרײַבט ער זיך אונטער „ד. עדעלשטאט (פאסקארעל)“. דער פסעוודאָנים „פאסקארעל“ איז געווען א פאָן. ער האָט דערמיט געוואָלט זיך אידענטיפיצירן מיטן העלד פון דעם ראָמאן „פאסקארעל“ („Pascarel — Ouly“, לאָנדאָן, 1872 — 2-טע אופלאגע 1885) פון דער ענגליש פראנצויזישער ראָמאן-שרײַבערן אוִידא — (Ouida Louise de la Ramée)

די ארענע פונעם ראָמאן „פאסקארעל“ איז איטאליע אין דער צײַט, ווען א גרויסער טייל אירער האָט זיך געפונען אונטערן יאָך פון דער עסטרײַכישער אימפעריע. פאסקארעל, א שיינער טאלאנטפולער שוישפילער, איז דער פירער פון א וואנדערנדיקער טרופע. ער איז זייער באליבט בא די ברייטע מאסן צווישן וועלכע ער אגיטירט (מיט זײַן בײַסנדיקער סאטירע) קעגן דעם עסטרײַכישן דריקער. די הערשנדיקע קלאסן זײַנען, נאטירלעך, קעגן אים. ער ווערט אפ א געוויסער צײַט פארשפארט אין געפענקעניש. ווען ער ווערט פרײַ, גייט ער אינעם פרײַהײַט-קריג קעגן עסטרײַך. ער קערט זיך אום צוריק אלס זיגער און איז נאָך מער באליבט ווי פריִער.

ווי אלע אוִידאס פאָלקיסטישע ראָמאנען [91], איז אויך „פאסקארעל“ פול מיט סענטימענטאלע מעליצעס וועגן ליבע אלס באפרײַענדיקע מאכט און מיט

ענלעכע פראזעס, וואָס מארקס און ענגעלס האָבן אָנגערופן „ליבעס־דוזע־לייען", און עס אזוי ביטער אויסגעלאכט בא דעם קלוימערשטן קאָמוניסט הער־מאַן קריגע, דעם רעדאקטער פון ניו־יאָרקער „פאָלקס־טריבון" (1846)[92]. אפ דעם יונגן סענטימענטאלן עדעלשטאט האָבן אָבער אוידאס פראזעס געמאכט א שטארקן איינדרוק. זייער איינפלוס פילט זיך אין זיינע רוסישע לידער „Бродяга" (וואגאבונד) און „Дед и внучка" (זיידע און אייניקל) און אין זיין דער־ציילונג „דער פארברעכער". עמעס, שוין אין „מאָרגנשטערן" דערקלערט עדעל־שטאט אין זיין ליד „מיין אנטוואָרט צו יִסראָעל בען אוילאָם"[93] (6־טן יונ 1890):

„דאָך, פריינט! לאָמיר לערנען די קעגנווארט האסן,
איר פאלשקייט, אומענטשלעכקייט, נויט —
דער האס וועט דערוועקן די ארבעטער־מאסן,
דער האס וועט צעברעכן די קייט" [94].

פאסקארעל, דער אויסלאכער און באקעמפער פון די אונטערדריקער, בלייבט בא עדעלשטאטן א מוסטער. ער טרוימט צו ווערן ענלעך צו פאסקארעלן: שרייבן רעוואָליוציאָנערע פיעסן פאר א וואנדערנדי־קער טרופע, ארומפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און אופקלערן די מאסן דורך שפיל און געזאנג[76]. אונטערן נאָמען פאסקארעל שרייבט אויך עדעלשטאט א צוויי צענדליק לידער פון ארבעט און נויט.

★

צווישן עדעלשטאטס לידער אין „מאָרגנשטערן" געפינען זיך צוויי, בא וועלכע ס'איז אָנגעגעבן זייער שייכעס צו נעקראסאָוון: „טייבעלע" — „א בילד פון לעבן נאָך נעקראסאָוו" (11־טן אפרעל) און „די פארשאָלטענע" — „פריי נאָך נעקראסאָוו" (25־טן אפרעל). די ערשטע ליד (ניט ארייגענומען גע־וואָרן אין קיין איינער פון די אויסגאבעס פון עדעלשטאטס שריפטן) גיט א בילד פונעם לעבנשטייגער פון די יִדישע ארבעטער אין אמעריקע אין די 80־ער יאָרן.

טייבעלע איז א „יונג ווייבל", די פרוי פון „א בלייכינקן שניידער", וואָס „ארבעט אינדרייען געבויגן". איר ווילט זיך „איר שיינעם לייב" מיט סאמעט „פארדעקן, ווי ציפקע דעם פאָרמאנס ווייב" (די פרוי פון דעם אופזעער איבער די ארבעטער אין פאבריק). זי וויל האָבן א גאָלדענע „וואטש און טשיין" (זייגער און קייט), א זיידענע „דרעס" (קלייד). עס איז איר אויך „צו אלט־מאָדיש דאָס מעבל" — „א הענגלייכטער וויל זי, א שאפע מיט א גרויסער גלעזערנער טיר, א קארפעט (דיוואן) און אויך א פאָר בילדער, און דערצו אויך אפ בעלער גיין".

„זי איז יונג! זי וויל נעבעך לעבן,
אונד די אָרעמע קאָן ניט פארשטיין,
אז דער ארבעטער טאָר יעצט ניט לעבן,
ער דארף זיין נאָר פארשווארצט אונד פארשמאכט".

קעדיי צו באפרידיקן טײַבעלעס פארלאנגען, מוז דער „בלייכינקער שנײַדער" ארבעטן זייער „שווער און ביטער, ער פילט שוין א ווייטעק אין ברוסט..." און „עס קלינגט מיט שווינדזוכט זײַן הוסט!" דאָך, ווען עס קומט „א שאבעס, א יאָנטעוו", ווען עס „האָט אויך א שנײַדער רו", גייט דאָס ארבעטער-פּאָרל ארויס שפּאצירן אין „גרענד סטריט" (די גרויסע גאס); ער איז אויסגעפּוצט אין א „פּרינץ אלבערט" (א פּ־אק און געניית לויטן פאַסאָן, ווי דאָס פלעגט טראָגן דער מאן פון דער ענגלישער קיניגן וויקטאָריע—פּרינץ אלבערט) און מיט א פארביקן „נעקטיי" (שניפּס). זי „זײַן ליבן טײַבעלע"— אין א „נײַע זײַדענע קליידעלע" און מיט גאָלדענער „וואטש און טשיין" („זייגער און קייט").

„זיי גייען אין גרענד סטריט שפּאצירן,
טײַבעלע שײַנט אין איר דרעס!
דאָך דער אָרעמער מאן אין „פּרינץ אלבערט"
איז אויסגעדארט, בלאס ווי א מעס".

דער הוסט לאָזט אים ניט צורו. זײַן טאשנטוך באדעקט זיך מיט בלוטיקע פלעקן, ווען ער לייגט עס נאָך צו צו זײַן מויל, און דער סאָף איז, אז אינגיכן וועט די „שיינע טײַבעלע" בלײַבן אן עלנטע „יונגע אלמאָנע".

★

עדעלשטאַטס ערשטע לידער אין „מאָרגנשטערן" — „אן די יידישע שריפטש-עלער" (31-טן יאנוואר) און דער „באליידיקטע העלד" (7־טן פעווראל 1890) רופן ארויס קעגן אים דעם באוווסטן שרײַבער פון שונד-ראָמאנען שאָמערן (נחום־מייער שייקעוויטש).

די מײַסע איז געווען אזוי. דער דײַטשישער סאָציאל-דעמאָקראטישער פירער בעבעל האָט באשולדיקט מאָסטן און אנדערע אנארכיסטישע פירער, אז זיי זײַנען פּאָליצייִשע אגענטן.95 עדעלשטאט רעאגירט אף דעם מיט זײַן ליד דער „באליידיקטער העלד", אין וועלכער ער רופט אָן בעבעלן דער „דײַטשער מענטשן-פרײַנט".

שאָמער, אן אמאָרעץ אין געזעלשאפטלעכע ענינים, האלט, אז דאָס מיינט מען זײַן צײַטשריפט „דער מענטשנפרײַנט", ווײַל ער שרײַבט דײַטשמעריש. ער נעמט דערפאר אָן, אז אויך אים האָט דאָז פּאסקאראַל (עדעלשטאט) געמיינט אין זײַן ליד „אן די יידישע שריפטשטעלער", אז א שרײַבער מוז האָבן „א ריינעם געוויסן"... „אז נישט וועט ער זיך מיט זײַן אייגענער האנט אין זײַן אייגענעם שמוץ באגראָבן". שאָמער שטעלט זיך אויך פאָר, אז דאָס אטאקירט אים די נײַע צײַטונג אויס קאָנקורענץ.

אין זײַן ענטפער „א שפּאָגל נײַע קאָנקורענציע" („מענטשנפרײַנט", פעוורואל 1890, זײַטן 18—19) שרײַבט שאָמער אזוי:

„נארישע יינגלעך, וואָס האָבן זיך ערשט אויסגעלערנט דעם א. ב., די שפּרינגען אויך ארויס מיט שימפּ־ווערטער און מיט קריטיק קעגן די בעסטע שרײַבער און ווילן אײַנבילדן די לעזער, אז קיינער קען ניט שרײַבן, נאָר זיי".

דער „מאָרגנשטערן“ פונעם 14-טן פעברואַר ענטפערט אפ דעם אין א אָפענעם בריוו צו שאָמערן מיטן נאָמען „א לעכערלעכער טאָעס“, וואָס לייענט זיך אזוי:

„ווערטער ה' שײַקעוויטש — נישט איך האָט גאָר געמיינט דער פּאָעט פּאסקארעל מיט זײַן געדיכט — דיזן פּאָעט וואָלט קיינמאָל אין קאָפּ גאָר ניט אײַנגעפאלן צו פארטיידיקן אירגענד וועלכן „העלד“ אפ דעם סאָציאלן שלאכט־פעלד קעגן אײַערע אָנגריפע. ווען מע רעדט פון א דײַטשן מענטשנפרײַנט, מיינט מען ניט דעם זשארגאָנישן, אונד דער „מאָרגנשטערן“ ווערט גע־וויס קיינמאָל זיך ניט דערלויבן אזא אזוס אונד שטעלן אפ א גלײַכער שטופע אויגוסט בעבעל דעם דײַטשן סאָציאל־דעמאָקראט מיט אײַך, ה' שײַקעוויטש... — אומזיסט אײַערע שענדלעכע שימפעריי, אונד גלייבט אונדז, דאָס מיר אנטוואָרטן אײַך נישט אום מיט אײַך צו פּאָלעמיזירן, זאָנדערן אום אײַך פון א קלעגלעכן אירטום ארויסצופירן“.

דאָס איז, נאטירלעך, ניט מער ווי א קוריאָז. אן ערנסטן כאראקטער טראָגן די שארפע אטאקעס קעגן עדעלשטאט־פּאסקארעל אין דער סאָציאל־דעמאָקראטישער „ארבעטער־צײַטונג“. יענע אטאקעס זײַנען שוין אָבער א טייל פון דעם קאמף צווישן די אנארכיסטן מיט די סאָציאל־דעמאָקראטן, פון דעם קאמף, וואָס האָט אָנהייב 1890 יאָר אָנגענומען א נײַע ווענדונג.

10

אין קאמף צווישן די סאָציאליסטן און אנארכיסטן

דער קאמף צווישן די ייִדישע סאָציאליסטן און אנארכיסטן אין אמע־ריקע איז אין די יאָרן 1888—1889 געווען הויפּטזאכלעך א קאמף פאר אײַנפלוס איבער די ייִדישע יוניאָנס[96]. סאָף 1889 ווערט דער קאמף צווישן זיי פארשארפט אויך ארום דער פראגע וועגן פארטייִשער אָדער אומפאר־טייִשער (געמיינט צווישנפארטייִשע) ארבעטער־פרעסע.

די אנארכיסטישע אָרגאניזאציע „פּיאָנערע דער פרײַהײַט“, וואָס איר וואָכנבלאט „די װארהײַט“ איז אונטערגעגאנגען, ווײַל זי האָט אליין ניט געקאָנט אויסהאלטן די דאָזיקע צײַטונג, איז ארויסגעטראָטן מיט א פּלאן פון א נײַער ארבעטער־צײַטונג „פון אלע ארבעטער און ריכטונגען פאר אלע ארבעטער און ריכטונגען“[97]. זי האָט דעריבער אײַנגעלאדן די סאָציאל־דעמאָקראטישע פאראיינען און די „פאראייניקטע ייִדישע געווערק־שאפטן“ (פארבאנד פון ייִדישע יוניאָנס) אפ א קאָנווענשאָן (צוזאמענפאָר) פון ייִדישע ארבעטער־אָרגאניזאציעס ארומצורײדן די פראגע וועגן ארויסגעבן א צווישנפארטייִשע ארבעטער־צײַטונג אין ייִדיש. דאָס איז געווען אן אנארכיסטישער מאנעוור: די אנארכיסטן האָבן אָנגעהויבן פילן, אז זייער אײַנפלוס הייבט אָן פאלן, אז די אגיטאציע פון די סאָציאליסטן באקומט וואָס ווײַטער אלץ א פעסטערן באָדן, און דער לאָזונג פון „אויסערפאר־טייִשקײַט“ איז, אזויארום, געווען א מאסקירונג פון אנארכיסטישער פאר־טייִשקײַט. כאראקטעריסטיש איז, וואָס אין לאָנדאָן, וווּ די אנארכיסטן

זײַנענ דעמלט געווענ אײַנפלוסרײַכער, זײַנענ זײ טאקע געשטאנענ פאר א פארטײיִשער אנארכיסטישער צײַטונג [98].

די סאָציִאל-דעמאָקראטנ אינ אמעריקע האָבנ געהאט מער אײַנפלוס ווי די אנארכיסטנ בא דער אָרגאניזירטער יִדישער ארבעטערשאפט. „בא די יוניאָנס — שרײַבט אנ אלטער אנארכיסטישער פירער — זײַנענ די פּאָשעטע דיבורים פונ די סאָציִאל־דעמאָקראטנ ווענג פארבעסערנ די איצטיקע לאגע, ווענג שטרײַקנ אדג. געווענ מער אָנגעלײגט (ווי די אנארכיסטישע טעאָריעס), אונ דעריבער זײַנענ אינ דאָסראָוו יוניאָנס די סאָציִאל-דעמאָקראטנ געווענ מער פּאָפּולער אונ האָבנ געהאט א גרעסערע דײע. אינ דער נאָרוואָס געגרינדעטער „פארײניקטע יִדישע געווערקשאפטנ” האָט דאָסראָוו פארטרעטער סימפּאטיזירט מיט די סאָציִאל-דעמאָקראטנ. שפּעטער א ביסל האָט די „פארײניקטע יִדישע געווערקשאפטנ” שוינ קימאט אָפיציעל אָנגענומענ א סאָציִאל־דעמאָקראטישע פיזיִאָנאָמיע אונ אָפנ געשטיצט די סאָציִאל־דעמאָקראטנ בא יעדער געלעגנהײַט [99]. די סאָציִאל־דעמאָקראטנ האָבנ דערפאר געהאט א מערהײַט אפ דער קאָנווענשאָנ, וואָס האָט געדויערט פונעם 25-טנ דעקאבער 1889 ביזנ 2־טנ יאנואר 1890.

אפ דער קאָנווענשאָנ האָבנ די „פּיאָנערנ”־דעלעגאטנ פאָרגעלײגט א פלאנ פונ אנ „אלגעמײנער צײַטונג פאר אלע סאָציִאליסטישע ריכטונגענ אונ מײנונגענ אונטער דער רעדאקציע פונ צוײ רעדאקטערס — א סאָציִאל־דעמאָקראטישנ אונ אנ אנארכיסטישנ”. זײער ארגומענט איז געווענ: ערשטנס, אז א „צײַטונג פונ אײנ ריכטונג קאָנ שווערלעכ עקזיסטירנ”, צווײטנס, אז „דער ארבעטער זאָל דורכ זײַנ צײַטונג באקאָנט ווערנ מיט אלע ריכטונגענ אונ מײנונגענ”, אפילע „אינ צײַט פונ א שטרײַק, צי אינ צײַט פונ וואלנ” [100]. די סאָציִאל־דעמאָקראטנ האָבנ אָנגעוויזנ, אז „די באוועגונג — — — איז שוינ אויסגעוואקסנ אונ מע מונ זי פירנ אינ א געוויסע ריכטונג, פירנ איר אינ צוײ ריכטונגענ מיטאמאָל איז שעדלעכ. אונ אויב אזוי, מוזנ די סאָציִאל־דעמאָקראטנ שטרעבנ צו אנ אײגענער פארטײיִשער סאָציִאל-דעמאָקראטישער ריכטונג” [101].

די קאָנווענשאָנ האָט זיכ געענדיקט מיט א פולשטענדיקער שפּאלטונג צווישנ די אנארכיסטנ מיט די סאָציִאל־דעמאָקראטנ. זײ האלטנ אָפּ צוײ באזונדערע קאָנווענשאָנס, א „פארטײיִשע”, ווי די אָנהענגערס פונ א פארטײיִשער צײַטונג זײַנענ דעמלט אָנגערופנ געוואָרנ, אונ אנ „אומפּארטײיִשע” — פונ די, וואָס זײַנענ געווענ פאר אײנ ארבעטער־צײַטונג פאר אלע ריכטונגענ. אינ דער צווײטער קאָנווענשאָנ האָבנ זיכ באטײליקט אויכ אזעלכע סאָציִאל־דעמאָקראטנ, וואָס האָבנ מוירע געהאט, אז א באזונדערער פארטײ-אָרגאנ וועט ניט קאָנענ עקזיסטירנ אונ וועט בלויז צעשפּליטערנ די קויכעס פונעם ארבעטער־קלאס. דאָס איז אויכ א געוויסע צײַט געווענ די מײנונג פונ א געוויסער צאָל ארבעטער [102]. בײדע קאָנווענשאָנס באשליסנ ארויסצוגעבנ צײַטונגענ: די ערשטע — א סאָציִאל־דעמאָקראטישע, די צווײטע — אנ אומ־פּארטײיִשע.

דאָוויד עדעלשטאט איז ניט געווען קיין דעלעגאט אף דער קאָנגרעס־וואַנען־שאַן[103]. ער איז אָבער געווען אין פולער איינשטימונג מיט זיינע כאווערים די „פיאָנערן", די „טרוט־סיקערס" (עמעס־זוכער). „דער אומפּאַרטייִשער און אינדערעמעסן אַנאַרכיסטישער אַרבעטער־פאַריין אין סינסינעטי, געגרינדעט אין יול 1889, וואַרשיינלעך, דורך עדעלשטאַטן, — דער דאָזיקער פאַריין, אין וועלכן עדעלשטאַט איז געווען טעטיק, שיקט אַריין 50 דאָלער, אַ גאָר גרויסע סומע פאַר יענער צייט, פאַרן פאָנד פון דער געפּלאַנטער אומפּאַרטייִשער צייטונג („מאָרגנשטערן", 1־טן פעוראַל 1890). עדעלשטאַטס מוסטער פון אַן אַרבעטער־צייטונג איז דער צוויי־פּאַרטייִשער „אַרבעטער־פרייַנט" אין לאָנדאָן, וועלכע ער באַמיט זיך אויך אין יענער צייט צו שטיצן פינאַנציעל[104]. ער שרעקט זיך ניט פאַרן צונאָמען „פאַרעווע לאָקשן", וואָס די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן געגעבן די אומפּאַרטייִשע סאָציאַליסטן. זיין אויבן דערמאָנטן פעליעטאָן „צווישן ניו־יאָרקער ראַדיקאַלן" הייבט אָן עדעלשטאַט מיט די ווערטער: „איך בין ניט קיין סאָציאַליסט; איך בין, וואָס מע רופט בא אייך „אַ פאַרעווער לאָקש". נעמט אָבער עדעלשטאַט פאַרטיידיקן זיין אומפּאַרטייִשקייט (צווישן סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן), ווייַזט ער זיך אַרויס פאַר אַ פאַרטייִשן אַנאַרכיסט, וואָס שטרעבט אייַנצורשמועסן די אַרבעטער, אַז אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטן זייַנען אָפּאָרטוניסטן, און אַז די עמעסע רעוואָליוציאָנערן זייַנען בלויז די אַנאַרכיסטן[105].

11

האס צום סוינע

דאָוויד עדעלשטאַט האָט פיל מאָל זיך אַליין כאַראַקטעריזירט אַלס „אַ טרוימער, אַ קינד פאַרליבט אין בלומען, אין שטערן", אַ „בלאַסער טרוימער", וואָס „קען נאָר ליבן מענטשן, ליבן מער ווי זיך"; אַן אומפּאַרטייִשער יונג, טרוימעריש און נאַיִוו, וואָס אפן לונג, דאָס אפן צונג, פון „ביזנעס קיין באַגריף".

„אַ טרוימער, וואָס זיין האַרץ פאַרביטערט
אַ צעטראָטענע בלום אין גאַס,
זעט ער אַ בעטלער, ווערט ער פאַרציטערט, —
אַ היימלאָזעס קינד מאַכט אים בלאַס".

דאָס לעבן האָט אָבער אָט דעם טרוימערישן דיכטער פאַרוואַנדלט אין אַ קעמפער. דער מענטשן־ליבהאָבער איז אָנגעפילט געוואָרן מיט צאָרן און האַס קעגן די, וואָס האָבן „ערד און מענטש פאַרשקלאַפט". דער „פאַרליבטער אין בלומען און שטערן" האָט ניט מער געקענט געניסן די שיינקייט פון דער נאַטור. אים האָט געשיינט, אַז די לעוואָנע און שטערן, און „די זילבער־ווייַסע ליליען־בלום פול זייַנעג מיט הייסע מענטשן־טרערן און זייַנען פון שרעקן בלאַס און שטום..." אין דעם געזאַנג פון דער „זיסער נאַכ־

טיגאל״ האָט דער ארבעטער-דיכטער געהערט „קייטנ-מוזיק איבעראל״... ער האָט געהערט „קייטנ בארבארישע קלינגענ״ אינ דער קלוימערשטער „פרײַער רעפּובליק״ אונ ניט געקאָנט מער זינגענ וועגנ ליבע, לוסט אונ גליק.

אלס דיכטער האָט זיכ עדעלשטאטנ אינ פרילינג געטרוימט „אזוי גערנ״, אלס קעמפער האָט ער אָבער ניט געטראכט וועגנ „בלומענ אונ שטערנ״, נאָר „וועגנ די שקלאפנ-געצעלטנ״, ווו אפילע „א פארוועלקטע בלומ״ זעט מענ זעלטנ... דאָוויד עדעלשטאט דערקלערט:

„איכ טרוימ ניט, ווי גליקלעכע דיכטער,
פונ ווײַנ אונ פונ ליבע אינ מײַ:
אָנ ווײַנ זײַנענ מיר ניכטער,
אָנ ליבע זײַנענ מיר פרײַ״.

דאָוויד עדעלשטאט איז צו זײַנע רעוואָליוציאָנערע אידייענ געקומענ אינ דער ערשטער ריי דורכ זײַנ ביטערער דערפארונג אינ לעבנ. זײַנ יוגנט איז פארשווּנדנ „אינ שטורעמ אונ קאמפּ״, ווי ער דערציילט אינ זײַנ ליד „מײַנ לעצטע האָפענונג״ („ווארהײַט״, 10 מײַ, 1889):

„פרי האָב איכ מײַנ הויז אונ מײַנ היימאט פארלאָרנ,
פונ קינדהײַט אָנ האָט מיר שוינ דער מאזל פארפאָלגט:
פארגיפטעט האָט ער מײַנע בליִענדע יאָרנ
אונ טאָמער געמאטערט, געקוועלט אונ געיאָגט.

פרי זײַנענ געשטאָרבנ מײַנע האָפענונגענ די זיסע,
פרי האָב איכ דערזענ דעמ ווילדנ קאָנטראסט:
דאָס ארבעטער-פאָלק אינ א פינצטערער טפיסע
אונ שווינדלער אונ רויבער אינ א רײַכנ פאלאסט.

א גוואלטיקער שטורעמ האָט מײַנ זעלע צעציטערט,
אונ איכ האָב געשוואָרנ נעקאָמע אונ טויט
צו אלעמ, וואָס האָט אונדזער לעבנ פארביטערט,
געמאָרדעט, בארויבט אונדזער פרײַהײַט אונ ברויט״.

צוזאמענ מיט דער פארפאָלגטער יידישער אָרעמשאפט אינ רוסלאנד האָט דאָוויד עדעלשטאט דורכגעלעבט אינ זײַנ יוגנט די שרעקנ פונעמ צארישנ ווילקיר אונ פונ די פּאָגראָמענ. צוזאמענ מיט די אומבאהאָלפענע קאָרבאָנעס פונעמ צאריזמ איבערוואנדערט עדעלשטאט פונ רוסלאנד קיינ אמעריקע. צוזאמענ מיט זיי פאלט ער ארײַנ אינ „שוויצ-שאפּ״ אונ זעט, ווי די „ביזע, ווילדע רײַכע״ פרעסנ „דאָס פלייש פונ פאָלק״, טרינקענ זײַנ בלוט אונ ווערנ ניט „קיינמאָל פונ געזעצ פארפאָלגט״. ער זעט בילדער פונ קינדער-ארבעט, פונ שווידערלעכער עקספּלואטאציע פונ אלט אונ יונג. ער זעט דעמ באָס, וואָס צאפּט דאָס בלוט פונ זײַנע קנעכט אונ „בלײַבט דערצו אימער גערעכט״, די אָרעמע פרוי „בא א טענעמענט-הויז״, וועלכע וויינט אונ ברעכט די הענט: דער רײַכער לענדלאָרד ווארפט זי ארויס, „זי האָט ניט צו באצאָלנ קיינ רענט״, אאוו.

דאָוויד עדעלשטאט ווערט דורכגעדרונגענ מיט האס צו דער קאפּיטאַ־ ליסטישער געזעלשאפט. ער האסט די קעגנווארט, ווי ער דריקט זיכ אויס אינ זײַנ אויבנ דערמאָנטער ליד „מײַנ אנטוואָרט צו ייִסראָעל בענ אוילאָמ":

„אונ ווענ עס זאָלנ נאָר אלע שקלאפנ
די געגנווארט האסנ ווי איכ,
וואָלטנ זיי געקאָנט אינ איינ טאָג באשאפנ
א גאָלדענע צוקונפט פאר זיכ!"

עדעלשטאט האָט זיכ א סאכ געגריבלט אינ דער פראגע וועגנ גע־ זעלשאפטלעכער פאראנטוואָרטלעכקײַט. ער האָט בעשומויפנ ניט געקענט שאָלעמ מאכנ מיט דעמ געדאנק, אז די אונטערדריקער זײַנענ ניט שולדיק אינ זייערע פארברעכנס קעגנ דעמ פאָלק, אז אינ דעמ זײַנענ שולדיק בלויז די אומשטענדנ, וועלכע האָבנ געבראכט צו אזוינע פארברעכנס די אונ־ טערדריקער. ווי עדעלשטאט דערציילט, איז ער געוואָרנ שטארק אופגערעגט, ווענ ער האָט צומ ערשטנ מאָל געהערט אזא געדאנק. די ווערטער „ניט שולדיק" זאָגט ער, זײַנענ, אימ ניט ארויס פונ קאָפּ אונ האָבנ אימ ניט געגעבנ קיינ רו. ער שרײַבט אזוי:

„ניט שולדיק! סטײַטש, אָט דיזע מענטשנ־פרעסער! אָט די פאראזיטנ... ווער דענ איז שול־ דיק אינ דיזע אומענדלעכע שרעקלעכע שמערצנ פונ פאָלק! אָט צומבײַשפּיל: מײַנ מײַסטער, וואָס האָט מיר געשטאָכנ א גאנצנ טאָג דערפאר, וואָס עס האָבנ געפעלט א פּאָר שטעכ אינ באָטנהאָל (קנאָפּלאָכ), איז ער דענ ניט שולדיק אינ זײַנ בלוטצאפּערײַ?.. אָבער דאָ זײַנענ מיר פּלוצלינג געקומענ אינ זינ די פארגעסענע סצענעס, ווי דער באָס פונ ווערהויז (מאגאזינ) האָט געגעבנ א שווארצנ סאָפּ מײַנ באָס, גראדע ווי מײַנ באָס מיר! אונ ווער ווייס, האָב איכ ווײַטער געדענקט, אויב דער באָס פונ ווערהויז קריגט ניט קיינ קלעפּ פונ גרעסערע קאפּיטאליסטנ, ווי ער איז... אלזאָ, — — — פּילײַכט זײַנענ טאקע אָט די אלע קליינע פאראזיטנ אומשולדיק, אונ שולדיק זײַנענ נאָר די גרויסע. אָט צומבײַשפּיל, וואנדערבליט, דזש. גולד, אלעקסאנדער דער דריטער אונ... אָבער וואָס טוט זיכ מיט מיר, עס קומענ מיר אינ קאָפּ אזעלכע מאָדנע געדאנ־ קענ. הא, וואָס איז דאָס מענלעכ, אז — — — נאָר ווארט א ביסעלע, עס א'ז ניט קיינ גריגנ וואָרט! איכ זאָל עס זאָגנ, איכ, אז אויכ דיזער בלוטיקער הענקער האָט קיינ שולד ניט; ניינ, דאָס איז צופיל. אונ דאָכ, דער אומבארעמהערציקער קאלטער פארשטאנד זאָגט מיר: יאָ, אומשולדיק!.. אָבער ווער זאָל דענ זײַנ פאראנטוואָרטלעכ פאר דיזער גרויזאמער טיראנײַ, אומענטשלעכקײַט, פאר דיזע צומ הימל שרײַענדע אומגערעכטיקײַט, ווער? ווער? ווו זײַנענ די שולדיקע? ווו זײַנענ די רויבערס פונ מענטשנ־גליק? ווו זײַנענ די הענקערס פונ אונדזער גליק אונ ליבע?"

(ציטירט פונ עדעלשטאטס א מאנוסקריפּט).

פונ דער אנדערער זײַט געפינענ מיר בא עדעלשטאטנ בא זײַנ גאנצנ טיפנ האס צו די אונטערדריקער, אזא מינ קליינבירגערלעכע אפּאָלאָגעטיק פונ דער בורזשואזיע, — אנ אפּאָלאָגעטיק, צו וועלכער עס ברענגט אימ זײַנ אידעאליסטישע עטיק, אז ס'איז ניטאָ קיינ פרייד אפילע בא די רײַכע לײַט, „ווײַל דער רײַכער ווייס זײַנ ענדע: דאָס פונ בארויבטנ פאָלק, פונ פאר־ בלוטיקטע געשפענסטער ווערט ער טאָג אונ נאכט פארפאָלגט" („זינג מיט לוסט", „פ. א. ש.", 13־טער פעוורואל 1891). אזא מילדע שטעלונג צו די „רײַכע לײַט" איז אָבער בא עדעלשטאטנ א זעלטנהײַט. געוויינלעכ איז ער

אָנגעפילט מיט א שטארקנ האס קעגנ זיי. אינ זײַנ „בריוו פונ א זעלבסט-מערדער" שרײַבט עדעלשטאט אזוי:

„א פלאקערדיקער האס צו די רײַכע, צו די זאטע, צו די לײַכטזיניקע האָט ארומגעכאפט מײַנ גאנצע זעלע — — מײַנ הארצ האָט געדורשט נאָכ בלוט. יאָ! נאָכ בלוט פונ די יעניקע, וועלכע האָבנ ארײַנגעבראכט אינ דער וועלט גיפט, שרעקלעכע אונ אונגערטרעגלעכע אומגליקנ! פארוואנדלענ זייערע פאלאסטנ אינ אש — — אפ זייערע קרעכצנ — — — ענטפערנ מיט א טײַוולשנ געלעכטער".

אינ פּאָעזיע אונ פּראָזע לערנט עדעלשטאט צו דענקענ, קעמפנ, האסנ. ער רעדט וועגנ „ביטערנ האס", ער רופט צו נעקאָמע, באניצט קריג-אויסדרוקנ: הייסט זיכ באוואָפענענ מיט שפיזנ אונ שווערדנ, אָנלאָדנ די ביקסנ אונ גיינ אפ שלאכט-באריקאדנ צו דער לעצטער רעוואָליוציאָנ".

נאָכ מאָריס ראָזענפעלדנ באניצט עדעלשטאט די רײַכסטע צאָל עפּיטעטנ קעגנ די קאפּיטאליסטנ. ער רופט זיי אָנ: אויסבײַטער (עקספּלואטאטערס), אָפּגעפרעסענע בורזשויענ, באנדיטנ, בארבארנ, באשיבוזשוקעס, בלוטהינט, בעסטיעס, גאָלדענע קעלבער, הענקער, היענעס, היפּאָקריטנ, וואלדרויבער, וואמפּירנ, ווילדע טיראנענ, טיגערס, יעזויטנ, מענטשנפרעסער, פּאָדלעצעס, פּאראזיטנ, פּראָסטיטוטקעס, צווייפיסיקע כײַעס, קאינס, רויבערבאנדע, שווינדלער, שקלאפּנ-הענדלער אדג.

פונ דער אנדערער זײַט, האָט עדעלשטאט אָנ א שיר צארטע אויסדרוקנ פארנ „ארבעטער-פאָלק", פאר זײַנע „שוועסטער אונ ברידער". ער רופט זיי אָנ: גוטע ליבנדע ברידער, ליבע שוועסטער, ברידער ארבעט-לײַט, ברידער פונ שקלאפערײַ, גוטע קאמעראדנ, קעמפער, דענקער, ארבעטער-לייב, געפאנגענע לייבנ אאוו.

12

אנטירעליגיעזע פּראָפּאגאנדע

דער שוידערלעכער צושטאנד אינ דער שוויצ-פאבריק האָט די פּראָלעטאריזירטע יידישע מאסנ געצווונגענ צו אָרגאניזירנ זיכ, קעדיי דערשלאָגנ זיכ צו בעסערע ארבעט-באדינגונגענ אפנ וועג פונ קלאסנקאמפ. עס הייבנ זיכ אָנ אָרגאניזירנ פּראָפעסיאָנעלע פאריינענ פונ יידישע ארבעטער. באלד געפינענ זיי אויכ דעמ וועג צו דער אלגעמיינער אמעריקאנישער טרעד-יוניאָנ-באוועגונג. קעדיי צו אָרגאניזירנ די ארבעטער צומ קלאסנקאמפ, האָט מענ זיי געמוזט ארויסרײַסנ פונ אונטער דעמ אײַנפלוס פונ דער קלעריקאל-נאציאָנאליסטישער יידישער פּרעסע, פונ דער גאנצער אָרטאָדאָקסישער יידישקײַט, וואָס האָט געפּריידיקט „קאָל יישראָעל כאוויירימ" אונ געהעצט קעגנ די, וואָס רופנ די יידישע ארבעטער צומ קלאסנקאמפ קעגנ יידישע באלעבאטימ. אינ אָט דעמ קאמפ דורכ אופקלערונג קעגנ רעליגיע אונ נאציאָנאליזמ נעמט עדעלשטאט אָנ אקטיווג אָנטייל. א שטיקל צײַט זעט ער

אין דער אנטירעליגיעזער אופקלערונג דורך ליטעראטור אפילע די צענטראלע אופגאבע פון מאסן־ארבעט. דאָס שטימט אגעוו אויך מיט זיין אידעאליסטישן אי־בערשאצן דעם איינפלוס פון דער ליטעראטור אפן לעבן (א ן זיין א טיקל „פרינ־ציפלאָזיקייט פון דער זשארגאָנישער ליטעראטור אין אמעריקע", ווי אויך אין דעם אויבן ציטירטן ארטיקל וועגן דער שולד קייט פון די אונטערדריקער שטעלט זיך פאַר עדעלשטאט, אז ווען דער רוסישער צאר אלעקסאנדער דער דריטער וואָלט אלס אן איפעלע אוועקגענומען געוואָרן פון זיין פאמיליע, גע־בראכט געוואָרן קיין אמעריקע און געוואָרן „דערצויגן אף דער ליטעראטור פון מאַסן און קראַפּאָטקינען", וואָלט ער זיך „אנטוויקלט אלס הייסער רעוואָליוציאָנער")...

דאָוויד עדעלשטאט איז באזונדערס אקטיוו אינעם קאמף קעגן רעליגיע*. ער באטייליקט זיך אין די דעמלט פאָפּולערע אנטירעליגיעזע פלוג-בלעטער, אין די אזויגערופענע „טפילעזאקעס"[89], פארעדיעס אף דער טפילע מיט דעם זעלביקן נאָמען, וואָס רעליגיעזע יידן זאָגן ערעוו־יאָמקיפּער, וועלכע די „פּיאָנערע דער פרייהייט" פלעגן ארויסגעבן אין דער צייט פון די „פאָרכטיקע טעג" פון דער יידישער רעליגיע. זיין ליד „צו די פארטיידי־קער פון פינצטערניש" („פ. א. ש.", 19-טן סענטיאבער 1890) האָט עדעל־שטאט לעכאטכילע געשריבן פאר דער אנטירעליגיעזער „טפילעזאקע" פונעם יאָר 1890. אין אָט דער ליד דערקלערט עדעלשטאט:

„יעדע צייט האָט איר נייע טוירע—
אונדזער טוירע איז פרייהייט און רעכט:
און בא אונדז איז די גרעסטע אווירע
צו זיין א געהאָרכזאמער קנעכט.
מיר האָבן אויך נייע פראָפעטן—
בערנע, לאסאל, קארל מארקס".

דער אנארכיסטישער עקלעקטיקער עדעלשטאט מישט, אזויארום, אויס אין איין קאשע דעם בורזשואזן דעמאָקראט בערנע, דעם פאָטער פונעם דייטשישן מענשעוויזם לאסאל און... קארל מארקס.[106]

אין א בריוו צו דאָוויד עדעלשטאטן, געשריבן דעם 12 טן סענטיאבער 1890 טיילט די רעדאקציע פון דער „פ. א. ש." אים מיט, אז די „פיאָ־נערע דער פרייהייט" האָבן באשלאָסן צו דרוקן אין דער טפילעזאקע בען־נעצס (מאָריס ווינטשעווסקים) „פרייהייטס־גייסט", און אז די ליד, וואָס ער (עדעלשטאט) האָט געשיקט פאר דער „טפילעזאקע", דרוקן זיי אין נאָ־ענסטן נומער „פ. א. ש.".

אן אנדערע אנטירעליגיעזע ליד עדעלשטאטס „צו די גאָטספאָרכטיקע בירגער" איז, ווייזט אויס, געשריבן פאר דער ערשטער „פיאָנערישער טפילעזאקע" פונעם יאָר 1889[107]. ער דערקלערט דאָרט די „גאָטספאָרכטיקע לייט", אז „פוסט און גאָלאָז, ברידער, איז דער הימל", און עס איז ניט

* זע אויבן זייט 33.

מער קיין סאָד, אז „גראדע ווי אונטן, אזוי אויך דאָרט אויבן גיט ניט קיין שפור פונ אירגענד א גאָט", אז דער ריבוינעשעלוילעמ זיצט ווי א ליימענער גוילעמ" אונ גיט זיכ „ניט אפילע קיין ריר", ווענ מע זידלט אימ „גאָר אָנ א שיר".

„— — — עס איז פּאָשעט ניטאָ,
ווער אונ וואָס זאָל זיכ אָנהייבנ רירנ,
וואָרעמ דער, בא ווענעמ א גאָט איז נאָכ דאָ,
דעמ פעלט אימער אינ קאָפּ געהירנ!"

וואָס ווייַטער ווערט בא דאָווידנ עדעלשטאטנ דער אומקאָמפּראָמיסלעכער קאמפּ קעגנ רעליגיע אלץ מער פארבונדנ מיט דעמ קאמפּ קעגנ דער בורזשואזער געזעלשאפט. אינ זייַנ אויבנ דערמאָנטער ליד „צו די פארטיידיקער פונ פינצטערניש", געשריבנ פאר דער „טפילעזאקעט" פונ 1890, טרעט ארויס עדעלשטאט קעגנ בוקנ זיכ צו די געטער „געלטזאק אונ טראָנ". ער דערקלערט: „ייִד! דייַנ איינציקע רעטונג איז די גרויסע רעוואָליוציאָנ!" עדעלשטאט שרעקט זיכ אויכ ניט איבער פאר די אָנפאלנ פונ דער באלעבאטישער פרעסע אפ דער אנטירעליגיעזער אונ אנטינאציאָנאַליסטישער פּראָפּאגאנדע פונ די ייִדישע רעוואָליוציאָנערנ. אינ זייַנ ליד „צו די פינצטערע באטלאָנימ" ווענדט זיכ עדעלשטאט צו די, וואָס ריידנ אינעמ נאָמענ פונ קאָל־ייִסראָעל:

„איר קאָנט ווי טאָמער נאָכ האָבנ אפ נעדאָוועס,
זייַנ גרויסע פאטריאָטנ אונ לעבנ פונ „כאפ־לאפ"
אונ רופנ אינ דעמ לאנד פונ אונדזערע טויטע אָוועס,
אהינ, ווו עס הונגערט יעצט דער טערק אונ דער אראב.

די וועלט איז דומ געבוג, איר קאָנט נאָכ שווינדלענ, רויבנ,
אלעס אינ נאָמענ פונעמ אונטערדריקטנ ייִד—
אונ ער, דער עלנטער, ער מוז אייַכ אלעס גלויבנ!
באדעקט מיט פינצטערניש איז זייַנ יעדער שריט".

עדעלשטאט וואָרנט אָבער אָט די קאָל־ייִסראָעלדיקע קלאל־טוערס, אז עס קומט א נייַע צייַט, ווענ „יעדעס פאָלק אונ מענטש וועט זייַנ באפרייַט", אונ דעמלט „ציטערט, איר גאנאָווימ, פאראזיטנ! מע וועט אייַכ ברענגענ פארנ פאָלקס-געריכט אונ איר וועט פארשווינדנ, היפּאָקריטנ, ווי פינצטערניש פאר דער זאָנענליכט!"

13

„די ארבעטער-צייַטונג"

מיט דער גרינדונג פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטישער „ארבעטער־צייַטונג" שטייַגט עדעלשטאטס פארביטערטקייַט אונ פארצווייפלטקייַט.

די גרינדונג פונ דער פארטייישער סאָציאל־דעמאָקראטישער „ארבעטער־צייַטונג" (7-טער מארט 1890) האָט שטארק פארשארפט דעמ קאמפּ צווישנ

די אנארכיסטנ מיט די סאָציִאל־דעמאָקראטנ. די שפּאלטונג צווישנ די ביידע ריכטונגענ איז געווענ אנ ענדגילטיקע. דאָס האָט צוערשט ארויסגערופנ שטארקע פּראָטעסטנ ניט בלויז מיצאד אנארכיסטנ אונ אומפּארטייִשע, נאָר אויכ מיצאד א טייל סאָציִאל־דעמאָקראטנ[102]. באזונדערס האָט זיכ דערפונ געפילט געטראָפנ די סאָצ.-דעמ. באוועגונג אינ לאָנדאָנ, ווו ביידע ריכטונגענ האָבנ ארויסגעגעבנ דעמ „ארבעטער-פרײַנט" אונ צוזאמענ אָנגעפירט מיט דער דאָרטיקער ארבעטער־באוועגונג. כאראקטעריסטיש איז, וואָס די לאָנדאָנער ייִדישע אנארכיסטנ, וועלכע האָבנ אליינ געשטרעבט צו א פּארטייִשנ אָרגאנ[98], זײַנענ געווענ גרייט צו א שפּאלטונג. די „אומפּארטייִשקײַט" האָבנ זיי, אלזאָ, אָפּגעוואָרפנ, ווענ ס׳האָט זיי נאָר געלוינט. נאָר די „אומפּארטייִשע סאָציִאליסטנ" אָדער „סאָציִאליסטנ רעוואָלוציִאָנערנ", ווי זיי פלעגנ זיכ אליינ אָנרופנ, האָבנ אָנגעווענדט אלע זייערע קויכעס, קעדיי אײַנצוהאלטנ די אייניקײַט. ווינטשעווסקיס נאָענטער כאווער, זײַנ שוואָגער קאָנסטאנטינ גאלאָפּ, האָט אלס רעדאקטער פונעמ „ארבעטער-פרײַנט" אײַנגעהיט דאָ די אומפּארטייִשקײַט אפילע בענעגייע דער ניו-יאָרקער קאמפּ־פראגע. ער לאָזט זיכ דאָרט אויסטײַנענ סײַ די סאָציאל-דעמאָקראטנ (הילקוויט, זאמעטקינ אונ מילער) אונ סײַ די אנארכיסטנ (לויִס אונ קאָפּעלאָוו) פונ ניו-יאָרק. ער גיט אויכ פּלאצ פאר א פרײַנטלעכנ ארטיקל צומ דערשײַנענ פונ דער פּארטייִשער „ארבעטער-צײַטונג". ער קעמפט אויכ קעגנ די אנארכיסטנ, ווענ זיי פרווונ זיכ דורכפירנ אפ דער מאסנ־פארזאמלונג אינ לאָנדאָנ א טאדל-רעזאָליוציע קעגנ די ניו־יאָרקער סאָציאל־דעמאָקראטנ פאר דער שפּאלטונג אינ ניו־יאָרק („ארבעטער־פרײַנט", 28-טנ מארט 1890)[108].

די „ארבעטער־צײַטונג" האָט באלד פונ אָנהייב אָנ געהאט דערפאָלג. זי האָט געהאט די פולע שטיצע פונ די ייִדישע אונ דײַטשישע טרעד-יוניאָנס[109]. מיט זייער הילפ איז אויכ אינ מעשעכ פונ 6 וואָכנ געשאפנ געוואָרנ דער גרינדונג-פאָנד פאר דער צײַטונג אינ א סומע פונ 2000 דאָלער[109], אנ אויסערגעוויינלעכ גרויסע סומע פאר יענער צײַט. זי האָט אויכ געהאט א טריומפ־קאָרט („קאָזיר") אינ איר רעדאקטער, פיליפ קראנצ[110], וועלכער איז פריער געווענ דער רעדאקטער פונעמ לאָנדאָנער „ארבעטער-פרײַנט". זי האָט דערמיט געקאָנט דעמאָנסטרירנ פאר די ברייטע אומפּארטייִשע ארבעטער-מאסנ, אז זי איז אזוי ניט „פּארטייִש", ווי די אנארכיסטנ באשולדיקנ זי, א באווײַז איז דאָס, וואָס זי האָט אויסגעקליבנ פאר א רעדאקטער דעמ זעלביקנ סאָציִאליסט, וועלכער האָט פינפ יאָר רעדאקטירט דעמ „אומפּארטייִשנ" לאָנדאָנער „ארבעטער־פרײַנט".

די „ארבעטער-צײַטונג" איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ פונ סאָציִאל-דעמאָקראטנ אונ פונ די „פאראייניקטע ייִדישע געווערקשאפטנ" (פארבאנד פונ ייִדישע טרעד-יוניאָנס), דאָכ איז זי פאקטיש ניט געווענ קיינ אָפיציעלער אָרגאנ פונ דער „סאָציִאליסטישער ארבעטער־פּארטיי". דאָס ווערט זי ערשט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, ווענ דאניעל דעליאָנ[111], דער פירער פונ דער אמעריקאנישער סאָציִאליסטישער ארבעטער־פּארטיי שטעלט ארויס די פאָדע־

רונג, אַז אַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צײַטונגען דאַרפֿן זײַן אָרגאַנען פֿון
דער פּאַרטיי און שטיין דירעקט אונטער איר קאָנטראָל. די ערשטע צײַט
האָט די „אַרבעטער־צײַטונג", אַזוי ווי שפּעטער דער „פֿאָרווערטס", געזוכט
צו „נעמען דעם עולם" מיט סענסאַציעס און שונד.

אין דער צײַט, וואָס דער „מאָרגנשטערן" (אַ פּריוואַטע אונטערנעמונג)
האָט געגעבן איבערזעצונגען פֿון טשערנישעווסקיס „וואָס איז צו טאָן?"
און פֿון אַ סאָציאַליסטישן ראָמאַן פֿון נאַטאַליע ליבקנעכט (קאַרל ליבקנעכטס
מוטער), האָט די „אַרבעטער־צײַטונג" איבערגעזעצט אַ סענסאַציאָנעלן פּראָנ-
צויזישן ראָמאַן, ווו דער העלד איז אַ פּרינץ, און אַן ענגלישן דעטעקטיוו־
ראָמאַן פֿון ערגסטער שונד. זי האָט אויך געגעבן „סעדרעס", — אַ געל־
סאָציאַליסטישן טײַטש־חומש[112] פֿון „אַ פּראָלעטאַרישקער מגיד" (אַב. קאַ־
האַן, דער איצטיקער רעדאַקטער פֿונעם געל־סאָציאַליסטישן „פֿאָרווערטס"),
וואָס האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ וווּלגאַריזאַציע פֿון ווינטשעווסקיס
פֿעליעטאָנען — „די צעשלאָגענע געדאַנקען פֿון אַ משוגענעם פֿילאָסאָף".
באַלד אינעם ערשטן נומער איז אויך פֿון דעם זעלביקן אַב. קאַהאַן געווען
אָפּגעדרוקט אַן עקלהאַפֿטיקע שילדערונג, ווי אַזוי בלוטדורשטיקע אַניבאַלן
אידיעקוווען זיך איבער זייערן אַ מענטשלעכן קאָרבן.

אַזעלכע וווּלגאַרע סענסאַציעס און פּאָפּוליאַריזאַציעס האָבן אַפּעלירט צו
די הינטערשטעליקע מאַסן. אין אַ קורצער צײַט האָט זיך די „צירקולאַציע"
(דער טיראַזש) פֿון דער אַרבעטער־צײַטונג אויפֿגעהויבן פֿון 3000 ביז 6000.
דאָס איז אָבער געווען אַ דערפֿאָלג ניט פֿונעם סאָציאַליסטישן געדאַנק,
נאָר פֿון אַ סענסאַציאָנעלער צײַטונג, איבער וועלכער עס הענגט, לויט
עדעלשטאַטס אויסדרוק, די רויטע פֿאָן פֿון אויספּאַרקויף.

דורכויס אָפּאָרטוניסטיש און מיט אַ געוויסער מאָס חניפֿה צו די פּאָ־
ליטיש און קולטורעל הינטערשטעליקע ייִדישע מאַסן איז געווען די שטע-
לונג פֿון דער „אַרבעטער־צײַטונג" צו רעליגיע. זי האָט עס באַזונדערס
אַרויסגעוויזן אין די „פּאָרכטיקע טעג" פֿון 1890, ווען זי איז שאַרף אַרויס-
געטראָטן קעגן דער אַנטירעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע פֿון די „פּיאָנערע דער
פֿרײַהײַט".

די אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע פֿון די „פּיאָנערע דער פֿרײַהײַט"
איז, נאַטירלעך, געפֿירט געוואָרן ניט פֿון פּראָלעטאַרישע פּאָזיציעס.
זיי האָבן אויסגעלאַכט די פֿאַלשע נאַטור־פֿאָרשטעלונגען און אָבער-
גלויבנס פֿון רעליגיע, ניט אויפֿדעקנדיק דערבײַ אירע קלאַסן־וואָרצלען. זיי
האָבן ניט אַנטפּלעקט די קלאַסן־מאָטיוון, צוליב וועלכע אַפֿילו די פֿרײַ-
דענקערישע בורזשואַזיע זוכט אויפֿצוהאַלטן די רעליגיע בײַ די אַרבעטנדיקע
מאַסן. זייער קאַמף קעגן רעליגיע איז ניט געווען פֿאַרבונדן מיט דעם
טאָגטעגלעכן קלאַסנקאַמף פֿונעם פּראָלעטאַריאַט. די אָפּאָרטוניסטישע סאָ־
ציאַל־דעמאָקראַטן זײַנען אָבער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם דאָזיקן מין פּראָ־
פּאַגאַנדע ניט פֿון מאַרקסיסטישע פּאָזיציעס, נאָר פֿון אָפּאָרטוניסטישע, פֿו-
נעם שטאַנדפּונקט, אַז רעליגיע דאַרף זײַן אַ „פּריוואַט־זאַך", וואָס האָט, ווי

לענינ דירעקט זיך אויס, „דערנידעריקט די פּאַרטיי פונעם רעוואָלוציאָנערנ פּראָלעטאַריאַט ביז צום שטאַנד פונ געמיינסטנ „פרײַדענקערישנ" באַלעבעסלטום"[113].

ווי ס'איז שוינ אויבנ געווענ דערמאָנט, פלעגנ די „פּיאָנערע דער פרײַהײַט" אינ די „פּאָרכטיקע טעג" פירנ אַ שטאַרקע אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע. זיי פלעגנ אַרויסגעבנ אַנטירעליגיעזע בלעטער אונטערנ נאָמענ „טפילעזאַקע"[99]. די „טפילעזאַקע" פונ סענטיאַבער 1890, רעדאַקטירט פונ דאָקטער י. א. מעריסאָנ, האָט אַנטהאַלטנ פּאַראָדיעס פונ דאָקטער יעווזעראָוו אונ דאָקטער זאָלאָטאַראָוו אָפּ געוויסע טפילעס, לידער (צווישנ זיי אויך ווינטשעווסקיס ליד דער „פרײַהײַט-גײַסט") אונ אויך אַ פילאָסאָפישע אָפּהאַנדלונג וועגנ רעליגיע. די פירער פונ דער דײַטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער „ניו-יאָרקער פאָלקס-צײַטונג" איז אָט די „טפילעזאַקע" געווענ געפעלנ. זיי האָבנ אינ איר געפונענ „רײַכע געדאַנקענ"[114]. די יידישע סאָציאַל-רעפאָרמיסטנ פונ דער „אַרבעטער-צײַטונג" האָבנ אָבער אויסגעלאַכט אונ פאַרורטיילט די „טפילעזאַקע". זיי האָבנ געטײַנעט, אַז זי איז געשריבנ „אַזוי פּאַרטאַטעט, וואָס עס נעמט אָנ אינ מאַנכע שטעלנ אַנ עקל, לעזנדיק פיר יעדנ, וואָס האָט אַ ביסעלע ליטעראַרישע געשמאַק" (אַב. קאַהאַנ — „אַרבעטער-צײַטונג", 19-טנ סענטיאַבער 1890); אַז אירע שרײַבער האָבנ „אָנגעפּאַטשקעט אַ בעזגראַמאָטנע „טפילעזאַקע", וועלכע האָט נאָר געמוזט אַרויסרופנ פאַראַכטונג אונ עקל בײַ יעדנ דענקענדנ מאַנ" (פיליפּ קראַנץ, דאָרט, 3-טנ אָקטיאַבער). די סאָציאַל-רעפאָרמיסטנ האָבנ, נאַטירלעך, אויך שטאַרק פאַרורטיילט דעמ יאָנקיפּער-באַל, וואָס די „פּיאָנערע דער פרײַהײַט" האָבנ דעמאָלט אָרגאַניזירט. פיליפּ קראַנץ, דער רעדאַקטער פונ דער „אַרבעטער-צײַטונג", האָט דערקלערט, אַז דאָס איז „אַ דומהײַט אונ מײַסע-שייגעץ — אַ גראָבער אונ אומפאַרדינטער פּאַטש אינ פּאָנעמ צו אַלע יידנ" (דאָרט).

ס'איז קלאָר, אַז אָט די גאַנצע אָפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק פונ דער „אַרבעטער-צײַטונג" אונ פונ אירע אָנפירער קראַנץ, קאַהאַנ, הילקוויט, מילער אדג. האָט נאָך מער געשטויכנ דעלשטאַטנ אינ די אַנאַרכיסטישע רייענ. פאַר זײַנע אויגנ איז געשטאַנענ אַ סאָציאַל-דעמאָקראַטישע צײַטונג, וואָס באַציט זיך פײַנטלעך צו רעוואָלוציאָנערע מעטאָדנ פונ קלאַסנקאַמף, וואָס רעדט קעסיידער אויסשליסלעך וועגנ רעפאָרמעס, וואָס פאַרטיידיקט יעדנ אָפּאָרטוניסטישנ אַקט פונ די דײַטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטנ, וואָס קאָקעטירט מיט דעמ „פיור ענד סימפּל"-יוניאָניזמ — דעמ „ריינעמ אונ פּאַשעטנ" עקאָנאָמיזמ אונ פירט ניט קיינ שומ קאַמפּ קעגנ די „בודלעו" אונ „לייבאָר-פייקערס" (די פאַלשע אונ פאַרקריפּלטע טרייד-יוניאָנ-ביוראָקראַטנ). עדעלשטאַט איז דורכדעמ נאָכמער פאַרשטאַרקט געוואָרנ אינ זײַנ קעגנערשאַפט צו די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע טעאָריעס. דאָס האָט אימ אויך פאַרבלענדט די אויגנ ניט אײַנצוזענ, אַז יאָהאַנ מאָסטס רעוואָלוציאָנערע פראַזעס זײַנענ ניט מער ווערט, ווי די רעפאָרמיסטישע פּראַקטיק צו „דערהייבנ דעמ שקלאַפנ-

לוינ אפ א סענט", וואָס ער (עדעלשטאט) האָט אזוי סארקאסטיש אוי־געלאכט.

אפ די זײַטנ פונ דער „פרײַער ארבעטער־שטימע" אונ „ארבעטער־צײַטונג" האָט זיכ אָנגעהויבנ א שארפע פּאָלעמיק. פונ ביידע זײַטנ האָט די פּאָלעמיק דערמאָנט אָנ מארק־זידלערײַ.[115] עדעלשטאט האָט אינ דער צײַט אָנגעשריבנ פּאָלעמישע לידער אונ אטאקירט די סאָציאַל־דעמאָקראטנ. אינ דער „ארבעטער־צײַטונג" איז מאָריס הילקוויט אויכ ארויסגעטראָטנ מיט א ליד, אינ וועלכער ער האָט אפ אזא אויפנ אויסגעלאכט עדעלשטאטנ:

„איכ האָב געזענ א פּאָר פּאָעטנ,
אָנ טאלאנט אונ אָנ דיכטער־גאב,
וואָס מאכנ דערנאָכ אומגעבעטנ
פאר איר אפ יעדער וואָכ א דזשאב".

עדעלשטאט ענטפערט ניט אפ הילקוויטס לידער קעגנ אים. שפּעטער אָבער, ווענ ער ווערט דער רעדאקטער פונ דער „פרײַער ארבעטער־שטימע" הייבט זיכ אָנ א פארשארפטע פּאָלעמיק צווישנ אים אונ די שרײַבער פונ „ארבעטער־צײַטונג". דער שטארקסטער פּערזענלעכער אָנגריפ קעגנ עדעלשטאטנ אינ דער „ארבעטער־צײַטונג" איז געווענ אינ צוזאמענהאנג מיט זײַנ פארורטיילנ דאָס, וואָס די צײַטונג האָט אָנגענומענ פאר א מיטארבעטער א באלעבאטישנ שרײַבער. די מײַסע איז געווענ אזוי: די „ארבעטער־צײַטונג" האָט עטלעכע וואָכנ נאָכאנאנד (סאָפ יונ — אָנהייב אווגוסט 1891) אנאָנסירט א נײַעמ אָפּטייל פונ סענסאציאָנעלנ לייענשטאָפ, אָדער ווי זי האָט עס אָנגערופנ, „בורלעסקע קריטישע ארטיקלענ" מיטנ נאָמענ „דער קאָסאָקער טײַוול, אָדער ניו־יאָרק — וואָס מע זאָגט אינ ניו־יאָרק אונ וואָס מע זאָגט ניט".[116] דער שרײַבער פונ אָט דעמ בורלעסק איז געווענ געצל זעליקאָוויטש, וואָס האָט אונטער די נעמענ „סאמבאטיענ", „עסטעטיקומ", „ליטווישער פילאָזאָפ" אא. גלײַכצײַטיק מיטגעארבעט אינ דעמ קלעריקאל־רעאקציאָנערנ „טאגעבלאט". עדעלשטאט טרעט שארפ ארויס קעגנ ארײַננעמענ א קאָלייסראָעל־שרײַבער פאר א מיטארבעטער אינ א סאָציאַליסטישער צײַטונג.

עדעלשטאט איז זייער שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ זעליקאָוויטשנ דערפאר, וואָס ער איז געווענ א מיטארבעטער אינ די קלעריקאלע צײַטונגענ „טאגעבלאט" אונ „יידישע גאזעטנ" אונ האָט גלײַכצײַטיק געשריבנ לידער אונ רעצענזיעס אינ דער „ארבעטער־צײַטונג".[117] מעגלעכ, אז קעגנ זעליקאָוויטשנ איז אויכ געווענ געצילט עדעלשטאטס גאליקע ליד „דיכטער?"

„עס איז א מײַלע צו זײַנ א פּאָעט,
דאָכ, ווי שלימ, ווענ מיט אײַכ אפ איינ ברעט
שטייט א שורקע מיט צוויי געזיכטער
מיט אייזל־אויערנ, אונ איז אויכ א דיכטער,

„הײַנט פאר א שנאפּס מיט א פּאָר קארטאָפל
וועט ער לעקנ דעמ רײַכנס פּאנטאָפל,

מאָרגנ פאר א קוואָדער־לאָנ (לוינ)
שרײַט ער: עס לעבע די ארבעטער־פאָנ!"

פאר זײַנ ארויסטרעטונג קעגנ זעליקאָוויטשנ קריגט עדעלשטאט א היפּשע פּאָרציע זילזולים, סײַ דירעקט פונ זעליקאָוויטשנ און אויכ פונעמ רעדאקטער פונ דער „ארבעטער־צײַטונג" פּיליפּ קראנצ.

עדעלשטאט איז שוינ דעמלט געוועג שטארק קראנק, ער האָט געמוזט באפרײַענ זיכ פונ דער ארבעט אינ דער רעדאקציע פונ דער „פ. א. ש.". דאָכ האָט ער זיכ אָנגעשטרענגט צו רעאגירנ אפ קראנצעס נײַעמ אָנפאל. עדעלשטאט טוט עס אינ א פאבל מיטנ נאָמענ „דער שווײַנ און דער נאכטיגאל" („פ. א. ש.", 25־טער סענטיאבער). ער שילדערט דאָרט, וויאזוי א „גרויסער, פעטער שווײַנ איז אינ א בלומענגאָרטנ ארײַנ" און „מיט זײַנע לאפּעס פארשמוצט" די בלומענ און פלאנצנ, מיט וועלכער דער גאָרטנ איז געוועג „באפּוצט". א דורכפליענדיקע נאכטיגאל מוסערט אויס דעמ שווײַנ פאר זײַנ מיִעסער טאט, נאָר דער כאזער פארזיכערט זי, אז פונ אלע זײַנע פארײַנע „וועלנ ערשײַנענ די גרעסטע שווײַנענ", און אימ א גרויסנ דאנק זאָגנ פאר זײַנ „כאזערשנ טאנצ", און אלע „כאזײרימ" וועלנ אימ „טראָגנ אלס זייער ליבסטנ קראנצ". דערויפ ענטפערט אימ דער נאכטיגאל אזוי:

„ווענ דו וואָלסט קיינ שווײַנ ניט געוואָרנ,
וואָלסטו ניט געשמוצט די בלומ און פלאנצנ;
דו וואָלסט פארשטאנענ אינ דײַנע יאָרנ,
אז בעסער צו זײַנ צווישנ בלומענ א דאָרנ,
אלס צווישנ כאזײרימ א קראנצ".

לויט יאָסעפ באָוושאָווערס פּאָרטרעט פונ עדעלשטאטנ, אינ זײַנ באוווסטער ליד וועגנ אימ, האָט עדעלשטאטנ „ניט געארט" קיינ אָנפאל אפ אימ. פאקטיש אָבער האָט אימ יעדער אָנגריפ שוינ גאָר א סאכ געארט. ער פלעגט עס ניט „מיט א זיפצ" לאָזנ „אוועקגײנ מיטנ ווינט", ווי עס שילדערט באָוושאָווער. דאָוויד עדעלשטאט פלעגט זײַנע אָנגרייפער ענטפערנ מיט שארפע ווערטער. ער האָט אויכ געקענט „א טיכטיקנ קלאפּ געבנ", ווענ ער האָט נאָר געוואָלט.

דאָוויד עדעלשטאט איז געוועג א קעמפערישע נאטור. ער האָט געקענט פּאָלעמיזירנ און אמאָל אויכ זייער שארפ און אפילע שטארק פּערזענלעכ. די אנארכיסטישע פירער אָבער האָבנ געהאלטנ, אז ער איז צו מילד... ווי ס'ווײַזט אויס, מאכמעס דעמ, וואָס עדעלשטאט האָט זיכ קיינמאָל ניט געקאָנט אראָפּלאָזנ צו אזוינע ניט־פּרינציפּיעלע מעטאָדנ פונ פּאָלעמיק, וואָס דערמאָנענ זידלערײַענ צווישנ מארק־הענדלערנס. נאָכ מיט אנ ערעכ פיר צענדליק יאָר שפּעטער שרײַבט איינער פונ זיי,[118] אז „אונטער דאָוויד עדעלשטאטס רעדאקציע האָט די „פ. א. ש." פארלאָרנ די שארפקײַט, וועלכע עס האָט זיכ געפאָדערט פונ א קאמפ־אָרגאנ"...

14

סינסינעטער טעטיקייט

באלד נאָך זײַן צוריקקום אין סינסינעטי (אָנהייב יול 1889), ווערט דאָרט עדעלשטאט אקטיוו. ער העלפט גרינדן דעם אויבן דערמאָנטן אומפּארטייישן, אינדערעמעסן אנארכיסטישן „ארבעטער-פאריין טרוט-סיקערס" (עמעס-זוכער). ארבעטער-קלובן מיט אָט דעם נאָמען ווערן דערמאָנט אין דער פּרעסע פון יענער צײַט אויך אין אנדערע שטעט. מעגלעך, אז דאָס איז געווען דאָס „אפּיקאָרסים-קרײַזל", צו וועלכן עס האָט אויך געהערט דער דערמאָנטער רעוואָלוציאָנערער און שפּעטער נאַציאָנאַליסטישער סינסינעטער דיכטער דאָוויד (זאהיק) גרינבערג[54]. עדעלשטאט האָט אין יענער צײַט א סאך געלייענט. ער איז געווען א פלײַסיקער באזוכער פון דער ביבליאָטעק, וועלכע ער באַזינגט אויך אין איינער פון זײַנע רוסישע לידער. ער לייענט שוין הויפּטזאַכלעך אין ענגליש, און מער סאָציאַל-וויסנשאפטלעכע ווערק, ווי בעלעטריסטיק[119].

דאָוויד עדעלשטאט באמיט זיך אויך אין יענער צײַט צו ווירקן אף זײַן איינציקער שוועסטער, זי זאָל זיך אָנהייבן אויסבילדן אין געזעלשאפטלעכע פּראַגעס, ווערן אן ארבעטער-טוערן און צוזאמען מיט אים „גיין אין שטורעם, אין קאמף קעגן טיראנײַ", ווי ער רעדט צו איר אין זײַן ליד „צו מײַן שוועסטער" („מאָרגנשטערן", 4-טן אפּריל 1890), „געווידמעט צו אלע מײַנע פארשקלאַפטע שוועסטער". ער הייסט איר „לערנען טרײַ די ברענענדיקע פראגע, וואָס ווערט „ארבעטער-פראגע" גענאנט". זי וועט דאן „פארשטיין, פונוואנען די לאָרדן האָבן גענומען דאָס רעכט פארנעמען דאָס לאנד"[120] און „מיט צוואנג-ארבעט מאָרדן טויזנטער אָרעמע קנעכט". זי וועט דאן „גיין צו די לײַדנדע שוועסטער אין דער וועלט פון שווינדזוכט און נויט, אין טענעמענט-הײַזער, אין די פינצטערע נעסטער, ווו דער לעבן איז ביטער ווי טויט!", זי זאָל דאָרט „א נײַע וועלט פאר זיי אנטדעקן; און דאָרט, ווו עס וויינט נאָר פארצווייפלונג און שמערץ, — א הייליקע האָפענונג דערוועקן"[121].

אין פרילינג 1890 באזוכט סינסינעטי דער אמעריקאנער רײַזנדער דזשאָרדזש קענאן, וועמעס באשרײַבונגען וועגן די ליידן פון די רוסישע רעוואָלוציאָנערן, פארשיקטע קיין סיביר, האָבן ארויסגערופן פּראָטעסטן קעגן דער צארישער רעגירונג. עדעלשטאט ווידמעט אים א רוסישע ליד. ער שיקט דאָס צום לאָנדאָנער „ארבעטער-פרײַנט". אין זײַן בריוו צום רעדאקטער (ק. גאלאָפּ) שרײַבט עדעלשטאט: „איך האָב מיט אים (קענאנען) גערעדט אין אונדזער רוסישער שפּראך[122], וועלכע ער פארשטייט זייער גוט. ער האָט מיר פארשפּראָכן זײַן גאנצן לעבן אָפּצוגעבן פאר זײַן אָנגעפאנגענע הייליקע ארבעט — דאָס ארונטערײַסן די מאסקע פון דער רוסישער רעגירונג-בארבארײַ". זײַן ליד, דערקלערט עדעלשטאט, איז ניט קיין לויב-געזאנג, נאָר אן אויסדרוק פון זײַנע געפילן, וואָס, ווי ער דענקט, „יעדער אינטעליגענטער רוסע פילט מיט מיט

אים (עדעלשטאטן) צו דיזן גוטן מענטשן און קעמפער פאר די רוסישע פרייַהייַט".

זייַן שיקן א רוסיש ליד אין „ניט קיין ספּעציעל רוסישער צייַטונג" פאַרענטפערט עדעלשטאט דערמיט, וואָס ער האָט „איצט ניט קיין אנדערע פרייַהייַט־דעוואָלוציאָנערע צייַטונג, ווו ער זאָל אייַנפארשטאנדן זייַן עס צו דרוקן"[65], דערבייַ מאכט עדעלשטאט א קאָמפּלימענט דעם „ארבעטער-פרייַנט", אז „ער ווערט געלייענט פון אלע אינטעליגענטע רוסישע יידן" אין ענגלאנד און אין אמעריקע. די ליד „Другу Русских борцов за свободу—Ж. Кенану" („דעם פרייַנט פון די רוסישע קעמפער פאר פרייַהייַט — דזש. קענאן") איז געווען געדרוקט אינעם „ארבעטער-פרייַנט" פארן 16-טן מיַי 1890. ווען עדעלשטאט שיקט אהין נאָך א רוסיש ליד, ענטפערט אים דער „ארבעטער-פרייַנט" (אינעם בריוו-קאסטן פארן 26-טן סענטיאבער 1890) אזוי:

„גענ. ד. עדעלשטאט, ציגציגנאטי (סינסינעטי). אייַער געדיכט איז אויסגעצייכנט. ליידער, געפינען מיר עס ניט פאר ראטזאם צו דרוקן רוסישע געדיכטן אין „ארבעטער־פרייַנט". שיקט צו יידישע, וועט איר זייַן א גוטער גאסט".

עדעלשטאט האָט זיך אויך פארנומען מיט זאמלען הילף פאר די שטרייַקנדע קלאוקמאכערס (דאמענשניידער) אין ניו-יאָרק. דער דאָזיקער שטרייַק האָט געדויערט עטלעכע כאדאָשים און האָט זיך געענדיקט מיט א זיג (מאָריס ראָזענפעלד האָט אָט די געשעעניש באזונגען אין א „זיגער-ליד" אין דער „ארבעטער-צייַטונג" פונעם 1-טן אווגוסט 1890). אין אן אָנרוף פון א בריוו, דאטירט דעם 18-טן יול, שרייַבט עדעלשטאט, אז „די הערצרייַסנדע לאגע פון די ניו-יאָרקער שטרייַקנדע קלאוקמאכער" האָט געשטויסן זייַנע ארבעטער-פארייַן פון „עמעס-זוכער" זיך צו ווענדן „צו די יידישע ארבעטער פון סינסינעטי, זיי זאָלן העלפן זייערע ברידער אין קאמף מיט זייערע אויסבייַטער" עקספּלואטאטערס).

דעם זעלביקן זומער 1890 איז עדעלשטאט געווען פארנומען אויך מיטן שאפן מיטלען פאר די רוסיש-יידישע אייַנוואנדערער, זיי „זאָלן האָבן די מעגלעכקייַט דורכן לאנדארבעט (און אנדערע פּראָדוקטיווע ארבעט) צו פארדינען אָרנטלעכ זייער ברויט און פירן אן אָנשטענדיקן לעבן". מעגלעך, אז דעם ערשטן שטויס דערצו האָט אים געגעבן זייַן שמועס מיט דזשאָרדזש קענאן וועגן דער לאגע אינעם צארישן רוסלאנד[123].

אין זייַן טעטיקייַט צו העלפן „די אונטערדריקטע בארויבטע און פארפאָלגטע רוסישע יידן" האנדלט עדעלשטאט ניט ווי קיין רעוואָלוציאָנער, נאָר ווי א בורזשואז-נאציאָנאליסטישער קלאלטוער. ער לאָזט ארויס אן אופרוף „צו דעם יודנטום פון סינסינעטי!", ווארשייַנלעך, אינעם נאָמען פון אן אומפארטייישן קאָמיטעט, פאר וועמענ אלע יידן זייַנען „ברידער". דער אופרוף שילדערט די שוידערלעכע לאגע פון די יידן „אונטער אזא בארבארישע אוממענטשלעכע בלוטיקע רעגירונג, ווי מיר האָבן יעצט אין רוסלאנד". ער ווייַזט אָן, אז „די רוסישע יידן מוזן אנטלויפן פון זייער פינצטערע היימאט און זוכן א היים, א פאָטערלאנד אין פרעמדע לענדער". ער לייגט דאן פאָר דעם פלאן

צונ הילפ, אז, קומענדיק קיינ אמעריקע, זאָלנ די טויזנטער פארפאָלגטע רוסישע ייִדנ „ניט פאלנ צו לאסט זייער נייעמ פאָטערלאנד", אז זיי זאָלנ „די ערשטע צייט ניט ליידנ קיינ נויט", אונ נאָכדעמ זאָל זיי געגעבנ ווערנ די מעגלעכקייט צו לעבנ פונ „פראָדוקטיווער ארבעט". ער פארענדיקט: „ברידער, יעצט איז די צייט. ווענ מיר מוזנ זיך אלע פאראייניקנ, אלע אינ איינ שטארקע אָרגאניזאציִע צו העלפנ אונדזערע פארפאָלגטע ברידער".

אונ „אלע" האָט טאקע באטייט סיי אָרעמ אונ סיי רייך. אפ דער מאסנ-פארזאמלונג, צו וועלכער דער אופרופ האָט איינגעלאדנ, איז געווענ אנאָנסירט אלס הויפט-רעדנער דער פירער פונ די רעפאָרמירטע „יאהודימ" (רייכע דייטשע ייִדנ אינ אמעריקע), דר. אייזיק מייער וויס.

עדעלשטאט האָט זיך, קענטיק, צוריקגעצויגנ פונ אָט דער נאציאָנאליסטישער טעטיקייט זיינער, ווענ ס'איז געקומענ צו דער פראקטישער אָרגאניזיר-ארבעט אונ די בורזשואזו-אָרטאָדאָקסישע פאָליטיקאנער האָבנ אָפגעשווינדלט די ראדיקאלנ. אינ א בריוו פונ יענער צייט צו זיינ כאווער מיכאָעל קאָנ, דעמ מאנ פונ זיינ ניו-יאָרקער פארערערג אנא נעטער, שרייבט דאָוויד עדעלשטאט אזוי:

„אויס פאָליטישנ, ווידער א מענטש!.. ווענ איך באטראכט איצט די גאנצע טראגיקאָמעדיע, פארשטיי איך ניט זעלבסט, וויִאזוי איך האָב געקאָנט נעמענ אפ זיך אזא שמוציקע ראָליע! וויִאזוי איך האָב געקענט אפ איינ מינוט גלייבנ, אז איך וועל קאָנענ אויסהאלטנ רויִק די אלע נידערטרעכטיקייטנ פונ אָט דעמ פארגרעבטנ, פארפינצטערטנ אייזלטומ, וואָס טראָגט אפ זיך דעמ נאָמענ „אָרטאָדאָקסיע". מיינ געדולד האָט געפלאצט אפ דער לעצטער פארזאמלונג בא דער עלעקשנ (וואל) פונ א פרעזידענט".

מער צופרידנ איז עדעלשטאט געווענ פונ זיינ טעטיקייט פאר דער באפרייונג פונ די דריי פאָליטישע ארעסטירטע: פילדנ, שוואב אונ נעבע. די דאָזיקע דריי זיינענ ארעסטירט געוואָרנ צוזאמענ מיט די טשיקאגער מארטירער אינ מיי 1886. נעבע איז פארורטיילט געוואָרנ צו א טערמינ פונ 15 יאָר גאָר אָנ א פארוואָס. דער פראָקוראָר אליינ האָט דערקלערט, אז קעגנ אימ האָט ער קיינ שומ באשולדיקונג נימ. די אנדערע צוויי, פילדנ אונ שוואב, זיינענ געווענ פארורטיילט צומ טויט, נאָר אדאנק דער פעטיציע צומ גובערנאטער איז זייער טויט-אורטייל פארביטנ געוואָרנ אפ לעבנ-לאנגער געפענקעניש. אינ 1890 איז אינ טשיקאגע געגרינדעט געוואָרנ א קאָמיטעט צו זאמלענ פעטיציעס אונ אויך אָנצווענדנ אנדערע מיטלענ צו באפרייענ די דריי אומשולדיקע ארבעטער-פירער[62]. עדעלשטאט האָט זיך געווענדט צו די ייִדישע ארבעטער, זיי זאָלנ זיך באטייליקנ אינ אָט דער טעטיקייט, וועלכע האָט געהאט דעמ צוועק ניט בלויז צו באפרייענ די אומשולדיק-פארורטיילטע ארבעטער-פירער, נאָר אויך צו דעמאסקירנ די פארשווערונג פונ דער בורזשואזיע קעגנ דער אמעריקאנער ארבעטערשאפט.

זינט סאָפ יאָר 1889 ווערט סינסינעטי דער מיטל-פונקט פונ דעמ פראקציאָנעלנ קאמפ אינ דער אמעריקאנער „סאָציאליסטישער ארבעטער-פארטיי". דער קאמפ האָט זיך אָנגעהויבנ איבער דער „ראדי-

קאַלער שטעלונג" צו די מעסיקע אַרבעטער-יוניאָנס מיצאַד דעם „לינקן" צענט-
ראַל-קאָמיטעט אונטער דער סעקטאַנטישער אָנפירונג פון ו. ראָזענבערג[124],
דעם רעדאַקטער פונעם אָפיציעלן פּאַרטיי-אָרגאַן „דער סאָציאַליסט". די דײַ-
טשישע „ניו-יאָרקער פאָלקס-צײַטונג", וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די מעסי-
קע דײַטשישע טרעד-יוניאָנס, האָט שטאַרק באַקעמפט די מער ראַדיקאַלע שטע-
לונג צו זיי מיצאַד דעם צענטראַל-קאָמיטעט. די „סאָציאַליסטישע אַרבעטער-
פּאַרטיי" איז דעמלט באַשטאַנען פון א היפּשן טייל אַרופגעאַרבעטע עמיגראַנטן,
געקומענע פון דײַטשלאַנד, מערסטנס לאַסאַליאַנער, וועמענס סאָציאַליזם איז געווען
א סענטימענטאַלער (פאַר א יושערדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג אין דער
צוקונפט) און איז ניט געווען פאַרבונדן מיטן טאָג-טעגלעכן עקאָנאָמישן קאַמף
פון די ברייטע אַרבעטער-מאַסן. איר רעכטער פליגל האָט געשטרעבט צו לעבן
בשלום מיט די פשאַרעמאַכערישע אָנהענגער פון קלאַסן-פרידן, מיט די
טרעד-יוניאָן-ביוראָקראַטן. דער „לינקער" פליגל — א סעקטאַנטישער — האָט באַ-
קעמפט די דאָזיקע טאַקטיק פון די טרעד-יוניאָנס בלויז אויף ווערטער, ניט
אַרײַנדרינגענדיק אינעווייניק אין די יוניאָנס צו פירן זיי אויפן וועג פונעם
רעוואָלוציאָנערן קלאַסנקאַמף.

סאָף יאָר 1889 האָבן די ניו-יאָרקער סאָציאַל-דעמאָקראַטן, וואָס זײַנען
געווען אָנגעפירט פון דער „פאָלקס-צײַטונג", אַראָפּגעזעצט דעם אויוגערופע-
נעם „לינקן" צק און אָרגאַניזירט א נײַעם. די סאָציאַל-דעמאָקראַטן פון דער
פּראָווינץ, הויפּטזאַכלעך אויף מײַרעוו, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט דעם פרי-
ערדיקן צק, האַלטן אויף א באַזונדערן צוזאַמענפאָר און נעמען אַריבער דעם
פונדאַסנײַ אויסגעווײלטן „לינקן" צענטראַל-קאָמיטעט קיין סינסינעטי, ווו די
אָרטיקע דײַטשישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע האָט געהערט צו דער ראָזענ-
בערג-ריכטונג. דער קאַמף צווישן ניו-יאָרק און סינסינעטי, צווישן מיזרעך און
מײַרעוו, דויערט עטלעכע יאָר. דער דאָזיקער קאַמף האָט אָבער א קנאַפּן ווערט
פאַר דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג, ווײַל אין טאָך איז דאָס געווען
א פראַקציאָנעלער קאַמף צווישן צוויי גרופּעס, וואָס זײַנען ביידע געווען לאַ-
סאַליאַנישע[125]. א ראַדיקאַלע ווענדונג אין דער טאַקטיק פון דער פּאַרטיי
קומט פאָר ערשט דאַן, ווען אין איר שפּיץ שטעלט זיך דער רעוואָלוציאָנערער
סאָציאַליסט דאַניעל דעליאָן, וועלכער הייבט אָן פירן אן אײַנגעשפּאַרטן קאַמף
פאַר רעוואָלוציאָניזירן די טרעד-יוניאָנס[111]. די יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטן
אין ניו-יאָרק, אָרגאַניזירט אין דעם 8-טן בראַנטש (צווײַג) פון דער סאָציא-
ליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי, זײַנען געווען לאָיאַל צו דער ניו-יאָרקער אָרגאַ-
ניזאַציע[126]. אויף מײַרעוו האָבן די סאָציאַל-דעמאָקראַטן נאָך ניט געהאַט קיין
ספּעציעלע יידישע פּאַרטיי-בראַנטשעס. אָבער אויך אין ניו-יאָרק זײַנען אַלע
יידישע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע פירער דעמלט געווען הויפּטזאַכלעך פאַרנו-
מען מיטן קאַמף קעגן די אַנאַרכיסטן און מיט דער טעטיקייט פאַר דער
„אַרבעטער-צײַטונג".

דער דאָזיקער פראַקציאָנעלער קאַמף אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי,
וואָס איינער פון זײַנע מיטלפּונקטן איז געווען סינסינעטי, האָט, נאַטירלעך,

וויניק געקאָנט מאכנ אינטערעסאנט פאר עדעלשטאטנ דאָס לעבנ אינ דער דאָזיקער שטאָט.

דאָס לעבנ אינ סינסינעטי איז פאר עדעלשטאטנ געווענ אנ אָפּקומעניש. אימ האָט געצויגנ צו ברייטער טעטיקייט, צו ברויזנדיקע קאמפנ. זיינע פריינט האָבנ אימ גערופנ צוריק קיינ ניו־יאָרק. פארלאָזנ סינסינעטי האָט אָבער עדעלשטאט דעמלט ניט געקאָנט. אינ א בריוו פונעמ 27-טנ מארט 1890 צו זיינ פריינט יאקאָוו ליפשיצ שרייבט עדעלשטאט: „איכ בינ דער איינציקער פארדינער פונ מיינ גאנצער מישפּאָכע, אונ אוועקפאָרנ באטייט אוועקרויבנ בא זיי די לעצטע מיטלענ כאר זייער עקזיסטענצ“.

אינ דעמ זעלביקנ בריוו קלאָגט זיכ עדעלשטאט, אז זיינ הארצ איז שוינ מיד זיכ צו שטאָפּנ מיט פארדראָס. ער רעדט אויכ וועגנ זיינע „אויסגעווייטעקטע געדאנקענ אונ לידער, וואָס זיינענ געבוירנ באמ מאָנאָטאָנעמ קלאפּ אונ גערויש פונ מאשינענ-רעדער, אָדער אונטער די אומדערבארעמדיקע קלעפּ פונ דער דעספּאָטישער בייטש“.

וועגנ זיינע לידער שרייבט עדעלשטאט אינ יענער צייט אויכ אינ זיינ ליד „אנ מיינע לעזער“ („מאָרגנשטערנ“, 21 מארט). ער דערקלערט דאָרט, אז אינ זיינ ליד קאָנ מענ הערנ, ווענ מע זאָל „זיכ נאָר איינהערנ גוט, ווי עס רוישט דאָרט א טייכ פונ מענטשלעכע טרערנ צעמישט מיט דעמ דיכטערס בלוט!“... אז ער שרייבט זיינ „שטורעמ־ליד“ צו רופנ זיינע שוועסטער אונ ברידער אינ פרייהייט-קאמפּ.

„איכ שרייב פאר אייכ, מיינע גוטע קאמעראדנ,
וואָס ליידנ אי הונגער, אי קעלט;
אונ בויענ אליינ די שלאכט־באריקאדנ
אינ קאמפּ פאר א פרייער וועלט!“

די דאָזיקע ליד האָט, קענטיק, געמאכט דעמלט אנ איינדרוק. אינעמ „מאָרגנשטערנ“ פונעמ 4-טנ אפּרעל איז אָפּגעדרוקט א בריוו פונ א לייענער. אָט איז דער פולער טעקסט פונעמ בריוו:

„ווערטער ה׳ פּאסקארעלל!

אלס אנ ארבעטער-פריינט זענדע איכ אינענ מיינ איניקסטנ דאנק פיר אירער ארבעט („אנ מיינע לעזער“) פיר אונזערע מיטברידער אָדער נעבנ-מענטשנ, אונ איכ האָפּע, דאָס זי ווערדנ שוינ דאמיט באלוינט זיינ, ווענ זי די צוקונפט זעענ, אויכ די בעסערע לאגע אונזערע ברידער בייווינענ, וועלכע איכ האָפּע זי ווערדנ ערלעבנ, קירצלעכ צו זענ. איר פריינט א. קאָסקע, פאָרט לינקאָלנ, נארד דאקאָטע. 27-טנ מארץ, 1890“.

עס איז ניט אויסגעשלאָסנ די מעגלעכקייט, אז ס'איז געווענ נאָכ בריוו וועגנ עדעלשטאט-פּאסקארעלס ליד, נאָר די רעדאקציע האָט פארעפנטלעכט בלויז איינעמ, וואָס איז געקומענ פונ א ווייטנ לאנדווירטשאפטלעכנ שטאט, מעגלעכ פונ אירנ א רעגולערנ אבאָנענט.

אנ אנדער ליד עדעלשטאטס פונ יענער צייט: „פארצווייפלונג אונ האָפענונג“ (דאָרט, 9-טנ מיי) רופט ארויס א פריינטלעכנ פּראָטעסט קעגנ

אים פון דעם שנײַדער־אַרבעטער ייִסראָעל באַרסקי (ייִסראָעל בען אוילאַם), דעם גרינדער פון די „פאַרייניקטע שנײַדער־ברידער (בראָדערהוד אָוו טיילאָרס)" [93].

ייִסראָעל באַרסקי האָט לויט זײַנער אַ דערקלערונג („פאָלקס־אַדוואָקאַט", 26 אַפּרעל, 1889) ניט געהערט צו קיין פּאַרטיי. זײַנע לאַנגע סעריעס אַרטיקלען וועגן דער וויכטיקייט צו אָרגאַניזירן די ייִדישע שנײַדער־אַרבעטער פלעגט ער פאַרעפנטלעכן סײַ אין סאָציאַליסטישע, סײַ אין אַנאַרכיסטישע און סײַ אין אַנדערע ראַדיקאַלע צײַטונגען. פאַר עדעלשטאַטן האָט ער אָבער געהאַט אַ באַזונדער וואַרעם געפיל.

אין זײַן אָפענעם בריוו צו דאָוויד עדעלשטאַטן („מאָרגנשטערן" פונעם 23־טן מײַ 1890) שרײַבט ייִסראָעל באַרסקי אַזוי:

„פאַסקאַרעל! ברודער פאַסקאַרעל! ניט איין מאָל האָט זײַן פּאָעזיע צעבראָכן מײַן האַרץ, ניט איין מאָל האָב איך, אונטער ייִסראָעל בען אוילאַם, געוויינט ווי אַ קליין קינד לעזנדיק דײַנע הימלישע געדיכטע. ווען איך דערזע נאָר דײַן אונטערשריפט, נאָך בעפאָר איך לעז דײַן פּאָעזיע, פילן זיך מײַנע אויגן אָן מיט טרערן. אָפּ מײַן האַרץ ווערט מיר... נור, פאַרצײַ, ברודער, איך בין קיין פּאָעט. דו ווייסט עס אַליין. איך קאָן זיך ניט אויפהייבן אָפּ די פליגל פון פּאָעזיע העכער ווי די וואָלקנס, דער לעוואָנע, דער זון; איך בין שוואַך, צו שוואַך דערצו...

„עס איז ניטאָ פאַר וואָס צו בלוטן,
צו קעמפן איז ניטאָ פאַר וואָס...
וואַרפט אונדז אַרײַן דער פרײַנט אין כיירעם,
פאַרגעסן אונדז אויך גוטע פרײַנט...

אָ, ברודער פאַסקאַרעל! איך זע אין דײַנע לידער אַײַן, אַז דו ביסט קראַנק. דײַן האַרץ איז טיף פאַרוווּנדעט פון די אומגערעכטיקײַטן דער געזעלשאַפט; דײַן לירע קרעכצט, די סטרונעס פון דײַן הימלישער האַרפע הייבן אָן צו פּלאַצן...

גאַלגאַן, טויט, וואָס גייט אונדז אָן...

אויך דײַן באַגײַסטערונג, ברודער, איז פול פאַרצווייפלונג, אויך דאַרום איז מײַן ראַט: האָב ראַכמאָנעס אָפּ זיך אַליין. זינג ניט מער איבער דער אַבשוילעכער געגנוואַרט. לאָז עס פאַר אַנדערע איבער... האָב קיין פאַרדרוס אָפּ די קליינלעכע אינטריגאַנטן, די נידעריקע באַשעפענישן. זייער בילן איז ווי יענעמס הונט, וועלכער האָט געבילט קעגן דער לעוואָנע. עס זײַנען דאָ מענטשן, וועלכע פאַרשטייען און שעצן דיך, און האַסן די שווינדלער און טיראַנען... און דאָס איז גענוג פאַר דיר...

וואַרף אַוועק, זאָג איך, די גאַנצע דערנער, דעם שמוץ פון דער געגנוואַרט און זינג פון דער צוקונפט. דײַן האַרץ וועט ווידער פול האָפענונג ווערן און וועסט צו דײַן געזונט, צו דער פּאָלג באַגײַסטערונג קומען. און דאַן, ווען דײַן פּאָעזיע וועט מאַכן דײַנע פרײַנדע אַרונטערלאָזן, וועט עס זײַן אַ טרער פון פאַרגעניגן, אַ טרער פון האָפענונג.

דײַן פרײַנט
ייִסראָעל בען אוילאָם".

אין זײַן ליד „מײַן אַנטוואָרט צו ייִסראָעל בען אוילאָם" (אינעם „מאָרגנשטערן" פאַרן 6־טן יוני 1890) דערקלערט עדעלשטאַט, אַז ער האַסט אַליין זײַנע „זיפצן און טרערן". נאָר „ניט פרײַ איז אין זינגען דער דיכטער"... ער קאָן דערפאַר ניט פון דער צוקונפט זינגען, ווען די געגנוואַרט שטייט מיט איר שווערד! טרערן פליסן, קייטן קלינגען, באַפלעקט איז מיט בלוט די ערד".

דעם 20־טן יונ גייט אונטער דער „מאָרגנשטערנ". עדעלשטאט בלײַבט אָבער ניט לאַנג אָן אַן אָרגאַנ. דעם 4-טנ יול דערשײַנט די אומפּאַר־טייִישע „פרײַע ארבעטער-שטימע", ווו עדעלשטאט הייבט אָן מיטארבעטנ, ווי אינ דער „ווארהײַט" אונ „ארבעטער-פרײַנט", אונטער זײַנ אייגענעם נאָמענ. דעם פּסעוודאָנים „פּאסקארעל" באניצט ער שוינ ניט מער.

15

עדעלשטאט אלס מיטארבעטער אונ רעדאקטער פונ דער „פרײַער ארבעטער-שטימע"

די „פרײַע ארבעטער־שטימע" האָט אָנגעהויבנ צו דערשײַנענ דעם 4־טנ יול 1890, מיט דרײַ כאדאָשים שפּעטער ווי די „ארבעטער-צײַטונג". קעדיי צו שאפנ מיטלענ[127] אפּ ארויסגעבנ די צײַטונג, איז דעם 12־טנ יאנוואר 1890 אָרגאניזירט געוואָרנ אַן „אינטערנאציאָנאַלע ארבעטער-פעדעראציאָנ", אפּ וועלכער עס זײַנענ בײַגעווענ 200 מיטגלידער, אונ ס'איז באשלאָסנ געוואָרנ, אז די צײַטונג זאָל זײַנ אַן אומפּארטייִישע אונ זאָל הייסנ „דער ארבעטער".[128] מיט א כוידעש שפּעטער איז איר נאָמענ געענדערט געוואָרנ אפּ „פרײַע ארבעטער-שטימע"[129]. ווארשײַנלעך, האָט מענ געוואָלט דערמיט אונטערשטרײַכנ, אז די צײַטונג וועט געבנ דאָס וואָרט ארבעטער פונ אלע ריכטונגענ.

די „נור אומפּארטייִשע" צײַטונג" האָט געהאט די פולע סימפּאטיע פונ די לאָנדאָנער „אומפּארטייִשע סאָציאליסטנ". מאָריס ווינטשעווסקי, אשטיי־גער, האָט צוגעשיקט פארנ ערשטנ נומער זײַנ ליד „צורופ" צו דער „פרײַער ארבעטער-שטימע". אינ „ארבעטער-פרײַנט" ווערט זי אנאָנסירט אלס „רעוואָ־ליוציאָנערע ארבעטער־צײַטונג, ארויסגעגעבנ פונ 32 יידישע ארבעטער-סאָ־סייעטעס" (אָרגאניזאציעס).

טרײַ צו די פּרינציפּנ פונ „אומפּארטייִשקײַט" האָבנ די גרינדער פונ דער „פרײַער ארבעטער-שטימע" באשטימט פאר איר צוויי רעדאקטערס — א סאָציאל־דעמאָקראטישנ אונ אנ אנארכיסטישנ. דער פאקט, וואָס עס האָט עקזיסטירט די סאָציאל-דעמאָקראטישע „ארבעטער-צײַטונג", צווינגט אָבער די „פרײַע ארבעטער-שטימע" צו ווערנ וואָס ווײַטער אלץ מער אויס־געשפּראָכנ אנארכיסטיש.

די „פרײַע ארבעטער-שטימע" האָט פונ אָנהייב אָנ ניט געהאט קיינ דערפאָלג. איר לייענער-קרײַז איז געווענ באגרענעצט. זי האָט זיך קעסיידער געראנגלט מיט פינאנציעלע שוועריקײַטנ[130]. איר דעמלטיקער פארוואלטער קאָפּעלאָוו האָט מיט פיר צענדליק יאָר שפּעטער באמיט זיך דאָס צו דער־קלערנ מיט פאָלגנדיקע סיבעס: ערשטנס, די „פרײַע ארבעטער-שטימע" איז ארויס אינ דער צײַט, ווענ די „ארבעטער-צײַטונג" איז שוינ געווענ גאנצ

גוט פֿאַרשפּרייט און איר (דער „פֿרײַער ארבעטער־שטימע“) איז אָנגעקומען שווער צו קריגן פֿאַר זיך א לייענער. צווייטנס, איז דער רעדאקטער געווען ניט קיין פּייִקער [131], די שפּראך א טערקיש־יִידיש, „הילצערנע איווריע“ [132] און קיינער האָט אירע ארטיקלען ניט פֿארשטאַנען [133].

די עמעסע סיבה איז אָבער געווען דאָס, וואָס בא אלע ספּעציפֿישע מיטלען פֿון דער אגיטאציע פֿון די אנארכיסטן, בא דער גאנצער הורא־רעוואָליוציאָנערער דעמאגאָגיע זייער־ער, זײַנען די אנארכיסטן פֿאָרט ניט געווען אימשטאנד צוציִען אף זייער זײַט מער־ווייניקער ברייטע מאסן אר־בעטער. באזונדערס פֿלעגט אָפּשטויסן דעם מאסן־ארבעטער דאָס, וואָס די אנארכיסטן האָבן ניט געקאָנט געבן קיין קלאָרן און דעריקער קאָנקרעטן ענטפֿער אף די טאָגטעגלעכע פֿראגעס פֿון פּראָלעטארישן קלאסנקאמף. זייערע בעסטע אגיטאטערס זײַנען ניט געווען אימשטאנד צו פֿארדעקן דעם ווידער־שפּרוך צווישן דער קליינבירגערלעכער אנארכיסטישער טעאָריע מיט דער פּראָלעטארישערווירקלעכקייט, באזונדערס אפן געביט פֿון עקאָנאָמישן קאמף, ווי דער דאָזיקער ווידערשפּרוך האָט זיך אזוי בולט געוואָרפֿן אין די אויגן.

עדעלשטאט איז נאטירלעך באלד געוואָרן א מיטארבעטער פֿון דער „פֿרײַער ארבעטער־שטימע“. ער האָט דאָרט קימאט אין יעדן נומער א ליד. בלויז אין צוויי פֿון די עטלעכע און צוואנציק לידער, וואָס עדעלשטאט האָט צוגעשיקט פֿון סינסינעטי, רעדט זיך וועגן נויט און עלנט („דעם יאָסעם“ — 18 יולי, „די געפֿאלענע“ — 20 סענטיאבער). די איבעריקע לידער אנטהאלטן קימאט אלע קאמף־מאָטיוון. ער רופֿט דאָרט צום „גרויסן אל־וועלטלעכן שטרײַק“, „צום לעצטן שטרײַק אונטער דער גרויסער פֿאָן“ („דער לעצטער שטרײַק“ — 1 אווגוסט, 1890). ער דערקלערט, אז „לעבן, הייסט קעמפֿן פֿאַר אלגעמיינע גליק“ („פֿאָרווערטס“ — 5 סענטיאבער). ער רופֿט די ארבעטער „שולטער אין שולטער“ מיט „פֿאנצער און שווערד פֿאָרווערטס אין די קעמפֿנדע רייען“ („דער יִדישער פּראָלעטאריער“ — 12 דעקאבער). ער באזינגט אין באזונדערע לידער די טשיקאגער מארטירער לויִס לינג, אלבערט פּארסאָנס און אווגוסט שפּיז. ער טרייסט די פּראָלעטארישע קעמפֿער, אז „כאָטש דער שטורעם ווערט שטארקער“ און „אלץ הייסער די קעמפֿנדע שטראָמען“, דאַך זעען זיך שוין פֿונווײַטן „רויטע סיגנאלן“ („צו א פֿרײַנט“ — 31 אָקטיאבער).

עדעלשטאט ווײַזט זיך אָבער גלײַך ארויס ווי אן אנארכיסט, טרעט ארויס באזונדערס קעגן פּאָליטישן קאמף.

איין ליד פֿון יענער צײַט — „אף דער וואכע“ („פֿ.א.ש.“, 28־טער נאָיא־בער 1890) איז קענטיק באווירקט פֿון הײַנען. די דאָזיקע ליד איז א ווײַטערע אנטוויקלונג פֿון דער ליד „דער זעלנער“, וואָס עדעלשטאט האָט אינעם ערשטן וואריִאנט געהאט א צושריפֿט „נאָך הײַנען“. אין דער לעצטער ליד רעדט זיך וועגן „א יִידל א זעלנער“, וואָס „שטייט איינזאם אין רוסלאנד אף זײַן פּאָסט“ - - - „אין שניי באגראָבן, פֿארגליווערט פֿון דעם פֿראָסט“ - - -

„טרוימט פון באפרײַונג פונעם צאריזם דורך איסוואנדערונג. די ליד „דער זעלנער" האָט עדעלשטאט, מעגלעך, אופגעשריבן זומער 1890, אין דער צײַט פון זײַן אויבנדערמאָנטער טעטיקײַט צו העלפן „די אונטערדריקטע, בארויבטע און פארפלאָגטע רוסישע ייִדן". שפעטער האָט עדעלשטאט איבערגעדיכטעט זײַן אָפטימיסטיש שטאָלץ רוסיש „ייִדל" אף אן אלמענטשלעכער סימבאָלישער פיגור: די טראגישע געשטאלט פון „אן אלטינקן זעלנער", וואָס שטייט „אין שטורעם" „אליין אף זײַן הייליקן פאָסטן". ער „ראנגלט זיך מיט שטורעם און קעלט"; ער „פײַערט סיגנאלן... און עס ענטפערט אים נאָר דאָס עכאָ פון פעלד"; זײַן הארץ ווערט „פארגליווערט אין ברענענדיקן פראָסט" און דער אופגייענדיקער „מאָרגנשטערן" וועט אים געפינען „טויט אף זײַן הייליקן פאָסט".

מיט די סאָציאל־דעמאָקראטן פאָלעמיזירט ער ניט מער. ער לאָזט עס איבער פאר די פובליציסטן. בלויז אין איין ליד („אונדזער אידעאל" 19־טן דעקאבער) איז פאראן אן אָנצוהערעניש אף פאָלעמיק מיט די סאָציאל־דעמאָקראטן. ער באקלאָגט זיך דאָרט, אז „ניט איין מאָל וועלן „קלוגע ברידער" פון אונדזערע ווונדן מאכן שפאס" און „אונדזער ברודער־האנט באגעגענען מיט שלאנגען־גיפט און ווילדן האס".

★

עדעלשטאט באטראכט די „פ. א. ש.", אזוי ווי פריִער די „ווארהײַט", פאר זײַן אָרגאן. ער באנוגנט זיך ניט בלויז מיט שיקן איר לידער און אמאָל אויך אן ארטיקל אָדער א קאָרעספאָנדענץ. ער איז אויך פארינטערעסירט אין איר מאטעריעלן צושטאנד און פילט זיך אויך בארופן ארויסצוזאָגן זײַן מיינונג אין רעדאקציאָנעלע אָנגעלעגנהײַטן. צווישן זײַנע מאנוסקריפטן געפינט זיך אן אָנווורף פון א בריוו, געשריבן צו דער רעדאקציע פון דער „פרײַער ארבעטער־שטימע", אין וועלכער ער פראָטעסטירט, פארוואָס זי האָט זיך דערקלערט אין נומער 6 (8 אווגוסט 1890) פאר א סאָציאליסטיש־רעוואָלוציאָנערער (מיט דעם נאָמען סאָציאליסטן־רעוואָליוציאָנערן האָבן זיך דעמאָלט אָנגערופן די לינקע סאָציאליסטן אין אמעריקע און ענגלאנד)[134] *. עדעלשטאט טײַנעט, אז צווישן די 32 אָרגאניזאציעס, וואָס גיבן ארויס די „פרײַע ארבעטער־שטימע", זײַנען פאראן אויך אנארכיסטן און סאָציאל־דעמאָקראטן און מע האָט ניט געטאָרט מאכן די ענדערונג אָן זייער צושטימונג.

ווען די רעדאקציע פון „פרײַער ארבעטער־שטימע" פארעפנטלעכט לידער פון אנדערע דיכטער, געפינט זי פאר נייטיק צו שרײַבן עדעלשטאטן, אז דאָס איז זײַן שולד, וואָס זי האָט געמוזט געבן א „גאָר ניט געלונגענעם געדיכט", ווײַל ער האָט ניט צוגעשיקט זײַן געדיכט.

* מע דארף עס ניט צונויפמישן מיט די עסערן, וואָס זײַנען אנטשטאנען אין אָנהייב פון XX יאָרהונדערט אין רוסלאנד.

אפ דער צווייטער קאָנווענשאָנ (דעם 25 דעקאבער 1890) פונ די אָר־גאניזאציעס, וואָס האָבנ ארויסגעגעבנ די „פרייַע ארבעטער־שטימע" ווערט דאָוויד עדעלשטאט אויסגעוויילט אלס אנארכיסטישער רעדאקטער פונ דער צייַטונג. אלס סאָציאליסטישער רעדאקטער איז אויסגעוויילט געוואָרנ י. אראָנאָוויטש (יִצכאָק־אייַזיק הורוויטש). עדעלשטאט איז געקומענ אלס דע־לעגאט אפ דער קאָנווענשאָנ (צוזאמענפאָר) לויט דער אופאָדערונג פונ דער רעדאקציע פונ „פרייַער ארבעטער־שטימע". אינ דעם בריוו צו אים פונ דער „פ.א.ש.", דאטירט ניו־יאָרק, דעקאבער 1890 דעם 10־טנ, איז אָנגעשריבנ פאָלגנדיקס:

„בעסטער ד. עדעלשטאט!

הייַטע ערהאלטנ אייַער בריוו. לאָזט מיר זייַנ פראנק אונ אייַך ערקלערנ, אז אייַערע בריוו פאר די לעצטע צייַט טראָגנ אפ זיך אנ ערביטערטערנ כאראקטער. עפּעס זייַט איר אינ קאס אפ וועמענ, זייַט אומצופרידנ — — — אָבער איך פארשטיי אייַך. איר זייַט אומרויִק וועגנ דעם צושטאנד דער צייַטונג, איר האָט מוירע טאָמער שטארבט זי אוועק, אונ איר האלט פאר אייַער פליכט עפּעס צו טאָנ איר אָפּצוהעלפנ: — נו, פרייַנט, וואָס זאָלט איר טאָנ? עס. פארשטייט זיך, אז איר וואָלט געקענט א סאך טאָנ, ווענ איר וואָלט געווענ געזונט אונ רייַך, אָבער יעצט — קומט אונ זעט וואָס צו טאָנ! איר מוזט אָבער קומענ ניט שפּעטער ווי אפ דער קאָנווענציאָנ. דענ, אויב יאָ טאָנ, קענט איר פילע אויפטאָנ נור אפ דער קאָנווענציאָנ.

איך בינ באאופטראָגט פונ קאָמיטע אייַך צו שרייַבנ וועגנ דעם. די קאָנווענציאָנ וועט באַשטימענ, אויב די צייַטונג קענ, אָדער קענ ניט גייַנ. גענויע רעכענונגענ, וועלכע מיר האָבנ געמאכט פאָריקע וואָך, וועל איך אייַך צושיקנ, אויב איר פארלאנגט. יעדנפאלס איז די קאָנווענציאָנ די איינציקע, וואָס וועט קענענ אורטיילנ איבער דער שיקזאל דער צייַטונג. אויב איר וועט ניט זייַנ אפ דער קאָנווענציאָנ, וועט איר טאָנ א פעלער — — — איר מוזט דאנ זייַנ!

אייַער פ. א. פ ר א נ ק".

עדעלשטאט פאָלגט דעם רופ פונ זייַנע כאווירים אונ קומט צו דער קאָנווענשאָנ. דער פריִערדיקער רעדאקטער פ. א. פראנק (ד־ר מעריסאָנ) וויל מער ניט טאָנ די שווערע ארבעט פונ רעדאקטירנ די „פ. א. ש.". נעמט עדעלשטאט אפ זיך דעם יאָך. ער שטימט אויך אייַנ, צום ערשטנ מאָל אינ זייַנ לעבנ, צו קריגנ באצאָלט פאר זייַנ ליטערארישער אר־בעט. דאָס איז פאר אים געווענ א שווערער קאָרבנ. מיט 9 מאָנאטנ פריִער (אינעם „מאָרגנשטערנ" פונעם 21־טנ מארט 1890) האָט עדעלשטאט שטאָלצ דערקלערט: „איך פארקויפ ניט מייַנ מוזע פאר גאָלד!", אונ דאָס איינציקע געצאָלטס, וואָס ער פארלאנגט פונ זייַנע „ליבע לעזער, שוועסטער אונ ברידער,— איז „ליבע צו פרייַהייַט", „הייליקע טאטנ" אונ „ביטערער האס" (צום סוינע). איצט אָבער, ווענ ער האָט געמוזט אָפּגעבנ זייַנ גאנצע צייַט פאר דער רעדאקציע־ארבעט, האָט ער אייַנגעשטימט צו נעמענ דערפאר 5 דאָלאר א וואָך. ער האָט עס געקראָגנ העכסטנס איינ מאָל אינ דרייַ וואָכנ[135]... יויסעפ באָוושאָווער, עדעלשטאטס נאָכפאָלגער צווישנ די פּיאָנערנ פונ דער יידישער רעוואָליוציאָנערער ליד אינ אמעריקע, האָט ניט איבערגעטריבנ, ווענ ער האָט געשריבנ אינ זייַנ ליד „צום אָנדענק פונ דאָוויד עדעלשטאט", אז דער לעצטער האָט געשריבנ „זייַנ פרייַהייַט־ליד" — „דאָרשטיק, הונגעריק אונ מיד".

„אופגעאָפּערט האָט ער אַלעס:
זיך, זײַן גאַנצע חויזגעזינד —
רויק זיצן פונדערווײַטנ
איז געווען בא אים א זינד...“

דאָוויד עדעלשטאַט נעמט איבער די רעדאַקציע פונ א צײַטונג, וואָס איז געווען אָפּיציעל „סאָציאַליסטיש-אומפּאַרטײַיִש“ אונ פּאַקטיש פּאַרטײַיִש-אַנאַרכיסטיש. זי איז געווען פּאַרטײַיִש-אַנאַרכיסטיש שוינ מאַכמעס דעם אַלײנ, וואָס די סאָציאַליסטנ האָבנ געהאַט זײער אײגענע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע „אַרבעטער-צײַטונג“. דער צוזאַמענפּאָר פונ די 32 אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבנ אַרויסגעגעבנ די „פּ.א.ש.“, האָט געוואָלט באוואָרענענ איר אומפּאַרטײַיִשקײַט דורכ באַשטימענ צוויי רעדאַקטערס: אײנעמ אַנ אַנאַרכיסטישנ — עדעלשטאַטנ אונ א צווייטנ א סאָציאַל-דעמאָקראַטישנ — י. אַראָנאָוויטש (דאָקטער יִצכאָק-אײַזיק הורוויטש). אַראָנאָוויטש-הורוויטש איז שוינ דעמלט געווענ אַנ אויסגעשפּראָכענער רעפאָרמיסט[136]. שוינ אינ זײַנ ערשטנ אַרטיקל אינ דער „פּ.א.ש.“, אַלס איר „סאָציאַל-דעמאָקראַטישער רעדאַקטער“, אַטאַקירט יִצכאָק-אײַזיק די דײַטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטנ פאַר זײער ריכטיקער שטעלונג צו א גרופּע דײַטשישע קאַפּיטאַליסטנ, וואָס האָבנ געשאַפנ אַנ אָרגאַניזאַציע קלוימערשט צוליב אופבויענ א קאָמונע אינ א דײַטשישער קאָלאָניע אינ אַפריקע. די דײַטשישע סאָציאַל-דעמאָקראַטנ האָבנ דעמלט ריכטיק דעמאַסקירט די דאָזיקע בורזשואַזע גרופּע אַלס פּאָשעטע קאַפּיטאַליסטישע רויבערס, וואָס שטרעבנ צו פאַרמאַסקירנ פאַר דער אַרבעטערשאַפט זײער אימפּעריאַליסטישע קאָלאָניאַל-פּאָליטיק.

לויט ד״ר י. הורוויטש האָבנ געקאָנט אַרבעטנ האַנט בא האַנט ניט בלויז סאָציאַליסטנ מיט אַנאַרכיסטנ. ער איז אַלעמאָל געווענ אויכ פאַר „פיוזשאָנ“, פאַר א פאַרײניקטער טעטיקײַט פונ סאָציאַליסטנ מיט פאַרשײדנערליי בורזשואַזע רעפאָרמיסטנ.

אונטער דעמ אײַנפלוס פונ אָט דעמ „סאָציאַליסט“ אונ נאָר וואָס געקומענ פונ דער קאָנווענשאָנ, ווו אַרבעטער-דעלעגאַטנ האָבנ געפאָדערט א פאַרײניקטנ אַרבעטער-פראָנט, אַגיטירט עדעלשטאַט א געוויסע צײַט פאַר אַזאַ פּאָליטיק. ער טוט עס אפ זײַנ שטײגער אינ פּאָעזיע אונ אינ פּראָזע. אינ זײַנ ליד „א גוט וואָרט“ („פּ. א. ש.“, 16-טנ יאַנוואַר 1891) ווענדט זיכ דאָוויד עדעלשטאַט צו די „וועקערס“ פונעמ „פאַרשקלאַפטנ פּראָלעטאַר“ צו האַנדלענ „מענטשלעכ“, צו האָבנ אינזינענ דעמ „ציל“ אונ ניט געבנ קײנ פּלאַצ אינ האַרצנ „פאַר א קלײנלעכנ געפיל“; ניט צו פאַרגעסנ „פאַר וואָס מיר קעמפנ“; ניט צו פאַרגעסנ, אַז פאַר דער טיר „שטײט די מאַסע“, וואָס „בלוטעט“ אונ „לײַדט אָנ א שיר“.

אינ זײַנ אַרטיקל „מיט ועמענ קעמפנ מיר?“ (דאָרט) פאָדערט עדעלשטאַט, אַז די אַרבעטער-פּאַרטײענ זאָלנ צווישנ זיכ ניט קעמפנ. ער רופט אויס:

„נידער מיט דעמ פאַרפּעסטעטנ פּאַרטײַ-אָבערגלויבנ! לאָמיר ריכטנ אונדזערע וואָפנ קעגנ אונדזערע וואָרנ פײַנט! לאָמיר פאַרווענדנ אונדזערע קרעפטע אינעמ גרויסנ פרײַהײַט-קאַמפּ פאַר דער אונטערדריקטער מענטשהײַט. לאָז איעדער טאָנ זײַנ פליכט! לאָז איעדער פּאַרטרעטנ

זײַן פּלאַץ אויף סאָציאַלן שלאַכט־פעלד! און די צוקונפט וועט אונדז באַווײַזן, ווער פון אונדז האָט מער רעכט געהאַט אין זײַנע סאָציאָלאָגישע אָנשויונגען; ווער עס וואַקסן זײַנע שאַרפער און ווער עס האַרץ האָט געטרײַער געשלאָגן פאַר דער ליבנדער מענטשהײַט".

אין אָט דער אַגיטאַציע האָט געשטעקט סײַ פּאָליטישע נאַיִווקײַט, סײַ אַנאַרכיסטישער עקלעקטיזם, סײַ אַ פּרוּוו צו מאַנעווורירן אין אַזאַ פּעריאָד, ווען די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע האָט שוין אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ. עס האָט אָבער מער געשטימט מיט עדעלשטאַטס טעמפּעראַמענט, ווען ער האָט מיט אַ וואָך פריִער אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג „קיינע קאָמפּראָמיסן אונטער קיינע אומשטענדן!" („רעוואָלוציאָנערע טאַקטיק", „פ. א. ש.", 9־טן יאַנואַר 1891) און האָט גלײַכצײַטיק גערופן (אין זײַן ליד „וואַכט אויף!") זײַנע „בראַווע קאַמעראַדן" אַרויסצוטרעטן אויף די „קאַמפּס־באַריקאַדן". אַלנפאַלס האָט זײַן רוף פאַר אַ פאַראייניקטער אַרבעט פון די אַנאַרכיסטן מיט די סאָציאַליסטן ניט געפונען קיין אָפּקלאַנג בײַ קיין איין צד. די צײַט פון סטאַם רעוואָלוציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע איז שוין געווען פאַריבער, און אינעם פּעריאָד פון קאָנקרעטע טאָגטעגלעכע אַרבעטער־קאַמפן איז שוין מער ניט געווען קיין אָרט פאַר אַ פאַראייניקטער טעטיקײַט פון סאָציאַליסטן מיט אַנאַרכיסטן. אַפילו דער לאָנדאָנער „אַרבעטער־פרײַנט", וואָס האָט דעם טיטל „סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטייִש" שטאָלץ געטראָגן פינף יאָר נאָכאַנאַנד, איז באַם אָנהייב פון די 90־ער יאָרן מיט יעדן נומער געוואָרן אַלץ מער אויסגעשפּראָכן אַנאַרכיסטיש. די פאַראייניקטע טעטיקײַט פון די אַנאַרכיסטן מיט די סאָציאַליסטן איז אויך אין לאָנדאָן געווען צעשפּאָלטן. דער לעצטער אומפּאַרטייִשער רעדאַקטער ק. גאַלאָפּ, האָט אין אָנהייב פעברואַל 1891 שוין זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זײַן אַמט. בלויז מאָריס ווינטשעווסקי האָט אומזיסט נאָך געפּרוּווט אַ געוויסע צײַט אײַנהיטן די סאָציאַליסטישע „אומפּאַרטייִשקײַט" פון די 80־ער יאָרן.

דאָוויד עדעלשטאַט האָט דעריבער זיך באַמיט צו מאַכן די „פ. א. ש." פאַר אויס אומפּאַרטייִש. אַזוי ווי די אָפיציעלע ריכטונג פון דער צײַטונג האָט באַדאַרפט אַנטשיידן ווערן פון דער מערהײַט אָרגאַניזאַציעס, וואָס גיבן זי אַרויס, האָט זיך עדעלשטאַט צו זיי געווענדט מיט זײַן נײַעם פּלאַן. אין זײַן אַרטיקל געפינט זיך אַ ניט־פאַרענדיקטער אָנוואָרף פון אַ בריוו צו די „גענאָסן און דעלעגאַטן פון קאָנווענציאָן", אין וועלכן עדעלשטאַט מאַכט זיי אויפמערקזאַם, אַז זייער באַשלוס איבערצולאָזן די „פ.א.ש." אַלס אַן אומפּאַרטייִשע צײַטונג האָט ניט געקאָנט דורכגעפירט ווערן. „די צײַטונג,—שרײַבט ער,— האָט דאַן אָנגענומען איר וואָרע ריכטונג — די אַנאַרכיסטיש־קאָמוניסטישע". דאָס וואָרט אומפּאַרטייִש איז אָבער „געבליבן שטעקן" אויף איר פּראָגראַם, און יעדערער פאַרטײַטשט עס „נאָך זײַן געשמאַק". דער רעזולטאַט איז, אַז דאָס פירט אַרײַן די צײַטונג אין פאַרשיידענע מיספאַרשטייענישן און „וואַרפט אַ שאָטן" אויף איר פּאָן...

אַנערעכ אין דער זעלביקער צײַט באַמיט זיך עדעלשטאַט צו געבן זײַן אַנאַרכיזם אַ וויסנשאַפטלעכע באַגרינדונג. ער פּרוּווט עס טאָן אין זײַנע אַר־

טיקלענ „ראדיקאלע טעטיקײט“ (דעם 23־טנ יאנואר) אונ „אנארכיזמוס־קאָמוניזמוס“ (דעם 6־טנ פעווראל). אינעם ערשטנ ארטיקל פארבײט עדעלשטאט מארקס־ענגעלס רופ: „פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראײניקט זיך!“ אפ זײַנ אײגענעם רופ „פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, באוואָפנט אײַך!“ אינעם צווײטנ ארטיקל טרעט ארויס עדעלשטאט פאר „אבסאָליוטער הערשאפטלאָזיקײט“ אינ דער צוקינפטיקער געזעלשאפט. ער וויל ניט וויסנ פונ קײנ שום מעלוכע, אינ וואָס פאר א פאָרעם זי זאָל ניט זײַנ. עס איז קעגנ יעטווידנ אויטאָריטעט, וואָס פאר אנ אינהאלט עס זאָל ניט האָבנ. דער גאנצער ארטיקל איז דורכגעזאפט מיט אנארכיסטישע פאָרשטעלונגענ וועגנ דער מעלוכע, וואָס איז, לויט לענינס אויסדרוק, „געפלאָנטערט אונ ניט־רעוואָליוציאָנער“.[187] ווי אלע אנארכיסטנ, וואָס באנעמענ אידעאליסטיש דעם וועזנ פונ מעלוכע, באציט זיך עדעלשטאט נעגאטיוו צו יעטווידנ מינ רעוואָליוציאָנערע מאכט, ער לײקנט די רעוואָליוציאָנערע ראָליע, וואָס עס קאָנ שפּילנ די מעלוכע־מאכט אינ די הענט פונ דעם זיגרײַכנ פראָלעטאריאט—אינ פולנ קעגנזאץ צו דעם, וואָס מארקס אונ ענגעלס האָבנ געלערנט זינט 1846. זײ האָבנ דערקלערט, ווי ענגעלס מאכט אופמערקזאם אינ זײַנ באקאנטנ בריוו צו די אמעריקאנער ארבעטער,[32] אז „אײנער פונ די ענדלעכע רעזולטאטנ פונ דער קומענדיקער פראָלעטארישער רעוואָליוציע וועט זײַנ די שטופנווײַזע אופלײזונג, אונ אינעם לעצטנ סאכאקל, פארשווינדונג פונ דער פאָליטישער אָרגאניזאציע, וואָס רופט זיך מ ע ל ו כ ע“, וואָרעם „מיטנ פארשווינדנ פונ דער פארמעגלעכער מינדערהײַט וועט אויך פארשווינדנ די נײטיקײט אינ א באוואָפנטע אונטערדריקונג אָדער אינ מעלוכע־מאכט“. „קעדײ צו דערגרײכנ צו אָט דעם אונ צו די אנדערע א סאכ וויכטיקערע צילנ פונ דער קומענדיקער סאָציאלער רעוואָליוציע, מוז אָבער דער ארבעטער־קלאס צוערשט פארכאפנ די אָרגאניזירטע פאָליטישע מאכט פונ דער מעלוכע אונ מיט איר הילפ ברעכנ דעם ווידערשטאנד פונ דעם קאפיטאליסטישנ קלאס אונ רעאָרגאניזירנ די געזעלשאפט“. דאָס איז פונקט דער קעגנזאץ צו דעם „אנארכיסטישנ אומזינ“, וואָס אגיטירט „אָ נ צ ו ה ײ ב נ די פראָלעטארישע רעוואָליוציע מיט אָפשאפנ די פאָליטישע אָרגאניזאציע פונ דער מעלוכע“. „גראָד דורכ דער מאכט פונ דער מעלוכע — ווײַזט אָנ ענגעלס — קאָנ דער זיגרײַכער פראָלעטאריאט אונטערדריקנ זײַנע קאפיטאליסטישע סאָנים אונ דורכפירנ יענע עקאָנאָמישע רעוואָליוציע פונ דער געזעלשאפט, וואָס אָנ איר וואָלט זיך דער גאנצער זיג געמוזט ענדיקנ מיט א נײַער מאפאָלע אונ מיט א מאסנ־אויסשלאכטונג פונ ארבעטער אזוי ווי דאָס איז געווענ נאָכ דער פארי־זשער קאָמונע“.

עדעלשטאט גיט אָפ א סאכ פלאצ אינ זײַנ ארטיקל „אנארכיזמוס אונ קאָמוניזמוס“ אפ אויסצומאָלנ די ווײַטע צוקונפט. ער רעדט דאָרט וועגנ פארניכטנ די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט דורכ „א געוואלדיקע סאָציאלע רעוואָליוציע“. ער זאָגט, אז די קאפיטאליסטישע געזעלשאפט וועט ניט „אָפגעבנ אירע פריווילעגיעס אונ אירע אָנגערויבטע רײַכטימער אָנ א ביטערנ בלוטיקנ

קאמפּ". עדעלשטאַט זאָגט אָבער דערט קיין איין וואָרט ניט מיקויעכ די וועגנ, וואָס פירנ צו דער פאַרניכטונג פונ דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדעוננג. דאָס שטימט אינגאַנצנ מיט עדעלשטאַטס ביטל-באַציִונג צום קאַמפּ פאַר די טאָג-טעגלעכע נויטנ פונ די אַרבעטער-מאַסנ, דעריִנ אויכ צו אַזאַ קאַמפּ-מיטל, ווי שטרײַקנ. „צו וואָס שטרײַקנ פאַר דאָס שטיקעלע „שקלאַפנ-ברויט?"— זאָגט עדעלשטאַט, ווענ מע קאָנ בעסער „שטרײַקנ פאַר א פרײַע וועלט". אינ זײַנ ליד „דער לעצטער שטרײַק" (דאָרט, 1-טנ אויגוסט, 1890) פּראָקלאַמירט טאַקע עדעלשטאַט, אַז ניט „ברויט אָדער אַרבעט!", נאָר „טויט אָדער פרײַהײַט!" דאַרפ זײַנ דער פּראָלעטאַרישער קריגס-געשריי.

„פאַר דיזנ גרויסנ אַלוועלטלעכנ שטרײַק
פאַרייניקט זיכ אַרבעטער-מאַסנ—
ווענ איר געווינט שוינ דאָס שקלאַפנברויט,
בלײַבט [נאָכ] הונגעריקע אפ די גאַסנ".

דעם זעלביקנ געדאַנק, אַז די גאַנצע ענערגיע פונ די מאַסנ דאַרפ געזאַמלט ווערנ פאַרנ „גרויסנ אַלוועלטלעכנ שטרײַק", פאַר דעם „לעצטנ שטרײַק אונטער דער רויטער פאָנ!" פאַר דער סאָציִאַלער רעוואָליוציע, אונ אַז דער קאַמפּ פאַר טיילווײַזע דעראָבערונגענ איז א ווידערשפּרוכ דערצו, דריקט אויס עדעלשטאַט אויכ אינ א גאַנצער ריי אַנדערע אַרטיקלענ. אינ די „טאַגעס-פראַגנ" (30-טנ יאַנוואַר 1891) גיט ער דעם פאָרצוג דער באַלדיקער צוגרייטונג צום „ל ע צ ט נ ש ט ר ײַ ק" לעגאַבע יעטווידער אַנדערער טעטיקײַט. אינ זײַנ אַרטיקל „ווערטער אונ טאַטנ" (13-טנ פעוורואַל) דערקלערט עדעלשטאַט, אַז איצט „איז אונדזער הייליקע פליכט פאָרבאַרייטנ דאָס אַרבעטער-פאָלק פאַרנ קומענדיקנ שטורעם" אאַוו. אינ זײַנ ליד „דער וואַמפּיר אונ די קנעכט", וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט מיט איליוסטראַציעס פונ אַנ אַרטיסט (דאָרט, 6-טנ מאַרט), שילדערט עדעלשטאַט, ווי דער פּעטער, ברייטער „וואַמפּיר פונ מענטשנ-בלוט" קלערט זיכ אַזוי:

„וואָס שרעקט מיכ אײַער יוניאָנ-מילכאָמע?
אמ ענדע בלײַב איכ דאָכ באָס!
נאַראָנים! איר נעמט פונ אונדז נעקאָמע?
מיט וואָס?.. מיט א שנעל אינ נאָז?"

מיט אַנאַרכיסטישער זעלבסטבאַרימערײַ רעדט עדעלשטאַט וועגנ דעם, אַז דער קאַפּיטאַליסטישער וואַמפּיר האָט מוירע בלויז פאַר די אַנאַרכיסטנ, וואָס „גיבנ אַמאָל א באָמבע א שלײַדער", אַז עס „ציטערט זײַנ שקלאַפנ-טראָנ!" אַז אָט דער וואַמפּיר שרעקט זיכ גאָר ניט „פאַר די דומע קנעכט" (אונ „דומע קנעכט הייסנ בא אים אויכ די אַלע, וואָס פירנ א קאַמפּ פאַר טיילווײַזע דעראָבערונגענ), וואָס „קרעכצנ אונ... שלעפּנ ווי פערד!"

„זיי פאַנגענ אָנ אַמאָל בריקעווענ, שרײַענ,
זיי ווילנ מער האָבער אונ גראָז...
אונ ווי מע גיט זיי א ביסל צום קײַענ,
לעקנ זיי ווידער דעם באָס".

מיט דומע קנעכט קאָנ מענ, נאטירלעכ, ניט דורכפירנ קיינ סאָציאַלע רעוואָליוציע. דאָס האלט אָבער ניט אָפּ עדעלשטאטנ פונ ווענדנ זיכ צו די זעלביקע „שקלאפנ“, זיי זאָלנ זיכ נעמענ „צו די הייליקע מעכטיקע וואפנ“.

די שרעקלעכע לײַדנ פונ די ארבעטער, פונ איינ זײַט, אונ דער שוואכער אָפּקלאנג, וואָס די אנארכיסטישע אגיטאציע האָט געפונענ צווישנ די ארבעטער-מאסנ, פונ דער אנדערער זײַט, ברענגענ עדעלשטאטנ צו ייִעש-שטימונגענ. זיי רופנ בא אימ ארויס א ריי לידער דורכגעזאפּטע מיט טרערנ. איננ זײַנ ליד „אפּ א באל“ (דאָרטנ, 23-טנ יאנוואר) שטעלט עדעלשטאט זיכ פאָר אלס „בלאסער טרוימער“, וואָס שטייט „געזונקענ דעמ קאָפּ אפנ ברוסט, ווענ זײַנע שוועסטער אונ ברידער זינגענ אונ טאנצנ מיט לוסט“. ער שטייט אונ דענקט, אז מאָרגנ „וועט די העסלעכע טיראנײַ ווידער דריקנ אונ ווערגנ די קינדער פונ שקלאפערײַ“; אז „די שיינע אויגנ, וואָס בליצנ יעצט מיט ליבע אונ מוט, וועלנ זײַנ פײַכט מיט טרערנ אונטער דעמ אויסבייטערס [עקספּלואטאטערס] רוט“; אז „די בעקלעכ, וואָס בליִענ יעצט ווי א ראָזע שײַנ, וועלנ פונ שמערצנ ווערנ בלאס ווי א מארמאָר-שטיינ“.

„אזוי דענקט דער בלאסער טרוימער,—
ער דענקט אונ שטייט אליינ, —
אליינ ווי א שטורעמ-וואָלקנ[138],
אליינ ווי א פעלדזנ-שטיינ“.

די קאָמבינאציע פונ „בלאסנ טרוימער“ מיטנ „פעלדזנשטיינ“, פונ ייִעש מיט ראָמאנטישנ פאטאָס איז ביז גאָר כאראקטעריסטיש פאר דער קלייןבירגערלעכער ווידערשפּרעכלעכקײַט פונ דער אנארכיסטישער וועלט-אָנשויונג[139].

פונ יענער צײַט שטאמט אויכ עדעלשטאטס ליד „זינגט מיט לוסט“ (דאָרט, 13-טנ פעווראל) — אנ ענטפער צו די, וואָס פאָדערנ פונ אימ, ער זאָל אופהערנ וויינענ אינ זײַנע לידער, ער זאָל זינגענ מיט לוסט. עדעלשטאט ענטפערט דערופ, אז „גוט איז דעמ, וואָס איז קיינ דענקער, גוט איז דעמ, וואָס איז קיינ דיכטער!“

מיט א וואָכ שפּעטער (30 פעווראל) שטרענגט זיכ עדעלשטאט אָנ צו טרייסטנ אָנשטאָט צו קלאָגנ. אינ א ליד „ניט אייביק“ טרייסט ער, אז ניט אייביק וועט דער קנעכט בויענ פאר זײַנע טיראנענ פאלאצנ אונ פאר זיכ פינצטערע טפיסעס. עס מוז קומענ דער פרילינג „מיט זײַנ הייליקנ זאָנענשײַנ, אינ וועלכנ עס לאכנ די בלומענ אונ עס פליסט דער לעבנס-ווײַנ“. ער פאָדערט אופ זײַנע ברידער „ניט ארונטערצולאָזנ די קעפּ אונ ניט צו שטיינ אפנ האלבנ וועג“, נאָר צו גיינ „פאָרווערטס צומ הייליקנ צוועק“. עדעלשטאטס טרייסט-ליד קלינגט אָבער אָנ א שיר שוואכער ווי זײַנ טרערנליד.

ווי אינ א סאכ אנדערע זײַנע לידער, ברענגט עדעלשטאט ארײַנ אויכ אינ דער ליד „זינגט מיט לוסט“ זײַנ פּראָפּאגאנדע פאר א פאראייניקונג פונ אלע ארבעטער. ער דערקלערט, אז די אָרעמע ארבעטער „לײַדנ, ווײַל זיי האָבנ קיינ פארשטאנד אומ צו רײַכנ זיכ ווי ברידער אינ דעמ פרײַהײַט-

קאמף די האנט". ווי אומעטום, ווײַזט עדעלשטאט אויך דאָ ניט אָן, אַרום וועלכע קאָנקרעטע אופגאבעס די ארבעטער זאָלן זיך פאראייניקן.

אן אויסנאַם צווישן עדעלשטאטס לידער פון יענער צײַט איז א רוסישע ליד מיט אן ענגלישן נאָמען — „איט וואָס איי דרים" — „עס איז געווען א כאָלעם" („פ. א. ש.", 30־טן יאנוואר). דאָרט שילדערט עדעלשטאט דאָס צוקינפטיקע רוסלאנד אינעם גײַסט פון די רוסישע פאָלקיסטן, פון די „נאראָדאָוואָלצעס", מיט וועלכע עס האָבן דעמלט סימפאטיזירט קימאט אלע רוסיש-יידישע ראדיקאלן, סײַ אנארכיסטן סײַ סאָציאַליסטן, אין ענגלאנד און אין אמעריקע. אפן אָרט פונעם קרעמל אין מאָסקווע זעט עדעלשטאט שטיין מאָנומענטן פאר סאָפיע פעראָווסקאיא, פאר זשעליאבאָוו, פאר העסע העלפמאן אדג. די „באסטיליע" (פעטראָפּאווּלאָווסקער פעסטונג) איז צעשמעטערט. דער צאר איז פארשיקט קיין סיביר. יידן האָבן גלײַכע מענטשן-רעכט.

אין יענער צײַט האָט זיך עדעלשטאט נאָך ניט געקענט פאָרשטעלן, אז דער רוסלענדישער ארבעטער־קלאס וועט פון זיך ארויסברענגען אזוינע פירער און העלדן, וואָס אין פארגלײַך מיט זיי וועלן פארבלאסט ווערן די געשטאלטן פון די קלײנבירגערלעכע פאָלקיסטישע העלדן. דעם יידישן רעוואָליוציאָנערן דיכטער מיט 44 יאָר צוריק איז אויך ניט אײַנגעפאלן אין געדאנק, אז די סאָציאַלע רעוואָליוציע דארף קלאָר ניט צעשמעטערן די פאלאצן פון די פריצים און קאפיטאליסטן, אז זי קען בעסער אויסניצן די דאָזיקע פאלאצן פאר די ארבעטער-מאסן.

16

שטעלונג צו פראגעס פון טאָגטעגלעכן קלאסנקאמף

דאָס דערמאָרדן די טשיקאגער רעוואָליוציאָנערע ארבעטער-פירער האָט טיילווײַז אָנגעצייכנט עדעלשטאטס ווײַטערדיקן געזעלשאפטלעך־פּאָליטישן וועג. זייער דערמאָרדונג דורך דער קאפיטאליסטישער מעלוכע האָט אין אים אופגעוועקט א שטארקע אקשאָנעס פאָרצוזעצן זייער רעוואָליוציאָנערן קאמף. זיי זײַנען פאר אים שטענדיק א קוואל פון באגײַסטערונג. עדעלשטאט האָט אָבער געהאט א ביז גאָר קנאפן אינטערעס צו די פראגעס פון טאָגטעגלעכן קלאסנקאמף. באזונדערס ווייניק האָט ער זיך אינטערעסירט מיטן טאָגטעגלעכן קאמף אפן עקאָנאָמישן געביט, מיט אָרגאניזירן די ארבעטער אין טרעד־יוניאָנס. גראָד צום עקאָנאָמישן קאמף, וואָס האָט געפאָדערט פון יעדער ווירקלעכן ארבעטער־רעוואָליוציאָנער א סאך אויסגעהאלטנקײַט, פארהארטעוועטקײַט, געדולדיקײַט, פייִקײַט צו געבן אפ קאָנקרעטער טאָגטעגלעכער ארבעט דעם שארפסטן ווידערשטאנד די אגענטן פונעם קאפיטאל אין די ארבעטער־רייען, קעדיי אײַנצוגלידערן דעם דאָזיקן קאמף אינעם גאנצן קאמף פאר פארניכטן די הערשאפט פון דער בורזשואזיע, — גראָד צו אָט

דעם ,,ארבעט־געביט האָט זיך עדעלשטאַט באַצויגן מיטן גרעסטן ביטל. און אין דעם האָט זיך טאַקע באַזונדערס בולט ארויסגעוויזן די קליינבירגערלעכע נאַטור פון עדעלשטאַטס רעוואָליוציאָנערישקייט, וואָס איר באַזע איז געווען די יידישע אימיגראַנטן-מאַסע.

דער שטראָם פון עמיגראַציע האָט קעסיידער געבראַכט נייע רעקרוטן פאַר די שוויץ־פאַבריקן. גרויסע מאַסן פון אָט די נייע שאַפּ-ארבעטער זיינען געווען נעכטיקע קליינבירגער. זיי זיינען געווען אנטוישט און פאַרביטערט: זיי האָבן זיך גאָר אנדערש פאָרגעשטעלט „דאָס גאָלדענע לאַנד". פאַר אָט דעם עלעמענט, וואָס איז, פון איין זייט, געווען פאַרביטערט קעגן דעם קאַפּיטאַליזם און, פון דער צווייטער זייט, האָט ער ניט אופגעהערט צו טרוימען וועגן צוריק פאַרנעמען אַן אָרט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אַלס אייגנטימער, — פאַר אָט דעם מין נייע ארבעטער איז דער פלאַמיקער רוף פון יאָהאַן מאָסט און פון אנדערע אַנאַרכיסטישע רעדנער געווען באַלזאַם פאַר די צעווייטעקטע הערצער. זיי איז געווען לייכטער זיך צו באַגייסטערן פאַר א ניט־קלאָרער פּראָגראַם פון צעשטערן מיט איין קלאַפּ די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט — פאַר א פּראָגראַם, וואָס שטערט אַגעוו ניט צוצופּאַסן זיך צו דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, איידער צו דערגרייכן די פאַרניכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג דורך אַן אָרגאַניזירטן און דויערנדיקן, האַרטנעקיקן קלאַסנקאַמף — פּאָליטישן און עקאָנאָמישן.

אויך דאָוויד עדעלשטאַט איז זינט די בלוטיקע געשעענישן אין טשיקאַגאָ א קעגנער פון יעטווידער פּאָליטישער טעטיקייט אין די גרענעצן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. ער באַנוגנט זיך ניט מיט ווייניקער, ווי מיט „לעצטן שטרייק" פאַר דער סאָציאַלער רעוואָליוציע. יעדע אנדערע טעטיקייט, אויך דעם פּאָליטישן קאַמף פאַר אַן אכטשאָעדיקן ארבעטטאָג, באַטראַכט עדעלשטאַט פאַר א צייט-פאַרלוסט און פאַר א פשאָרע מיטן קאַפּיטאַליזם.

דאָוויד עדעלשטאַט, וועלכער איז געווען קעסיידער דורכגעדרונגען ביט דער אַנאַרכיסטישער פּסעוודאָ-רעוואָליוציאָנערישקייט, איגנאָרירט אינגאַנצן די קאָמפּליצירטקייט און קאָמבינירטקייט פונעם פּראָלעטאַרישן קלאַסנקאַמף, וואָס פאָדערט אָנצווענדן און צו פאַרייניקן די פאַרשיידנסטע פאָרמעס פון עקאָנאָמישער, פּאָליטישער און קולטורעלער ארבעט צוליב אָרגאַניזירן דעם ארבעטער-קלאַס און צוגרייטן אים צו די גרויסע אנטשיידנדיקע קלאַסן-שלאַכטן. וואָס פאַר א קאָנקרעטע פראַגע עדעלשטאַט זאָל ניט באַהאַנדלען, האָט ער ניט קיין אנדער ענטפער, ווי טייקעף דורכפירן די סאָציאַלע רעוואָליוציע. ער וויל דעריבער צוערשט גאָרניט טראַכטן וועגן קיין אנדער זאַך, ווי נאָר רופן דאָס „פאָלק" דירעקט אָפּ „שלאַכט-באַריקאַדן" און „קלינגען אין די פרייהייטס-גלאָקן". אַלס א רעדאַקטער פון א וואָכנבלאַט פאַר ארבעטער-מאַסן און געשטויסן דורכן פאַקט, וואָס די סאָציאַליסטישע „ארבעטער-צייטונג" באַהאַנדלט די טאָגטעגלעכע לעבנס-

דערשײַנונגען, װערט אָבער עדעלשטאַט װאָס װײַטער אַלץ מער געצװוּנגען צו נעמען שטעלונג צו די טאָגטעגלעכע עקאָנאָמישע און קולטורעלע נױטן פון די אַרבעטער־מאַסן. ער װערט געצװוּנגען צו פאָרמולירן אַן אַנאַרכיסטישע פּראָגראַם פון טאָגטעגלעכער עקאָנאָמישער און קולטורעלער טעטיקײַט, — אַלס קאָנטראַסט צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. צום ערשטן מאָל טוט עס עדעלשטאַט אין זײַן אַרטיקל „דער װעג צום ציל" (דאָרט, 27־טן פעװראַל). נאָר באַלד פון אָנהײב אַנטפּלעקט זיך דאָ די גאַנצע ניט־קאָנקרעטקײַט פון דער דאָזיקער אַנאַרכיסטישער פּראָגראַם. ער הײבט אָן זײַן אַרטיקל מיט אַ שאַרפער אַטאַקע קעגן דעם פּאַרלאַמענטאַריזם. עדעלשטאַט איז אַפילע קעגן אױסניצן דעם װאַל־קאַמף פאַר סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע. ער באַשולדיקט די סאָציאַליסטן, אַז זײער װאַל־קאַמפּאַניע באַטײַט „אַגיטירט נאָר פאַרן „קריכעריזמוס", דה. קריכט, און איר װעט דערקריכן אַהין אין דער גלענצנדער בלאָטע, װוּ עס זיצן אַלע אונדזערע פּראָמינענטע שװײַנען... און דאַן"... דאָװיד עדעלשטאַטס אױספיר איז:

„װילן מיר אָבער פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם, האָבן מיר דערצו אַ גאַנץ ברײט פעלד, טױזנטע גיטע געלעגנהײטן. װײניק זײַנען דאָ יוניאָנס, פּאַרטײ־בילדונגס־פאַראײנען, אַרבעטער־קלובן? זײַנען די פאַר אײַך װײניק, בױט נײַע! װאָרעם ניט אַגיטירן אין די טענעמענט־הײַזער, אין די נאַסע בײסמענטס [קעלערס], װוּ עס שמאַכטן טױזנטער פינצטערע שקלאַפן, װאָס דענקען, אַז אַזױ דאַרף עס זײַן, אַז אַזױ האָט געװאָלט דער הימלשער אַלעקסאַנדער דער 3־טער? גײט אַהין — צו די עלענדע, ברױטלאָזע, אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע פּראָלעטאַריער און בױט דאָרט אַ װאָרע טריבונע. טראָגט אַרײַן אַ שטראַל פון ליכט, אַ שטראַל פון האָפענונגען אין די קאַלטע גריבער פון אײביקער שקלאַפערײַ, הונגער און פאַרצװײפלונג. רופט זײ אַרױס פון זײער פינצטערניש אין די ליכטיקע רײען פון באַװוּסטן [באַװוּסטזיניקן] פּראָלעטאַריאַט!"

דאָס זײַנען אָבער בלױז װערטער אָן אַ קאָנקרעטן אינהאַלט. פאַקטיש װײַזט דאָ עדעלשטאַט ניט אָן, װאָס פאַר אַ קאָנקרעטע לאָזונגען מע דאַרף אַרױסשטעלן אױף יעדן געביט אין יעדער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, כּדי צו מאָביליזירן די אַרבעטער צום קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע. זײַנע מעליצעס: בױען „אַ װאָרע טריבונע", אַרײַנטראָגן „אַ שטראַל פון ליכט", „אַ שטראַל פון האָפענונג" אַנטהאַלטן אין זיך ניט קײן שום פּראָגראַם פון טעטיקײַט—ניט קײן פּאָליטישע און ניט קײן עקאָנאָמישע.

קײן רעאַלע פּראָגראַם פאַרמאָגן אױך ניט די אַנדערע אַרטיקלען עדעלשטאַטס פון יענער צײַט. אין זײַנע קורצע לײט־אַרטיקלען אונטערן נאָמען „רעדאַקציאָנעלע נאָטיצן" קאָמענטירט עדעלשטאַט די פאַרשײדענע טאָג־נײַעס. אין דעם ערשטן נומער „פ.א.ש.", װאָס ער האָט רעדאַקטירט (9־טן יאַנואַר 1891), שרײַבט עדעלשטאַט איבער דער „מאַסן־מערדערײַ אױף אָרעמע אינדיאַנער דורך ענקישן ציװיליזירער", אין די װײַטערדיקע נומערן שרײַבט ער װעגן „הונגער און קעלט און אַרבעטלאָזיקײַט" אין אײראָפּע און אין אַמעריקע (6־טן פעװראַל); װעגן דער „אומזיכערקײַט און אומבאַשיצטקײַט פון אַרבעטער־לעבן" (20־טן פעװראַל); װעגן די „נײַע פאַרפאָלגונגען אין רוסלאַנד אױף ייִדן און פרײַהײַט־קעמפער" (6־טן מאַרס); װעגן די „פירער פון „גײַסט און לײבאָר", װאָס האָבן פאַראַטן די אַרבעטער" (3־טן אַפּרעל) אאַװ. אױף אַלץ האָט

דאָרט עדעלשטאט די פאַריינפאַכטע און שאַבלאָנע אַנאַרכיסטישע פראַזע וועגן דער פאַרניכטונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. עס פעלט אָבער בא אים אינגאַנצן „דער וועג צום ציל", די בריק צווישן דער קעגנוואַרט און דער צוקונפט.

אַפ דעם זעלביקן שטייגער זיינען אויך געשריבן זיינע לענגערע אַרטיקלען (דאָסראָוו אונטערגעשריבן „ד. עדעלשטאט" אָדער „ד. ע."). אין זיין אַרטיקל „די וועלט, אין וועלכער מיר לעבן" (6-טן מאַרט) ווייזט עדעלשטאט אָן, אַז די וויסנשאַפטלער: „דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּראָפעסאָרן" זיינען ניט „מער ווי פרעכע געלט-מאַכער". עס גייט זיי ניט אָן, וואָס אַרום זיי „ליידן, שמאַכטן טויזנטער און טויזנטער מענער, פרויען און קינדער!" עדעלשטאט דערקלערט דאָרט, אַז „די קונסט איז יעצט אַ שקלאַפּן פונעם גאָלדענעם קאַלב, אַ געפאַלענער ענגל, וואָס ליגט אין שמוץ פון אונדזער נאָך-געלט-דורשטנדער וועלט". אין אַן אַנדער אַרטיקל פון יענער צייט „נידער מיט שקלאַפעריי" (20־טן מאַרט) טרעט עדעלשטאט אַרויס זייער שאַרף קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער פרעסע, וועלכע ער דעמאַסקירט אַלס אַ באַזונדער מיִעסן און גיפטיקן סוינע פון די אַרבעטער־מאַסן. אין קעגנזאַץ צו די פּיאָנערן פונעם „פּאָרווערטס-סאָציאַליזם", וואָס האָבן שוין דעמאָלט אָנגעהויבן זיך אונטערצולעקן צו די גווירים און מאַכטהאָבער, איז דאָוויד עדעלשטאט אַרויסגעטראָטן מיט אַ שאַרפן אַרטיקל אונטערן נאָמען „באַראָן הירש" (דאָרט, 17-טן יולי) און אָנגעוויזן אַפ דעם סאַם, וואָס עס פאַרמאָגט די בורזשואַזע פילאַנטראָפּיע. עדעלשטאַטס אויספיר איז געווען: „נידער מיט קאַפּיטאַליסטישער ווילטעטיקייט! מיר פאָדערן גערעכטיקייט!" אינעם זעלביקן זינען האָט עדעלשטאט אויך אויסגעלאַכט די קולטורעלע ווילטעטיקייט פון דער בורזשואַזיע. אין אַן אַרטיקל „קונסט פאַר די הונגעריקע — צאַצקעס אָנשטאָט ברויט" (דאָרט, 29-טן מיי) מאַכט עדעלשטאט כויזעק פון דער בורזשואַזער רעפאָרם צו האַלטן זונטיק אָפן דעם קונסט־מוזיי פאַרן אָרעמען אוילעם. עדעלשטאט זעט אין אַזעלכע בורזשואַזע „טויוועס" בלויז אַ מיטל צו פאַרבלענדן די אויגן פון די מאַסן. ער פרעגט איראָניש:

„וואָס טויג די קינסטלערישע סקולפּטור,
די שיינע מאָלעריי,
פאַר דעם, וואָס ווייס אין לעבן נור
נויט און שקלאַפעריי?"

אין אָט די און אין אַ ריי אַנדערע אַרטיקלען זיינע, אַלס רעדאַקטער פון דער „פ.א.ש.", דעקט אויף עדעלשטאט די ווונדן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, ער איז זייער שטאַרק אין זיין קריטיק פונעם קאַפּיטאַליזם. ער באַניצט אָבער זיין קריטיק בלויז אַלס אַ מיטל פאַר אַנאַרכיסטישער אַגיטאַציע און מאַכט ניט דערפון דעם געהעריקן אויספיר אין זינען פון קאָנקרעטע קאַמף-לאָזונגען. אַפ אַלץ — פאַר אַלע צייטן און פאַר אַלע אומשטענדן — האָט ער בלויז איין־און־איינציקן ענטפער: „סאָציאַלע רעוואָלוציאָן".

בלויז אינ אייניקע ארטיקלענ געלינגט עדעלשטאטנ צו פאָרמולירנ פראקטישע פאָרשלאגנ, אָבער דאָסראָוו צעשטערט ער באלד אליינ זייערע פראקטישנ ווערט דורכ דער אנארכיסטישער פראזע, פונ וועלכער ער קאָנ זיכ אינ ערגעצ ניט באפרייענ. אינ זיינ ארטיקל „די שאָטנ-זייטנ פונ דער ארבעטער-באוועגונג" (27 מארט) קריטיקירט עדעלשטאט זייער שארפ די פאלשע פירער פונ דער ארבעטער-באוועגונג. אָבער אויכ אינ דעם דאָזיקנ ארטיקל טראָגט ער אריינ דעמ אנארכיסטישנ, אנטיפארטיישנ קלאפערגעצייג, אשטייגער, די ביטל-באציִונג צו אזוינע פראָלעטארישע קאמפ-מיטלענ, ווי בויקאָט, וואל-קאמפ, דעמאָנסטראציעס אדג.

אינ ארטיקל „א וויכטיקע נויטווענדיקייט" („פרייע ארבעטער-שטימע" פארנ 22 מיי) פאָדערט אופ עדעלשטאט די יידישע ארבעטער צו דערלערנענ די ענגלישע שפראכ. ער ווענדט זיכ היפּטזאכלעכ צו די ראדיקאלע יידישע ארבעטער, וועלכע האלטנ זיכ פאר אינטערנאציאָנאליסטנ. ער שרייבט אזוי:

„דער יידישער ארבעטער איז איצט צו נאציאָנאל אינ זיינ אינטערנאציאָנאליזמוס, ער ווינט אינ יידישע סטריטנ [גאסנ], ער לעזט יידישע צייטונגענ, ער גייט אינ יידישע טעאטערנ, יידיש אונ נאָר יידיש... — — — די פרעמדקייט פונ דער ענגלישער שפראכ ליגט ווי אנ אָפּגרונט צווישנ דעמ יידישנ אונ אמעריקאנישנ ארבעטער. א בריק איבער דעמ אָפּגרונט קענ לייגנ דער יידישער ארבעטער מיט דעמ, וואָס ער וועט דערלערנענ די שפראכ פונעמ לאנ , אינ וועלכנ ער לעבט יעצט, ארבעט אונ קעמפט".

גלייכצייטיק פארנעמט זיכ עדעלשטאט מיט דער אזויגערופענער „יידנ-פראגע". אינ אנ ארטיקל „דאָס אומגליקלעכע פאָלק" אינ דעמ זעלביקנ נומער „פ.א.ש." שילדערט עדעלשטאט די לײדנ פונ דער יידישער באפעלקערונג אינעמ צארישנ רוסלאנד. ער רופט אויס צומ יידישנ פראָלעטאריאט: שליס זיכ אָנ אינ די רעוואָליוציאָנערע רייענ, „וואָס קעמפנ פאר פרייהייט, פאר אלגעמיינע מענטשנ-רעכט, אונ דאנ, ווענ דו וועסט קעמפנ, וועסטו אויכ קעמפנ פאר דער פרייהייט אונ גליק פונ אונטערדריקטנ אונ אומגליקלעכנ יידישנ פאָלק".

אינ זיינ לעצטנ ארטיקל, אונטער זיינ אייגענער רעדאקציע, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט, איידער די קראנקייט צווינגט אימ צו פארלאָזנ ניו-יאָרק, — „די יידישע ארבעטער-באוועגונג" (18-טנ סענטיאבער 1891)—דערקלערט עדעלשטאט, אז „די איצטיקע סאָציאלע באוועגונג" איז אנ אומראכמאָנעסדיקע „בלוטיקע מילכאָמע", א קאמפ אפ לעבנ אונ טויט; אז אָט די באוועגונג איז ניט בלויז א קריג צווישנ קאפיטאל אונ ארבעט, נאָר „אויכ א דועל אפ מעסערשטעכ צווישנ פארשיידענע אידייענ, צווישנ פארשיידענע עקאָנאָמישע אונ מאָראלישע אָנשויונגענ".

זיינ אנארכיזמ לאָזט אָבער עדעלשטאטנ ניט באמערקנ די פארשיידענע קלאסנ-אינטערעסנ הינטער די „פארשיידענע אידייענ" אונ „אָנשויונגענ". ער באגרייפט בלויז, אז די מילכאָמע צווישנ קאפיטאל אונ ארבעט קענ ניט פאָרשטעלנ מיט זיכ ... ײנ בילד פונ מענטשלעכקייט אונ הומאניטעט, ווי געוויסע קליינבירגערלעכע אנארכיסטישע אונ סאָציאליסטישע מאָראליסטנ פריידיקנ.

עדעלשטאַט האָט אויסגענוצט יעדן רעוואָליוציאָנערן געדענקטאָג צו פּראָפּאַגאַנדירן די סאָציאַלע רעוואָליוציע. אָבער אויך אין אָט די אַלע לידער ווענדט ער אָן דעם זעלביקן מעטאָד, וואָס אין דער פּובליציסטיק — צו ריידן כּטאַם וועגן דעם ענד-ציל און ניט אָנצווײַזן קיין פּראַקטישע וועגן, וויאַזוי צו דערגרייכן צו דעם. יעדע ליד זײַנע וועגן דעם האָט אַ רעוואָליוציאָנערן לאָזונג. וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָליוציע אין 1789 קלינגט דער רוף: „אַרבעטער-פאָלק, צו די וואָפן!" לויזע מישעל גיט דעם סיגנאַל „צום לעצטן, צום בלוטיקן שלאַכט!" סאָפיע פּעראָווסקאַיאַ פּריידיקט „האַס צו יעדן טיראַן". דזשאָן בראַון ווײַזט, אַז „פאַלן און שטאַרבן מוז די שקלאַפערײַ, אַז פעלקער פון אַלע ראַסן און פאַרבן מוזן און וועלן זײַן פרײַ!" פאַר אַלבערט פּאַרסאָנס גײַסטיק איז שוועבט טאָמעד „די גרויסע רעוואָליוציע". לויִס לינג שרײַבט אויס: „פאָרווערטס, קאַמעראַדן! פאָרווערטס, מיט פאַנצער און שווערד!" אויגוסט שפּיז רופט: „ציטערט, טיראַנען! עס שלאָגט אײַער לעצטע שטונד!"

ווי זײַן שטייגער איז, באַניצט אָפט עדעלשטאַט די געדענקטעג סײַ פאַר זײַן פּאָעזיע סײַ פאַר זײַן פּובליציסטיק. עדעלשטאַט אונטערשטרײַכט אין זײַנע אַרטיקלען נאָך מער, ווי אין זײַנע לידער, דאָס, וואָס מיר קאָנען לערנען פון דער פאַרגאַנגענהײַט. אין זײַן אַרטיקל „דער היסטאָרישער מאָמענט" (13-טן מאַרט) ווײַזט אָן עדעלשטאַט, אַז „די פּאַריזשער קאָמונע האָט אונדז געלערנט, דאָס דיזער פאָלקס-פײַער פון ביטערן האַס צו טיראַנײַ דאַרף ניט פאַרלאָשן ווערן, ביז אונדזער פײַנט וועט זײַן פאָלקאָם פאַרניכטעט, פאָלקאָם צעטראָטן"...

אינעם אַרטיקל „דער פערטער מײַ 1886" (דאָרט, 15-טן מײַ) מאַכט עדעלשטאַט דעם אויספיר, אַז די בורזשואַזע פאַרשווערונג קעגן די טשיקאַגער אַרבעטער-פירער לערנט „צו קוקן גלײַך דעם פײַנט אין געזיכט"... נאָר נאָך מער ווי די רעוואָליוציאָנערע מאָמענטן פון דער פאַרגאַנגענהײַט, פּרוווט זיך עדעלשטאַט אויסניצן פאַר אַגיטאַציע די קלאַסנקאַמפן פון זײַן צײַט. די אומגליק-פאַלן אין די קוילנגרובן (די קוילן-באַזיצער ווילן ניט אָפּגעבן אַ קליינעם טייל פון זייערע פּראָפיטן אַף מאָדערניזירן...) — די באַוואָפנטע אָנפאַלן אַף שטרײַקנדיקע אַרבעטער, די פאַרשווערונגען, וואָס עס מאַכן די קאַפּיטאַליסטן צו צעשטערן די טרעיד-יוניאָנס און אומצוברענגען מוטיקע אַרבעטער-קעמפער, אָט די אַלע געשעענישן אַפן עקאָנאָמישן געביט ניצט אויס עדעלשטאַט אַלס אילוסטראַציע, אַז אַלע אַרבעטער-קויכעס מוזן טייקעף קאָנצענטרירט ווערן אַף דער סאָציאַלער רעוואָליוציע. ער רופט צו נעקאָמע פאַר דעם „מאַסנמאָרד" פון די קוילנגרעבער. ער שרײַבט אויס: „פון דאָס אומשולדיקע בלוט פון פּראָלעטאַריאַט וועט אַנטשפּרינגען די פלאַמענדע בלום פון גערעכטער ראַכע!" (דאָרט, 7-טן פעוורואַל). ער פּראָטעסטירט שטאַרק אין אַרטיקל „ווידער גאַלגאַנס!" (דאָרט, 20-טן פעוורואַל) קעגן דעם, וואָס מע האָט פאַרורטײלט דרײַ אַרבעטער-שטרײַקערס אין פּיטסבורג, וועלכע זײַנען באַשולדיקט געוואָרן אין באַפאַלן אַ סקעב, אאַזוו. אין דעם באַוואָפנטן קאַמף פון די קוילנגרעבער אין טענעסי זעט עדעלשטאַט אַ „רויטן צייכן דער

צײַט" און אַז „וואַפּן מאַכן העלדן פֿון שקלאַפֿן!"... ווען די קוילנגרעבערס אין טענעסי ווערן ברוטאַל אונטערדריקט, דערקלערט עדעלשטאַט, אַז דאָס באַווײַזט, אַז דער אײנציקער ענטפֿער איז סאָציאַלע רעוואָליוציע און נע-קאָמע... („דאָרס, 14-טן אווגוסט 1891).

17

רעדאַקציע־אַרבעט

דאָוויד עדעלשטאַט האָט זיך צו זײַן רעדאַקציע־אַרבעט באַצויגן זייער ערנסט. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט יעדער קלייניקײַט. ווי ער איז געקו-מען, האָט ער גלײַך אַוועקגעשטעלט אַף דער צײַטונג א מאָטאָ, ניט קיין ביבלישע, ווי אין דער „וואַרהײַט", און ניט קיין טאַלמודישע, ווי אינעם „אַרבעטער־פֿרײַנט", נאָר אַזאַ, וואָס איז געווען פֿאַרבונדן מיט דעמלטיקן רעוואָ-ליוציאָנערן קאַמף אין אַמעריקע. דאָס איז געווען די מאָטאָ, וואָס מאָריס ראָזענפֿעלד האָט געגעבן צו זײַן ערשטער לידער־זאַמלונג „די גלאָקע" (1888), אין ענגליש און אין ייִדיש, נעמלעך, די לעצטע ווערטער פֿון דעם אַמע-ריקאַנישן אַרבעטער-מאַרטירער, אַלבערט פּאַרסאָנס:

„Let the Voice of the people be heard!"

מאָריס ראָזענפֿעלד האָט די דאָזיקע ווערטער איבערגעזעצט פֿרײַ: „הערט נאָר אויס די שטימע פֿון פֿאָלק", בײַס עדעלשטאַט איבערזעצט עס וואָרט-לעך: „לאָז די שטימע פֿון פֿאָלק געהערט ווערן".

ניט געקוקט דערויף, וואָס עדעלשטאַטס ייִדיש האָט געשטאַמט פֿונעם אַמעריקאַנער שאַפּ, וואָס ער איז ווייניק געווען באַהאַוונט אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט ער אַלס רעדאַקטער דאָך געשטרעבט אײַנצופֿירן ענ-דערונגען אויך אין דעם פּרעסע-ייִדיש. אַזוי האָט ער א לאַנגע צײַט האַרטנעקיק אומעטום געענדערט דאָס אָנגענומענע וואָרט „רעדנער" אַף „ריידנער"...

עדעלשטאַט איז געווען א שטרענגער רעדאַקטער. ער האָט געדרוקט בלויז דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פֿאַר נוצלעך פֿאַר די ייִדישע אַרבע-טנדיקע מאַסן[140]. עדעלשטאַט איז געווען זייער איבערקלײַבעריש אין הינזיכט פֿון דרוקן לידער. אין דער צײַט, ווען אין דער „אַרבעטער־צײַטונג" האָבן אַלע געזעלשאַפֿטלעכע טוער געקאָנט שרײַבן אויך גראַמען, האָט עדעלשטאַט ביכלאַל זעלטן פֿאַרעפֿנטלעכט א ליד פֿון א צווייטן דיכטער. ער האָט אַפֿילע ניט געדרוקט די לידער פֿון דעם אויבן דערמאָנטן סינסינעטער דיכ-טער, דאָוויד גרינבערג (זאַהיק), וואָס איז נאָך דעמלט געווען א ראַ-דיקאַל. עדעלשטאַט איז אויך געווען זייער איבערקלײַבעריש מיט די פּראָזע-שרײַבער. זײַן סינסינעטער כאַווער יויסעפ לוקאָווסקי, וואָס האָט פֿאַרפֿלייצט

אַנדערע צײַטונגען מיט זײַנע פילאָזאָפירנדיקע אַרטיקלען, האָט בײַ עדעל־שטאַטן קיין פּלאַץ ניט געפונען[24]. ער האָט אויך ניט געדרוקט די אַרטיקלען און פעליעטאָנען פון אַנאַרכיסטישע טוער, אויב זיי האָבן ניט געהאַט קיין דערציִערישן ווערט פאַר די אַרבעטער־מאַסן. ער פלעגט טאַקע אָפט אַליין אויספּײַלן דעם גרעסטן טייל פון דער צײַטונג. אין אַ פעליעטאָן „אַ רעדאַקטערס כאָלעם" (דאָרט, 17־טן אַפּרעל), פאַרעפנטלעכט אָן זײַן אונטערשריפט, שילדערט ערעלשטאַט אַזאַ בילד פון זײַן רעדאַקטערישער טעטיקייט:

„ער איז געווען מיד פון זײַן אַרבעט. עס איז ניט קיין קלייניקייט דורכצולעזן אַ גאַנצן פּאַק אַרטיקלען לאַנג ווי דער ייִדישער גאָלעס, אַ גאַנצן וואָגן מיט געדיכטע, אַ באַרג פון יוניאָן־באַריכטן; הײַנט דאַנקבריוו און זידלערײַ־בריוו... הײַנט ווידער פאַרשיידענע פראַגן פון קאָפּברעכנדע פילאָסאָפן, ווי צום בײַשפּיל: „איבער אונדז זײַנען די וואָלקן, איבער די וואָלקן איז דער הימל, הײַנט וואָס איז איבערן הימל?"

אַזוי זיצנדיק מיד, דערזעט דער מידער רעדאַקטער, ווי זײַן פּאַפּיר־קאָרב האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן. די פאַרבראַקעוועטע מאַנוסקריפּטן מיט „קעלבערנע פיס" און מיט „אייזל־קעפּ" באַפאַלן אים פון אַלע זײַטן. „אַ גרויסע 15־זײַטיקע געדיכט אָן גראַמען און אָן פּאָעזיע"... אַן „80־זײַטיקער וויסנשאַפטלעכער אַרטיקל", וואָס „אַנטהאַלט אין זיך אַזאַ פילאָסאָפיע, וועלכע קיינער אין דער וועלט פאַרשטייט ניט. אַלע גרויסע געלערנטע: דזשאָן סטיוואַרט מיל, ספּענסער, דאַרווין, האַקסליי, אַדאַם סמיט זײַנען בײַ אים גאָרניט"[141]. אַן אַנדער מאַנוסקריפּט, אַ פאַרבראַקעוועטער „זידלערײַ־אַרטיקל", לאָזט זיך אַרײַן מיט עדעלשטאַטן אין דעבאַטן איבער זײַן גאַנצער פּראָגראַם. מיר דערוויסן זיך דערפון, אַז אַ סאַך אַנאַרכיסטישע טוער זײַנען געווען אומצופרידן מיט עדעלשטאַטס פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַ פאַראייניקונג פון אַלע אַרבעטער. זיי האָבן געוואָלט, אַז עדעלשטאַט זאָל אַרויסרוקן אין צענטער פון דער צײַטונג דאָס אַטאַקירן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן און די „אַרבעטער־צײַטונג"[142].

עדעלשטאַטן ווערט פאָרגעוואָרפן, אַז ער איז צופיל „דזשענטלמען", אַ „פּאָעטישער אַריסטאָקראַט", אַ „ווייכהאַרציקער טרוימער", וואָס מיינט, אַז ער האָט „צו טאָן מיט גריכישע געטער" און פאַרגעסט, אַז ער געפינט זיך „אַפּן מאַרק" — „צווישן מאַרק־ייִדענעס" און „ווען איינע מאַרק־ייִדענע הייבט דיך אָן צו פּאַטשן מיט אַ העכט אין צורע, מוזטו כאַפּן דעם צווייטן העכט און פּאַטשן צוריק אין צורע"[143]. עס הערשט אויך אַן אומצופרידנקייט מיט זײַנע פלאַמיקע קאַמף־רופן. ווי ס'ווײַזט אויס, איז בײַ אַ גרויסן טייל אַנאַרכיסטישע טוער שוין דאַן געווען גרויס די נייגונג פאַרוואַנדלען דעם אַנאַרכיזם אין עפּעס אַזוינס, וואָס שטערט לאַכלוטן ניט אָפּ און געטרײַ צו דינען דער בורזשואַזיע. דער אַנאַרכיסטישער „זידלערײַ־אַרטיקל" זאָגט צו עדעלשטאַטן:

„דו צײַגסט אונדז אָן אַהין, וווּ עס קאָכט און זידט יעצט מיט בלוטיקע כוואַליעס דער גוואַלטיקער קאַמף צווישן אַרבעטער אין אַ באַנדע רויבער און מאַסן־מערדער! דו צײַגסט

אונדז אָן אפ די פרישע פארבלוטיקטע קערפּער פון די נאָרוואָס געשאָכטענע פּיטסבורגער קוילן־ארבעטער; אפ די אַרבעטער, וועלכע זיינען דערשאָסן ווי הינט, זייער ברוסט דורכגעלעכערט מיט ברענעודע קוילן, דערפאר ווייל זיי האָבן רעבילירט קעגן הונגער־לוין! דאָרט אין די פארויכערטע פעלדער וואלגערן זיך ארום אין בלוט, אין זאמד אײַערע ערמאָרדעטע ברידער, דיינע אויגן ברענען מיט ווילדן צאָרן, דו קריצסט מיט די ציין, דו רייסט זיך פאר די האָר...״ „דו רופסט אונדז צו א גרויסן, צו א געפערלעכן קאמף; ——— עס איז ווער [עמעס]. מיר גלייבן אלע אין א סאָציאלער רעוואָליוציאָן, אָבער דאָס וועט זיין, ווען דער שאַמעס וועט צו אונדז אַנקלאפּן אין די פענצטער און אונדז זאָגן: „ראבויסיי, שטייט אופ צו דער סאָציאלער רעוואָליוציאָן!״ [144]

ס׳איז קיין וווּנדער ניט, וואָס עדעלשטאט איז אזוי גיך אנידערגעפאלן אין ניו־יאָרק. ער איז געווען קראנק, ער האָט געליטן הונגער און קעלט, נאָכמער אָבער האָבן אים צעבראָכן זײַנע ביטערע אנטוישונגען אין די אנארכיסטישע פירער און דער אנארכיסטישער פּראקטיק. אז די פּעסימיסטישע טענער פון אָט דעם פּעליעטאָן זײַנען געווען ניט קיין צופעליקע, באווײַזט דאָס, וואָס אין דעם זעלבן נומער „פ. א ש.״, וו ער האָט פארעפנטלעכט אנאָנים זײַן „רעדאקטערס כאָלעם״, האָט ער אויך געגעבן א געדיכט אין פּראָזע „מוזיק״ (וועגן דער „מארסעליעזע״) אונטערגעשריבן מיטן פּסעוודאָנים „קאסטאָליאָ״, וועלכן ער האָט אויך אָנגעגעבן אפ זײַן פּאָפּולערער ליד „צו די ארבעטער־פרויען״ (דאָרט, מײַ 8). אין אָט דעם געדיכט אין פּראָזע שרײַבט עדעלשטאט אזוי:

„שווארצע געדאנקען פון ווילדער פארצווייפלונג האָבן, ווי געדיכטע שטורעם־וואָלקן, פארדעקט מײַן לעבנסוועג; מײַנע הייליקסטע האָפענונגען, מײַנע שטארקסטע איבערצײַגונגען, צעבראָכן פון ביטערן שטורעם, זײַנען ווי פּוסטע כורוועס געלעגן שטום און לעבנסלאָז. איך האָב געוויינט... געוויינט איבער מײַנע געשטאָרבענע האָפענונגען; געוויינט איבער מײַן פארוואנדעטע יוגנט, געוויינט איבער די טײַערע הייליקע אידעאלן, וועלכע די וועלט האָט אזוי ציניש, אזוי ברוטאל געטראָטן מיט אירע פיס״.

ענלעכע געדאנקען דריקט ער אויס אויך אין זײַן ליד „צו מײַן פעדער״, פארעפנטלעכט אין דעם זעלביקן נומער „פ. א. ש.״ (17-טן אפּרעל). ער דערקלערט דאָרט, אז נאָר זײַן פעדער שטילט זײַן „הארצנס געוויין״ און „לאָזט אים ניט פארבלוטן״... אז ער „אָטעמט פרײַ״ אין זײַנע שריפטן איידער עס דרוקט זיי דאָס בלײַ, „איידער די וועלט הייבט זיי אָן פארגיפטן מיט צינישער הויכלערײַ״... און ער ענדיקט:

„נור דער טויט וועט אונדז צעשיידן! —
אין ווען צעבראָכן, פארפאָלגט,
פאל איך... דאן וועסטו פאר מיר ריידן
צום פאָלק, צום לײַדנדן פאָלק״.

אין זײַנע בריוו צו זײַן שוועסטער דערציילט ער, אז ער וווינט מער אין רעדאקציע איידער אין זײַן צימער, וואָס נעמט אין זיך ארײַן „א בעט, א בענקל אָדער צוויי, און דערצו צוויי פּאָר מענטשלעכע פיגורן, אויב זיי זײַנען ניט שטארק דיקע״... אז ער האָרעוועט שווער, און „דאָס לעבן איז פול מיט זאָרג און מיט פּארטייִשע און ליטערארישע״. אין א בריוו צו דער שוועסטער פונעם [21]

פעוראל שרײַבט עדעלשטאט: „די צײַטונג איז ניט קיין ווערטעלע, דאָ גייט ניט אזוי אײַנעם שרײַבן, ווי אין דעם, וואָס אפ אלצ דארפ מענ אכטונג געבנ, אונ אז מע גיט ניט אכטונג, קומענ פאָר שרעקלעכע נאכלעסיקײַטנ, ווײַל אינ רע-דאקציע איז ניטאָ קיינ אייננ מענטש, אפ וועלכנ מע זאָל זיכ קענענ פארלאָזנ". באָר „אנדערש איז אומעגלעכ": אָדער ער האָט „אינגאנצנ ניט געדארפט זיכ אונטערנעמענ", אונ אז ער האָט זיכ יאָ אונטערגענומענ, דארפ ער „ערלעכ אויספילנ" זײַנ ארבעט. דערבײַ באמערקט ער, אז די מענטשנ ארום אים לײַדנ אָדער „פארנעמענ זיכ מיט באנאלקײַטנ" אונ קיינ „נאָענטע מענטשנ" האָט ער ניט.

פונ זײַנעם א בריוו פונעם 9-טנ מארט צו זײַנ שוועגערנ אנא איז קענ-טיק, אז די שווערע רעדאקציע-ארבעט אונ די ערגערנישנ, וואָס ער האָט דערבײַ, האָט זיכ שטארק אָפגערופנ אפ זײַנ געזונט. ער שרײַבט צו איר אזוי:

„א יידישער רעדאקטער, — דאָס איז א מענטש, וואָס דארפ שרײַבנ, שרײַבנ, שרײַבנ... צי ביסטו געזונט, צי נײנ, צי פילסטו א כיישעק צום שרײַבנ אָדער ניט, מיט א קאָפווייטעק, אָדער ניט, מיט א צעבראָכנ הארצנ, מיט בלוטכראקעניש... סײַוויסײַ שרײַב. חער אויס די קריטיק פונ קאפע-סאלונ-כאכאָמים, שטרענגע אָנדײַטונגענ פונ אנטוישטע שרײַבער, זידלערײַ פונ נאראָנימ אאוו. — — — די רעדאקציע איז א שמוציקער קעלער, וואָס איז אייביק פול מיט טומלדיקנ האמוינ. אז דאָרט איז קאלט, אז דער פרעס קלאפט אײַכ אינ קאָפ ארײַנ, אונ ניט געקוקט אפ דעם אלעם, מוזט איר שרײַבנ אנ ארטיקל, פארפאסנ פאָעזיע. — — — פאר דער צײַט פונ מײַנ רעדאקטערײַ האָב איכ אָנגעוואָרנ מײַנע בעסטע פרײַנט, געקראָגנ א הויפנ נארישע סאָנימ אונ איכ בינ איינזאמ אונ אומעטיק, ווי שטענדיק".

דאָכ ניט אלע זײַנע „בעסטע פרײַנט" האָט ער אָנגעוואָרנ. אזוי דערציילט ער אינ א בריוו אהיימ פונ 26-טנ מארט, אז ער האָט פארבראכט א פורימ-אָוונט בא זײַנ פרײַנדיקנ אניוטע[145], אונ זיי „האָבנ זיכ אָנגעלאכט". מיט פינפ טעג שפעטער (31-טנ מארט) טיילט ער זיי מיט, אז ער איז געוועזנ אפ „א ליאמע לעקאָוועד דעמ נײַעמ דאָקטער" זײַנ כאווער הילעל זאָלאָטאראָוו, אונ ער איז אוועק פונ דאָרטנ אהיימ ערשט „פיר פארטאָג".

ביכלאל אָבער איז עדעלשטאט געוועזנ קעסיידער פארנומענ. אכוצ א מאסע רעדאקציאָנעלע ארבעט, שרײַבט ער אהיימ, „קומט אויס צו באזוכנ מיטינגענ אונ זאכלעכע פארזאמלונגענ, וואָס נעמענ בא מיר צו א סאכ צײַט". אינ א בריוו צו דער שוועסטער פונ 8-טנ אפרעל שרײַבט ער, אז בא אים איז „ניטאָ קיינ לעבנ אויסער דער רעדאקציע", אז „ער האָט זיכ אָפגעפרעמדט פונ זײַנע באקאַנטע". ער האָט א מאסע ארבעט אונ דעריקער פײַניקט אים דער באוווסט-זײַנ, אז פאר אלצ טראָגט ער די פאראנטוואָרטלעכקײַט. ער פארענדיקט:

„איכ בינ ניט אזויפיל פארנומענ מיט שרײַבנ, וויפל מיט אכטונג געבנ, אז דאָס אָנגעשריבענע אונ צוגעשיקטע זאָל זײַנ אויסגעסאָרטירט, אויסגעפאריכט, ניט פארקריפלט דורכ די זעצערס אונ דורכ די קאָרעקטאָרנ. הײַנט ווו זײַנענ די פארטייִשע זאָרגנ? דעמ האָט מענ אָנגערירט, יענעמ האָט מענ באליידיקט. דאָרט איז מענ באגאנגענ אנ אוולע. נאָכ אלעמענ שפיר נאָכ אונ ווייס וואָס געבנ אנ אָרט אונ וואָס ארויסוואַרפנ".

אינ דעמ זעלביקנ בריוו באדויערט עדעלשטאט, וואָס איבער זײַנ רעדאקציע-ארבעט פארנאכלעסיקט ער זײַנ פאָעזיע. ער האָט שוינ לאנג זיכ ניט אָפגעגעבנ מיט זײַנ מוזע, מיט וועלכער ער פלעגט אמאָל אָפזיצנ „נאָכ דעמ שווערנ

ארבעטסטאָג ביז 1 אזייגער אין דער נאכט". ער טרייסט זיך אָבער, אז עס „גייט צו פרילינג און אלץ וועט אופלעבן".

כאָטש עדעלשטאט פארשווייַגט ניט פאר זייַנע נאָענטע קרייזים זייַן שווער לעבן אלס רעדאקטער פון דער „פ. א. ש.", איז ער דאָך גרייט ווייַטער צו טאָן זייַן אגיטאציע-ארבעט. נאָך מער, ער דערמוטיקט אויך זייַן איינציקע שוועסטער צו ווערן אן אגיטאטערן פאר די אינטערעסן פון דער ארבעטער-באוועגונג [146]. ער שיקט איר אויך רעוואָלוציאָנערע ליטעראטור צו פארשפרייטן צווישן די מאסן. אין א בריוו צו זייַן שוועסטער פונעם 29-טן אפּרעל 1891, זייַן לעצטער בריוו פון ניו-יאָרק, וואָס איז אונדז באוווסט, שרייַבט עדעלשטאט אזוי:

„דאָס לעבן פון א רעוואָלוציאָנער אין אונדזער צייַט קאָן ניט זייַן זיס. יעדער שריט פאָ-רויס פאָדערט קאמף און מי. דעריבער איז אויך מייַן לעבן א האָרעפּאשנער, אָפט אפילו א שווע-רער".

פון עדעלשטאטס בריוו צו זייַן שוועסטער איז אויך קענטיק, אז בענעגייע צו זייַנע לידער איז ער אפילו ניט געווען זיכער מיט דער „סימפּאטיע פון דער מאסע". וואָלט ער אָבער געווען אימשטאנד ארויסצוטרעטן אלס רעדנער אָדער פאָרלייענער פאר די מאסן, וואָלט ער שוין דעמלט איינגעזען, ווי טיף די יידישע ארבעטער האָבן אים געליבט אלס דיכטער. אין דער גאנצער צייַט פון זייַן רעדאקטערשאפט איז עדעלשטאט בלויז איין מאָל ארויסגעטראָטן עפנטלעך אלס פאָרלייענער פון זייַנע שריפטן. דאָס איז געווען אין פילאדעלפיע אפ אן אונטערנעמונג פון די „פּיאָנערן" דעם 13-טן מארט—צום יאָרטאָג, ווען דער צאר אלעקסאנדער דער צווייטער איז געהארגעט געוואָרן דורך די „נאראָדאָוואָלצעס". אין די אנאָנסן פון דער אונטערנעמונג (א קאָנצערט) איז געווען אונטערגעשטרייַכט, אז „דער בארימ-טער קעמפער און פּאָעט גענאָסע ד. עדעלשטאט אויס ניו-יאָרק וועט זייַנע פארפאסונגען פאָרטראָגן". ער האָט דאָרט פאָרגעלייענט אייניקע פון זייַנע זאכן, נאָר געליטן פון בינע-פיבער [147].

אומעטיק קלינגט עדעלשטאטס ליד „צום געבורטס-טאָג" פון דער „פ. א. ש." (3-טער יול 1891). ער ווענדט זיך צו איר: „שווער איז געווען דייַן קאמפ", „ניט גרויס דייַן דערפאָלג".

„שווער איז דייַן קאמפ! די שטורמישע וועלן
ברעכן די שיף, עס דונערט און בליצט,
די יונגע מאטראָזן, די רויטע רעבעלן
קעמפן מיט טרערן פון שטורעם באשפּריצט".

אלס סיבע פון דעם ניט-דערפאָלג פון דער „פ. א. ש." גיט אָן עדעל-שטאט איר פּרינציפּיעלקייט (נאטירלעך, איז די הויפּט-סיבע געלעגן אינעם אנארכיסטישן כאראקטער פון דער צייַטונג). ער זאָגט: „ווען דו וואָלסט די מאסע געשמייכלט, געלעקט — — — דאן וואָלט זי מיט קראנצן דייַן הויפּט באדעקט", און ער טרייסט זי: „בעסער שטיינער ווי מאָנומענטן, — — — בעסער קלאָלעס ווי קאָמפּלימענטן". ער שווערט אויך, אז „ניט אומזיסט איז די ארבעט און מי-

פונ די „רויטע רעבעלנ", אונ ער פארזיכערט, אז די „פרײַהײַטס-שיפ" וועט ברענגענ „אהינ, ווו די בענטשהײַט וועט לעבנ אונ ליבנ, ליבנ אונ לעבנ גליק-לעכ אונ פרײַ".

18

דאָוויד עדעלשטאט אונ מאָריס ראָזענפעלד

באלד אינעמ צווייטנ נומער „פ. א. ש." טרעט ארויס דאָוויד עדעלשטאט מיט א ליד „צוויי דיכטער" (11־טנ יול 1890). ער שילדערט, פונ איינ זײַט, אנ „אלזײַטיקנ" דיכטער, וואָס „זינגט זיכ ווי א נאכטיגאל", וואָס ווערט געלויבט פונ „אָרטאָדאָקס אונ ליבעראל", אונ „די ברידער דענקענ שוינ באמ לעבנ צו שטעלנ אימ א מאָנומענט", אונ פונ דער אנדערער זײַט—א רעוואָליוציאָנערער דיכטער, וואָס זוכט ניט קיינ סכירעס פאר זײַנ טאט, נאָר „טראָגט מיט שטאָלצ זײַנ שווערד אונ פאָנע", אונ „ווענ ער וועט אינ קייווער ליגנ, נאָר דעמלט וועט די וועלט פארשטיינ, מיט וואָס פאר א ליבע, ערנסט, אכטונג ער האָט געדינט דער פרײַהײַט־פאָנ".

אזויווי מיט א קורצער צײַט פאר דעמ האָט מאָריס ראָזענפעלד געהאט זײַנ „ערשטנ קאָנצערט" (ווו ער איז ארויסגעטראָטנ מיט זײַנע לידער אונ מיט א ליד פונ מאָריס ווינטשעווסקי) אונ איז געלויבט געוואָרנ סײַ אינ דער „ארבעטער-צײַטונג" אונ סײַ אינ דער בורזשואזער פרעסע אלס „יונגער טאלאנטפולער פאָעט", האָט עדעלשטאטס ליד געקאָנט ארויסגערײַטשט ווערנ ווי אנ אָנגריפ אפ אימ.

מיט עטלעכע וואָכנ שפעטער האָט דאָוויד עדעלשטאט פארעפנטלעכט זײַנ דיאלאָג „דיכטער אונ מוזע" („פ. א. ש.", 22־טער אווגוסט), וואָס איז שוינ געווענ דײַטלעכ געצילט קעגנ די דיכטער פונ דער „ארבעטער-צײַטונג" ביכלאָף[148]. דערבײַ איז דער סאָפ געווענ געווידמעט מאָריס ראָזנפעלדנ. עדעלשטאט טרעט דאָרט ארויס קעגנ יענע דיכטער, וואָס האָבנ פונ „טעמפל פונ קונסט אונ ליטעראטור" געמאכט „א מוזיקנ מארק", ווו זיי פאר-קויפנ זייער גײַסט: „דאָס, וואָס הײַנט ווערט געלויבט אונ פארגעטערט, ווערט מאָרגנ מיט בלאָטע באדעקט; אונ איבערמאָרגנ שוינ ווידער פארצוקערט, געכאנפעט, געשמייכלט, געלעקט... אונ די, וואָס רופנ זיכ דענקער אונ קינסטלער, — פאר א שמוציקנ גראָשנ ניט מער — ברעכנ זיכ, קרימענ זיכ דאָרט פארנ אוילעמ, שפרינגענ אהינ אונ אהער!" עדעלשטאט פאָדערט פונעמ דיכטער, ער זאָל אינ צײַט פונ נויט בעסער פארקויפנ זײַנע מוסקולנ, נאָר ניט זײַנ הארצ אונ גײַסט. עדעלשטאט בעט זיכ בא אימ:

„פארקויפ ניט דײַנ פעדער אונ אויכ ניט דײַנ זעלע. דײַנ קערפער וועט שטארבנ, דײַנ פעדער וועט לעבנ".

„פארקויפ ניט דײַנ פעדער. אינ קעלט אונ אינ הונגער
פארשמאכט, פארלוימדעט, פארפאָלגט —

בלײַבט מיר דײַן געוויסן, אפֿן שוועל פֿון דײַן קייווער
זינג צו דײַן לײַדנדן פֿאָלק״ 149.

צולעצט טרעט ארויס עדעלשטאט מיט אן ארטיקל „זשארגאָנישע דיכ־טער״, וואָס זעט אויס, ווי א דירעקטער ענטפֿער אפֿ ראָזענפֿעלדס ליד „דער זשארגאָנישער פּאָעט״ („ארבעטער־צײַטונג״, 16־טער מײַ 1890), וועלכע איז געווען א לויב־געזאַנג די יידישע דיכטער.

אין זײַן ארטיקל „זשארגאָנישע דיכטער״ („פ. א. ש.״, 29־טן אווגוסט 1890) באדויערט עדעלשטאט די „אָפּווענהײַט פֿון ווארער פּארנינפטיקער קריטיק״ אין דער יידישער ליטעראטור. עדעלשטאט דערקלערט דאָרט, אז „די ווארע קריטיק האָט פֿאר זיך א צווייפֿאכע ארבעט: ערשטנס, אָנצווײַזן דעם קינסטלער זײַנע פֿעלערן, זײַנע שוואכקײַטן — — — צווייטנס, אויסצוארבעטן דעם גע־שמאק פֿון די לעזער. די קריטיק צײַגט זיי אָן דעם אונטערשייד צווישן טאלאנט און פּאטשקערײַ, צווישן א ווערק, וואָס איז דאָס גײַסטיקע קינד פֿונעם שרײַבער, פֿון זײַן פֿילן און דענקען און צאפּלען זיך אין זײַן הארץ, ביז עס רײַסט זיך ארויס אפֿ דער פֿרײַער וועלט צו שעפּן לופֿט און פֿרײַהײַט, און צווישן א שטיקל געאָרדערטע, באצאָלטע ארבעט, מיט גלעקלעך און ווינצלעך, אין וועלכער איר זעט ניט קיין שפּור פֿון א דיכטער, נאָר דערפֿאר שפּרינגט אײַך אין צורע א פּאיאץ, א קאָמע־דיאנט...״

מאָריס ראָזענפֿעלד האָט געמיינט, אז דאָס האָט עדעלשטאט געצילט אין אים. מעגלעך דערפֿאר, ווײַל ראָזענפֿעלד האָט פֿון אנדערע קוועלן געוווּסט, אז עדעלשטאט האָט א שלעכטע מיינונג וועגן אים. דער שטרענג אנאר־כיסטישער דאָוויד עדעלשטאט, וואָס האָט ניט געוואָלט מיטארבעטן אפֿילע אין א סאָציאַל־דעמאָקראטישער צײַטונג, האָט ניט געקאָנט דולדן ראָזענ־פֿעלדס ניט־איבערקלײַבערישקײַט אין אָט דעם זינען. באזונדערס האָט עדעלשטאט, ווי א סאך אנדערע אנארכיסטן, ניט געקאָנט מוחל זײַן ראָזענפֿעלדן זײַן אריבערגיין פֿונעם אנארכיסטישן לאגער אין דעם סאָ־ציאַל־דעמאָקראטישן [150], ביפֿראט נאָך, אז ער איז געווען דער הויפּט־דיכטער פֿון דער סאָציאַל־דעמאָקראטישער „ארבעטער־צײַטונג״.

מעגלעך, אז מאָריס ראָזענפֿעלד, וואָס האָט אזוי הויך געהאלטן פֿון עדעלשטאטס ליד „אין קאמף״ *, וואָלט יידעלשטאטן ניט אזוי שטארק אטא־קירט, ווען ער וואָלט דערצו ניט באקומען קיין אָנרעגונג פֿון זײַנע רע־דאקטערס. מאָריס ראָזענפֿעלדס ליד קעגן עדעלשטאטן „צו מײַנע קריטי־קער״ איז פֿארעפֿנטלעכט געוואָרן אין דער „ארבעטער־צײַטונג״ דעם 12־טן סעפּטעמבער 1890. אָט איז אן אויסצוג פֿון דער דאָזיקער ליד:

„פֿעלן דען ווירקלעכע קריטיקער דענקענדע
מיט בילדונג, מיט הארץ און טאקטיק?
וואָס נארישע קראצערלעך, שמירערלעך קרענקענדע

* זע זײַט 44.

ערלויבן זיך צו שרײַבן קריטיק —
וועלכע מיט הערצער און זעלן געבונדענע
ווילן אויך ארויף צום פארנאס,
וואָס זוכן אין אַלעס נאָר מענטשן געשוונדענע,
נאָר קייטן און באָמבעס און האס?

שטענדיק וואָס פלוידערן, שילטן נאָר גראַמענדיק;
וועלכע האָבן א מויל, וואָס איז ברייט —
שקאָצים, וואָס ווערן ניט מיד אויך פארדאַמענדיק
די אומשולדיקע בלומען אין בייט 151,
וואָס ווערן באַגײַסטערט, צערייצט פון פארבלוטיקטע
קערפּער, פון רויך און פון פלאַם 152 —
אייגנטלעך טרעמפּיקע * טרוסן, אנטמוטיקטע,
וואָס ווײַכן פון קלעפּ ווי פון סאַם"... 153

און דיזע פערדישע בלאָטיקע שמירערלעך,
פאַראַכטעט פון נאָנט און פון ווײַט,
האָבן דאָס כיישעק צו ווערן די פּירערלעך,
צו קריגן א שעם מיט דער צײַט!
די טאַלאַנטלאָזע פּיצינקע קראַצערלעך
טוט ווירקלעך דאָס הארץ טאַקע ווײ,
וואָס מער ניט מיעסע קלײנינקע שוואַצערלעך **
פארערן דעם נאָמען פון זײ!...

זיי זוכן פארערט צו זײַן טאַקע זיך זידלענדיק,
צו ווערן דורך קריג פּאָפּולער
און צימבלען און שימפן און ווערן מיד פידלענדיק —
דאָך קריגן א נאָמען איז שווער.
זיי דרייען און וואַרפן זיך ארום צעפלאַמענדיק
מיט כוצפע, מיט קאַס און מיט שמוץ —
קלוימערשט מיט „קריטיקע" שמוציק פארדאַמענדיק ***:
„ער שרײַבט נאָר צוליב אייגננוץ" 154.

ווײַזן אײַך געטלעכע, עמעסע, ריכטיקע
לידער פון פרוג — זייער פּײַן;
צײַגן אײַך הייליקע פערזעלעך ליכטיקע 155
און האָבן דערבײַ זייער מײנ;
איינעם פארדאַמענדיק, דעם צווייטן לעקנדיק,
וועט געבן די וועלט זיך א קלער:
„די מײַלעס פון צווייטן זאָ שיינ ערקלערנדיק,
דעם אנדערן צו זידלען זאָ שווער. —

מוז זײַן אוואַדע א מײַן א געבילדעטער,
א דיכטער, א גרויסער פּאָעט!"

* ארומשלעפּערישע.
** פלוידערזעק.
*** פאַרורטײלנדיק.

ווער וועט עס טראכטן, אז א טרעמפ * א פארווילדעטער
האָט עס זיך צו ליבן גערעדט ?
לערנט זיך בעסער, איר שמירער, זשארגאָנישע
ביכעלעך — אָט דאָס וועט זײַן שיין,
די גראמען, וואָס איר פלעכט, זײַנען אָפּט פּאָנישע — 156
א ייִד קען אײַך גאָרנישט פארשטיין !"

אפּ אָט דעם שטייגער פּרווּט זיך ראָזענפעלד ארונטערײַסן עדעלשטאטן אין פּערז נאָך פּערז. פּארענדיקן פּארענדיקט ער מיט א ליב-געזאנג צו די „עמעסע דיכטער, די ווארע באשאָנקענע, וואָס הערן דעם הימלישן קאָל" אאוו.

דאָוויד עדעלשטאט האָט ניט געענטפערט אפּ ראָזענפעלדס אָנפאל, כאָטש ער איז דערצו אופגעפּאָדערט געוואָרן פון דעם רעדאַקטער פון דער „פּ. א. ש". פּ. א. פּראנק (דר. מעריסאָן).

אין א בריוו פונעם 14־טן סענטיאבער שרײַבט פּ. א. פּראנק צו עדעלשטאטן אזוי :

„וואָס זאָגט איר פּאָרט צו דעם נידעריקן פּאיאצ־פּאָעט פון דער „ארבעטער־צײַטונג" ? אײַער מוזע מוז אײַך באגײַסטערן נאָך א טיכטיקן קלאפּ צו געבן דיזע שמוציקע ברוים, ווי איר האָט עס געטאָן אין „דיכטער און מוזע".

עדעלשטאט האָט ניט באלד אויסגעפּילט זײַן רעדאקטערס ווונטש—„נאָך א טיכטיקן קלאפּ צו געבן" ראָזענפעלדן. ווארשײַנלעך, האָט עדעלשטאט געהאלטן פאר וויכטיקער, אז די רעדאקציע זאָל אָפּשלאָגן די אטאקעס פון דער „ארבעטער־צײַטונג" קעגן דער אנטירעליגיעזער פּראָפּאגאנדע, וואָס די „פּיאָנערע דער פרײַהײַט" האָבן דעמלט אָנגעפירט אין די „פּאָרכטיקע טעג". כאָטש עדעלשטאט האָט צוליב די אינטערעסן פון דער אנטירעליגיעזער פּראָפּאגאנדע ניט געענטפערט באלד אפּ מאָריס ראָזענפעלדס אָנפאל, האָט ער עס אָבער ניט פארגעסן. דאָוויד עדעלשטאט האָט ניט געהערט צו די, וואָס קאָנען דולדן און שווײַגן. זײַנע פאבלען „דער קינסטלער און דער אייזל" און „דער אייזל און דער זונענשטראל" זײַנען, קענטיק, געשריבן אלס ענטפער אפּ ראָזענפעלדס אָנפאל. אין דער ערשטער פאבל דערציילט עדעלשטאט, אז „עפּעס א כײַע, דומ און ווילד" האָט „דערקענט איר צורע" אין „א קאָמישע אייזל־פיגורע".

„סטײַטש ! דאָס בין איך דאָך מיט די ביינער !
— שרײַט דער אייזל — דאָס איז מײַן פּאָרטרעט !"
דער קינסטלער לאכט : „ווער ביסטו אזוינער ?"
— „איך... אנ אייזל־פּאָעט !"

אין זײַן צווייטער פאבל שילדערט עדעלשטאט „אנ אייזל אין שטאל", צו וועמען עס איז „דורכגעדרונגען א זונענשטראל". דעם אייזל האָט פארדראָסן, „וואָס דער שטראל האָט אים מיט זײַן ליכט באגאָסן". דער אייזל איז בייז. ער שפּרינגט אין דער הייך און וויל בײַסן דעם שטראל. נאָר דער

---

* ארומשלעפּער.

לעצטער, „קלאָר, ווי א ריינער שפּיגל, קוקט אפן אייזל און דענקט בא זיך: עס איז גוט, וואָס אַן אייזל האָט ניט קיין פליגל, אז ניט וואָלט ער פאַר-שמירט מיט די לאַפּעס מיך!"

ניט געקוקט אפ די אנטאגאָניסטישע באַציִונגען מיט מאָריס ראָזענפעלדן, פלעגט דאָך דאָוויד עדעלשטאַט פון אים אָפט באווירקט ווערן. אזוי איז זיין (עדעלשטאַטס) ליד „זינגט מיט לוסט" אָן צווייפל באווירקט פון מאָריס ראָזענ-פעלדס „געמישטע לידער", געדרוקט מיט א האלב יאָר פריִער אין דער „ארבעטער-צייטונג" פאַרן 22־טן אווגוסט 1890. מאָריס ראָזענפעלד זינגט דאָרט אזוי:

„איר ווילט איך זאָל ליבע-לידער זינגען,
אייך קיצלען, וויצלען, מאכן שפּאַס,
ווערנד מיין הארץ וויל מיר צעשפּרינגען
פון ליטער שמערץ און ביטער קאַס —
אָ, ניין! קיין זאַך קאָן מיר ניט באַלעבן,
און פינצטער שיינט מיר די שיינע זאָן,
זאָ לאַנג ווי איך זע נאָך ניט וועבן
טאכריכים פאַר געלטזאַק און טראָן".

און ער פאַרענדיקט:

„זאָל זיין געענדיגט די טרערן-לידער!
אוועק מיט קרעכצן! וועק מיט ווייען!
טאַנצן ווילן פריידיגע גייען,
און לאכן ווילן מיינע ברידער.
און זיי טאַנצן, און זיי זינגען,
און זיי דרייען זיך אין רימל,
און עס ווייגט אפ זיי דער הימל,
און די שקלאַפן-קייטן קלינגען,
ווען איר ווילט ניט בעסער מאכן,
און עס פרייט אייך זאַלכע זאַכן,
מוז איך ווייגען און ניש לאַכן".

ענלעכס האָבן מיר אויך בא עדעלשטאַטן, כאָטש ער באניצט אַנדערע אויסדריקן. בא ראָזענפעלדן וויל דאָס הארץ „צעשפּרינגען פון ליטער שמערץ און קאַס". עדעלשטאַט וויל צערייסן די ברוסט פון שמערצן און ליידן. בא ראָזענפעלדן ווילן „פריידיגע" טאַנצן, און זיינע „ברידער" ווילן לאַכן. בא עדעלשטאַטן זיינען דאָס „שקלאַפן"... ער רופט אויס מיט צאָרן:

„זינגט מיט לוסט?" אָ, דומע שקלאַפן!
רופט די טענצער! די פּאיאַצן!
און זיי וועלן אַמוזירן
אייך מיט פויקן און מיט טאַצן!"

דאָוויד עדעלשטאַט האָט געזוכט אָפּצוגרענעצן זיך פון דעם „פאָלק־פּאָעט" פון דער „ארבעטער־צייטונג". אינגאַנצן באַפרייען זיך פון מאָריס ראָזענפעלדס ווירקונג האָט אָבער עדעלשטאַט ניט געקאָנט. עדעלשטאַטס ער-שטע לידער זיינען, פּונקט אזויווי ראָזענפעלדס, געבוירן געוואָרן אין דער

„פינצטערער שאפּ“, כאָטש ער (עדעלשטאט) רעדט פונ „געדאנקענ אפ דער פאבריק“ אונ ראָזענפעלד זעט דאָרט „קײנ געפיל, קײנ געדאנק, קײנ פארשטאנד גאָר“. בײדע האָבנ געזונגענ פונעם יידישנ שנײַדער-לעבנ, כאָטש ראָזענפעלדס „בלייכער אָפּערייטאר“ ארבעט אינ פאבריק, אונ עדעלשטאטס „בלייכער שנײַדער“ ארבעט בא זיכ אינ צימער פארנ קליידער־מאגאזינ. בײדע נעמענ זיכ אָנ אינ זייערע לידער די קריוודע פונ דער „געפאלענער“, כאָטש עדעלשטאט דערמאָנט ניט קײנ שולדיקנ אונ ראָזענפעלד ווײַזט אָנ אפנ פאבריקאנטס הויז... בײדע האלטנ די פארשקלאפטע ארבעטער פאר „געפאנגענע לייבנ“ [157] אונ זיכ פאר „טרערנ־דיכטער“.

19

ווינטשעווסקיס ווירקונגענ

אָנהײב 1890 יאָר—אינ צײַט פונעם פארביטערטנ קאמפ צווישנ די יידישע סאָציאַליסטנ מיט די אנארכיסטנ אינ אמעריקע—ווערט דאָוויד עדעלשטאט א פלײַסיקער לייענער פונ דעמ „סאָציאַליסטיש־אומפארטייישנ“ לאָנדאָנער „ארבעטער־פרײַנט“. מאָריס ווינטשעווסקי שרײַבט נאָכ דעמלט אונטער פארשיידענע פסעוודאָנימענ. לידער שרײַבט ער ווייניק, נאָר פּראָזע (פעליעטאָנענ)—קימאט אלע וואָכ. ווינטשעווסקיס פעליעטאָנענ „צעשלאָגענע געדאנקענ פונ א מעשוגענעם פילאָזאָף“ ציִענ צו זיכ צו עדעלשטאטס אופמערקזאמקײַט. באזונדערס ווערט עדעלשטאט פארכאפּט פונ די „בילדער אונ ווערטער“ פונ דעמ „מעשוגענעמ פילאָזאָף“, ווו עס פיגורירט דער „פרײַהײַטגײַסט“, א לײַבלעכער קאָרעוו פונ זײַנ (עדעלשטאטס) „פרײַהײַט־געטנ“. ווענ עדעלשטאט האָט דורכגעלייענט די ערשטע צווײ בילדער — „די דרײַ קעסלענ“ (24-טנ יאנווואר) אונ „דער יאָמערטאל“ (7-טנ פעווראל), האָט ער אויסגעדריקט זײַנ אנערקענונג אינ דער ליד „צום מעשוגענעמ פילאָזאָף“ (געשריבנ דעמ 7־טנ מארט אונ געדרוקט אינ „ארבעטער־פרײַנט“ דעמ 28-טנ מארט 1890) [158], אינ וועלכער ער שרײַבט:

„איכ בינ פארליבט אינ זײַנע צייַלנ,
אינ זיי לעז איכ מײַנ אײגענעמ שמערצ;
איכ קאָנ מיט זיי מײַנע ווונדנ היילנ,
טרייסטנ מײַנ לײַדנדעס הערצ.

איכ זע אינ זיי, ווי אינ א שפּיגל,
מײַנ לעבנס יאָמערטאל;
איכ זע דאָרט מײַנ גײַסט מיט פארוווּנדעטע פליגל,
ווי ער רײַסט זיכ צום זאָנענ־שטראל!“

עדעלשטאט זאָגט, אז ער דערקענט זײַנע אײגענע געדאנקענ אינ ווינטשעווסקיס פעליעטאָנענ: „ווי זיי קומענ צו אימ, דאָס קאָנ איכ ניט זאָגנ, דאָכ זיי זײַנענ מײַנע, איכ שווער!“

„זײַנע גערדאנקע זײַנע צעשלאָגן
אפ טױזנדע רײנע אַלמאזן,
ער קאָן מיט אײנפאַכע װערטער אונדז זאָגן,
װאָס מיר מיט קלינגענדיקע פראַזן".

עדעלשטאַט פאַרענדיקט זײַן ליד, אַז ער דריקט „װי אַ ברודער זײַן [װינטשעװסקיס] האַנט" און האָפט, אַז װינטשעװסקי װעט אים ענטפערן, װי קומט עס, װאָס ער איז אַזױ גוט באַקאַנט מיט די שמערצן און קאַמף פון זײַן (עדעלשטאַטס) לעבן.

„זײַן שרײַבן דערפילט מיר מיט האָפענונג און מוט,
דאָך קאָן איך זיך ניט דערקלערן:
װי קומט אין זײַן טינטער מײַן הערצנס בלוט?
װי קומען צו אים מײַנע טרערן".

דער אײַנפלוס פון װינטשעװסקיס פעליעטאָן „דער יאָמערטאַל" פילט זיך אױך אין עדעלשטאַטס ליד „פאַרבלוטיקטע גײַסטער" („מאָרגנשטערן", 7־טן מאַרט), װאָס איז פאַרמירט לױט װינטשעװסקיס ליד „דאָס געשפּענסט" („אַרבעטער־פרײַנט" פון 10־טן דעקאַבער 1886).

אין „דאָס געשפּענסט" דערצײלט װינטשעװסקי, אַז, לײענענדיק אַ בוך, איז ער „געװאָרן פאַרטראַכט" און געגומען דרעמלען. „פּלוצלינג" דערזעט ער אין זײַן קאַמין, בײַ װעלכן ער איז געזעסן, די „בײנער־געשטאַלט" פון אַ פאַרומגליקטן קױלנגרעבער. נאָכדעם דערשײַנען אױך אײניקע קױלנגרעבערש יעסורימ און אַלמאָנעס. עדעלשטאַט (ניט װיסנדיק דעם אונטערשייד אין יידיש צװישן אַ בוך און אַ סײפער) דערצײלט, אַז נאָך דעם, װי ער האָט זײַן „סײפער פאַרמאַכט" און געזעסן „פאַרטראַכט", האָט ער פּלוצלינג דערזען „געשפּענסטער" — געשטאַלטן פון אומגעקומענע רעװאָלוציאָנערן אין זײַן „פאַרשקלאַפטער פאַרבלוטיקטער הײמאַט, פון רוסלאַנד, פון װיסטן סיביר".

די טײַנעס פון דעם קױלנגרעבער אין װינטשעװסקיס „געשפּענסט" האָט עדעלשטאַט איבערגעגעבן אױך אין זײַן ליד „דער מײַנער" (קױלנגרעבער), פאַרעפנטלעכט אין אַ „מאָרגנשטערן" פון 14־טן פעברואַר. אין װינטשעװסקיס ליד זאָגט דער קױלנגרעבער:

„די קױלן, מענטש, קאָסטן מיר טײַער! מיר קאָסט עס מײַן לעבן, װאָס דיר איז אין שטוב דער אָװנט דאָ װאַרעם געװעזן"... דאָסגלײַכן בײַ עדעלשטאַטן:

„װען איר װאַרעמט זיך, בדידער, בײַ דעם פרײלעכן פײַער
פאַרטײדיקט פון רעגן און װינט;
צי דענקט איר אַמאָל, װי שרעקלעך טײַער
עס קאָסט יעדע קױל אונדז אַצינד?"

פאַראַן דאָך אַ באַשטימטער אונטערשייד צװישן בײדע לידער. די יעסורימ און אַלמאָנעס פון די פאַרומגליקטע קױלנגרעבערס אין װינטשעװסקיס ליד זינגען בלױז קלאָג־לידער. עדעלשטאַט אָבער באַנוגנט זיך ניט

מיט באַווײנען דעם עלנט פון די קוילנגרעבערס, נאָר ער קלאָגט אָן די שולדיקע און רופט צום קאַמף קעגן זיי. עדעלשטאַט ווײַזט אָן, אַז דער קוילנגרעבער אַרבעט „פאַר די רײַכע אײַזנבאַנען", „פאַר אַלע זאַטע טיראַנען!"

„ער אַרבעט זיין לעבן אין שרעק און געפאַר,
לעבעדיקערהייט זיין פאַרשאָטן;
און וואָס איז זיין לוין? ער ווערט דערפאַר
גערויבט! מיט די פיס געטראָטן!

קוילן-באַראָנען, רויבער-באַנדע!
איר שעכט און בלייבט גערעכט...
אויב איר זייט מענטשן, איז אַ שאַנדע
באַלאַנגען צום מענטשן-געשלעכט!"

און עדעלשטאַט רופט אויס צו זײַנע „ברידער" (אַרבעטער), אַז אויב זיי האָבן נאָר אַ ביסעלע מוט, זאָלן זיי זיך נעמען „צו די וואַפן" און מיט זייער „האַרץ און בלוט" פאַרטיידיקן די „לײַדנדע שקלאַפן!"

נאָך אין אַ גרעסערער מאָס לאָזט זיך פילן אָט דער טאָן פון אָנקלאָגן די שולדיקע און פון רופן צום קאַמף קעגן זיי אין עדעלשטאַטס ליד „פאַרבלוטיקטע גײַסטער". די געשפּענסטער פון די רוסישע רעוואָליוציאָנערן אינעם צאַרישן סיביר רופן „צום קאַמף!", „צו גערעכטיקער ראַכע!" עדעלשטאַט גיט זיי אַרײַן אין מויל אַ נײַעם וואַריאַנט פון זײַן (שוין דערמאָנט) פּאָפּולערער ליד „אין קאַמף". אָנשטאָט —

„מיר ווערן געהאַסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פאַרפאָלגט —
און אַלעס דערפאַר, ווייל מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאַכטנדע פאָלק"—

זינגען די „פאַרבלוטיקטע גײַסטער" פון די פאַרפּײַניקטע רוסישע רעוואָליוציאָנערן אַזוי:

„מיר ווערן געשענדעט, מיר ווערן געמאָרדעט,
ווי כייעס ווי ווילדע פאַרפאָלגט; —
און אַלעס נאָר דערפאַר, ווייל מיר פאָדערן פרייהייט
און ליכט פאַר דעם ליידנדן פאָלק".

באַווירקט פון ווינטשעווסקיס זײַנען אויך די לידער „אין קאַמף", „די פאָלקס-שטימע", „די פרײַהײַט-געטער", „עס טאָגט", „אַ טרויעריקער געלעכטער" און אַ ריי אַנדערע. די ערשטע ליד האָט מאָריס ראָזענפעלד, ווי אויבן דערמאָנט, פאַרגלײַכט מיט ווינטשעווסקיס „מאַרסעליעזע", געשריבן מיט צוויי יאָר פריִער (אין 1887). ביידע לידער רופן צום קאַמף מיט דעם טיראַן, ביידע רופן אָפּצושאָפן שקלאַפערײַ, הונגער און קעלט און אין ביידע ווערט אויסגעדריקט די זיכערקײַט אינעם זיג. פאַראַן אָבער וועזנטלעכע אונטערשיידן. בא ווינטשעווסקין פיגורירן די אַרבעטער אַלס „איר", בא עדעלשטאַט — אַלס „מיר" און „אונדז". ווינטשעווסקי ווענדט זיך צו „אונטערדריקטע מאַסן", צו

„ברידער”, צו „ארבעט-לייַט”. עדעלשטאט רעדט צו „דאָס אָרעמע שמאכטנדע פאָלק”, צו „אָרעמע קנעכט”, צו „אָרעמע שקלאפנ”. אינ ווינטשעווסקיס ליד זייַנענ די טיראנענ — „ליידיקגייער”, וואָס „פרעסנ די פרוכט פונ אויסגעקוועלטע הענט” „בלוטזויגער אונ פאפנ” (גייַסטלעכע) אונ „דער מאנ פונ געלט”. אינ עדעלשטאטס ליד שטייענ די טיראנענ אויסער צייַט אונ אָרט. זיי זייַנענ מערדער פונ פרייַהייַט-קעמפער. זיי דערשיסנ אונ הענגענ די, וואָס „עמעס פארלאנגענ”. ווינטשעווסקיס קעמפער זייַנענ „ארבעט-לייַט”, וואָס קעמפנ קוידעמקאָל פאר זיכ אליינ. עדעלשטאטס קעמפער זייַנענ די פאָלקיסטישע „דענקנדע מענטשנ, וואָס ליבנ גערעכטיקייַט, ליכט”. ווענ ווינטשעווסקי רופט די ארבעטער „צום קאמפ”, דערקלערט ער זיי (אינעם גייַסט פונעם „קאָמוניסטישנ מאניפעסט”), אז זיי האָבנ דערבייַ גאָרניט וואָס „צו פארלירנ”. עדעלשטאטס „דענקנדע מענטשנ” קעמפנ אָבער דערפאר, ווייַל „אליינ די נאטור טוט זיי בענטשנ — — — צו די הייליקע פליכט”. ווינטשעווסקי הערט „קלינגענ שוינ די וואפנ קעגנ אונדזערע ברידער אפנ גאס”, ער דערמוטיקט די ארבעטער ניט מוירע צו האָבנ „פאר הארמאטנ, פאר א ביקס, א שפיז אָדער א שווערד”, ווייַל גייענ זיי „דענ ניט פאר דער צייַט אינ דער ערד טויזנטווייַז, ווענ אויב ניט דורכ סאָלדאטנ?” עדעלשטאט רעדט וועגנ „געפענקעניש”, „אייַזערנע קייטנ”, וועגנ „ווערנ דערשאָסנ, געהאנגענ” אונ זייַנ טרייסט איז, אז די טיראנענ קאָנענ „אונדזערע קערפער נאָר טויטנ, אָבער ניט אונדזער הייליקנ גייַסט!” ווינטשעווסקיס קאמפ-ליד איז פאָשעט אונ קלאָר, עדעלשטאטס — מעליצעדיק אונ פארנעפלט.

אינ עדעלשטאטס ליד „די פאָלק-שטימע” (אפרעל 8), פילט זיכ די ווירקונג פונ ווינטשעווסקיס געדיכט אינ פראָזע „ניט אייניק”, געשריבנ מיט א יאָר פריער („ארבעטער-פרייַנט”, 15-טנ מארט 1889). ווינטשעווסקי שילדערט דאָרט, וויאזוי א מאנ ליגט אינ א טיפער גרוב, געשמידט אינ שווערע אייַזערנע קייטנ, אויסגעמאָרעט פונ הונגער, אונ רופט נאָכ הילפ. בא דער גרוב אויבנ שטייענ „צוויי קרעפטיקע, גוטהארציקע, פרייַנטלעכע אויסזעענדע מענער”, איינער פונ זיי האלט א לאבנ ברויט מיט אנדערע דערקוויקנדיקע שפייַזנ. דער צווייטער האלט א זייער פעסטע שטריק. דאָס הייסט, זיי ברענגענ דעם געפאנגענעם ברויט אונ פרייַהייַט. נאָר אָנשטאָט אימ צו העלפנ, שטייענ זיי ביידע אונ דעבאטירנ, וויאזוי אימ צו ראטעווענ אונ, דעריקער, וויאזוי אייַנצואָרדענענ זייַנ לעבנ נאָכדעמ. ביידע זייַנענ אייַנגעשפארט אונ וועלנ אימ ליבער לאָזנ אויסגיינ פונ הונגער, איידער עפעס נאָכצוגעבנ פונ זייערע מיינונגענ. דער מאנ שטאמלט מיט די לעצטע קויכעס: „שלעפט מיכ ארויס, ווי איר ווילט — נאָר לאָזט מיכ לעבנ”... די צוויי מענער זייַנענ אָבער אזוי צעהיצט אינ זייער דיספוט, אז זיי מערקנ ניט, ווי דער אומגליקלעכער גייט אונטער.

דאָוויד עדעלשטאט מאָלט אנ ענלעכ בילד:

„איכ זע א פינצטערע גרוב פאר מיר, —
דריקנדיק איינעם דעם צווייטנ,

ליגן געפאנגענע שקלאפן אין איר.
געשמידט אין אײַזערנע קייטן.

איך הער, ווי זיי שרײַען: אָ, רעטעט אונדז, ברידער,
פון פינצטערניש, הונגער און נויט;
אָרעמע, עלנטע פאלן מיר נידער
אין קאמף פאר דאָס שטיקעלע ברויט!"

נאָך דעם, ווי זיי שילדערן די שווערע ליידן פון די ארבעטער-מאסן, רופן זיי אויס: „ברידער! אין קאמף זײַנען אויך טײַער מינוטן, קומט צו אונדז! רײַכט אונדז די האנט!" נאָר „מענטשן גייען קאלטבלוטיק פארבײַ..." און די, „וואָס ווינטשן באפרײַען די ברידער פון שקלאפערײַ", קאָנען זיך ניט אייניקן, וויאַזוי דאָס צו טאָן.

„די פרײַהײַט-געטן" („פ. א. ש.", אָקטיאבער 1890) איז געווען באוווּקט פון ווינטשעווסקיס ליד „דער פרײַהײַט-גײַסט" („ארבעטער פרײַנט", 26-טער יוני 1890). אין ווינטשעווסקיס ליד זײַנען אָבער פאראן אָנדײַטונגען פון א פראָגראם פון קאָנקרעטן טאָגטעגלעכן קאמף פאר פארווירקלעכן דעם צו-קונפט-אידעאל. „דער פרײַהײַט-גײַסט" קומט „לערן — ארבעט ערן, ערן, ערן, אכטן און באגערן, ארבעט מיט א טאָלק", בײַס אין עדעלשטאַטס ליד „די פרײַהײַט-געטין", איז, ווי אין דער מערהײַט פון זײַנע לידער, ניטאָ קיין בריק פון דער איצטיקער „בלוטיקער טיראנײַ" צו דער „ווירקלעכער פרײַהײַט" פון דער צוקונפט.

עדעלשטאַט פארענדיקט, אז די „פרײַהײַט-געטין" וועט קומען נאָר פון די „פינצטערע גריבער, ווו עס הערשט פארצווייפלונג און שמערצ". פון דאָרט, זאָגט ער, „וועט די פרײַהײַט-געטן קומען — — — געפאָלגט [באגלייט] פון יונגע אלמאָנעס און יעסוימים [פון] דער שקלאפערײַ! — — — זי וועט קומען נעמען גערעכטיקע ראכע פאר יעדן טראָפן ארבעטער-בלוט — — — זי וועט אפ אייביק באגראָבן די פארפעסטעטע קירכע און שטאַט" [מעלוכע], און נאָר דאן וועט „ווירקלעכע פרײַהײַט" האָבן דער „פארשקלאפטער פראָלעטאריאט!" וויאַזוי אָבער די „פרײַהײַט-געטן" וועט דורכפירן איר „גערעכטיקע ראכע", וויאַזוי זי וועט אָרגאניזירן די מאסן צום קאמף קעגן „קירכע און שטאַט", וועגן דעם איז אין עדעלשטאַטס ליד קיין וואָרט ניטאָ.

צו זײַן ליד „עס טאָגט" האָט עדעלשטאַט געמאכט א צושריפט: א קאמף-ליד געזונגען מיט דעם מאָטיוו „פאָיעכאל קאזאק מאַלאָדוי נא טשוזש-בינו". קענטיק, אז ער האָט עס געטאָן אונטער דער ווירקונג פון ווינ-טשעווסקיס ליד „עס רירט זיך" („ארבעטער-פרײַנט" פון 1886), וואָס די יידישע ארבעטער אין ענגלאנד און אין אמעריקע פלעגן שוין דעמלט זינ-גען. בײַס אָבער ווינטשעווסקיס ליד האָט רעאלע בילדער פונעם לעבן, פי-גורירט אין עדעלשטאַטס ליד בלויז אבסטראקטער קאמף. ווינטשעווסקי שילדערט, ווי „עס רירט זיך" דער „באַרויבטער ארבעט-מאַן":

„הערט איר, קינדער, ווי עס רירט זיכ,
ווי עס דירט זיכ איבעראל?
ווי דער ארבעטמאנ מושטירט זיכ
צו דעמ קאמפ מיט „קאפיטאל?"

ווינטשעווסקי איז קאָנקרעט. ער דערציילט, אז דאָס קומט פאָר אפ „ביידע זייטנ פונ אטלאנטיק", אז „פריי זיינ — — — זאט זיינ וויל דער ארבעטמאנ"; ער „וויל געניסנ אל די זאכנ, וואָס עס מאכנ זיינע הענט" אונ ווינטשעווסקי רופט: „פאָרווערטס! פאָרווערטס! עס מארשירט זיכ לזכמיק בא דער רויטער פאָנ". עדעלשטאט אָבער רעדט מיט מעליצע:

„ארבעטער, ברידער, איר הערט ווי עס דונערט?
איר הערט ווי עס ברומט, ווי עס קראכט?
שימשנ האגיבער פונ אונדזער יאָרהונדערט
האָט פונ זיינ שלאָפ ערוואכט".

צום אונטערשייד פונ ווינטשעווסקיס „ארבעטמאנ", קעמפט ניט עדעלשטאטס „שימשנ האגיבער" קעגנ קאפיטאל, ער איז א ראָמאנטישע פיגור: א „שקלאפ", וואָס האָט דערוואכט פונ זיינ פינצטערנ דרימל" אונ גרייפט, ווי די ריטער פונעמ מיטלאלטער, צום „פאנצער אונ שווערד"... ער איז א מענטש, אינ וועלכנ עס פלאקערט דער „פריי־הייטס הייליקער שמייכל". ער „וויל ניט מער וויסנ פונ גאָט אפנ הימל" אונ „וויל ניט קיינ האר אפ דער ערד". דער דאָזיקער שימשנ האגיבער האָט אָבער קיינ שייכעס ניט צו די טאָגטעגלעכע קאמפנ פונ די ארבעטער-מאסנ.

עדעלשטאט איז שטארק באווירקט פונ ווינטשעווסקינ.* דער אנארכיזמ דערלאָזט אָבער ניט עדעלשטאטנ נאָכצופאָלגנ ווינטשעווסקינ אינ הינזיכט פונ שילדערנ דעמ טאָגטעגלעכנ פראָלעטארישנ קלאסנקאמפ, צו וועלכנ ער (עדעלשטאט) באציט זיכ מיט ביטל.

★

ניט געקוקט דערופ, וואָס דאָוויד עדעלשטאט האָט ארויסגעוויזנ אזוי־פיל רעספעקט פארנ „מעשוגענעמ פילאָזאָפ" (ווינטשעווסקי), ברעכט דאָכ שפעטער אויס א קאָנפליקט צווישנ זיי. די מייסע איז אזוי געווענ: עטלעכע וואָכנ פאר זיינ טויט פארעפנטלעכט עדעלשטאט אינ לאָנדאָנער „ארבעטער־פריינט" פונעמ 9-טנ סענטיאבער 1892 זיינ ליד „מיינ מוזע" מיט דער באמערקונג: „געשריבנ נאָכ דעמ, ווי איכ האָב דורכגעלעזנ אינ א סאָציאל-דעמאָקראטישנ זשורנאל א געדיכט פונ אנ אנארכיסט". אינ דער דאָזיקער ליד, וואָס איז אזוי אנארכיסטיש-קריגעריש דערקלערט עדעל שטאט:

„מיט גלעקלעכ קענ מיינ מוזע ניט קלינגענ,
זי וועקט, זי רופט מיט א קריגס-טרומפעט,
שטורעמ-לידער קענ זי נאָר זינגענ
מיטנ פייער פונ אנ אלטנ פראָפעט.

* פארגלייכ אויכ זייטנ 40—41.

„זי וועט איר קעגנער די האנט ניט דערלאנגען,
זי וועט ניט קושן זייַן גיפטיקע ליפּ.
זי ווייסט, אַז איר קעגנערס בעסטער פאַרלאַנגען
איז זען דעם טויט פון איר גרויסן פּרינציפּ.

זי וועט זיך ניט בוקן פאַר פרעמדע אַלטאַרן,
זי איז שטאָלץ, ווען איר קלייד איז אויך אָרעם און פּראָסט,
עס מעגן פאַרשפּאָטן זי שורקעס און נאַרן,
זי בלייַבט ביז איר טויט אָפּ איר הייליקן פּאָסט!"

אין יענער צייַט האָבן אייניקע יונגע אַנאַרכיסטישע דיכטער מיטגע-אַרבעט אין סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסגאַבעס. יויסעף באָוושאָווער, וועמען עדעלשטאַט האָט פּערזענלעך ניט געקענט[159], האָט דעמאָלט געשריבן לידער אונטער אַן אַנדער נאָמען (מ. טורבאָוון) אַפילו אין דער „אַרבעטער־צייַטונג", וואָס האָט די אַנאַרכיסטן אַזוי ביטער באַקעמפט. געטראָפן פון עדעלשטאַטס ליד האָט זיך אָבער געפילט גראָד דער עלטסטער און אָנערקענטסטער רע־וואָליוציאָנערער דיכטער, מאָריס ווינטשעווסקי. ער האָט געוווּסט, אַז עדעלשטאַט פלעגט אים (ווינטשעווסקין) פריִער באַטראַכטן פאַר זייַנעם אַן אידייען־כאַווער. ער האָט דעריבער גערעכנט, אַז מיט דער ליד „מייַן מוזע" האָט עדעלשטאַט גע-מיינט אים, אַז דאָס קאָן אים עדעלשטאַט ניט מוחל זייַן, וואָס ער איז אַוועק פון דעם „סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטייִשן" „אַרבעטער־פרייַנט" און אַרבעט־מיט אין דעם „סאָציאַל־רעוואָליוציאָנערן" זשורנאַל „פרייַע וועלט", וועלכן די אַנאַרכיסטן האָבן באַטראַכט פאַר אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישן אָרגאַן (ער איז אַזאַ טאַקע שפּעטער געוואָרן). ווינטשעווסקי האָט אויך געהאַלטן, אַז דאָס וואָרט „גלעקלעך" איז געצילט קעגן זייַנע לידער, און אַז מיט זייַן באַ-מערקונג וועגן דאָס „געדיכט פון אַן אַנאַרכיסט" האָט עדעלשטאַט געמיינט זייַן (ווינטשעווסקיס) ליד „פּאַרטיי - פּאָליטיק" („פרייַע וועלט", יולי 1892), אין וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז ער לאָזט „ניט פאַרצאַמען" זייַן וועג דורך „פּראָגראַמען" און קאָן קיין „פּאַרטיימאַן ניט זייַן". ווינטשעווסקי האָט דעריבער אָנגעשריבן אַ שאַרפן ענטפער אין אַ לאַנגער ליד מיטן נאָמען „אַן ד. עדעלשטאַט", דערווייַל איז אָבער אין לאָנדאָן אָנגעקומען די ידיִעה וועגן עדעלשטאַטס טויט. מאָריס ווינטשעווסקי האָט דעריבער אָנשטאָט זייַן קריגערישער ליד פאַרעפנטלעכט זייַן נעקראָלאָג „נאָך עדעלשטאַטן אַ זיפץ" („פרייַע וועלט", נאָיאַבער 1892), שפּעטער האָט ווינטשעווסקי פאַרניכטעט אַ טייל פון זייַן ליד קעגן עדעלשטאַטן. ער האָט איבערגעלאָזט בלויז פאָלגנדיקע זיבן מילדערע סטראָפעס (וועלכע כ'ציטיר דאָ פון ווינטשעווסקיס מאַנוסקריפּט):

1. „דו שטראָפסט מיך, שטרענגער קריטיקער,
מיט האַלב פאַרשטעלטע רייד;
איך בין ניט קיין פּאָליטיקער
און זאָג: דאָס טוט מיר לייד.

2. דו ביסט אַ מאַן אַן ערלעכער
אָ, גלייב מיר, אַז פאַר דיר

איז דײַנ קריטיק געפערלעכער
אונ ערגער ווי פאר מיר.

3. דו ווײַזט ארויס ניט וועלנדיק
אנ ארט פונ לײַדנשאפט,
וואָס צײַגט, — דיכ גופע קוועלנדיק, —
דײַנ שוואכקײַט, ניט דײַנ קראפט.

4. דו רעדסט פונ מײַנע גלעקלעכ
אונ ווײַזט פאר יעדנ בליק
פיל העסלעכ שווארצע פלעקלעכ
פונ נײַד אינ דײַנ קריטיק.

5. דאנ זוכסטו צו באדעקנ אימ,
דעמ נײַד מיט שײנע רײד,
דאָכ ווײַזנ יעדער פלעק אינ אימ
די לעכער פונ דײַנ קלײד.

8. וואָס העלפנ די באפוצונגענ,
דער רײדנ פונ פרינציפ?
דער שמוצ פונ די באשמוצונגענ
בלײַבט האפטנ אפ דײַנ ליפ.

11. אָ, גלויב מיר, פרײַנט, דײַנ ערלעכער,
דײַנ זיסער לידער-קלאנג
וואָלט קלינגענ שענער, הערלעכער
אָנ קינע אינ געזאנג.

די „קינע אינ געזאנג", דער נײַד אינ זײַנ קריטיק קעגנ ראָזענפעלדנ אונ ווינטשעווסקינ זײַענ, ווארשײַנלעכ, די אײנציקע „שווארצע פלעקלעכ" אפ עדעלשטאטס רײנעמ כאראקטער.

20

אינ עדעלשטאטס דיכטערישער לאבאָראטאָריע

דאָוויד עדעלשטאט האָט געמוזט אלײנ אויסטרעטנ זײַנ וועג. געבוירנ אונ דערצויגנ אינ א רוסישער שטאָט (קאלוגע), איז עדעלשטאט ביז זײַנ קומענ קײנ אמעריקע געווענ ווײניק, אָדער גאָר ניט באקאנט מיט דער ייִדישער ליטעראטור פונ יענער צײַט. ער האָט געלײענט אונ געשריבנ בלויז אינ רוסיש. אפ דער רוסישער ליטעראטור האָט ער זיכ גײַסטיק אנטוויקלט. אינעמ עלטער פונ 16 יאָר (1882) קומט דאָוויד עדעלשטאט קײנ אמעריקע. ער געפינט דאָ ניט קײנ שומ ליטעראטור אפ ייִדיש, וואָס זאָל ווירקלעכ ווערט זײַנ דעמ נאָמענ ליטעראטור. דער ערשטער ייִדישער רעוואָליוציאָנערער דיכטער, מאָריס ווינטשעווסקי, וואָס איז געווענ מיט א 10 יאָר עלטער פונ דאָוויד עדעלשטאטנ, האָט אָנגעהויבנ שרײַבנ אינ ייִדיש ערשט מיט א פאָר

יאָר שפעטער (הארבסט 1884). ווינטשעווסקיס רעוואָליוציאָנערע ליד דערגרייכט פונ ענגלאנד קיינ אמעריקע ערשט אינמיטנ פונ די 80-ער יאָרנ. ארומ יענער צײַט (1886) הייבט אויכ אָנ שרײַבנ רעוואָליוציאָנערע לידער דער שאפ-ארבעטער מאָריס ראָזענפעלד. פונ אימ קאָנ אָבער עדעלשטאט דעמלט ווייניק לערנענ. מאָריס ראָזענפעלדס לידער זײַנענ אינ די ערשטע פיר יאָר פונ זײַנ שאפנ געווענ רוי סײַ אינ פאָרמ אונ סײַ אינ אינהאלט. אינ די יאָרנ 1887—1888 האָט אינ אמעריקע אָנגעהויבנ דערשײַנענ א צענדליק יידישע וואָכנבלעטער. צווישנ זיי אויכ א פאָר ראדיקאלע. קיינ איינס פונ זיי האָט אָבער ניט ארויסגערוקט אזינע דיכטער, וואָס דאָוויד עדעלשטאט זאָל זיי האָבנ געקענט נעמענ פאר א מוסטער.

דאָוויד עדעלשטאט איז ניט געווענ אזוי באהאוונט אינ דער אלטער יידישער קולטור, ווי די אנדערע רעוואָליוציאָנערע יידישע דיכטער פונ זײַנ צײַט. ניט בלויז מאָריס ווינטשעווסקי, דער פארפאסער פונ העברעיִשע שירימ אונ פונ טאלמודישע פאראָדיעס, נאָר אפילע באָוושאָווער אונ ראָזענפעלד זײַנענ אינ פארגלײַכ מיט עדעלשטאטנ געווענ גרויסע „לאָמדימ" אונ „מאסקילימ".

ווי א סאכ אנדערע יידישע ראדיקאלנ, וואָס זײַנענ געקומענ פונ רוסלאנד, האָט דאָוויד עדעלשטאט דערלערנט יידיש ערשט אינ אמעריקע: צוערשט געלייענט אפ דער דאָזיקער שפראכ, שפעטער אָנגעהויבנ אויכ ריידנ אונ שרײַבנ אפ איר. א גרויסע ראָליע האָט אינ דעמ געשפילט די שוויצ־פאבריק. דאָרט האָט ער זיכ צוזאמענגעטראָפנ פאָנעמ צו פאָנעמ מיט די יידישע מאסנ, אונ דאָרט האָט ער זיכ אויכ אויסגעלערנט די איינפאכע שפראכ, וואָס כאראקטעריזירט זײַנע יידישע לידער אונ ארטיקלענ[160]. זײַנ יידישע שפראכ איז, נאטירלעכ, געווענ זייער אָרעמ. אָט דער מאנגל אינ יידישער ליטערארישער טראדיציע איז אָבער ביז אינ א געוויסנ גראד געוואָרנ אויכ איינע פונ דאָוויד עדעלשטאטס מײַלעס. ער איז געווענ פרײַ פונ יענער האסקאָלע-מעליצע, פונ וועלכער אפילע מאָריס ווינטשעווסקי האָט זיכ ניט אלע מאָל געקענט באפרײַענ.

בלויז איינ אילוסטראציע:

צומ דערשײַנענ פונעמ ערשטנ נומער „פרײַע ארבעטער־שטימע", דעמ 4-טנ יולי 1890, האָבנ ביידע דיכטער — מאָריס ווינטשעווסקי אונ דאָוויד עדעלשטאט — צוגעשיקט באגריסונגענ. ביידע האָבנ זיכ אויכ פערזענלעכ פאָרגעשטעלט פאר זייערע נײַע לייענער. דער מיטליאָריקער באקאנטער דיכטער מאָריס ווינטשעווסקי שטעלט זיכ פאָר אזוי:

— — — „דאָ פונווײַטנ, פונ דער זײַט אטלאנטיק,
שטייט א פארגעסענער זינגער, א יידעלע,
שטרענגט אָנ זײַנ שטימע, זײַנ שוואכנ טאלאנטיק,
זינגענדיק מאזל-טאָוו אינ דיזע לידעלע".

דער יונגטלעכער דאָוויד עדעלשטאט שטעלט זיכ אָבער פאָר גאָר פאָשעט:

פרײַע אַרבעטער־שטימע!
אױף דײַנע הײליקע לעבן־שװעל
באַגריס איך דיך מיט ליבע און טרערן
דײַן אַלטער פרײַנט פּאַסקאַרעל!"*

ביידע דיכטער—ווינטשעווסקי און עדעלשטאַט, פאַרגלייכן אין זייערע באַגריסונג-לידער די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט צו אַ שטורעמדיקן יאַם, דורך וועלכן עס שניידט זיך דורך אַ וועג די שיף פון דער קעמפערישער אַרבעטער־באַוועגונג. דער ערשטער דריקט עס אָבער אויס מיט מאַסקילישער מעליצע און פאַרפאַרט דערביי אין נאַציאָנאַליזם, אין קאָל-יִסראָעל-שטימונגען. דער צווייטער—מיט איינפאַכע ווערטער. מאָריס ווינטשעווסקי שרייבט אַזוי:

„און דיזע „אַרבעטער־שטימע" די נײַע,
קעמפנדיק פיר אַ גערעכטע, האַרמאָנישע
מענטשן־געזעלשאַפט, אַ זאַטע און פרײַע,—
איז אויך אַ ייִדישע שטים, אַ זשאַרגאָנישע.

בראַוואָ, ייִסראָליק! דו און דײַן שפּראַכע,
דו, דער פאַרוואָגלטער, זי, די פאַראַכטעטע,
אַרבעטעט מיט פיר די הײליקע זאַכע;
ייִדל, זשאַרגאָן, דיזע צוויי אומגעאַכטעטע!

און דו באַטרעטסט ניט די פעלקער־טריבונע
אום זיך צו מישן אין גלויבן, אין ראַסן־קאַמף,
דענקסט ניט אָן כּירבן, דיך רעגט די קאָמונע,
אָפּשאַפן העלפסטו די גויט און דעם קלאַסנקאַמף.

דען דו פאַרשטייסט, אַז דער אַרבעטער־גאָלעס
איז פאַרן ייִדן דער איינציק געפערלעכער,
וואַרטסט ניט אויף דײַנע האָמענס מאַפּאָלעס,
קלערסט ווי צו מאַכן די גאַנצע וועלט ערלעכער.

פאָרווערטס, ייִסראָליק! דײַן פאָלק און דײַן ברודער
איז יעדער מענטש, וועלכער האָרעוועט שמאַכטנדיק,
שטעל זיך צוזאַמען מיט אים דאָרט באַם רודער,
דאַן גייט דאָס שיף, יעדן שטורעם פאַרניכטנדיק".

דאָוויד עדעלשטאַט שרײַבט אַזוי:

„פיר דאָס הערצנס טיפע געפילן
איז צו אָרעם אונדזער שפּראַך,
רײַכער זײַנען אונדזערע טרערן,
מיט זיי קען מען זאָגן אַ סאַך!

און מיט הײליקע אַרבעטער־טרערן,
וואָס פאַלן יעצט ווייטער אַ סאַך,

* זע אויבן ז. 52—53.

שרײַב איך אױף, אױף דײַן רױטע פֿאָנע:
„קעמף פֿיר די הײליקע זאַך!"

װילד רױשן די קאַלטע װעלן,
פֿון דעם גרױסן לעבנס־יאַם,
די אָרעמע עלנטע שיפֿער,
זײ לעבן, זײ אָטעמען קױם.

שװער באַ דער פֿרײַהײַט־פֿאָנע —
רױט פֿון מאַרטירער־בלוט, —
אַז קײן שטורעם, קײן פֿײַנט, קײן פֿאַרצװײפֿלונג
װעט ניט צעברעכן דײַן מוט!

װעק די פֿאַרשקלאַפֿטע מענטשהײַט,
צו דער לעצטער רעװאָלוציאָן!
מיט אײַזערנער מוט, מיט באַגײַסטערונג —
דײַן הײליקע אַרבעט פֿאַנג אָן!"

דאָװיד עדעלשטאַט האָט אָנגעהױבן שרײַבן לידער אין ייִדיש, ניט קענענדיק גענוג די שפּראַך. זײַנע ערשטע לידער זײַנען דעריבער פֿול מיט רוסיציזמען, דײַטשמעריזמען און אַנגליציזמען. ער האָט אױך ניט געקענט שרײַבן פּינקטלעך די ייִדישע אױסיעס. אין זײַנע מאַנוסקריפּטן פֿון 1889 יאָר פֿאַרבײַט ער אַ „ג" אױף אַ „ז", אַ „ד" אױף אַ „צ", אאַז״װ. העברײיִשע װערטער שרײַבט ער פֿאָנעטיש אָדער מיט גרײַזן. צום בײַשפּיל: כײן, רכמנס, יסמ, פֿײלען—אָנשטאָט חן, רחמנות, יתום, פֿועל'ן אאַז״װ. נאָר אין זײַנע דײַטשמעריזמען זײַנען טײלװײַז שולדיק געװען די רעדאַקציעס. זײ ענדערן זײַן שרײַבן „אַ" אױף „אײן", „און" אױף „אונד", „װעט" אױף „װירד", אאַז״װ. זײ ענדערן אױך זײַן אונטערשריפֿט—פֿון עדעלשטאַט אױף „עדעלשטאַדט", מיט אַ „ד" פֿאַרן „ט". עס איז דעריבער קײן כידעש ניט, װאָס עדעלשטאַטס ערשטע לידער זײַנען אָרעם אין שפּראַך און טײלװײַז אױך ניט קלאָר אױסגעדריקט. אױף דעם ניט־קלאָרן אינהאַלט פֿון עדעלשטאַטס ערשטע לידער איז, װי שױן דערמאָנט, אױך געװען אָנגעװיזן אין „אַרבעטער־פֿרײַנט" פֿון אַפּרעל 1889, װוּ מע קריטיקירט זײַן ליד „בלומען און שטערן".*
עדעלשטאַט האָט אָבער געאַרבעט איבער זיך. ער נעמט זיך דערלערנען די ייִדישע שפּראַך און טראָגט אַפֿילע אַרײַן אין איר נײַע אױסדריקן, צום בײַשפּיל: „שטורעם־כװאַליעס", „שטורעם־װאָלקנס", „זונען־שװערד", „זונען־הױך" (אָנשטאָט הימל־הױך) אאַז״װ. ער גראַמט עפּיגראַמיש „רױטע רעבעלן" מיט „שטורמישע װעלן", „בראַװע קאַמעראַדן" מיט „שלאַכט־באַריקאַדן" (און אַלס קעגנזאַץ צו „שקלאַפֿן־מוזיק און שקלאַפֿן־פּאַראַדן")[161]; „שטורעם־גלאָק" מיט „ראַכע־טאָג" און „פֿרײַהײַט־טאָג", „קינדער פֿון הונגער און נױט" מיט „געגנעם פֿון שרעקן און טױט" אאַז״װ.[162] עדעלשטאַט באַניצט אױך

* זע אױבן, ז. 47.

פאַרשיידענע גראַם-פאָרמען[163]. פון זײַנע אַנערקענטע 135 ייִדישע לידער זײַנען 3 אין גאַרטל-גראַמען, 4 אין געמישטע גראַמען, 11 אין פּאָר-גראַמען און 23 אין אויסגעלאָזטע גראַמען*, די איבעריקע זײַנען אין קרייץ-גראַמען[164]. עדעלשטאַט אַרבעט אויך פיל, קעדיי אויסצודריקן אין זײַנע לידער קלאָר און פּינקטלעך דאָס, וואָס ער וויל זאָגן. ער באַניצט זיך אויך מיט פאָלק-ווערטלעך (צב.: „איר שעכט און בלײַבט גערעכט" — אין דער ליד „דער מיינער"), מיט פאַרגלײַכונגען (צב.: „אַליין, ווי אַ שיפל אין שטורמישן מער" — אין „אויף דער וואַכע") אדג. זײַנע איבערגעלאָזטע מאַנוסקריפּטן באַווײַזן, אַז ער פלעגט איבערשרײַבן זײַנע לידער עטלעכע מאָל, ער פלעגט ענדערן ווערטער און אויך גאַנצע סטראָפעס. צומבײַשפּיל, אין זײַן אויבן דערמאָנטער ליד „בלומען און שטערן" („וואַרהייט", 14-טן אַפּרעל, פון 1889) האָט עדעלשטאַט צום ערשטן מאָל אָנגעשריבן די 11-טע סטראָפע אַזוי:

„און ווען דו דערציילסט ווי דער מענטש גייט פאַרלאָרן,
ווי בלוט ווערט פון מענטשן געזויגן,
דאַן וויינען די שטערן, און גליענדער צאָרן
בליצט פון די הימלישע אויגן".

ער האָט זי איבערגעשריבן, אַזוי ווי זי איז געדרוקט:

„און ווען דו דערציילסט פון די אירדישע וועגן,
ווי בלוט ווערט פון מענטשן געזויגן,
דאַן וויינען די שטערן און אַ גאָלדענער רעגן
שפּריצט אויס די הימלישע אויגן".

די לעצטע צוויי שורעס פון דער 14-טער סטראָפע האָט עדעלשטאַט צום ערשטן מאָל געשריבן אַזוי: „און איך זע אין דעם מאַנד, ווי אין אַ זילבער-נעם שפּיגל, מײַן קראַנקן, מײַן ליבנדע הערץ[165]. ער האָט געענדערט די לעצטע פינף ווערטער אויף „דאָס לײַדנדע מענטשלעכע הערץ"... עדעלשטאַטס ליד „דער וועקער" (דאָרט, 28-טער יוני 1889) האָט פון אָנהייב געהאַט 8 שורעס אין אַ סטראָפע אָנשטאָט 6, ווי דאָס איז שפּעטער געדרוקט. די ליד האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

„הערט זיך איין, וואָס איך וועל אייך זאָגן,
ווען איר ווילט קיין קייטן טראָגן,
ווען איר ווילט ניט ליידן, קלאָגן,
קומט אין אונדזער פאָלק.
וואָס מיר ווילן, ניט פיל ברייען,
איז פון דעספּאָטן באַפרייען
דאָס געבויגענע אין דרייען
אונטערדריקטע פאָלק".

ער האָט עס נאָכדעם איבערגעמאַכט צו 6 שורעס אַ סטראָפע. ער האָט

* זע אויבן, ז. 44.

ארויסגענומען די שורעס 3, 6 און 7 און די לעצטע 2 שורעס פארענדיקט אזוי: „איז פון שקלאפן־יאָך באפרייען דאָס אונטערדריקטע פאָלק".

אפ דעם זעלביקן אויפן האָט ער אויך געענדערט די אנדערע סטראָפעס. צומביישפיל, די צווייטע סטראָפע איז פון אָנהייב געווען אָנגעשריבן אזוי:

„קומט צו אונדז מיט פרייע ווערטער,
קומט צו אונדז מיט פרייע שווערטער,
קיין פאַרהאַסטער, קיין געערטער,
קומט אין פרייען שלאַכט —
קעמפן וועלן מיר ביז וואַנען
עס פאַלן הענקער און טיראַנען,
עס וועלן ווייען פרייע פאָנען,
שווינדן ווירד די נאַכט".

איבערמאכנדיק עס אפ 6 שורעס, האָט ער ארויסגענומען די שורעס 3 און 6, איבערגעמאכט די שורע „עס פאלן הענקער און טיראנען" אפ „עס וועלן פאלן די „טיראנען", און אָנשטאָט „שווינדן" געשריבן „פאר־שווינדן".

אין אנדערע לידער האָט עדעלשטאט איבערגעמאכט בלויז איינציקע שורעס אָדער איינציקע ווערטער, צב., אין זיין ליד „פון הײנע" („פ. א. ש". 16־טער אָקטיאבער 1891) האָט אין אָנהייב די געליבטע „מיטגעבראכט א קראנץ מיט בלומען", ער האָט עס אָבער געענדערט אפ „מאיאָווע בלו־מען". דאָסגלייכן האָט ער געענדעוט די ווערטער „אומשולדיק פארב" אפ „רויטעס פארב". אין זיין ליד „דער יאָסעם" (דאָרט, 18־טער יול 1890) האָט ער צום ערשטן מאָל געשריבן „א געזיכט ווי א ליליען־בלום", נאָכדעם האָט ער פארביטן דאָס וואָרט „געזיכט" אפ „וויס". צום ערשטן מאָל האָט ער דעם „יאָסעם" געשילדערט „אין צעריסענע זאָקן", נאָכדעם האָט ער עס איבערגעמאכט אפ „אָן שיך און זאָקן". צום ערשטן מאָל האָט עדעלשטאט געשריבן: „זאָ זיצט ער גאנץ אָפט אין מיין דום" (צימער), נאָכדעם האָט ער ארויסגעוואָרפן די ווערטער „זאָ" און „גאנץ אָפט". דעם אויסדרוק „עלנדער יאָסעם" האָט ער פארביטן אפ „אָרעמער יאָסעם". גאָר א סאך ענדערונגען האָט עדעלשטאט געמאכט אין דער ליד „איך בין דאָס שווערד, איך בין דער פלאַם" („ווארהייט", 31־טער מיי 1889). געדרוקט פארענדיקט זיך די ליד אזוי: „און ווען אויך מיר פאלן אין דעם שטורעם־יאָם, מיר וועלן דאָך די וועלט באפרייען!.." צום ערשטן מאָל האָט עדעלשטאט אָנשטאָט דעם געשריבן פאָלגנדי־קע שורעס:

„הערט ווי עס רוישט דער בלוטיקער יאַם,
הערט ווי פון דאָרטן מענטשן שרייען!
דאָס טרינקט מען דאָרט די אָרעמע קנעכט;
הייבט אוף די שווערדן און די פלאַמען
און קעמפט פאַר הייליקע מענטשן־רעכט.

אָ, ברידער, קעמפּט אונ זיגט צוזאַמענ!
יעצט איז אַ שאַנדע רויִק שלאָפֿנ,
די וועלט איז פֿול מיט בלוט אונ סאַם.
פֿאַר יעדנ איז דאָס שלאַכט־פֿעלד אָפֿנ,
פֿאַר יעדנ לעבט די שווערד אונ פֿלאַם!
וואַכט אויף, די וועלט איז פֿול מיט קייטנ,
איכ זאָג אייכ ניט קיינ פּאָעטנ־גראַם;
שקלאַפֿעריי וועט גיכ אייכ טויטנ,
ווענ איר פֿאַרגעסט די שווערד אונ פֿלאַם".

די ליד „טרערנ" האָט אינעם ערשטנ וואַריִאַנט געהייסנ „אַרבעטער-מעלאָדיענ" אונ געהאַט אַ צווייטנ טייל, אינ וועלכנ עדעלשטאַט שרײַבט, אַז ווענ ער זאָל דערציילנ זײַנ „לעבנס-געשיכטע", „זײַנע טויזנטע שמערצנ", וואָלט ער „פֿילײַכט" „מיט הייליקע טרערנ געדיכטע געמאַכט פֿיל אויגנ פֿײַכט". אויכ אָט די ליד האָט אינ מאַנוסקריפּט עטלעכע וואַריִאַנטנ. זײַנ באַקאַנטע ליד „צו מײַנע לעזער" (דאַטירט אינ מאַנוסקריפּט — סינסינעטי, מערצ 8, 1890) האָט געהאַט אַנ אַנדער אָנהייב אונ אַ סאַכ ענדערונגענ. אָנשטאָט „ליבע לעזער" האָט ער דאָרט אינעם ערשטנ וואַריִאַנט געשריבנ „אָרעמע שקלאַפֿנ"... זײַנ ליד „דער פֿאַרווונדעטער אָדלער" („פֿ. א. ש.", 1־טנ יאַנוואַר 1891), וואָס לייענט זיכ אינעם געדרוקטנ וואַריִאַנט גאַנצ אומפֿערזענלעכ: „אויף אַ פֿעלדזנ-שטיינ זיצט אַ יונגער אָדלער עלנט, קראַנק אַליינ!", האָט עדעלשטאַט אינעם ערשטנ וואַריִאַנט געשריבנ דירעקט וועגנ זיכ:

„צווישנ בערג פֿאַרשנייטע
זיצ איכ קראַנק, פֿאַרלעצט!
אונ איכ קוק מיט אומעט
צו דער זונ אַרויף,
דאָכ די שוואַכע פֿליגל
הייבנ ניט דעמ גוף".

★

דאָס ענדערנ די פֿריִערדיקע לידער, דאָס געבנ נײַע וואַריִאַנטנ, ווי ער האָט עס געטאָנ אינ זײַנ ליד „פֿאַרבלוטיקטע גײַסטער"[*] [143], אָדער דאָס דערקלערנ גענויִער אינ אַ נײַער ליד, וואָס ער האָט געמיינט אינ אַ פֿריִערדיקער, איז אַ געוויינלעכע דערשײַנונג אינ עדעלשטאַטס פּאָעזיע. אַזוי איז זײַנ „פֿרילינג-ליד" („מאָרגנשטערנ", 28-טער פֿעווראַל) אַ דערקלערונג פֿונ זײַנ ליד „נאַטור אונ מענטש" פֿונ מיט אַ יאָר פֿאַר דעמ („וואָרהײַט", 29-טנ מאַרט 1889). מיט אַ יאָר פֿריִער האָט עדעלשטאַט זיכ נאָכ פֿאָרגעשטעלט די נאַטור אַלס אַנ איבערגעגעבענע מאַמע. ער פֿרעגט: „ווענ מענטשנ לײַדנ, קלאָגנ, זאָרגנ, קאָנ די נאַטור דענ פֿריילעכ זײַנ?". אונ ער ענטפֿערט: „ניינ, שטערנ בלוטיקע פֿאַרבאָרגנ זײַנענ אינ איר רויטער זונענשײַנ"... „עס שײַנט מיר", דערקלערט ער, אַז די לעוואָנע אונ די שטערנ זײַנענ „פֿול מיט הייסע מענטשנ-טרערנ"—

* זע אויבנ, ז. 101.

„און די נאַטור גיסט פּערלטרערן
און מיט איר ווײנט דער בלומענטאָל;
עס וויינען זאָנע, מאָנד און שטערן,
און טרויעריק קלאָגט די נאַכטיגאַל"...

אין דעם זעלביקן גײַסט זאָגט עדעלשטאַט, אַז די הייסע טרערן פונעם „לײַדנדן פּאָעט" זײַנען בלויז אַן אָפּקלאַנג פון די „שמערצן־לידער" אין דער נאַטור. ער זאָגט אויך פאָרויס, אַז „די נאַטור וועט פריילעכע זינגען" ערשט דעמלט, ווען אירע „מענטשן־קינדער" וועלן אַרונטערוואַרפן זייערע „ווילדע הערשער".

אין דער נײַער „פרילינג-ליד", אַ יאָר שפּעטער, באַטראַכט שוין עדעל־שטאַט די נאַטור גאָר מיט אַנדערע אויגן. זי איז פאַר אים ניט מער קיין מאַמע פון לײַדן, נאָר אַ קוואַל פון שיינקייט. ער זעט איין, אַז פון דער נאַטור-שיינקייט, פּונקט אַזוי ווי פון אַלע אַנדערע נאַטור־אויצרעס, „געניסט יעצט נאָר דער טיראַן! ער לאָזט נאָר איבער די גיפּטיקע דערנער פאַר דעם אָרעמען אַרבעטסמאַן!" די פרילינג־זון שײַנט אָנגענעם, די נאַכטיגאַל זינגט זיס. נאָר עדעלשטאַט אַלס אַרבעטער פרעגט: „וואָס איז מיר פרילינג, וואָס איז מיר בלומען?"

„וואָס ווייס אַ שקלאַף פון דעם זיסן פרילינג?
פאַר אים איז נאָר שטורעם און פראָסט,
נישט מיט געזאַנגען, מיט זיפצן און קרעכצן
איז פול יעדער אַרבעטער־נעסט".

עדעלשטאַט איז אָבער איבערצײַגט, אַז „עס וועט קומען אַמאָל דעם אַרבעטערס פרילינג", — „ווען אויך פאַר אים וועלן בליִען די רויזן און זינגען די נאַכטיגאַל, און זיס וועלן רוישן די גרינע וועלדער און דער זילבערנער וואַסערפאַל"... יענעם פרילינג וועט ער (עדעלשטאַט) „באַזינגען שוין ניט ווי אַ טרערן־פּאָעט"... ער וועט „אים באַזינגען, ווי עס קאָן נאָר באַזינגען אַ דיכטער און אַ סאָציאַליסט!"

מיט אַ באַזונדערער אויפמערקזאַמקייט האָט עדעלשטאַט פּאָלירט און געשליפן זײַנע לידער, וואָס ער האָט „באַאַרבעט" אָדער „פרײַ איבערגעזעצט" פון אַנדערע שפּראַכן[166]. בײַשפּילן דערצו זעען מיר אין די פאַראַנענע וואַריאַנטן צו זײַנע לידער פון היינע און אַלבערט פּאַרסאָנס.

היינעס ליד „די שלאַנקע וואַסער־ליליע" (סעריע „נײַער פרילינג" נומ. 15) איבערזעצט עדעלשטאַט צוערשט אין גאַנצן פרײַ. ער מאַכט דערפון דרײַ סטראָפעס אָנשטאָט היינעס צוויי. אַזוי ווי די ליד געווינט ניט דורך דעם, נאָר זי ווערט צעצויגן, וואַרפט עדעלשטאַט אַרויס די איבערכאַזערונגען וועגן דער לעוואָנע, דעם „מאָנד", וואָס „באַזוכט" דער וואַסער-ליליע, „צע-גיסט זײַן זילבערנעם ליכט" און „קושט איר בלאַסע געזיכט". עדעלשטאַט פאַרבײַט אויך די פראַזע „וואַסער, וואָס איז זיס" אויף „בלויען אָקעאַן" און דערבײַ ענדערט ער שוין אויך גרינטלעך, וואַרשײַנלעך, ניט בלויז צוליבן גראַם, היינעס שלוס. בײַ היינען זעט די וואַסער־ליליע צו אירע פיס דעם

„ארמענ בלאסנ געזעלנ", ווי היינע רופט אָנ דעמ „מאָנד", און ווי עדעל־שטאט איבערזעצט צוערשט: „און זי זעט דעמ מאָנד־פארליבטער ליגט נע־בעכ בא אירע פיס". אינ אלע שפּעטערע וואריאנטנ פארבײַט עדעלשטאט די ווערטער „מאָנד־פארליבטער" אפּ הימלישער דאָנ־זשואנ", וועלכער קריגט אנ איראָנישנ באטײַט, וואָס ווערט נאָכ פארשטארקט דורכ דעמ וואָרט „נעבעכ". אינ זײַנע צוויי־סטראָפיקע וואריאנטנ גיט עדעלשטאט צוערשט היינעס בא־צייכענונג „שלאנקע" פאר דער וואסער־ליליע, צולעצט אָבער מאכט ער אי־בער, אינעמ גײַסט פונ זײַנע אייגענע טרויערדיקע נאטור־לידער, פאר א „בלאסע", א וויינענדיקע, וועמעס „פּערלטרער" קושט דער „מאָנד" (דער אויסדרוק „פּערל־טרער", וועלכנ עדעלשטאט באניצט אינ א ריי לידער, איז אויכ גענומענ פונ היינענ). אינעמ לעצטנ וואריאנט, געדרוקט אינ דער „פ. א. ש.", ווארפט עדעלשטאט ארויס די אדיעקטיוונ „גאָלדענער מאָנד פונ הימל" און „בלויער אָקעאנ". ער לאָזט אויכ ניט מער דעמ „מאָנד" צו „גריסנ" מיט זײַנ „ליבע־פלאמ", נאָר פּאָשעט ארונטערקוקנ פונ הימל. ער פארבײַט אויכ די דײַטשישע ווערטער „זינקט" און „שויס" אפּ „לאָזט אראָפּ" און „קוקט".

היינעס ליד „אונד ביסט דו ערשט מײַנ עהליכ ווײַב" (פונ „היימקער־נומ. 74) איז אינ קרייצ־גראמענ, בא עדעלשטאטנ — אינ פּאָר־גראמענ. קע־דיי צו פארגלײַכנביידע לידער, גיבנ מיר דאָ דעמ דײַטשישנ אָריגינאל פונ היינעס לידער:

עדעלשטאט

★

„די בלאסע וואסער־ליליע
טרוימט פאר דעמ בלויענ מער,
דער מאָנד קיקט פונ דעמ הימל ארונטער
און קושט איר פּערל־טרער.

פארשעמט לאָזט זי איר קעפל
אראָפּ צומ אָקעאנ,
און בא אירע פיס ליגט נעבעכ
דער הימלישער דאָנ־זשואנ".

★

„ווענ איכ הייראט, וועל איכ שטרעבנ,
אז מײַנ פרוי זאָל פראכטפאָל לעבנ,
וואָס זי וועט ניט טאָנ, ניט זאָגנ,
וועל איכ העפלעכ איבערטראָגנ.

דאָכ, ווענ זי וועט זיכ דערלויבנ
מײַנע ווערק אמאָל ניט לויבנ,
מיכ ניט קרוינענ אלס פּאָעט, —
רופ איכ טייקעפּ זי צומ געט".

היינע

1

„Die schlanke Wasserlilie
Schaut träumend empor auf dem See,
Da grüsst der Mond herunter
Mit lichtern Liebesweh

Verschämt senkt sie das Köpchen
Wieder hinab zu den Welln
Da sieht sie zu ihren Füssen
Den armen blassen Geselln."

2

„Und bist du erst mein ehlich Weib,
Dann bist du zu beneiden,
Dann lebst du in lauter Zeitvertreib,
In lauter Plaisir und Freuden.

Und wenn du schietst und wenn du tobst,
Ich werd'es geduldig leiden;
Doch wenn du meine Verse nicht lobst,
Lass ich mich von dir scheiden."

אפ פארסאָנס ליד האָט עדעלשטאט גאָר א סאך געארבעט. צווישנ זײַנע מאנוסקריפטנ געפינט זיך בא א צענדליק ווארִיאנטנ פונ אָט דער ליד. עדעלשטאט האָט פונ ווארִיאנט צו ווארִיאנט געענדערט ניט בלויז איינצלנע ווערטער אונ שורעס, נאָר אויך גאנצע סטראָפעס. ער האָט ארויסגעוואָרפנ דעם אדיעקטיוו „אָרעמע" פאר „זײַנע ביינער". געענדערט „רוענ" אפ „שלאָפנ", „אירדישע שמערצנ" אפ „טויזנטע"..., „דארפ מענ טרויערנ" אפ „דארפט איר"..., דאָס „גיינ צו הויז" אפ „אינ מײַנ הויז" אדג. אינ דער צווייטער סטראָפע האָט ער פארביטנ די שורעס:

„מיט אײַער מיטלײַד, וואָס קומט צו שפעט,
ווי א דאָקטער צום טויטנס בעט". —

אפ

„מיט אײַער מיטלײַד אונ טרערנ
אינ מײַנ גראָב וועל איך רוענ זאָ גערנ!"

אינ דער דריטער סטראָפע האָט עדעלשטאט געמאכט פאָלגנדיקע פאָרווורפנ זײַנע פרײַנט: „איר האָט מיך אינ לעבנ, איך דענק, גענוג קאלטע שטייגער געשענקט". 2) „אינ מײַנ לעבנ, אויב איר געדענקט, האָט איר גענוג מיר שטיינער געשענקט". ער האָט עס נאָכדעם געענדערט אזוי: „מיט די הענט אפ מײַנ הארצנ לאָזט מיך רוענ פונ טויזנטער שמערצנ". אינ דער 4-טער סטראָפע האָט ער די שורעס „מיך באפרײַט דער טויט, אָבער איר וועט זיך מאטערנ נאָך אָנ א שיר", פארביטנ אפ: „אײַך — וואָס בלײַבט אפ דער וועלט שלעפנ קייטנ, זיך בוקנ פאר געלט". די 5-טע סטראָפע אונ די ערשטע העלפט פונ דער 6-טער האָט עדעלשטאט אינ איינ ווארִיאנט אזוי געשריבנ:

„דער טויט וועט מיך מאכנ פרײַ!
קיינ פאלשקײַט — קיינ טיראנײַ
וועט ניט בײַטנ מײַנ ברוסט מיט געוואלד,
מײַנ הערצ וועט זײַנ רויִק אונ קאלט.
מיר וועלנ ניט פלאָגנ קיינ שמערצנ,
קיינ גיפט וועט ניט זײַנ אינ מײַנ הערצנ".

ער האָט עס ניט איינ מאָל געענדערט ביזנ דרוקנ. צוערשט האָט ער עס איבערגעמאכט אינ די פאָלגנדיקע צוויי ווארִיאנטנ:

פאר מיר איז ניטאָ מער קיינליידנ,
אינ זארג (טרונע) וועל איך אלעס
פארמײַדנ,
ווי א שטיינ אינ שטילנ וואלד
וועל איך ליגנ רויִק אונ קאלט".

„פאר מיר איז ניטאָ מער קיינ לייד,
אלע שמערצנ וועל איך פארמײַדנ.

דאָרט אינ מײַנ עוויגנ היים.
פונ קאלטנ איינפאכנ ליים".

די לעצטע צוויי שורעס האָט עדעלשטאט נאָכדעם געענדערט אזוי:

„קיינ פאלשקײַט, קיינ טרערנ, קיינ נויט,
ווייס דער מענטש ניט אינ טעמפל פונ טויט!"

די צווייטע העלפט פונ דער 7־טער סטראָפע האָט עדעלשטאט אינ אָנהײב פארענדיקט אפ אָט די צוויי אויפאנימ:

„דאָס לעבנ איז א ביטערער טרויִמ,
ניט קלאָגט, מיר איז גוט אינ מײַנ הײמ!”

„דאָרט גיט ניט קײנ אָרעמ, קײנ רײַכ,
ניט קלאָגט, מיר איז בעסער ווי אײַכ!”

עדעלשטאט האָט אויכ עטלעכע מאָל געענדערט דעמ נאָמענ פונ דער דאָזיקער ליד. ער האָט זי פריִער געהאט אָנגערופנ «A Farewell» (א זײַ־געזונט) אונ „צו מײַנע פרײַנט”[167]. אינ דרײַ וואריִאנטנ גיט ער אָנ, אז די ליד איז „פרײַ באארבעט”.

פארגלײַכט מענ עדעלשטאטס פרײַ־באארבעטע ליד פונ אלבערט פארסאָנס מיט דעמ בײַגעלייגטנ ענגלישנ אָריגינאל[168], אזוי זעט מענ, אז עדעלשטאט נעמט פונ פארסאָנס ליד בלויז דעמ הויפט־געדאנק, אז מע זאָל ניט קומענ אפ זײַנ קײווער „טרויערנ אונ שטערנ זײַנ רו”, אז פאר אימ זײַנענ ניטאָ מער קײנ לײדנ, אונ אז ער גײט רויִק צו זײַנ הײמ. ווײַטער איז אלצ עדעלשטאטס. אָנשטאָט פארסאָנס בילד פונ א פאראדנער לעווײַע מיט א לאנגנ צוג קארעטנ אונ מיט א פארפוצטער טרונע, מאָלט אויס עדעלשטאט „קאלטע מאצייווע־שטײנער”, פונ פארסאָנס אײנ שורע: „באליידיקט ניט מײַנ שטויב מיט אײַער מיטלײַד” ווערט בא עדעלשטאטנ א גאנצע סטראָפע, ווו ער רעדט וועגנ „ביליקע ליוב”... „מיטלײַד אונ טרערנ” אונ מאכט דעמ אויספיר, אז אינ זײַנ גרוב וועט ער שלאָפנ „אזוי גערנ”... דאָרט, ווו פארסאָנס רעדט וועגנ די, וואָס זײַנענ איבערגעבליבנ צו לײַדנ „אפ אָט דעמ וויסטנ ברעג”, גיט עדעלשטאט צו א קאָנקרעטע בילד: „שלעפנ קייטנ, זיכ בוקנ צומ געלט”... די לעצטע צוויי סטראָפעס פונ עדעלשטאטס ליד זײַנענ אינגאנצנ זײַנע אייגענע: דער קײווער איז פאר אימ א „שטילער געצעלט”, ווו ער וועט שטיל ליגנ, אונ די „מוטער־נאטור” וועט אימ „וויגנ”, ביז „דער פרײַהײַטס הייליקער סטרונע” וועט אימ „אופוועקנ” אינ זײַנ „טרונע...”

„קומט ניט אפ מײַנ קײווער צו טרויערנ,
קרעכצנ, זיפצנ אונ באדויערנ;
ווענ איכ מאכ מײַנע אויגנ צו,
שטערט ניט מײַנ רו!

באלײדיקט ניט מײַנ שטויב
מיט אײַער ביליקנ ליוב,
מיט אײַער מיטלײַד אונ טרערנ —
אינ מײַנ גרוב וועל איכ שלאָפנ אזוי גערנ!

דריקט ניט מײַנע בײנער,
מיט די קאלטע מאצייווע־שטײנער;
מיט די הענט אפ מײַנ הארצנ
לאָזט מיכ רוענ פונ טויזנדע שמערצנ!

ניט איבער מיר דאַרפט איר טרויערן,
ניט מיך — אײַך דאַרף מען באַדויערן,
אײַך, וואָס בלײַבן אַף דער וועלט
שלעפּן קייטן, זיך בוקן צום געלט.

פאַר מיר איז ניט מער קיין ליידן,
אין מײַן גרוב וועל איך אַלעס פאַרמײַדן,
קיין ווונד, קיין קייט, קיין טרער
וועט מײַן האַרץ ניט פאַרבלוטיקן מער.

איר, יואָס ציטערט מיט יעדן אייוועד,
ווען איר זעט פאַר זיך דעם קייווער,
ווי קלעגלעך איר קוקט דאָ מיר אויס,
זעט ווי רויִק איך גיי אין מײַן הויז

דעם טויטס שטילער געצעלט
איז פרײַער פאַר אײַער וועלט,
ווו גליק איז איצט א טרוים,
וואָס טרעפט זיך זעלטן קוים.

שטיל וועל איך אין קייווער ליגן,
די מוטער־נאַטור וועט מיך וויגן
ביז דער פרײַהײַטס הייליקע סטרונע
וועט מיך אופוועקן אין מײַן טרונע״.

„Come not to my grave with your mournings,
With your lamentations and tears,
With your sad forebodings and fears!
When my lips are dumb
Do not thus come.

Bring no long train of carriages.
No hearse crowned with waving plumes,
Which the gaunt glory of death illumes;
But with my hands on my breast
Let me rest.

Insult not my dust with your pity,
Ye who're left on this desolate shore
Still to suffer and lose and deplore.
'Tis I should, as I do,
Pity you.

For me no more are the hardships,
The bitterness, heartches, and strife,
The sadness and sorrow of life,
But the glory divine —
This is mine.

Poor creatures! Afraid of the darkness,
Who groan at the anguish to come!
How silent I go to my home!
Cease your sorrowfull bell —
I am well."

די מיינונג, אז עדעלשטאט האָט זײַנע לידער ניט פאָלירט און „ניט געשליפנ", איז, אזוי־ארום, ניט אינ גאנצנ קיינ ריכטיקע. עמעס, פאָעזיע און פראָזע זײַנענ פאר עדעלשטאטנ בלויז וואפנ אינ קאמפ[169]. ער באניצט דעריבער די זעלביקע טעמעס סײַ אינ זײַנע ארטיקלענ סײַ אינ זײַנע לידער. ער האָט אָבער געהאלטנ פאר וויכטיק צו שארפנ זײַנ געווער און צו מאכנ עס וואָס ווירקזאמער. דאָס איז עדעלשטאטנ טאקע געלונגענ. וואָס ווײַטער, איז זײַנ ליד געוואָרנ קרעפטיקער און האָט צולעצט ווירקלעכ געקלונגענ ווי א „קריגס־טראָמפייט". עדעלשטאט אַלײנ האָט פיל געהאלטנ פונ זײַנ פאָ־עזיע. ער לאָזט קיינמאָל ניט דורכ די געלעגנהײַט אונטערצושטרײַכנ, אז ער איז א דיכטער. דערבײַ אָבער באמערקט ער, אז ער איז „א דיכטער און סאָציאליסט". סטאם זינגענ אינ דער וועלט ארײַנ האָט לאכלוטנ ניט אינטע־רעסירט עדעלשטאטנ*. אינ זײַנ ליד „צוויי מאָלער" שטעלט ער פאָר, ווי זיי מאָלנ ביידע דעם יאָמערטאָל, נאָר איינער באניצט אלס פארב „זײַנ בלוט אליינ", איז דעריבער זײַנ ליד „הייליק שיינ". דער צווייטער מאָלער מאָלט מיט „געמאכטע פארבנ", עקלט זײַנ בילד „פראָסט צום שטארבנ". אינ אנ אנדערער ענלעכער ליד „צוויי דיכטער" מאָלט אויס עדעלשטאט איינעם אלס דעם „זיסנ", אלס דעם „דיכטער, וואָס האָט פיל האָניק, ווייניק גאל", און דעם צווייטנ, — אלס דעם, „וואָס האָט זײַנ הארצ די אונטערדריקטע אָפ־געגעבנ"**. די ליד פונעם לעצטנ כאראקטעריזירט עדעלשטאט אזוי:

„זײַנ יעדעס ליד, זײַנ יעדע שורע
איז פול מיט גיפט פאר טיראנענ;
ער ווארפט די שווינדלער גלײַכ אינ צורע
דער ווארהײַטס קאָכעדיקע בלײַ".

עדעלשטאט דערקלערט, אז אינ זײַנ ליד „רוישט א טײַכ פונ מענטש־לעכע טרערנ, צעמישט מיט דעם דיכטערס בלוט", אז זײַנ ליד איז געבאָרנ פונ „הייליקנ פײַער", „זײַנ מוזע וועקט" און „רופט מיט א קריג־טראָמפייט"; זײַנע פרײַע לידער זײַנענ „דונערנ און בליצנ"; ער קאָנ אי „גיסנ טרערנ" אי „ליבנ". אינ אָט דער טרויעריקער קעגנווארט איז ער א „טרערנ־פאָעט" און שרײַבט מיט „הייסע טרערנ". אינ דער צוקונפט אָבער וועט ער זינגענ „ליבע" און „פרילינג־לידער"[170].

עדעלשטאט איז ניט מאָנאָטאָנ. ער ווייסט די קונסט, וויאזוי אויסצו־דריקנ דעם זעלביקנ אינהאלט אינ פארשיידענע פאָרמעס. אינ זײַנע ערשטע

* זע ווײַטער, ז. 127—128.
** זע אויבנ, ז. 94.

לידער איז די אײַזערנע קייט דער סימבאָל פונ שקלאַפערײַ. אינ זײַנע שפּעטערדיקע לידער שמידט עדעלשטאט איבער זײַנ אײַזערנע קייט אינ א סימבאָל פונ פרײַהײַט. זײַנ „אלטער שמיד" זיצט אפ אנ אינדזל אונ „ארבעט אונ שמידט אנ אײַזערנע קייט פאר דעמ גאָט מאמאָנ", אונ „פאר יעדנ טיראנ, וואָס ליגט צעשפרייט אפ זײַנ בלוטיקנ טראָנ". דער שמיד שווערט, אז זײַנ „אײַזערנער האמער" וועט צעשטערנ די „גאָלדענע קרוינ".

אנ אנדער עדעלשטאטישער סימבאָל איז דער שטורעמ. אינ זײַנע ערשטע לידער איז דער שטורעמ דער סימבאָל פונ סאָציאלער רעוואָליוציע, דער שטורעמ קומט „צעשטערנ טיראנענ אונ טראָנענ". אינ זײַנע שפּעטערדיקע לידער אָבער דיכטעט איבער עדעלשטאט דעמ דאָזיקנ סימבאָל פונ רעוואָליוציע אינ א סימבאָל פונ רעאקציע. דער שטורעמ ווערט בא עדעלשטאטנ דער סימבאָל פונ די שווארצע קויכעס[138], וואָס זוכנ אײַנצושלינגענ דאָס שיפל פונעמ פראָלעטארישנ אוואנגארד:

„דאָס שיפל לויפט צווישנ די רוישנדיקע וועלנ;
דער שטורעמ ווערט שטארקער מיט יעדער מינוט;
דער מער איז געפערלעכ... דאָכ שטארקער איז דער זעגל —
ערלעכער שיפער, פארליר ניט דײַנ מוט".

דאָוויד עדעלשטאטס סימבאָלנ זײַנענ מיט גאָר ווייניק אויסנאמענ אינטערנאציאָנאלע. אזא ביבלישער סימבאָל, ווי „יעציעס מיצראימ", איז בא עדעלשטאטנ א זעלטנקײַט אונ איז, ווי ס'איז שוינ אויבנ דערמאָנט, געווענ באײַנפלוסט פונ יאָהאנ מאָסטס אנ ארטיקל מיט דעמ זעלביקנ נאָמענ[15]. זײַנע לידער זײַנענ דערפאר געווענ לײַכט פארשטענדלעכ פאר ברייטע מאסנ. א ריי לידער עדעלשטאטס זײַנענ געוויס ניט מער ווי פּראָזע אינ פערזנ. די איינפאכקײַט אונ הארציקײַט, מיט וועלכע זיי זײַנענ געשריבנ, הייבט זיי אָבער אופ איבער דער אלטעגלעכקײַט.

★

אינ זײַנ דיכטונג רופט אָנ עדעלשטאט די ארבעטערשאפט מערסטנס מיט די נעמענ „שקלאפ", „קנעכט" אָדער „פאָלק". אינ 130 לידער ווערט די ארבעטערשאפט אָנגערופנ 113 מאָל מיט די עפּיטעטנ „שקלאפ" אונ „קנעכט", 73 מאָל — „פאָלק", 65 מאָל — „ארבעטער אָדער פּראָלעטאריער", 52 מאָל — „ברידער" אונ 11 מאָל — „שוועסטער". אינ 13 דערציילונגענ אונ בילדער רופט ער אָנ די ארבעטערשאפט 33 מאָל „שקלאפ" אָדער „קנעכט", 10 מאָל „פאָלק", צו 2 מאָל „ברידער אונ שוועסטער" אונ 17 מאָל „ארבעטער אונ פּראָלעטאריער" (אינ זײַנ פּובליציסטיק באניצט זיכ עדעלשטאט ווייניק מיטנ נאָמענ „פאָלק" אָדער אפילע „ארבעטער-פאָלק". דאָרט רעדט ער געוויינלעכ וועגנ ארבעטער אונ פּראָלעטאריער, אמאָל אויכ „ארבעטער-פּראָלעטאריאט", אָדער אפילע „ארבעטער-קלאס", כאָטש ער קארגט זיי דאָרט אויכ ניט די עפּיטעטנ „שקלאפ" אונ „קנעכט").

„פאָלק" אלס סינאָנימ פונ ארבעטערשאפט איז אינ יענער צײַט באניצט

געוואָרן אויך פון מאָריס ווינטשעווסקין און פון מאָריס ראָזענפעלדן. אַן ארבעטער-דיכטער האָט דעמלט געהייסן א פאָלק־פּאָעט. ווינטשעווסקי רופט אָן זײַנע ערשטע ארבעטער-לידער „פאָלקס־געדיכטע״. די „ארבעטער־צײַטונג״ רופט אָן מאָריס ראָזענפעלדן „פאָלקס־פּאָעט״, און אזוי רופט אויך אָן די „פ. א. ש.״ דאָוויד עדעלשטאַטן. נאָר באזונדערס האָבן זיך מיטן וואָרט „פאָלק״ באניצט די אנארכיסטן. בא זיי האָט יעדער ארבעטער־פאר־זאמלונג געהייסן „פאָלק-פארזאמלונג״. יעדער באשלוס פון א פארזאמלונג האָט געהייסן א „פאָלק-באשלוס״[171]. דאָס יידישע פאָלק אלס נאציאָנאליטעט רופט אָן עדעלשטאט „יידישעס פובליקום״. דעם קאפיטאליסטישן קלאס בא־צייכנט עדעלשטאט מיט די טערמינען „רײַכע קלאסע״, „הערשנדע קלאסע״, אָדער „בירגער״. אָפטער אָבער באטיטלט ער די בורזשואזיע מיט די עפּי־טעטן: „קאפיטאליסטישע באנדע״, „קאפיטאליסטישע בעסטיע״, „קאפיטאליסטי־שער טיראן״ אדג.* אָנשטאָט קלאסנקאמפ באניצט עדעלשטאט געוויינלעך די ווערטער „פרײַהײַט־קריג״, „צײַט פון קריג״, „סאָציאלע שלאכט־פעלד״ אאוו.[172]

מיט א באזונדערן פּאַטאָס רעדט עדעלשטאט אין זײַנע לידער וועגן דער רויטער פאָן — „רויט פון מארטירער־בלוט״. זי איז פאר אים א הייליקע, א שטאָלצע, א פרײַע, אן אומבאזיגבארע. ער ווערט ניט מיד צו רופן די ארבעטער זיך צו פארזאמלען און צו קעמפן „אונטער דער רויטער פאָן״ און זי האלטן „זונען־הויך״[173].

21

פּראָזע־שריפטן

אין די לעצטע פיר כאדאָשים, איידער עדעלשטאט איז געוואָרן גע־פערלעך קראנק, האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן דערציילונגען און בילדער, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן א באדײַטנדיקע פּאָפּולערקײַט.

פונקט ווי אין זײַנע לידער, אזוי האָט עדעלשטאט אויך אין זײַנע דערציילונגען זעלטן געמאָלט רעאלע בילדער פונעם לעבן. ער האָט ניט גע־שריבן קיין שאפ-דערציילונגען, ווי מאָריס ראָזענפעלד, און קיין בילדער פון קאמפ, ווי שפעטער מאָריס ווינטשעווסקי. מיטן אויסנאם פון „ווערא״ („א דערציילונג אויס דעם לעבן״) און „צווישן ניו־יאָרקער ראדיקאלן״ („א שטאָט-בילד פון דעם אגיטאציאָנס-לעבן אין ניו־יאָרק״) זײַנען עדעלשטאטס אלע דערציילונגען און בילדער אויסגעטראכטע סכעמעס צו באווײַזן דעם עלנט פון די ארבעטנדיקע מאסן. זײַנע פערסאָנאזשן זײַנען אָבער ניט כא־ראקטעריסטיש און ניט טיפּיש פארן ארבעטער־קלאס, נאָר פארן קליינביר־גער. זײַנע העלדן ווייסן ניט פון קיין ארבעטער-באוועגונג, פון קיין קלאסן־

---

* זע אויבן, ז. 60.

קאמפ, זײ גײענ אונטער אינ עלנט, אָדער זײ פארנעמענ זיכ אנארכיסטיש מיט פערזענלעכער נעקאָמע, אָדער זײ באגײענ זעלבסטמאָרד. די מערהײַט דערצײלונגענ אונ בילדער עדעלשטאטס זײַנענ דעריבער קלײנבירגערלעכ־ראדיקאלע שאפונגענ, ניט געקוקט אפ דעמ טיפנ האס צו די עקספלואטאטערס אונ אפ דער סענטימענטאלער ליבשאפט צו דער ארבעטערשאפט, וואָס זײ דריקנ אויס. ס׳פילט זיכ אויכ אינ זײ דער אײַנפלוס פונ די דעמלט פאָפולערע סענטימענטאלע ראָמאנענ פונ דער ענגלישער שרײַבערנ אוידא, דער פארפאסערנ פונעמ ראָמאנ „פאסקארעל“, וואָס איז בא עדעלשטאטנ געווענ שטארק באליבט[91]. אײנגאנצנ פרײַ פונ אָט דעמ אײַנפלוס זײַנענ בא עדעלשטאטנ בלויז אײניקע רעאליסטישע סאטירישע דערצײלונגענ אונ בילדער. די דאָזיקע ווערק זײַנענ אויכ באלויכטנ מיט הומאָר, אונ עס פילנ זיכ אינ זײ, פונקט ווי אינ ווינטשעווסקיס פעליעטאָנענ, ליכטיקע פערספעקטיוונ.

דעמ מאטעריאל פאר אלע זײַנע סענטימענטאלע אונ ווײנענדיקע דערצײלונגענ אונ בילדער האָט עדעלשטאט ניט גענומענ דירעקט פונעמ לעבנ. ער האָט זיכ געשטיצט דערויפ וואָס מע האָט אימ דערצײלט, אָדער וואָס ער האָט געלײענט. אזוי איז זײַנ ערשטע דערצײלונג „ווער איז שילדיק?“ („פ.א.ש.“, 8־טנ מײַ 1891), פונקט ווי זײַנ ליד „דער קינדער־מערדער“ („אנ אָריגינעל בילד פונ לעבנ“) אָדער „דאָקטער גראָנ“, וואָס אונטער אָט דעמ נאָמענ איז זי צענדליקער יאָרנ געווענ פּאָפּולער אלס דעקלאמאציע בא די ארבעטנדיקע מאסנ פונ אמעריקע אונ ענגלאנד, געווענ באגרינדעט אפ די פאקטנ, וואָס זײַנ פרײַנדנ די קראנקנ־שוועסטער אניוטא וואָלפסאָנ האָט אימ דערצײלט[145]. סײַ די ליד אונ סײַ די דערצײלונג שילדערנ די שרעק פונעמ אָרעמענ מענטשנ פאַר דער געבורט פונ א קינד, וואָס ער איז ניט אימשטאנד צו דערנערנ. פונ דעמ זעלביקנ קוואל האָט עדעלשטאט אויכ גענומענ דעמ שטאָפ פאר זײַנ דערצײלונג „געלט אונ לעבנ“, ווו ער שילדערט אומבארעמהארציקע דאָקטוירימ, וואָס ווילנ ניט הײלנ קײנ אָרעמע קראנקע אונ די נעקאָמע פונ א מאנ פאר דעמ טויט פונ זײַנ יונגער פרוי, וועלכע איז געשטאָרבנ איבער דעמ, וואָס זי האָט ניט געקראָגנ קײנ מעדיצינישע הילפ.

דער ראָמאנטישער כאראקטער פונ עדעלשטאטס פראָזע־דיכטונג איז באזונדערס בולט אינ זײַנ פּאָפּולערער דערצײלונג „די באָמערקע“ (שלעפּערקע), וואָס איז אויכ איבערגעזעצט געוואָרנ אינ ענגליש. אנ ענלעכ בילד איז געווענ פארעפנטלעכט אינ אלבערט פארסאָנס אנארכיסטישנ וואָכנבלאט „אלארמ“ פארנ 13 יונ 1885, וועלכנ עדעלשטאט פלעגט לײענענ. דאָס איז געווענ א פארצײכענונג פונ May Huntley (מײ האנטלי) מיטנ נאָמענ Mary Smith. One story From many — The Trials and hardships of a Working Girl („מערי סמית. אײנע געשיכטע פונ א סאכ — די ניסיונעס אונ פלאָגענישנ פונ אנ ארבעטער־מײדל“). דאָרט ווערט געשילדערט א בילד פונ א געריכט־הויז אינ טשיקאגאָ. א מײדל ווערט אָנגעקלאָגט פאר „שיקרעס אונ אויסגעלאסנקײַט“. א פּאָליציאנט דערצײלט, אז ער האָט זי

געטראָפנ אינ גאס נאָכ האלבער נאכט „לאכנדיק, זינגענדיק און וויינענדיק צוגלײַכ, און זי האָט זיכ אָפּגעזאָגט צו גיינ אהיימ”. דאָס מיידל ענטפערט: „כ'האָב ניט געהאט, וווהינ צו גיינ. כ'בינ געווענ הונגעריק און אויסער זיכ פאר צאָרעס”. דער ריכטער פארורטיילט זי אפּ 30 טעג געפענקעניש. די אויסגעמוטשעטע פרוי פאלט אנידער און ווערט אָפּגעפירט אינ שפּיטאָל. די שרײַבערנ דערציילט דאנ, אז אָט די „שלעפּערקע” מערי סמיט איז אמאָל געווענ דאָס געליבטע קינד פונ א קליינשטאָטישער ארבעטער-פאַמיליע ווענ דער פאָטער, א מעכאניק, פארלירט זײַנ ארבעט, אינ צײַט פונ קריזיס, און אינ שטוב לײַדט מענ נויט, קומט מערי זוכנ ארבעט אינ טשיקאגאָ. זי ווערט א קנאָפּלעכער-אויסנייערנ (עדעלשטאטס פאכ) אינ א העמדער־פאבריק. זי קריגט 50 סענט פאר אויסנייענ קנאָפּלעכער אינ א טוצ העמדער (יעדעס העמד האָט 8 קנאָפּלעכער אויסצונייענ, דרײַ העקלעכ „ווײַבעלעכ” און פיר קנעפּלעכ אײַנצונייענ). ארבעטנדיק אָנ אופהער פונ זיבנ אזייגער אינדערפרי ביז צענ באנאכט, פלעגט מערי פארטיק מאכנ א טוצ העמדער א טאָג. זי ווינט צוזאמענ מיט נאָכ א מיידל אינ א צווײדאָלארדיק צימער און גיט אויס עפּעס מער ווי א דאָלאר אפּ איר עסנ (ברויט מיט טיי), די איבעריקע שיקט זי אהיימ צו העלפנ איר נויטלײַדנדיקער פאמיליע. ווענ דער פאבריקאנט שנײַדט נאָכ ארונטער אָט די קליינע סכירעס, ניצט אויס דער פאָרמאנ (אופזעער) די פארצווייפלטע לאגע פונ דעמ שיינעמ ארבעטער־מיידל און צווינגט זי צו פארקויפנ אימ איר לײַב. דער סאָפּ איז „שיק־עס און אויסגעלאסנקײַט”.

עדעלשטאטס „שלעפּערקע” עלא איז ניט געווענ קיינ ארבעטער־מיידל, נאָר א פארקויפערנ אינ א גרויס געשעפט. עדעלשטאט מאָלט מיט שיינע פארבנ איר קינדהײַט און יוגנט, ער דערמאָנט אָבער ניט די באדינגונגענ, בא וועלכע זי ארבעט און וואָס פאר א סכירעס זי קריגט. דאָכ איז קלאָר, אז זי פארדינט גענוג פאר זיכ און פאר איר מוטער דער אלמאָנע, מיט וועמענ זי ווינט צוזאמענ. נאָר איר שיינקײַט, וואָס „ציט צו א סאכ קוינימ” פאר איר באלעבאָס, ציט צו צו איר די אופמערקזאמקײַט פונ דעמ עלטסטנ קאָמי. ווענ זי גיט ניט נאָכ זײַנ ווונטש, מאכט ער אפּ איר א בילבל אינ גנייווע. זי ווערט פארורטיילט צו א האלב יאָר טורמע. ווענ זי זיצט אָפּ איר טערמינ, איז די מוטער „פאר צאָרעס קראנק און האלב-וואנזיניק”. עלא קריגט ניט קיינ ארבעט. א רײַכער יונגערמאנ נעמט זיכ פאר איר אָנ... „איר איינציקער פרײַנט און רעטער” פארבײַט זי נאָכ א געוויסער צײַט אפּ אנ אנדערער און לאָזט זי איבער „אָרעמ מיט א קינד אפּ די הענט”... די נויט צווינגט זי צו „האנדלענ מיט איר שיינקײַט”. און קעדיי צו „פארטויבנ אינ זיכ די גיפּטיקע שטימע פונ איר קראנקנ געוויסנ, האָט זי אָנגעהויבנ טרינקענ”. דער סאָפּ איז — אינ „איינ יאָר איז זי געוואָרנ אלט און גרוי”, א שלעפּערקע, וואָס „פארשמירטע האלב נאקעטע קינדער שלעפּנ זי פאר אירע צעריסענע קליידער און ווארפנ אינ איר שמוץ און שטיינער”.

פארגלײַכט מען די „שיקערע און אויסגעלאסענע" מערי סמיט פון דער סקיצע אין „אלארם" מיט עדעלשטאטס „באַמערקע" עלא, אזוי זעט מען אין דער ערשטער א רעאלן טיפ, געשילדערט אין די טיפישע פאר־העלטענישן פון דער קאפיטאליסטישער גרויסשטאָט, בייס די צווייטע איז א ראָמאנטישע פיגור, אָפגעריסן פון צײַט און אָרט. ניט געקוקט אָבער אף דער ניט־רעאלקײַט פון עדעלשטאטס פערסאָנאזשן (זײַנע אנדערע פרויען־געשטאלטן, אכוץ ווערא, זײַנע נאָך וויניקער רעאל פון זײַן „באַמערקע"), מאכן זײַנע דערציילונגען און בילדער א טיפן אײַנדרוק מיט זייערע פאר־שיידנארטיקע שפאנענדיקע סיוזשעטן און מיט זײַן אופריכטיקער סימפאטיע צו אלע דערנידעריקטע און לײַדנדיקע פון דער קאפיטאליסטישער געזעל־שאפט. די טוץ דערציילונגען און בילדער, וואָס עדעלשטאט (ניט האָבנדיק פאר זיך קיין שום מוסטער פון א יידישער פראָזע־ליטעראטור אין אמע־ריקע) האָט אָנגעשריבן אין פארלויף פון עטלעכע כאדאָשים, בייס ער איז נאָך דערצו געווען שטארק באשעפטיקט אלס רעדאקטער און פארטיי־טוער און האָט אין דער זעלביקער צײַט פארפאסט א היפשע צאָל לידער און פובליציסטישע ארטיקלען, — דאָס לאָזט ניט איבער קיין צווייפל, אז דאָוויד עדעלשטאט האָט אין זיך געהאט די פייִקײַט פון א פראָדוק־טיוון דערציילער און וואָלט זיך געקאָנט אנטוויקלען אין א באדײַטנדיקן פראָזאיִקער.

★

איבער א דריטל פון דאָוויד עדעלשטאטס 15 פראָזע־שריפטן פארנעמען זיך מיט זײַנע אייגענע איבערלעבונגען: „ווערא" שילדערט זײַן יוגנט אין קאלוגע, „צווישן ניו־יאָרקער ראדיקאלן" — זײַן אנטוישונג פון ניו־יאָרק; „דער ערשטער שטראל" — זײַן ערשטן ארויסטריט אלס יידישער ארבעטער־דיכטער; „א רעדאקטערס כאָלעם" און „מוזיק" — זײַנע איבערלעבונגען אלס רעדאקטער פון „פ.א.ש.", איידער ער ווערט קראנק; „א בריוו פון א זעלבסט־מערדער" — אינעם שאָטן פונעם טויט אין דענווער.

אינעם שאָטן פונעם טויט רעווידירט עדעלשטאט, ריידנדיק קלוימערשט פארן זעלבסטמערדער, זײַן פריִערדיקע ראָמאנטיק. ער דערקלערט זיך פאר „א גאנצ אנדער מענטש", ווי פריִער. „אמאָל האָט ער זיך געבוקט פאר דער נאטור, ווי פאר א הייליקער געטן". נאָר „איצט" קוקט ער אף איר, ווי אף אן „אלטע, אויסגעפוצטע קאָקעטקע", „ווי אף א גלענצנדער פראָס־טיטוטקע, וועלכע גיט זיך אָפ בלויז דעם רײַכן"...

„ווער געניסט די שיינהײַטן פון דער נאטור? ווער קוויקט זיך מיט איר ווײַב? ווער איז גליקלעך אף איר בלומענברוסט? דער רײַכער, דער, וואָס קאָן באצאָלן. דעם אָרעמאן, דעם עלנטן, צערײַצט זי נאָר מיט אירע שיינהײַטן".

נאָר באלד כאפט זיך עדעלשטאט, אז ער רעדט נאָך אלץ וועגן דער נאטור ווי אמאָל, „אקוראט ווי זי וואָלט געקאָנט פילן, דענקען". ער האָט זיך, זאָגט ער, אזוי פיל אָנגעלייענט און אָנגעהערט פון דער הייליקער

מוטער־נאַטור, אַז ער האָט זי טאָמער באַטראַכט פאַר עפּעס מענטשלעכס פילנדיקס. און ער רופט אויס:

„הייליקע מוטער־נאַטור! נײַן! אַ מוטער וואָלט ניט געשײַנט אַזוי פריילעך און פּרעכטיק מיט טויזנטע שטערן, וואָלט זיך ניט אויסגעפּוצט אין אַ בלויען בלומען־קלייד, ווען איר קינד געזעגנט זיך דאָס לעצטע מאָל מיט איר! — — — יאָ, אויב די נאַטור איז אונדזער מוטער, איז דאָס אַ מוטער, וועלכע ברענגט אום אירע בעסטע קינדער, די, וועלכע האָבן נאָך אַ געוויסן, וועלכע טראָגן נאָך אין האַרצן אַ פונק פון מענטשן־ליבע און גערעכטיקייט; זי ברענגט זיי אום מיט אַ שטאָלצן שמייכל אויף איר הימלישן געזיכט און באַגלייט זיי צום קייווער מיט פויגל־געזאַנג און זונען־שטראַלן!"*

עדעלשטאַט אַנאַליזירט אויך זײַן ליבע צו פרויען, און ער קומט צום אויספיר, אַז ער האָט, אייגנטלעך, קיינמאָל ניט געליבט קיין פרוי, נאָר „געטרוימט פון ראָמאַנטישער ריטערלעכער ליבע". ער האָט זיך „פאָרגעשטעלט די פרוי אַלס באַצויבערנדן אידעאַל", אַלס „די ריינסטע פּערל פון שיינהײַט, צערטלעכקײַט, הומאַניטעט". אַז ער איז אָבער מיט זיי נעענטער באַקאַנט געוואָרן, האָט ער אין זיי ניט געפונען קיין אידעאַל. זיי, זאָגט ער, איז מער אינטערעסאַנט צו וויסן, וויפל ער „פאַרדינט", איידער צו וועלכער אידיי ער דינט...

22

אין דענווער, קאָלאָראַדאָ

אין האַרבסט 1891 פילט זיך שוין אין דער „פ.א.ש.", אַז עפּעס איז ניט גלאַט מיט איר רעדאַקטער דאָוויד עדעלשטאַט. סאָף סענטיאַבער הערט ער אויף שרײַבן אַרטיקלען[174]. באַלד הערן זיך אויף דרוקן נײַע לידער פון זײַן פעדער[175]. אָנשטאָט דעם דרוקט איבער די „פ.א.ש." — „אַפּן פאַרלאַנג פון פּובליקום" — זײַנע אַן אַלטע ליד „דער שנײַדער" („וואַרהײַט", 5־טן אַפּרעל 1889). זי הייבט אויך אָן איבערדרוקן לידער און פּראָזע פון מאָריס ווינטשעווסקי („אַ ווּנטש", „צום אַרבעטער" און „צעשלאָגענע געדאַנקען פון אַ משוגענעם פילאָזאָף"—איבערגעדרוקט פון דער סאָציאַליסטישער „פרײַער וועלט"). דעם 23-טן אָקטיאַבער דערשײַנט אין דער „פ.א.ש." אַ הילף־רוף פאַר דאָוויד עדעלשטאַט, אונטערגעשריבן פון י. קאָפּעלאָוו. אין אָט דעם הילף־רוף ווערט אָנגעוויזן, אַז „דאָוויד עדעלשטאַט האָט אָפּגעגעבן אַלץ—צײַט, מי, געזונט און לעבן פאַר די אונטערדריקטע אַרבעטער־מאַסן. יעצט ליגט דיזער לייב שווער פאַרווונדעט. ער איז געבליבן יעצט ליגן שוואַך, מאַכטלאָז, אײַנגאַנצן צעבראָכן, ליגן און וואַרטן ביז די טרויעריקע ענדע וועט קומען".

עדעלשטאַטס פרײַנט דערוויסן זיך וועגן זײַן געפערלעכן צושטאַנד דורך אַ צופאַל. יאָהאַן מאָסט איז אין 1891 געזעסן אין דער באַוווּסטער אינדזל־

---

* זע אויבן, ז. 112—113.

טורמע אפ „בלעקוועלס איילאנד". אינ הארבסט פונ אָט דעמ יאָר איז עדעלשטאט געפאָרנ אהינ אימ צו באזוכנ. פאָרנדיק מיט דער אָפענער שיפ אינ א נאסנ, ווינטיקנ טאָג, האָט זיכ עדעלשטאט שטארק צוגעקילט אונ געמוזט אָפּגעשיקט ווערנ אינ א שפיטאָל. בא אָט דער געלעגנהײַט איז פעסטגעשטעלט געוואָרנ, אז ער איז קראנק אפ טובערקוליאָז. זײַנער א כאווער א. רודאש פירט אימ אָפּ אהיימ קיינ סינסינעטי[176]. גלײַכצײַטיק הייבנ אָנ זײַנע כאוויירימ זאמלענ א פאָנד אפ צו שיקנ אימ קיינ דענווער (קאָלאָראדאָ), ווו דער קלימאט איז גינסטיק פאר לונגענ-קראנקע.

אינ א בריוו פונ זײַנ סינסינעטער היימ, דאטירט דעמ 27-טנ אָקטיאבער 1891, שרײַבט עדעלשטאט, אז אינ עטלעכע שאָ ארומ פאָרט ער אָפּ קיינ דענווער, קאָלאָראדאָ. „דענקענדיק וועגנ מײַנ שווערער לאגע, קומענ מיר אפנ זינענ — שרײַבט עדעלשטאט — די לעצטע טרויעריקע ערייגנישנ (פאסירונגענ) פונ מײַנ לעבנ אונ לײדנ. עס שוועבנ די געזיכטער פונ מײַנע לאנג-באקאנטע אונ אומבאקאנטע פרײַנט, אונ איכ קענ זיכ ניט אײַנהאלטנ אונ ניט צו זאָגנ אנ אָפּשייד-וואָרט, וועלכעס רײַסט זיכ איצט ארויס פונ מײַנ קראנקער ברוסט. צו וואָס זאָל איכ פארבאָרגנ מײַנ שוואכע, סענטימענטאלע, פילײַכט, קינדערשע נאטור פונ אײַכ, מײַנע פרײַנט?"

עדעלשטאט דריקט אויס זײַנ אנערקענונג פאר דער הילפ, וואָס עס ווערט אימ געגעבנ פונ די, וואָס האָבנ „טויזנטער זאָרגנ אונ שמערצנ" פונ זייער „אלטעגלעכנ פראָלעטארישנ לעבנ". דאָס וועקט, זאָגט ער, אינ אימ אופ אפדאָסנײַ זײַנ „שטאָלצע מוט", אונ ער פילט, אז „די ווארעמע האנט", וועלכע העלפט אימ אינ זײַנ איצטיקער נויט, איז „א ווארעמע ברידערלעכע האנט, — א האנט, וועלכע איז ניט פארגיפטעט מיט דעמ ביטערנ גיפט פונ הײַנטיקער ווילטעטיקײַט"... ער וויל אויכ האָפנ, אז די, וואָס העלפנ, האָבנ מער אינזינענ די „זאכ", צו וועלכער ער האָט „טרײַ געדינט", ווי זײַנ „אייגענע פערזאָנ, וועלכע איז ניט ערגער אונ ניט בעסער, ווי יעדער איינער פונ די לײַדנדע פראָלעטאריער פונ דער וועלט". ער דערציילט אויכ, אז ער האָט געהערט פונ די פארלוימדונגענ קעגנ אימ. אז ער לעבט אפנ כעזשבנ פונ דער באוועגונג אונ קריגט איצט א „לוקסוריעזע רײַזע קיינ קאָלאָראדאָ"... עדעלשטאט ענדיקט זײַנ בריוו מיט דער האָפענונג „זיכ אינגיכנ צו ערהוילנ" אונ ווידער „מיט נײַער קראפט אונ מוט זיכ נעמענ" צו זײַנ „הייליקער ארבעט", וועלכע איז דער „איינציקער לעבנסגליק אינ הײַנטיקער טרערנ-וועלט".

די געשאפענע הילפ-מיטלענ זײַנענ געווענ באגרענעצט. עס האָבנ דערשײַנט אופרופנ נאָכ אופרופנ צו די ארבעטער-מאסנ, זיי זאָלנ אויספילנ זייער פליכט צו זייער קראנקנ „פאָלק-דיכטער". ווי קליינ ס'איז ניט געווענ די סומע, וואָס דער אונטערשטיצונג-קאָמיטעט האָט פאר אימ געזאמלט, האָט דאָכ עדעלשטאט אינ דעמ אײַנגעזענ ליבע צו אימ פונ די מאסנ, וואָס אינ אזוינע שווערע צײַטנ שפאָרנ זיי אָפּ פונ זיכ אונ העלפנ זייער דיכטער. ער האָט אויכ געהאט באפרידיקונג פונ דעמ, וואָס קעדיי צו שאפנ פאר-

אימ הילפ־מיטלענ, האָט מענ געגרייט צומ דרוק א זאמלונג פונ זײַנע לידער[177].

אינ אָנהייב נאָיאבער 1891 קומט אָנ דאָוויד עדעלשטאט אינ דענווער. ער קומט אהינ צוזאמענ מיט זײַנ טרײַער שוועסטער סאָניע, וואָס גיט אכטונג אפ זײַנ געזונט. ווי נאָר ער אָרדנט זיכ אײַנ אינ אנ „אָרעמ צימער" מיט א „צאנקנדנ לעמפל" הייבט ער ווידער אָנ שרײַבנ לידער. אינ זײַנ ערשטער ליד „דער 11-טער אינ דער פרעמד", דריקט ער אויס זײַנ צאר, וואָס ער וועט ניט קאָנענ ביַיזײַנ, ווי אלע יאָר, בא דער פײַערונג פונ דעמ יאָרצײַט (11־טנ נאָיאבער) פונ די טשיקאגער מארטירערס, נאָר מוזנ „פארברענגענ" די „בלוטיקע נאכט" אינ אנ „אָרעמ צימער, פאר דעמ צאנקנדנ לעמפל". ווענ ער דערוויסט זיכ שפּעטער (דעמ 15־טנ נאָיאבער), אז אינ דענווער איז פאראנ א ראדיקאלער ענגלישער עלעמענט, וואָס פײַערט דעמ אָנדענק פונ זײַנע באליבטע פרײַהײַט־העלדנ, שרײַבט עדעלשטאט וועגנ דעמ א בריוו צו דער „פ.א.ש." (אנ אָנוווּרפ צו אזא בריוו געפינט זיכ צווישנ זײַנע איבערגעבליבענע מאנוסקריפּטנ).

עדעלשטאטס פאמיליע איז געווענ צו אָרעמ, קעדיי אויסצוהאלטנ אימ אינ דענווער, זײַנע כאוויירימ אינ ניו־יאָרק האָבנ דעריבער געמאכט שטארקע אָנשטרענגונגענ צו שאפנ מיטלענ פאר זײַנ עקזיסטענצ. זיי האָבנ דורכגעפירט א טעאטער־פאָרשטעלונג, פארקויפט זײַנ בילד, געזאמלט אבאָנעמענטנ אפ זײַנ לידער־בוכ אאוו. דאָס איז אָבער אלצ ניט געווענ גענוג. האָט זײַנ יונגע שוועסטער שווער געארבעט, געהאלטנ קווארטיראנטנ „אונ נאָר אדאנק איר — שרײַבט עדעלשטאט צו י. קאָפעלאָווונ — זײַנענ מיר געווענ אימשטאנד אויסמײַדנ די נויט, ווענ אײַער הילפ פלעגט פארשפּעטיקנ".

ניט געקוקט אפ זײַנ שוואכנ געזונט אונ זײַנ נאָכאנאנדיק הוסטנ[178], האָט עדעלשטאט פיל געשריבנ אינ דענווער. אכוצ זײַנע לידער, וואָס ער האָט נעדרוקט צוערשט אינ דער „פ.א.ש."[179] אונ נאָכ דעמ, ווי זי איז אונטערגעגאנגענ (יונ 1892), אינ „ארבעטער־פרײַנט", האָט עדעלשטאט אויכ איבערגעלאָזט א געוויסע צאָל שריפטנ (פּאָעזיע אונ פּראָזע) אינ מאנוסקריפּט. צווישנ דעמ אויכ א ריי ניט פארענדיקטע זאכנ, צומבײַשפּיל דער „טאָג־בוכ פונ א נאר" (פעליעטאָנ), די „קרייצער כאָנאטע" (קריטישער ארטיקל אינ עטלעכע ווארִיאנטנ וועגנ טאָלסטויס בוכ מיט אָט דעמ נאָמענ) אדג. לויט זײַנ שוועכטער, האָט ער אינ דענווער אויכ פארפאכט זײַנ אווטאָביאָגראפישע דערציילונג „ווערא" אונ א גאנצע ריי לידער, וואָס זײַנענ ארײַנ אינ זײַנע „שריפטנ" (לאָנדאָנ, 1909).

צווישנ זײַנע דענווער מאנוסקריפּטנ געפינט זיכ אויכ א ריי ווארִיאנטנ פונ א פאָרעדע צו זײַנ ערשטער לידער־זאמלונג. אינ א בריוו צו קאָפעלאָווונ פונעמ 17-טנ דעקאבער 1891 פרעגט אימ אָנ עדעלשטאט, צי ער האָט איבערגעשריבנ די פאָרעדע, אונ אויב יאָ, זאָל ער זי אימ צושיקנ. פונ דעמ בריוו איז אָבער ניט קלאָר, צי ער האָט דערמיט געמיינט די פאָרעדע, וואָס עדעלשטאט האָט אליינ געשריבנ, אָדער אנ אנדערע, ספּע-

ציִעל פּאַרפּאַסט פון קאָפּעלאָוון. אזוי אָדער אנדערש, נאָר דאָס לידער־ביכל איז דערשינען (אין יאַנוואַר 1892) אָן א פאָרעדע. אָנשטאָט דעם, ווערט דאָרט געגעבן דאָס פאָלגנדיקע געדיכט פון שעלי [179] (אָן דעם נאָמען פון איבערזעצער):

„און דיזע ווערטער וועלן ווערן
א דאָנער־פלוך, וואָס וועט זיך הערן
אין יעדעס 'הערץ, אין יעדער ברוסט...

אוף, ווי לייבן נאָך דעם שלאָף;
מענטשן, מענער, אוף צום רוף!
טרייסלט אָפּ די שווערע קייטן,

לאָזט זיך ניט מער פון הערשער טרעטן,
פריַיהײַט איז דאָס ענדע־ציל;
זיי זײַנען ווייניק — איר זײַט פיל".

אין זײַן ניט־געדרוקטער פאָרעדע דערקלערט עדעלשטאַט אזוי:

„מײַנע לידער זײַנען געווידמעט אויסשליסלעך דעם ארבעטער־פּראָלעטאַריאַט. דער מענטש, וועלכער זוכט אין פּאָעזיע די היילִיקע האַרפע פון א האָמער, די קלאַסישע שיינהײַט פון א דאַנטע, מעג מײַנע לידער ניט לעזן; ער וועט אין זיי ניט געפינען די עלעגאַנטע קינעט [180]. מײַנע לידער זוארן געבאָרן ניט אין א בלומען־גאָרטן, אויך ניט אין די רײַכע קאַבינעטן פון א טעניסאָן. זיי זײַנען געבאָרן אין דער פינצטערער וועלט פון שקלאַפערײַ. זיי האָט געשריבן א שקלאַף, וועלכער האָט גענומען זײַנע באַגײַסטערונגען אין קאַמף קעגן שקלאַפערײַ".

אין א צווייטן וואַריִאַנט דריקט זיך אויס עדעלשטאַט, אז ער האָט זײַנע לידער צום ערשטן מאָל דערפילט אין האַרצן אין דעם „פינצטערן קערקער פון לוין־שקלאַפערײַ" און זיי אופגעשריבן אין זײַן זיקאָרן מיט די „גליִענדע טרערן" פון די „בלאַסע נידערגעזונקענע קנעכט", וועלכע זײַנען געזעסן ארום אים. ער מאַכט דעם אויספיר: „מײַן מוזע איז א פּראָלעטאַרישע מוזע". דאָך מאַטערט אים דער געדאַנק, צי „וועלן די לײַדנדע פּראָלעטאַריער דערקאָנען זייערע אייגענע טרערן? זייערע אייגענע ברענענדיקע ווונדן? וועלן זיי דערקענען די טרויער־מוזיק פון זייערע הערצרײַסנדע זיפצן און קרעכצן" אָדער „פאַרבלענדט פון אומוויסנהײַט, נידערגעוואָרפן דורך נויט צו די פיס פון גאָט מאַמאָן", וועלן זיי זיך אָפּקערן פון זײַנע „גײַסטיקע פּראָלעטאַרישע קינדער", ווי פון „פרעמדע", און „וועלן זיי פרעכ אָפּשטופן מיט דער האַרטער שקלאַפן־האַנט אלס היימלאָזע ניט געבעטענע פרעמדלינגע!"

דערבײַ מאַכט עדעלשטאַט א דערקלערונג, וואָס קלינגט גאָר הײַנטצײַטיק. ער שרײַבט אזוי:

„איך דענק ניט, אז די פרײַהײַט פון א דיכטער באַשטייט אין פּרינציפּלאָזיקײַט. איך דענק ניט, אז זײַן האַרפע דאַרף זײַן א ווינטמיל, וועלכע זאָל פאָלגן אימער נור נאָך דעם פּוסטן ווינט. דער דיכטער דאַרף פריִער פאַר אלץ זײַן א מענטש, און יעדער מענטש אין

אונדזער ציַיט, ווענ ער איז ניט גיַיסטיק קראנק, מוז צעטיילנ מיט זיַינע מיטמענטשנ דעמ אָרער יענעמ אידעאַל פונ זיַינ ציַיט. אלס א דיכטער דארפ זיַינ הערצ מיט אלע ליַידנדע, אלס א מענטש מוז ער קעמפנ פאר דיזע ליַידנדע. זיַינ פרייהייט דארפ באשטיינ אינ דעמ, וואָס ער קעמפט פאר דעמ פרייעמ גייסט, פאר דער באפרייונג פונ די פארשקלאפטע אונ ניט אינ דעמ, וואָס ער וועט באזינגענ פריי יערע דומהייט, יערע שמוצ, יערע היפּאָקריט"...

אונ פונקט ווי אינ זיַינ געזונטנ צושטאנד, אזוי אויכ קראנקערהייט האָט עדעלשטאט געלעבט מיט דער אנארכיסטישער באוועגונג. אינ די בריוו צו זיַינע כאוויירימ האלט ער קעסיידער אינ איינ נאָכפרעגנ אפ דער באוועגונג אינ זייער שטאָט. ער שיקט אויכ צו א בריוו דורכ קאָפּעלאָווּנ צו דער אנארכיסטישער קאָנווענציע, אינ וועלכנ ער שלאָגט פאָר ניט אָנצורופנ מער זייער ציַיטונג „אומפארטייאישע", ווענ זי איז שוינ ניט מער אזא... שפּעטער ווענ די „פ.א.ש." גייט אונטער, לאָזט ער ארויס אופרופנ צו זיַינע כאוויירימ, זיי זאָלנ זיכ אָנשטרענגענ ווידער אופלעבנ זי. אינ זיַינ לעצטנ בריוו (א פּאָר טעג פארנ טויט) בעט ער זיכ, מע זאָל אימ שריַיבנ — „איבערהויפּט איבער די באוועגונג"...

23

די לעצטע טעג

די קאָלאָראדער בארג-לופט האָט דעמ קראנקנ דיכטער ניט געגעבנ די דערוואַרטע רעזולטאטנ. אינ זיַינעמ א בריוו פונעמ 25-טנ דעקאבער 1891 צו ה. וויַינבערג אינ פילאדעלפיע שריַיבט עדעלשטאט, אז זיַינ „געזונט איז נאָכ אלצ ניט אמבעסטנ". „ער הוסט אונ פילט זיכ שוואכ"... „אינ דענווער זיַינענ איצט גרויסע פרעסט". ער „מוז זיצנ א גאנצנ טאָג אינ רומ" (צימער), אונ דאָס ווירקט „ניט גוט" אפ זיַינ געזונט. אינ ניו-יאָרק איז יעצט „זייער א לעבעדיקע ציַיט", אונ ער וואָלט „גערנ זיַינ יעצט אפ דער קאָנווענציאָנ צווישנ די גענאָסנ, אָבער מע קענ זיכ ניט העלפנ, אונ ביז א ציַיט מוז מענ נאָכ בליַיבנ בא דער טויטער דענווער".

צוויי כאדאָשימ שפּעטער (20-טנ פעווראַל) שריַיבט ער צו דעמ זעלביקנ פריַינט: „איכ האָב אינענ ביז יעצט ניט געשריבנ, וויַיל איכ האָב געפילט זייער שלימ אינ מיַינ געזונטהיַיט. דאָכ איצט פיל איכ עטוואָס בעסער אונ האָפ זיכ אינ דער פרילינג אונ אינ זומער צו ערהוילנ פונ מיַינ קראנקיַיט". אויכ זיַינ מאטעריעלע לאגע איז „ניט אמבעסטנ", כאָטש ניט אזוי שלעכט, „ווי בא יענע טויזנטע, וועלכע האָבנ קיינ ברויט אונ קיינ פליישׂ". מער ווי אלצ פּיַיניקט אימ אָבער דאָס „לעבנ אָנ טעטיקיַיט, אָנ פריַינט, וויַיט פונ דער לעבעדיקער וועלט". ער דערוואַרט דערפאר מיט אומגעדולד די שאָ, ווענ ער וועט ווידער זיַינ אימשטאנד צו „לעבנ אונ ארבעטנ פאר דער איינציקער זאכ, וועלכע איז נאָכ געבליבנ הייליק אינ דיזער שמוציקער העסלעכער געזעלשאפט" [181].

ענלעכע געפילנ דריקט ער אויס אינ זיַינע בריוו צו דער פאמיליע אינ

סינסינעטי. דעם 19־טן מאַרט שרײַבט ער צו דער פֿאַמיליע, אַז ער און סאָניע „ציילן די טעג און כאַדאָשים“, ווען זיי „וועלן שוין פֿאָרן געזונטע אַפֿ צוריק“. אַז זיי „מאָלן זיך בילדער פֿון דער צוקינפֿטיקער פֿרייד“. נאָך שטאַרקער ווערט זײַן האָפֿענונג אין מאָנאַט מײַ. ער שרײַבט: „מיר האָבן אַ ביסל אָפּגעלעבט, און די האָפֿעוונג אַפֿ אַ גיכן צוריקומען אהיים האָט ווידער זיך אָנגעהויבן שלאָגן שטאַרקער אין אונדזערע הערצער“. דערבײַ באַמערקט ער, אַז ער האָט „אינערגעץ זיך ניט געפֿילט אַזוי פֿרעמד, ווי אין אָט דעם דענווער“. זײַנע דאָרטיקע באַקאַנטע האָבן גאָר אַנדערע אינטערעסן, און „ס׳קומט אויס אָפֿטמאָל שאָענווײַז אויסצוהערן נאַרישקײַטן, וואָס דו האָסט צו זיי קיין שום אינטערעס ניט“. נאָר פֿאָרן צוריק קיין סינסינעטי איז אויך קיין פּלאַן ניט. ער און סאָניע האָבן פֿריִער געפּלאַנט צו „פֿאָרן אין אָקטיאַבער אהיים“, נאָר אַז זיי האָבן גענומען טיפֿער זיך אַרײַנטראַכטן אין דעם, האָט זיך געשטעלט די פֿראַגע: „וווהין פֿאָרן?“ סינסינעטי באַטראַכט ער פֿאַר אַ „טורמע“. איר קלימאַט — פֿאַסקודסטווע, אַ רויך, וואָס צעפֿרעסט די לונגען“. אויך איר געזעלשאַפֿט האַלט ער פֿאַר „פּאַסקודסטווע“... „מיט פֿינף יאָר צוריק — שרײַבט ער — ווען איך בין געווען געזונט און גליקלעך, האָב איך דאָרט געהאַט פֿרײַנט, נאָר איצט זײַנען אַזעלכע ניטאָ“.

נאָך ווייניקער געפֿעלט אים דער פּלאַן צוריקפֿאָרן קיין ניו־יאָרק. אין אַ בריוו פֿון מיטן זומער 1892 צו זײַנעם אַ ניו־יאָרקער כאַווער, שרײַבט עדעלשטאַט, אַז ער איז „פֿולשטענדיק זיכער“, ווען ער קומט קיין ניו־יאָרק, לעבט ווידער אויף די „פּ.א.ש.“; קאַפּיטאַלאָוו וואָלט „געאַרבעט און געזידלט זיך און געהאָלפֿן דער זאַך. אין דער פֿאַרעלאָפּענער קאַטץ[182] וואָלט אויפֿגעוואַכט, אין די דאָקטוירים מיט די אַדוואָקאַטן וואָלטן זיך ווידער גענומען פֿאַר דער אַלטער פֿאָן“. נאָר די צאָרע איז — קומט ער צום אויספֿיר — וואָס „דאָס ניו־יאָרקער לעבן מיט זײַנע שלאָפֿלאָזע נעכט און מיט דער שווערער אינטעלעקטועלער אַרבעט איז ניט פֿאַר מײַנע קויכעס — — — אָנשטאָט אַ טויער וועל איך בלײַבן אַן אינוואַליד — — — אויב קומען צו פֿאָרן צו אײַך, איז ניט אַפֿ שלאָפֿן, נאָר אַפֿ אַרבעטן, און דאָס פֿאָדערט אַ ביסל נאָך אויסוואַרטן“.

דער באַוווסטזײַן, אַז איבער זײַן שוואַכן געזונט־צושטאַנד איז ער אָנמעכטיק צו אַרבעטן פֿאַר זײַן אידעאַל, רופֿט אַרויס בײַ עדעלשטאַטן אַ נאַטירלעכע רעאַקציע קעגן אָפּגעבן דאָס לעבן פֿאַר דער אידיי. ווייניקסטנס דריקט ער זיך אַזוי אויס בענעגייע זײַן שוועסטער סאָניע. אין אַ בריוו אהיים פֿון דעם זעלביקן זומער שרײַבט עדעלשטאַט:

„איך גלייב איצטער נאָר אין איין העלדישקייט. דאָס איז דאָס קאָנען אָפּהיטן וואָס מער קויכעס צום לעבן און צום קאַמף פֿאַרן אייגענעם גליק. העלדישקייט, וואָס פֿירט צו פּריצײַטיקער צעלייגונג, אַלטקייט און צעבראָכנקייט, איז ניט קיין העלדישקייט. נאָר נאַרישקייט און דאָס גלויבן אין זעלבסטקרייצונג פֿאַס נאָר פֿאַר בעצערינער, ניט געזונט־פֿאַרשטענדיקע מענטשן. איך וויל בעסער זען סאָניען אַלס געזונטע געוויינלעכע פֿרוי, איידער אַלס שוואַכע און ניט געזונטע העלדין“.

אין זײַן לעצטן געראַנגל מיטן טויט זוכט עדעלשטאַט זיך צו ראַטע־וועו מיט דער הילף פון זײַן מאַמען. ער וויל, אַז זײַן מוטער און זײַן ברודער אַראָן זאָלן קומען צו פאָרן קיין דענווער, דאָרט עפענען אַ פּרי־וואַטן רעסטאָראַן. בײַם די זומערדיקע היצן איז זײַן אַפּעטיט אינגאַנצן אָפּגעשוואַכט געוואָרן. „איך וואָלט געגעסן עפּעס אַזױנס — שרײַבט ער — וואָס סע עקזיסטירט מיסטאָמע ניט". און אין אַ בריוו פון 26-טן אויגוסט גיט ער צו: „זאָל די מאַמע זײַן דאָ, קיינער קאָן ניט צוטראַכטן קיין בעסערס, איידער אַ מאַמע פאַר איר קינד"...

עדעלשטאַטס פּלאַן וועגן אַ פּריוואַטן פּאַנסיאָן אָדער רעסטאָראַן האָט געהאַט נאָך אַ מאָטיוו. ער האָט געזוכט מיטלען, וויאַזוי אויסצוקומען אָן דער שטיצע, וואָס ער פלעגט קריגן פון זײַנע כאַווײרים אין ניו־יאָרק. אין זײַן בריוו צו קאָפּעלאָוויץ פונעם 26-טן אויגוסט שרײַבט עדעלשטאַט, אַז ער באַניצט זיך מיט דער מאַטעריעלער הילף, וואָס ער קריגט דורך אים בלויז דערפאַר, ווײַל ער ווייס, אַז די זאַך, צו וועלכער ער האָט געדינט, איז אויך די זאַך פון באַוווסטזײַן און שטרעבונג פון די, וואָס העלפן אים, און אַז נאָר דער באַגער אים צו זען „ווידער אַפן שלאַכט־פעלד" באַוועגט זיי אים צו העלפן. דאָך זײַנען געווען צײַטן, ווען דאָוויד עדעל־שטאַט האָט זיך געפילט דערנידעריקט פון אָט דער הילף. און אין אַזאַ מאָמענט האָט ער געשריבן זײַן ליד „פרעמדעס ברויט" („אַרבעטער־פרײַנט", 2־טן סענטיאַבער 1892):

„אַך ! ווי ביטער איז פרעמדער ברויט,
וואָס מע וואַרפט אונדז צו אין דער נויט,
זײַן יעדער ברעקל איז ביטער ווי סאַם,
ווי גליקלעך איז דער, וואָס ווייסט ניט זײַן טאַם.

ווי גליקלעך איז דער, וואָס קאָן אָן שאַנד
פאַרדינען זײַן ברויט מיט זײַן אייגענער האַנט,
ניט ווערן גראָ, בלאַס ווי דער טויט
בײַ יעדער ברעקל פון אַ פרעמדן ברויט".

★

דאָוויד עדעלשטאַט פלעגט אויך פריִער פון צײַט צו צײַט שרײַבן לירי־שע לידער, אין וועלכע ער פלעגט אויסדריקן זײַן פערזענלעכן וויי. זינט ער איז קראַנק געוואָרן, שרײַבט עדעלשטאַט מערסטנס לירישע לידער, נאָר אויך זײַנע אינטימסטע פערזענלעכע געפילן זײַנען אַלעמאָל ענג פאַר־קניפּט מיט זײַן שטאַרקן באַגער ווידער צו ווערן אַקטיוו אַפן „שלאַכט־פעלד" פונעם קלאַסנקאַמף.

זײַנע לידער אינעם לעצטן יאָר פון זײַן לעבן זײַנען מער באַאַרבעט און טיפער דורכגעטראַכט ווי די פריערדיקע. אין זײַן ליד „דער פאַרוווּנ־דעטער אָדלער" („פ.אַ.ש.", 1־טן יאַנוואַר 1892) שילדערט דאָוויד עדעלשטאַט אַ יונגן אָדלער, וואָס ליגט פאַרוווּנדעט אויף אַ פעלדזנשטיין. ער קוקט צו דער זון אַרויף, נאָר די קראַנקע פליגל הייבן ניט דעם גוף. ער צאַפּלט זיך,

דרײַסט זיכ, שילט, וויינט. ער וויל וויסנ, צי ער וועט „אמאָל ווידער קענענ אומשוועבנ איבער בערג אונ טאָל, טראָגנ זיכ דורכ שטורעמ, שטאָלצ צו זונענ־שײַנ; צווישנ פרײַע אָדלער א פרײַער אָדלער זײַנ", נאָר קיינ ענטפער איז ניטאָ.

„אכ, קיינער גיט ניט קיינ ענטפער —
אײַנגעהילט אינ שניי
שלאָפנ בערג אונ טאָלנ;
מײַנ שמערצ, וואָס קימערט זיי".

זײַנ ליד „טרערנ" („ארבעטער-פרײַנט", 8-טנ יול 1892) פארענדיקט עדעלשטאט מיט די ווערטער, אז ער האָט „געליטנ, געליטנ, ביז עס זײַנענ געקומענ שרעקלעכע מינוטנ"... „זײַנ לעבנס-בעכער, איז פול מיט גיפט אונ גאל"... ער וויל פארגיסנ טרערנ, אז ניט וועט זײַנ הארצ „פארבלוטנ". זײַנ „גיפט אונ גאל" פילט זיכ באזונדערס אינ זײַנ ליד „א ביטערער מאזל", פארעפנטלעכט אינ „ארבעטער־פרײַנט" נאָכ עדעלשטאטס טויט (6־טנ יאנוואר 1893). די דאָזיקע ליד איז פרײַ איבערגעזעצט פונ נעקראסאָווס «Тяжелый Крест» אונ „געווידמעט מײַנ פרײַנט A. W."[183].

עדעלשטאט שילדערט דאָרט דעמ „ביטערנ מאזל" פונ א יונגער פרוי, וועלכע ליבט אונ גיט אכטונג אפ א האָפענונגלאָזיקנ קראנקנ. זי טאָר זיכ אפילע ניט באקלאָגנ, אז זי האָט צוליב אימ איר שיינקײַט אונ יוגנט פארלאָרנ. ער צעשטערט זי מיט זײַנ שוידערלעכנ ענטפער, אז פאר איר זײַנענ נאָכ דאָ פיל „זיסע יונגע יאָרנ" אונ פאר אימ — „נאָר דעמ קאלטנ קייווערס טיר...", אז זי וועט „נאָכ לעבנ אונ נאָכ ליבנ"... אָבער צו אימ „קלאפט שוינ דער טויט אינ טיר"...

פול מיט ביטערקײַט איז אויכ עדעלשטאטס אויבנ דערמאָנטע פרײַע באארבעטונג פונ אלבערט פארסאָנס לידער (דאָרט, 24-טנ יול). עדעלשטאט רעדט דאָרט וועגנ זײַנ קייווער — „דעמ טויטס שטילער געצעלט" — אונ וועגנ די „דערוואַרטע קאלטע מאציייווע-שטיינער"... *

אינ אנ אנדערער ליד, „פונ מײַנ טאָגבוכ" (פארעפנטלעכט נאָכ זײַנ טויט), דערקלערט עדעלשטאט, אז ער האָט זײַנע לידער געשריבנ מיט דעמ בלוט פונ זײַנ הארצ, אונ איצט איז זײַנ טינטער לער. „עס איז דאָרט קיינ טראָפנ בלוט פארבליבנ, קיינ איינציקע הייסע טרער". עדעלשטאטנ שרעקט ניט דער טויט, נאָר דער געדאנק צו שטארבנ אפ א קראנקנ־בעט... זײַנ לעצטער פארלאנג איז, אז דאָס שלאכט-פעלד זאָל זײַנ „טארינ־ברעט" זײַנ. אינ זײַנ ליד „צומ קיניג-טויט" (דאטירט „דענוועד, 13-טנ אָקטיאבער", דאָס הייסט פיר טעג פאר זײַנ טויט) בעט זיכ עדעלשטאט באמ „קיניג־טויט": „איכ בינ נאָכ יונג — — — איכ וועל פרובירנ אינ קאמפ זיכ שטעלנ אפדאָסטנײַ — — — לאָז מיר ענדיקנ מײַנ טרוימ; כ'האָב געלעבט נאָכ זייער ווייניק — — — לאָז מיכ ענדיקנ מײַנ בילד!" נאָר דער טויט האָט עדעלשטאטנ ניט אָפּגעלאָזט, דער קראנקער

* זע אויבנ, ז. 117.

דיכטער זעט איין, אז צו ענד איז זיין „לעבנס־שטורעמטאָג“, זיינע „טרוימען, טרערן און געזאנגען. עס רופט דער טויט. עס שלאָגט דער אָוונטגלאָק!“ [184]; עדעלשטאט פרוווט זיך דעמלט איינריידן, אז „דום איז צו קעמפן קעגן דעם טויט“, אז „דאָס לעבן איז טויזנט מאָל שלימער, ווען האס און פארלוימדונג, עלנט און נויט פארפאָלגט דיך אימער און אימער“; —

„ווען דיין אידעאל, דיין לעבן, דיין זיין,
וואָס פלעגט פול מיט האָפענונג דיר שיינען,
איז יעצט פארשטעלט מיט א ווילדן טאבין
פון טריומפירנדיקע שווינען“ [185].

(פון עדעלשטאטס איבערגעבליבענע ניט געדרוקטע לידער — „ארבעטער־פריינט“, 30־טן דעקאבער 1892).

צו די „טריומפירנדיקע שווינען“ האָט דער קראנקער פארצווייפלטער דיכטער געציילט ניט בלויז די עקספלואטאטערס. ער האָט אויך פארלאָרן זיין צוטרוי צו זיינע אלטע אנארכיסטישע קאָמעראדן. דאָס באווייזט ער אין זיין „צייט־ליד“ (דאָרט, 14־טן אָקטיאבער), געשריבן נאָענט פאר זיין טויט. דאָוויד עדעלשטאט הייבט אָן זיין לעצטע ליד מיט א געבעט צו זיין מוזע, „זיין איינציקע פריינדין“, זי זאָל איר „קראנקן פּאָעט העלפן אופשטיין פון בעט“... „ער קאָן מער ניט שווייגן — ער קאָן מער ניט דולדן די גלייכגילטיקייט פון די אמאָליקע דענקער און קעמפער“... „עס יובלט, עס הוליעט די רעאקציאָן“, און „זיי שלאָפן, זיי שנאָרכן, עס גייט זיי ניט אָן“. ער בעט זיך בא דער מוזע, זי זאָל אים — דעם „פארווונדעטן אינוואַליד“ פירן צו זיינע „אלטע קאמעראדן“ — „פיליכט וועלן זיינע טרערן און ווונדן דערוועקן אין זיי א נייעם געמיט!“ נאָר באלד דערהערט ער מעפיסטאָפעלס רעדט: „גענוג שוין צו טרוימען, דו נארישער דיכטער! גענוג פאנטאזירן, ליג שטיל אף דיין בעט! וווהין ווילסטו גיין? ווער וועט דיך הערן?“ יענע אכטן בלויז „קאריערעס, טיטולן, דיפלאָמען, ביזנעס“. עדעלשטאט פארענדיקט זיין ליד מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„אזוי האָט געשפּאָט דער מעפיסטאָפעל...
זיין שטים איז געווען ביטער ווי גאל,
ביטער ווי מיין פארוואָגלט לעבן,
אָן א פיצעלע פרייד, אָן א ליכטיקן שטראל“.

דעם זעלביקן געדאנק, נאָר קלאָרער, האָט עדעלשטאט אויסגעדריקט אין בריוו פונעם 11־טן סענטיאבער צו זיין כאווער מיכאָעל קאָן. ער שרייבט אים, אז די מערהייט אנארכיסטישע פירער „באטראכטן די ארבעטער־באוועגונג אלס אן אינטערעסאנטן טעאטער־שפיל“. זיי זוכן אלעמאָל „עפּעס נייס, פרישעס, זיך אמוזירן, זיך צו צעשטרייען“ [186]. עדעלשטאט לאכט ביטער אויס די נייע לאָזונגען פון די אנארכיסטישע פירער: „זיך אוועקצולאָזן צו אגיטירן צווישן אמעריקאנישן פאָלק“, ווייל „צווישן יידן איז די גאנצע ארבעט ארויסגעוואָרפן“... עדעלשטאט באמערקט דערצו:

„אהא, דאָס טעאַטער־שטיק איז אייך שוין נימעס געוואָרן. איר זוכט שוין נייס. אָך, וואָס פאַר א לעכערלעכע קאָמעדיע! גוט, איר גייט צווישן די אמעריקאַנער, און ווער וועט פאַרנעמען אייער טעטיקייט צווישן דאָס יידישע פאָלק? די כינעזער? אָ, וואָס פאַר אַן אָרעמע לאָגיק. וואָס פאַר א טרויעריקע אונקאָנסעקווענץ פאַר אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָליוציאָנערן און פרייהייט־קעמפער! האָט דען די רעוואָליוציאָן א באַשטימטע נאַציאָנאַליטעט, א באַשטימטע שפּראַך? זיינען דען ניט אַלע פעלקער דער וועלט אירע קינדער און די שפּראַך פון אַלע אונטערדריקטע איר שפּראַך? —— קורצזיכטיקע פילאָזאָפן! זעט איר דען ניט, אז ווען איר געווינט דעם ייד אָדער דעם דייטש, ווערן זיי אויס יידן און אויס דייטשן, זאָנדערן מענטשן, רעוואָליוציאָנערן, קעמפער, וואָס בילדן אַלע איין רינג פון דער גרויסער קייט, וואָס וועט שמידן די מאַכט פון אַלע דעספּאָטן דער וועלט.[187]

אז אָך און ווי וואָלט זיין צו פּראָפּאַגאַנדע, ווען די אמעריקאַנער זאָלן אַרבעטן צווישן יידן, די יידן צווישן די אמעריקאַנער, די כינעזער צווישן רוסן, די רוסן צווישן די איטאַליענער".[188]

אין אַן אַנדער בריוו, געשריבן צו דעם זעלביקן מיכאָעל קאָן, שרייבט עדעלשטאַט:

„איך האָלט קיין מינוט ניט געזעסן דאָ, ווי א צערייצטער לייב וואָלט איך אַרופגעפאַלן אויף די פאַרשלאָפענע טוערס. זיי וואָלטן מוזן אַרבעטן צוזאַמען מיט מיר, ערנסט, מוטיק און קרעפטיק. דאָך, איך בין שוואַך... אָט האָט מיך שוין דער שרייבן פאַרמאַטערט. איך מוז עס שוין אַוועקלייגן — מיין הערצלעך געליבטע פעדער".

עטלעכע טעג פאַרן טויט שרייבט ער צום זעלביקן פריינט אַזוי:

„פריינט מיכאָעל, אַזאַ מיזעראַבלע צייט, ווי יעצט, האָב איך נאָך, דאַכט זיך, אין מיין לעבן ניט געהאַט. אַמאָל ליידט מען שמערצן פון זיך, אָבער מע האָט כאָטש פאַרגעניגן פון אַנדערע. מע הערט א גוט וואָרט, א פריינטלעכן גרוס, אַן ערמונטערנדע נייס. יעצט איז עפעס אומעטום שטיל. אַלעס איז אָפּגעשטאָרבן. שוין מער אַלס איין מאָנאַט ווי מע הערט פון קיינעם ניט. אויב איר ווייסט עפּעס, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, וואָס עס הערט זיך וועגן דער „פרייער אַרבעטער־שטימע" און איבערהויפּט איבער דער באַוועגונג, זייט אַזוי מענטשלעך און שרייבט מיר. איך גריס אייך און אַנען.

אייער דאָוויד".

מיט א פּאָר טעג שפּעטער — מאָנטיק אינדערפרי דעם 17־טן אָקטיאַבער 1892 איז דאָוויד עדעלשטאַט געשטאָרבן.

★

די פאַרצווייפלטקייט אין די לעצטע טעג פון זיין לעבן האָט פאַרשנעלערט דאָוויד עדעלשטאַטס טויט. די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג גייט האַסטיק באַרג אַראָפּ, און איר יערידע דאָקומענטירט דער אונטערגאַנג פון דער „פ. א. ש." אין זומער 1892. עס איז א גרויסער ספק, צי עדעלשטאַט וואָלט געווען אימשטאַנד צו דערהאַלטן זיך באַם לעבן. אין לאָנדאָן האָט נאָך עקזיסטירט דער „אַרבעטער־פריינד", אויך דאָרט אָבער האָט זיך געהאַט אָפּגעטאָן דער גלאַנץ פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג. דאָס, וואָס עדעלשטאַט האָט געזען אין אַמעריקע, אז זיינע „אַלטע קאַמעראַדן" זוכן בלויז „קאַריערעס, טיטולן, דיפּלאָמען, ביזנעס", איז פאָרגעקומען לויט דער גאַנצער ליניע. די אַרבעטער־מאַסן זיינען פּאָליטיש שוין געווען אויסגעוואָקסן, און סתם רייד האָט קיינעם שוין ניט געקענט צופרידנשטעלן.

מע האָט געדארפט אָנהייבן אָרגאניזירן די מאסן צו גרויסע קלאסן-שלאכטן. דערצו אָבער האָבן די אנארכיסטן קיין ווילן ניט געהאט. ווען די „פ.א.ש." ווערט געגרינדעט פונדאָסנײַ אין הארבסט 1899, איז א טייל אנארכיסטן מיט איר ניט צופרידן. די אנארכיסטן, וואָס זײַנען געווען ניט צופרידן מיטן צו שארפן קער פון דער אנארכיסטישער באוועגונג אפ דער זײַט פון דער בורזשואזיע, האָבן די „פ.א.ש." באטראכט, ווי איינער פון די דעמלטיקע אנארכיסטישע פירער (י. קאָפעלאָוו) דערציילט, פאר „די וועכנטלעכע אויסגאבע פון „פאָרווערטס", נאָר א ביסל ערגער רעדאקטירט"[189].

דער אמאָליקער אנארכיסטישער פירער (י. קאָפעלאָוו) מיינט, אז שולדיק איז אין דעם געווען דער רעדאקטער פון דער צײַטונג, וואָס האָט ניט געהאט קיין באגײַסטערונג פארן אנארכיסטישן אידעאל[189]. דער עמעס איז אָבער, ווי ער אליין (קאָפעלאָוו) דערציילט אין אן אנדער אָרט פון זײַנע זיכרוינעס, אז „דער גײַסט פון דער פיאָנערן-אָרגאניזאציע האָט זיך אויסגעוועפט — — — אנדערע זײַנען אינגאנצן געוואָרן סקעפטיש. קורץ, די אידעאלן זײַנען פארשוונדן, און אז די באגײַסטערונג האָט זיך אויסגעשעפט, און די פיאָנערן האָבן אויסגעהויכט די נעשאָמע און זײַנען אראָפ פון סצענע..."

„בא די ראדיקאלן האָט, מיט קליינע אויסנאמען, דער ראדיקאליזם אויסגערונען. סײַ די געוואָרענע ביזנעסלײַט און סײַ די, וועלכע זײַנען געוואָרן פראָפעסיאָנעלע מענטשן — דאָקטוירים, אדוואָקאטן אאוו. האָבן נאָר איין זאך אינזינען געהאט — מאכן א מאטעריעלן דערפאָלג — — — אייניקע (פראָפעסיאָנעלע מענטשן) האָבן נאָך לאנג געהאלטן זיך פאר גענאָסן האלטן זיך נאָך עפעס [illegible]), אָבער דאָס האָט א ברעקל זיי ניט געשטערט אויסצוניצן זייער פריערדיקע באוועגונג-טעטיקײַט פאר אנדערע צוועקן. די דאָקטוירים האָבן צווישן פריערדיקע גענאָסן געזוכט פראקטיק און די אדוואָקאטן — קליענטן. די לעצטע האָבן געזוכט די פרײַנטשאפט פון די יוניאָנס, ספעציעל פון די יוניאָן-פירער, און געהאלטן אפן אויג אויך א פאָליטישן דזשאָב, אויב עס זאָל זיך אונטערוקן. סאָציאליזם און אנארכיזם איז געוואָרן נאָר דער אונטערשלאק, וואָס זאָל פעסטער האלטן דעם איצטיקן „שיינעם בעקאָוועדיקן בעגער". האקלאל, מען איז געוואָרן „לײַטישע" מענטשן!"[190]

די דאָזיקע „לײַטישע מענטשן" שטרעבן מיט אלע קויכעס אײַנצוגלידערן זיך אין דער יידישער בורזשואזיע. די אנארכיסטיש-„סאָציאליסטישע" פאבריקאנטן און פראָצענטניקעס, ווי אויך די רײַכע דאָקטוירים און אדוואָקאטן האָבן צוערשט געשטרעבט יויצע צו זײַן פאר זייער ראדיקאליזם און „סאָציאליזם" דורך שטיצן די רוסישע עסערן, קעדיי צו קענען נאָכדעם מיט א רויק געוויסן ווײַטער עקספלואטירן זייערע ארבעטער. גלײַכצײַטיק הייבן זיי אָן צו באטייליקן זיך אין נאציאָנאליסטישע יידישע איניאָנים. זיי געהערן צוערשט צו די „לינקע" גרופירונגען אינעם יידישן נאציאָנאליזם — „סאָציאליסטן"-ציעניסטן (פאלעסטינצעס און טעריטאָריאליסטן), און צולעצט ווערן זיי אלגעמיינע ציעניסטן און נאציאָנאל-קלעריקאלן. און וואָס שארפער עס ווערט דער קלאסנקאמף אין אמעריקע, אלץ מער ווערן די אופגעקומענע אמאָליקע גענאָסן פון די 80—90-ער יאָרן בלוטיקע סאָנים פון דער רעוואָליוציאָנערער ארבעטער-באוועגונג[191].

דאָוויד עדעלשטאַטס מיטקעמפּער האָבן זיך ביסלעכווײַז אָפּגעזאָגט פֿון אַלץ, פֿאַר וואָס ער האָט געקעמפּט. יענע פֿון זיי, וואָס לעבן נאָך הײַנט, שטייען אויסער דער אַרבעטער־באַוועגונג, אָדער זיי געפֿינען זיך אינעם לאַגער פֿון די סאָנים פֿונעם אַרבעטער־קלאַס. עס איז אָבער צו צווייפֿלען, צי אַזאַ אופֿריכטיקער רעוואָליוציאָנער, ווי דאָוויד עדעלשטאַט איז געווען, וואָלט געקענט לאַנג בלײַבן צווישן די, וואָס זוכן „קאַריערעס, טיטולן, דיפּלאָמען, ביזנעס".

דאָס לעבן פֿון דאָוויד עדעלשטאַט איז געווען קורץ, טרויעריק און טראַגיש. טראַגיש ניט דערמיט, וואָס ער האָט געברענט און איז פֿאַרברענט געוואָרן אינעם קאַמף פֿאַר יענע צילן און אידייען, אין וועלכע ער האָט געגלייבט. טראַגיש האָט זײַן לעבן געמאַכט די אַנאַרכיסטישע אידעאָלאָגיע. זי האָט ניט בלויז ניט באַפֿרײַט, ניט אויסגעוויזן עדעלשטאַטן פֿון דער קלאַסישער ווידערשפּרעכלעכקײַט פֿון אַ קלייןבירגערלעכן ראַדיקאַל אינעם קלעם פֿונעם הויך־אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, נאָר, פֿאַרקערט, זי האָט נאָך די דאָזיקע ווידערשפּרעכלעכקײַט ביז גאָר פֿאַרשאַרפֿט דורך דעם, וואָס זי האָט אים קעסיידער געהאַלטן אין אַ קינסטלעכער היץ־טעמפּעראַטור. דערפֿון האָט זיך בײַ עדעלשטאַטן גענומען דער קעסיידערדיקער ריס, זײַן געבראָכנקײַט, דאָס קעסיידערדיקע וואַקלען זיך צווישן גלויביקן פּאַטאָס און ייִאושדיקער געבראָכנקײַט, צווישן רוף צו די מאַסן און געפֿיל פֿון איינזאַמקײַט, איזאָלירטקײַט, צווישן רעאַליסטישער שילדערונג פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און ראָמאַנטיש־אַבסטראַקטן בילד פֿון דער אָנקומענדיקער רעוואָליוציע.

סוביעקטיוו אַן אופֿריכטיקער רעוואָליוציאָנער און פֿרײַנט פֿונעם אַרבעטער־קלאַס, איז עדעלשטאַט געשטאַנען אין דינסט פֿון דעם דעזאָרגאַניזירנדיקן און דעזאָריענטירנדיקן אַנאַרכיזם. עדעלשטאַטס פֿאַרבינדונג מיט די אַרבעטער־מאַסן, זײַן לעבן אַלס פּראָלעטאַריער האָט אַ סך געווונען בלויז אַרײַנגעטאָסן אין זײַן שאַפֿן; דער אַנאַרכיזם האָט אָבער געשלעפּט דאָס דאָזיקע שאַפֿן אָפּ צוריק, האָט עס פֿאַרנעפּלט, געמאַכט אַבסטראַקט און מעליצעדיק. אָט דאָס איז דער זינען און דער טאָך פֿון דער עדעלשטאַט־טראַגעדיע.

24

עפּילאָג

נעקראָלאָגן

שוין בײַ זײַן לעבן איז עדעלשטאַט געווען באַליבט בײַ ברייטע קרײַזן אַרבעטער. אַפֿילו די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע שרײַבער, וואָס האָבן אינעם קאַמף קעגן זײַן אַנאַרכיזם אויך אים פּערזענלעך ניט געשאַנעוועט, האָבן

דאָך באַוווּנדערט זײַן ערלעכע און זויבערע פּערזענלעכקייט. זײַן פריצײַטיקער טויט האָט דערפאַר אַרויסגערופן טרויער אין אַלע אַרבעטער־קרײַזן. די ניו־יאָרקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישע „אַרבעטער־צײַטונג" פונעם 28־טן אָקטיאַבער 1892 האָט וועגן אים געשריבן אַזוי:

„דאָוויד עדעלשטאַט איז ביז די לעצטע מינוטן פון זײַן לעבן געווען אַן ערנסטער און איבערגעגעבענער אַנאַרכיסט, און, אַלס אַזעלכער, האָט ער מיט אַלע קרעפטן געקעמפט קעגן אונדז, פּונקט ווי מיר האָבן געקעמפט קעגן זײַן פּאַרטיי. — — — אָבער דיזער קאַמף איז ניט געווען איבער אייגענע אינטערעסן, זאָנדערן צוליב די אינטערעסן פון אַרבעטנדיקן פאָלק, צוליב אונדזערע פאַרשיידענע מיינונגען, וויאַזוי דיזע אינטערעסן אַמבעסטן צו באַשיצן. די מיינונגען מיט וועלכע דאָוויד עדעלשטאַט איז געשטאָרבן, קריטיקירן מיר שאַרף; אָבער, שטאַרבנדיק, האָט ער אין אונדז איבערגעלאָזן דעם טיפסטן רעספּעקט צו די טרײַהייט און זעלבסט־אויפאָפּפערונג, מיט וועלכע ער האָט פילע יאָרן לאַנג געקעמפט פאַר דיזע מיינונגען, אין וועלכע ער האָט ערנסט געגלויבט. וואָס באַטרעפט די פּערזאָן פון דעם פריצײַטיק אָפּגעשטאָרבענעם פרײַהייט־פּאָעט, קאָנען מיר זאָגן, אַז דאָס איז געווען אַ מוסטער פון ערלעכקייט און פון גײַסטיקער ריינהייט — — — איינע פון יענע וווּנדערבאַרע נאַטורן, וועלכע אין דעם שמוציקן טהאָם פון דער הײַנטיקער געזעלשאַפט געלינגט צו בלײַבן אָן שום פלעק".

אין דעם לאָנדאָנער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן כּוידעש־זשורנאַל „פרײַע וועלט" פון נאָיאַבער 1892 האָט מאָריס ווינטשעווסקי געשריבן „נאָך עדעלשטאַטן אַ זיפץ", אין וועלכן ער מאַכט דעם אויספיר, אַז „דאָוויד עדעלשטאַט איז ניט טויט. ער — — — וועט לעבן, ווײַל דער מענטש מוז פריער אָדער שפּעטער קומען צום זינען, און זיך באַפרײַען. ער — — — וועט לאַנג לעבן אין מענטשלעכע הערצער, אָבגלײַך ער וועט, ליידער, ניט זען ווי דאָס פאָלק וועט צעברעכן די קייטן און וועט זיך באַפרײַען פון הונגער און נויט" (ציטאַט פון עדעלשטאַטס ליד „מײַן לעצטע האָפענונג").

אין דענווער האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן באַקלאָגט עדעלשטאַטן בײַ זײַן קייווער („אַרבעטער־צײַטונג", 28־טן אָקטיאַבער 1892). אין לאָנדאָן האָט דער יידישער סאָציאַליסטישער (ס.־ד.־ישער) אַרבעטער־פאַריין געווידמעט זײַן מיטגלידער־פאַרזאַמלונג פונעם 23־טן אָקטיאַבער עדעלשטאַטס אָנדענק. ווינטשעווסקי איז דאָרט געווען איינער פון די רעדנערס. באַזונדערס האָבן עדעלשטאַטן באַוויינט זײַנע כאַווײרים פונעם אַנאַרכיסטישן לאַגער. אין ניו־יאָרק האָבן זיי דעם זעלביקן אָוונט, אין דעם טאָג פון זײַן טויט, מאָנטיק דעם 17 אָקטיאַבער 1892, אָפּגעהאַלטן אַ טרויער־פאַרזאַמלונג. עס האָבן וועגן אים גערעדט יאָהאַן מאָסט, דר. הילעל זאָלאָטאַראָוו און מוישע קאַטץ. דער דראַמאַטישער פאַריין „גאָלדפאַדן" האָט געזונגען עדעלשטאַטס לידער, און אַ מיטגליד פונעם פאַריין האָט דעקלאַמירט נ. מ. באַבאַדס ליד וועגן עדעלשטאַטן[192]. אַף דער לאָנדאָנער טרויער־פאַרזאַמלונג פון 22־טן אָקטיאַבער האָבן גערעדט ענגלישע און יידישע רעדנער, און ס'זײַנען געזונגען געוואָרן עדעלשטאַטס לידער: „די צוואָע", „אין קאַמף" און „דער שנײַדער". מע האָט אויך דעקלאַמירט זײַן ליד „קומט ניט אַף מײַן קייווער צו טרויערן" („פון אַלבערט פּאַרסאָנס לידער").

די יידישע בורזשואַזע פּרעסע אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד האָט

עו׳עלשטאטס טויט אינגאנצן ניט דערמאָנט, כאָטש ער איז אין יענער צײַט געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע דיכטער אין יידיש. גלײַכצײַטיק האָט די יידישע בורזשואזע פרעסע אָפּגעגעבן גאנצע זײַטן פאר דעם העברייִשן מעשוירער (פּאָעט) יעהודע־לייב גאָרדאָן (1832—1892), וואָס איז געשטאָרבן מיט א כוי־דעש פריער (16-טן סעפּטיאבער), ווי דאָוויד עדעלשטאט. דאָס האָט באוועגט דעם „ארבעטער־פרײַנט" צו געבן א סעריע ארטיקלען פון איינעם א ס.ט. — „יעהודע־לייב גאָרדאָן און דאָוויד עדעלשטאט" (28־טן אָקטיאבער, 4־טן און 25־טן נאָיאבער 1892). דער שרײַבער ווײַזט אָן, אז ביים ערעלשטאט, „אליין א פּאָלעטאריער-קינד", „האָט טיף געדענקט דעם ארבעטער-קלאס", איז י. ל. גאָרדאָן אלעמאָל געשטאנען מיט דער בורזשואזיע. ער ברענגט אויך פאקטן, אז י. ל. גאָרדאָן איז געווען א היפּאָקריט, פונקט דער היפּעך פון דעם אויסערגעוויינלעך אופריכטיקן דאָוויד עדעלשטאט.

עדעלשטאטס טויט האָט אויך ארויסגערופן א ריי לידער פון די דעמלט נאָך יונגע דיכטער — יויסעף באָושאָווער, נ. מ. באבאד און י. זייפין[193]. קיינער פון זיי האָט זיך ניט געדרוקט אונטער עדעלשטאטס רעדאקציע (באָוור־שאָווערן האָט ער אינגאנצן ניט געקענט[159]), נאָר זײַן לעבן און שאפן האָט זיי באגײַסטערט אים צו באזינגען.

יויסעף באָושאָווערס ליד „צום אָנדענק פון דאָוויד עדעלשטאט", געשריבן אין דעם טאָג פון זײַן טויט (געדרוקט אין „ארבעטער־פרײַנט", 4־טן נאָיאבער 1892), איז שפּעטער ארײַן אלס פּאָרעדע צו עדעלשטאטס שריפטן.

באָושאָווער שילדערט עדעלשטאטן אלט „קעמפער" און „ארבעטער־פּאָ־עט", אלס קעמפער, בא וועמען „פארגעניגן האָט געהייסן פּאָרצווזעצן נאָך דעם שטרײַט", אלס דיכטער, וואָס האָט געשריבן:

„יענע ליד, וואָס יעדע שורע
איז א שטארקער קריג-סיגנאל
אופצוּוועקן אלע שקלאפן,
קעמפן קעגן קאפּיטאל".

נ. מ. באבאד, וועמעס ליד וועגן עדעלשטאטן איז דעקלאמירט געוואָרן אין ניו־יאָרק דעם זעלביקן טאָג, וואָס עדעלשטאט איז געשטאָרבן, האָט אויסגערופן („ארבעטער־פרײַנט", נאָיאבער 1892):

„יאָ, טויט איז דער קעמפער, געפאלן אין שטרײַט,
אין ביטערן קאמף פאר זײַן הייליקעס שטרעבן;
געשטאָרבן איז עדעלשטאט יונג פאר דער צײַט, —
זײַן גײַסט אָבער לעבט און וועט לעבן!.."

י. זייפין אין זײַן ליד „די פרײַהײַט און די וועלט" — „צום אָנדענקען פון ד. עדעלשטאט" („ארבעטער-פרײַנט", 2־טער דעקאבער 1892) שילדערט, ווי עדעלשטאטס מוזע קומט באנאכט שטיל צוגיין פון איר „טיף בלויען געצעלט"; נאָכדעם שטײַגט אויך שטיל אראָפּ „די הייליקע פרײַהײַט שטאָלץ און ריין, און מיט אן אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ בלײַבט זי בא זײַן קייווער שטיין".

„באמ קייווער קניט דאָרט מיט געבעט
די פרייהייט מיט געזעגנטנ בליק;
זי רופט דעמ שלאָפנדנ פּאָעט,
זי בעט די וועלט איר קינד צוריק".

און אינ א צווייטער ליד „צומ אָנדענקענ פונ אונדזער פּאָעט" („ארבעטער-פרייַנט", 30־טנ דעקאבער 1892) רופט אויס דער זעלבער דיכטער:

„אָ ניינ! ניט געשטאָרבנ! דו ביסט ניט געשטאָרבנ,
דו ביסט ניט געפאלנ, געפאלענער העלד,
עס קענ ניט, עס טאָר ניט פארלאנגענ דעמ קאָרבנ,
דעמ געוואלטיקנ קאָרבנ די פינצטערע וועלט".

אנ אנדער שרייַבער ס. קאָנ האָט צוזאמענגעשטעלט א ליד „אינ שטורעמ" („ארבעטער-פרייַנט", 21-טנ אָקטיאבער 1892) מיט ציטאטעס פונ דאָוויד עדעלשטאטס לידער. אינ דער דאָזיקער ליד ווערט דער דיכטער פאָרגעשטעלט ווי א מאטראָס אפ א שיפ, וואָס קעמפט קעגנ שטורעמ:

„ווערטער קלינגענ אינדערלופטנ
„שטארבנ וועל איכ אפ מייַנ אָרט!"
„טויט געפינט מיכ אפ מייַנ פּאָסטנ!"
וואר פינעמ מאנ דער לעצטער וואָרט".

א גאנצע ריי יונגע דיכטער, וואָס זייַנענ באווירקט געווענ פונ עדעלשטאטנ בא זייַנ לעבנ, האָבנ נאָכ זייַנ טויט פאָרגעזעצט זייַנ רעוואָליוציאָנערע דיכטונג. באזונדערס דארפ דאָ דערמאָנט ווערנ וועגנ יויסעפ באָווזשאָווער.

עדעלשטאטס דענקמאָל

דאָוויד עדעלשטאט איז באערדיקט געוואָרנ אפ דעמ איינציקנ יידישנ בעסאלמענ, וואָס איז דעמאלט געווענ אינ דענווער און איז געווענ פארוואלטעט פונ דייַטשישע רעפאָרמירטע יידנ. מיט 22 יאָר שפּעטער, ווענ אינ דענווער איז שוינ געווענ א גאנצ היפשע יידישע ראדיקאלע קאָלאָניע, זייַנענ עדעלשטאטס ביינער איבערגעטראָגנ געוואָרנ (דעמ 8־טנ נאָיאבער 1914) אפ דעמ בעזאלמענ פונעמ „ארבעטער-רינג". „דער טאָג, ווענ מע האָט איבערגעטראָגנ עדעלשטאטס ביינער, איז געווענ בא די ראדיקאלנ אזא געשעניש, או די, וואָס האָבנ עס בייַגעוווינט, קאָנענ עס קיינמאָל ניט פארגעסנ". [194]

מיט א יאָר שפּעטער (דעמ 28־טנ נאָיאבער 1915) איז געשטעלט געוואָרנ א מאָנומענט אפ עדעלשטאטס קייווער. אינ א בריוו צו דער „וואר-הייַט" פונעמ 5־טנ נאָיאבער 1915 דערציילט די „מאָנומענט-גרופּע פונ דאָוויד עדעלשטאט", אז זינט עס איז בא אונדז „אינ דענווער, קאָלאָראדאָ, פארלאָשנ געוואָרנ איינער פונ די גרעסטע שטערנ, וואָס די יידישע ארבעטער-וועלט האָט פארמאָגט — — — האָט זאָגאר קיינער ניט געוווּסט, ווו די ביינער פונ אונדזער פּאָעט רוענ. וועגנ א מאָנומענט איז דאָכ אָפּגערעדט, אז עס איז ניט געווענ, ביז די שטאָט איז געקומענ צו הילפ, און איז געגאנגענ מאכנ א פארק אינ יענער סעמעטערי [בעסוילעמ], ווו עדעל-

שטאט איז געווען באערדיקט. דאָס האָט באַוועגט אייניקע מענטשן זיך צו אָרגאַניזירן אין אַ סאָסייטי [פאַריין] אונטערן נאָמען „די מאָנומענט-גרופּע פֿון דאָוויד עדעלשטאַט". מיר האָבן דאָס איבערגעגעבן פֿון אונדזער פּאָעט אַריבערגעפֿירט אויף דעם אַרבעטער־רינג-סעמעטערי, און מיר האָבן גענומען זאַמלען געלט פֿאַר אַ מאָנומענט. מיט דער הילף פֿון דאָוויד עדעלשטאַטס ברודער און שוועסטער, ווי אויך מיט געלט, וואָס איז אַרײַנגעקומען דורך דער „פ.א.ש." [195] איז אונדז געלונגען צו מאַכן אַ שיינעם גרויסן מאָנומענט".

באַם אויפֿדעקן דעם דענקמאָל פֿאַר עדעלשטאַטן האָבן גערעדט פּראָפֿעסער יִצחק-אײַזיק הורוויטש, עדעלשטאַטס סאָציאַל-דעמאָקראַטישער מיט-רעדאַקטער פֿון דער „פ.א.ש."; דר. כאַים ספּיוואַק, וועלכער איז אין 1882-טן יאָר געפֿאָרן צוזאַמען מיט עדעלשטאַטן פֿון אייראָפּע קיין אַמעריקע אַלס מיטגליד פֿון דער קיִעווער „אַם־עולם"-גרופּע; אַבע (אַבראַשאַ) עדעלשטאַט, דעם דיכטערס עלטערער ברודער און אַ רייִ אַנדערע רעדנערס. מע האָט אויך געזונגען עדעלשטאַטס ליד „מײַן צוואָה" [196].

אין מאַרט 1929 האָב איך באַזוכט עדעלשטאַטס קייווער אין דענווער. אויף זײַן דענקמאָל, אָדער מאַצייווע, איז פֿאַראַן זײַן באַקאַנטע פֿאָטאָגראַפֿיע, געמאַכט אין ניו־יאָרק אינעם עלטער פֿון 23 יאָר, זײַן ליד „מײַן צוואָה", דער נאָמען אין ענגליש און יידיש און די דאַטע 1892.

געדענק-טעג

עדעלשטאַטס שריפֿטן זײַנען געווען זייער פּאָפּולער בײַ די ברייטע מאַסן יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע און ענגלאַנד. אַ היפּשע צאָל פֿון זײַנע לידער איז געזונגען געוואָרן אין אייראָפּע און אין אַמעריקע. אין צאַרישן רוסלאַנד האָט מען זיי געזונגען אין וואַרשטאַטן און פֿאַבריקן, אויף דעמאָנסטראַציעס, אין טורמעס און אויף פֿאַרשיקונג. באַזונדערס האָט מען געזונגען זײַנע לידער „אין קאַמף", „מײַן צוואָה", „נאַטור און מענטש", „דער שנײַדער", „אין לאַנד פֿון פּיראַמידן" (יעציִעס מיצראַיִם), „מײַן לעצטע האָפֿענונג", „דער אַרבעטער", „דער וועקער", „פֿאָרווערטס", „אויף דער וואַכ". „וואַכט אויף", „סאָפֿיע פּעראָווסקאַיאַ", „צו די אַרבעטער־פֿרויען" און „דער אָונט־גלאָק". צו אַ טייל פֿון זיי איז אויך פֿאַראַן מוזיק, צוגעפּאַסט פֿון יידישע און רוסישע פֿאָלקס־מאָטיוון. אייניקע מעלאָדיעס זײַנען די לעצטע יאָרן פֿאַרפּאַסט אָדער אַראַנזשירט געוואָרן פֿון מוזיקאַלע פּאַכלײַט (זע ביבליאָגראַפֿיע). צו צוויי לידער („דער יידישער פּראָלעטאַר" און „עס טאָגט") האָט עדעלשטאַט אַליין צוגעפּאַסט די מעלאָדיע פֿון רוסישע רעוואָלוציאָנערע לידער. אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע זײַנען יאָרנלאַנג דעקלאַמירט געוואָרן אויך זײַנע לידער „דער מײַנער" (קוילנגרעבער), „די פֿאַרשאָלטענע" און „דר. גראַנ" („דער קינדער-מערדער"). ס'פֿלעגן אויך פֿאָרגעלייענט ווערן זײַנע סקיצעס „דער קאַר־קאָנדוקטער" „גאָלד און לעבן" אאַז"וו.

ניט געקוקט אויף דער גרויסער פּאָפּולערקײַט פֿון זײַנע שריפֿטן, זײַנען

דאָכ עדעלשטאטס געדענק־טעג זעלטנ באצייכנט געוואָרנ אינ אמעריקע. אנ ענדערונג קומט פֿאַר ערשט מיט דער אנטשטייונג פֿונ דער רעוואָליוציאָ־נערער מאסנ־באוועגונג אונטער דער אָנפֿירונג פֿונ דער אמעריקאנישער קאָמפּארטיי. די ערשטע גרעסערע עדעלשטאט־פֿײַערונג איז געווענ צו זײַנ 35-טנ יאָרצײַט (אינ 1927). די „פֿרײַהײַט" (איצט „מאָרגנ־פֿרײַהײַט") האָט געווידמעט א פֿולע זײַט דאָוויד עדעלשטאטנ. זי האָט אויכ געגעבנ א גאנצע רײ מוסטערנ פֿונ זײַנע שאפֿונגענ. א ייִדישער ארבעטער-קלוב אינ ניו־יאָרק, וואָס געפֿינט זיכ אונטער דער ווירקונג פֿונ דער קאָמוניסטישער פּארטיי, האָט דורכגעפֿירט אנ עדעלשטאט־אָוונט. אינ דער פּראָגראמ פֿונעמ אָוונט האָט זיכ באטייליקט אויכ עדעלשטאטס שוועסטער. דער 40־טער געדענק־טאָג פֿונ דאָוויד עדעלשטאטנ איז שוינ געפֿײַערט געוואָרנ פֿונ דער גרויסער פּראָלעטארישער מאסנ־אָרגאניזאציע „אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־אָרדנ" (וואָס האָט אויכ ברענטשעס (אָפּטיילנ) אפֿנ נאָמענ פֿונ דאָוויד עדעלשטאט[197]) אונ פֿונעמ „פּראָלעטפּענ". די „מאָרגנ־פֿרײַהײַט" האָט פֿאַר־עפֿנטלעכט אייניקע ארטיקלענ אונ א ליד וועגנ עדעלשטאטנ. דער קאָ־מוניסטישער כוידעש־זשורנאל „דער האמער" האָט געגעבנ אנ עדעלשטאט־מאָנאָגראפֿיע פֿונ דעמ שרײַבער פֿונ אָט די שורעס אונ אנ עדעלשטאט-פּאָעמע פֿונ ה. בלאָשטיינ[198].

אינ סאָוועטנ־פֿארבאנד איז עדעלשטאטס שאפֿנ ברייט באקאנט צווישנ די ייִדישע ארבעטנדיקע מאסנ. זײַנע לידער ווערנ געלערנט אינ די שולנ. זיי גייענ ארײַנ אינ דער שול-פּראָגראמ (זע ביבליאָגראפֿיע). ס'איז אויכ וועגנ אימ פֿיל געשריבנ געוואָרנ אינ די סאָוועטישע פּעריאָדישע אויסגא־בעס. זינט 1930 זײַנענ ארויס אייניקע זאמלונגענ פֿונ זײַנע לידער (זע ווײַטער ז. 144—145). איצט ווערט צומ ערשטנ מאָל ארויסגעגעבנ א וויסנשאפֿט-לעכע אויסגאבע פֿונ דאָוויד עדעלשטאטס ליטערארישע שאפֿונגענ אינ ייִדיש אונ רוסיש דורכ די אינסטיטוטנ פֿאַר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור פֿונ דער אלוקראַינישער אונ ווײַסרוסישער וויסנשאפֿטלעכע אקאדעמיעס.

מיר, קאָמוניסטנ, ערנ עדעלשטאטס אָנדענק. מיר פֿארשווײַגנ אָבער אויכ ניט די שוואכע זײַטנ פֿונ זײַנ שאפֿנ אונ דעקנ אויפֿ זייערע וואָרצ-לענ. מיר באמיענ זיכ, אינ העסקעמ מיט לענינס לערע, ק ר י ט י ש אויס־צוניצנ עדעלשטאטס ירושע.

אויסגאבעס פֿונ עדעלשטאטס ווערק*

דאָוויד עדעלשטאטס לידער זײַנענ ארויס אינ בוכ־פֿאָרמ נאָכ בא זײַנ לעבנ, אינ יאנואר 1892. די ערשטע אויסגאבע איז פֿול מיט דרוק־פֿעלערנ, אונ עדעלשטאט האָט דערפֿונ געהאט א סאכ הארצווייטעק[199]. עס איז א ביכל פֿונ א 16-טל פֿאָרמאט אינ 125 זײַטנ מיטנ בילד פֿונעמ דיכטער. אפֿנ

* זע אויכ ביבליאָגראפֿיע (III באנד).

פאָדערבלאַט איז אָנגעשריבן: „פאָלקס־געדיכטע פון ד. עדעלשטאט. — הע־רויסגעגעבן פון די „פרייע ארבעטער־שטימע״, 35 ראטגערס סט. ניו־יאָרק. — פרייז 25 סענט — „ניו־יאָרק. דרוק פון די „פרייע ארבעטער־שטימע״ 1892״. אף דער צווייטער זייט קומט די אויבן דערמאָנטע ליד פון שעלי. דאָס ביכל אנטהאלט די פאָלגנדיקע 45 לידער: צו מיין פעדער, נאכור און מענטש, דער מיינער (קוילנגרעבער), אין קאמף, די פארשאָלטענע, א שניקעלע ברויט, אן די יידישע שריפטשטעלער, אן די גענאָסן, דער באלײדיקטער העלד, מיין לעצטע האָפענונג, מיין טרוים, דער יאָסעמ, צוריק דער „וואר־הייט״, מיין צוואָע, צורופ אן די „פ. א. ש.״, דיכטער און מוזע, פאָר־ווערטס, צו די ארבעטער־פרויען, אף א באל, זינגט מיט לוסט, סאָפיא פע־ראָווסקאיא, לואיזע מישעל, דער לעצטער שטרייק, דער שניידער, עלנט, דער פרילינג, אונדזער אידעאל, דער יידישער פראָלעטאר, אף דער וואכע, וואכט אוף, מיין פרילינג־ליד, אלבערט פארסאָנס, דזשאָן בראון, לויס לינג, הײנטיקע מענטשן, צו מיין שוועסטער, דער קינדער־מערדער, צום מעשו־גענעם פילאָסאָף, דער 11־טער נאָוועמבער, איך בין דאָס שווערד — איך בין דער פלאַם, בלומען און שטערן, ווארע און פאלשע העלדן, דער וואנדערער, מוטער און קינד, דער ארבעטער, מערץ־בילדער, דער 13־טער מערץ, פון הײנע (איך געדענק), אפן שלאכטפעלד, דער רויטער פאָגל, אן אלטע גע־שיכטע, דער אָוונט־גלאָק.

מיט דריי יאָר שפעטער, אין 1895, איז דאָס זעלביקע ביכל ארויס אין א נייער הילע, אף וועלכער עס איז געווען אָנגעשריבן: „פאָלקס־געדיכטע פון ד. עדעלשטאט — פרייז 25 סענט, ניו־יאָרק 1895 — צו פארקויפן בא יע־הודע קאצענעלנבויגן, 35 לודלאָו סט., ניו־יאָרק״. עדעלשטאטס בילד איז דאָ געגעבן אין א שווארצער ראַם, און אונטן מיט לאטײנישער שריפט זיין נאָמען און די דאטע 1866—1892. אף דער אנדערער זייט פונעם בילד, אונטערן נאָמען „צום פאָלק״, ווערן ציטירט פון עדעלשטאטס „צוואָע״ די ווערטער „צום פאָלק וועל איך פון קייווער זינגען און וועל באגײסטערן זיין הערץ!״ עס גייט דערצו א באמערקונג: „ריכטיק האָט נעוויעס געזאָגט דער עדעלער און ערלעכער דיכטער עדעלשטאט. פאר זיין לעבן זיינען ערשינען זיינע געדיכטע, און יעצט, ווען ער ליגט אין קייווער, ערשיינען זיי ווידער... עדעלשטאט איז געווען א מאן פון פאָלק; זיינע לידער זיינען געזונגען געוואָרן פאר זיין לעבן, און דאָס פאָלק וויל זיי זינגען נאָך יעצט, ווען ער איז טויט. ער איז געווען שטערבלעך, זיין לירע ניט״. — — — „באליבט איז עדעלשטאט געווען אין זיין לעבן און טייער איז זיין ערי־נערונג נאָך זיין טויט. די, וואָס האָבן זיינע ווערטער געשלונגען דאן, וועלן מיט ערפורכט יעצט הערן זיין שטימע פון קייווער...״

וועגן עדעלשטאטס ראָליע אלס דיכטער און געזעלשאפטלעכער טוער ווערט אין אָט דער פּאָועדע (געשריבן פון אלעקסאנדער הארקאווי) מיט קיין וואָרט ניט דערמאָנט.

אין 1899 איז ארויס א באנד „עדעלשטאטס שריפטן״. 8־טל פאָרמאט

90 זײַטן. אױף דער פֿאָדער-הילע אונטער זײַן בילד אין אַ קראַנץ פֿון לאָרבערבלעטער איז אָנגעגעבן אין ענגליש: „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, ברוקלין, ניו-יאָרק 28-128 לעאָנאַרד 60 סט. ברוקלין, ניו-יאָרק". און נאָכדעם אין ייִדיש: „אַ זאַמלונג פֿון אַלע זײַנע פּאָעטישע שריפֿטן און פּראָזע. פּרײַז 10 סענט". אױף דער צװײטער זײַט דער זעלביקער נוסח און בילד און אױף ייִדיש: „דרוק און פֿאַרלאַג דיא היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני" און אַדרעס. אױף זײַט 3 פֿאָלגנדיקער אינהאַלט-פֿאַרצײכעניש: „1) אָנשטאָט אַ פֿאָרעדע (באָװשאָװערס ליד װעגן עדעלשטאַטן), 2) אַ בריװ פֿון אַ זעלבסטמערדער, 3) דער קאַר-קאָנדוקטער, 4) די באָמערקע, 5) װער איז שולדיק? 6) דער מאָלער, 7) דער פֿאַרברעכער, 8) די אומדאַנקבאַרע נעגערן, 9) געלט און לעבן, 10) הונדערט יאָר שפּעטער, 11) װעראַ". אַן ענלעכע אױסגאַבע האָט דעמלט אױך אַרױסגעגעבן ב. רודערמאַן אין לאָנדאָן[200].

אַ נײַע אױפֿלאַגע פֿון די „פֿאָלקס-געדיכטע" אין עם זעלביקן פֿאָרמאַט, מיט דער זעלביקער צאָל זײַטן, װי אין 1892, און מיט דעם זעלביקן בילד אין עם קראַנץ איז אַרױס אין 1904 פֿון דער היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני. אַן ערך מיט 5 יאָר שפּעטער אין 1907/08 איז אַרױס דער בוך „עדעלשטאַט — די נײַע פֿאָלקס-געדיכטע — פֿאָלשטענדיקע אױסגאַבע פֿון אַלע זײַנע לידער, אַרױסגעגעבן פֿון דער היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני, 87-85-83 קאַנאַל-סטריט, ניו-יאָרק", אין אַן 8-טל פֿאָרמאַט, 213 און 10 זײַטן, 89 לידער. צװישן זײ אײנע אין רוסיש מיט אַן ענגלישן נאָמען: «It was a dream» (ס'איז געװען אַ כאָלעם). אַלס פֿאָרעדע װערט געגעבן, אַכוץ שעליס ליד פֿון דער ערשטער אױסגאַבע, אױך באָװשאָװערס „צום אָנדענקען פֿון דאָװיד עדעלשטאַט".

אין 1906 האָט די היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַני אַרױסגעלאָזט אין 3-סטן העפֿט טיקע העפֿטן אונטערן אַלגעמײנעם נאָמען „יודישע ליטעראַטור", באַזונדערע דערצײלונגען פֿון דאָװיד עדעלשטאַט[201]. זי האָט זײ איבערגעדרוקט פֿון די מאַטריצן פֿון דער ברוקלינער אױסגאַבע פֿון 1899 מיט דער זעלביקער נומעראַציע, װי דאָרטן. אַרױס זײַנען „װעראַ", „דער מאָלער", „געלט און לעבן" און „דער קאָנדוקטער". די קלײנע דערצײלונגען פֿלעגן קומען עטלעכע צוזאַמען. אַזױ װערט צוגעגעבן צום „מאָלער" אױך „אַ בריװ פֿון אַ זעלבסטמערדער"[201], „דער פֿאַרברעכער" און „די אומדאַנקבאַרע נעגערן".

אין 1908 דערשײַנט אין טשיקאַגאָ „די באָמערקע" אין ענגליש אונטערן נאָמען «The agabond», 15 זײַטן, איבערגעזעצט פֿון דאָװיד דיאַמאָנדשטײן.

די פֿולסטע אױסגאַבע פֿון עדעלשטאַטס שריפֿטן, פּאָעזיע און פּראָזע איז אַרױס אין לאָנדאָן, 1909.

באַלד נאָך עדעלשטאַטס טױט האָט זיך אין לאָנדאָן געגרינדעט אַ פֿאַרײן „עדעלשטאַט" אױף אַרױסצוגעבן אַלע עדעלשטאַטס שריפֿטן („אַרבעטער-פֿרײַנט", 4-טן נאָיאַבער 1892). דערפֿון איז אָבער גאָרנישט ניט אַרױסגעקומען[202]. ערשט מיט 16 יאָר שפּעטער, אין 1908, װערט געמאַכט אַן ערנסטער פּרוּװ אַרױסצוגעבן עדעלשטאַטס געזאַמלטע שריפֿטן. עס װערט געגרינדעט אַ ספּע-

ציִלער עדעלשטאט־קאָמיטעט, צו וועלכן עס האָבן געהערט, אכוץ עדעל־שטאטס שוועסטער און שוואָגער (טעלסאָן) און די אנארכיסטן דר. זאָלאָ־טאראָוו, מ. נ. מײַזל, דר. מעריסאָן און מ. קאטץ, אויך דער איצטיקער סאָציִאַל־פּאַשיִסט א. ליעסין און מאָריס ווינטשעווסקי. די לעצטע צוויי האָבן אויך פּארעפנטלעכט ארטיקלען וועגן דער וויכטיקייט ארויסצוגעבן עדעל־שטאטס ווערק[202]. דער קאָמיטעט האָט אויך ארויסגעלאָזט א ספּעציעלן אופרוף צו די מיטגלידער פון „ארבעטער־רינג", זיי זאָלן נעמען בילעטן פאר א ליטעראַרישן אָוונט און קאָנצערט, „צו דערמעגלעכן די אויסגאבע פון דעם פארשטאָרבענעם פּאָעט ד. עדעלשטאטס אומגעדרוקטע און טייל דערשינענע ווערקע". אין דעם אופרוף ווערן אויך די „פריינדע אר־בעטער" דערמאָנט, אז „זיינע [עדעלשטאטס] געדיכטע זיינען פון די ער־שטע, וואָס האָבן געוועקט דעם יידישן ארבעטער צו קעמפן פאר דער פארבעסערונג פון זיין לעבן". דער ליטעראַרישער אָוונט און קאָנצערט איז פּאָרגעקומען דעם 4־טן דעקאבער 1908. אלס רעדנערס זיינען געווען אנאָנ-סירט זאָלאָטאראָוו, קאטץ, ליעסין, דער דראמאטורג יאַקאָב גאָרדין און מאָריס ווינטשעווסקי („פ. א. ש.", דעקאבער 4, 1908). עס איז אויך גע־פירט געוואָרן א ברייטע קאמפּאניע צו זאמלען אבאָנעמענטן פאר דער אויסגאבע. מיט דער הילף פון אָט דער קאמפּאניע און דורך די באזונ־דערע אָנשטרענגונגען פון עדעלשטאטס שוועסטער[204] דערשיינט די אויס־גאבע פון עדעלשטאטס „שריפטן" אין לאָנדאָן 1909.

דאָוויד עדעלשטאטס „שריפטן" — „מיט א פּאָרעדע איבער דאָס לעבן און שאפן פון דעם דיכטער" פון מ. קאטץ[205] ארויסגעגעבן פון פארלאג „ארבעטער־פריינט", איז ארויס אין 12־טל פּאָרמאט, 405 און 38 זייטן מיט צוויי בילדער. דערפון פארנעמען 230 זייטן די 123 לידער, 143 זייטן די 13 דערציילונגען און בילדער, 25 זייטן די 4 ארטיקלען און 38 זייטן די פּאָרעדע, באָוושאָווערס עדעלשטאט־ליד און די אינהאלט־פארצייכעניש.

אויך די „ארבעטער־פריינט"־אויסגאבע פון עדעלשטאטס „שריפטן" איז ניט קיין פולע. ס'פעלן דאָרט לידער, וואָס זיינען געווען געדרוקט אין דער „ווארהייט" (1889), אינעם „מאָרגנשטערן" (1890) און אפילו אין דער „פ. א. ש." פון 1891. עס פעלן אויך אייניקע פון עדעלשטאטס פּראָזע־שריפטן און קימאט זיין גאנצע פובליציסטיק. עס ווערט אויך ניט געגעבן קיין איין מוסטער פון זיינע רוסישע שריפטן. צונויפגעשטעלט איז דאָרט אלץ אָן א שום סיידער—ניט כראָנאָלאָגיש און ניט טעמאטיש. אפ קיין איין שריפט איז ניט אָנגעגעבן, ווו און ווען דאָס איז געווען געדרוקט, אָדער צי ס'איז פארעפנטלעכט פונעם מאנוסקריפּט. א טייל לידער עדעלשטאטס זיינען דאָרט שטארק רעדאקטירט געוואָרן. אין אייניקע זיינען דורכגעלאָזט געוואָרן גאנצע סטראָפעס. וועגן אלדעם איז אָבער ניטאָ קיין שום באמערקונג. דער לייענער, וועלכער ווייסט ניט פון די פריערדיקע עדעלשטאט-אויסגאבעס, קאָן מיינען, אז אזוי האָט טאקע עדעלשטאט געשריבן.

אין זיין פּאָרעדע שטעלט זיך אָפּ מ. קאטץ ברייטלעך אפ ניט וויכ־

סיקע דעטאלנ[206] פונ עדעלשטאטס קינדהייט אינ קאלוגע. ער גיט אָבער גאָר ווייניק וועגנ עדעלשטאטס לעבנ, שאפנ אונ ווירקנ אינ אמעריקע. דער וויסנשאפטלעכער ווערט פונ קאטצס פאָרעדע איז ביכלאל זייער א קליינער. עדעלשטאטס אנארכיזמ נעמט זיכ לויט קאטצנ הויפטזאכלעכ דערפונ, מאכ־מעס „עס זיינענ פאראנ מענטשנ, וואָס זיינענ פונ דער נאטור אנארכיסטנ־קאָמוניסטנ". מ. קאטצ איז אויכ ניט פינקטלעכ אפילע בענעגייע צו אזוינע פאקטנ, בא וועלכע ער איז פערזענלעכ בייגעווענ, צומביישפיל, ער דערציילט, אז די „פ. א. ש." איז ארויס „ענדע 1889", בייס זי איז ארויס אינ יול 1890. דאָסגלייכנ דערציילט ער, אז די „פ. א. ש." איז אונטערגעגאנגענ אינ 1890 אונ אָנגעהויבנ ארויסגייג פונדאָסניי, ווענ עדעלשטאט ווערט איר רעדאקטער. אינדערעמעסנ איז די „פ. א. ש." אינ 1890 אונ 1891 ארויס אָנ שום איבעררייסנ. דאָכ איז די אויסגאבע פונעמ „ארבעטער־פריינט" מיט אלע אירע פעלערנ געווענ די פולסטע. די אָנגעגעבענע אופלאגע פונ 1924 אינ ניו־יאָרק פארמאָגט ניט קיינ שומ ענדערונגענ אונ אפילע וואָס אָנבאלאנגט דער איינבינדונג לעגאבע דער אויסגאבע פונ 1909. ס'איז בלויז צוגעגעבנ אפנ פאָדערבלאט, אז עס איז אויכ ארויסגעגעבנ פונ דער „פ. א. ש." אינ 1924.

א נייע עדעלשטאט-אופלאגע איז ארויס אינ 1911 אינ דער „היברו פאָבלישינג קאָמפּאני"—„א זאמלונג פונ אלע זיינע פּאָעטישע שריפטנ אינ פּראָזע אונ פראָזע", 8־טל פאָרמאט, 334 זייטנ. דאָרט זיינענ אריינ בלויז די לידער פונ דער אויסגאבע פונעמ יאָר 1907/08. בלויז צו דער פראָזע איז צוגעגעבנ געוואָרנ: „מוזיק", די „ביאָגראפיע פונ דער לעוואָנע" אונ „צווישנ ניו־יאָרקער ראדיקאלנ". פונ דער פובליציסטיק איז קיינ זאכ ניט אריינ.

אויסער אמעריקע אונ ענגלאנד איז ארויס א טייל עדעלשטאטס שריפטנ בלויז אינ סאָוועטנ־פארבאנד:

„דאָוויד עדעלשטאט—לידער פונ קאמפ אונ נויט, צונויפגעשטעלט אונ מיט אנ אריינפיר פונ ש. אגורסקי, פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע 1930", 12־טל פאָרמאט, 180 זייטנ, 49 לידער, צוויי ארטיקלענ (וועגנ שרייבער אונ דיכטער) אונ באָושאָווערס עדעלשטאט-ליד.

„געקליבענע לידער (צוזאמענ מיט ווינטשעווסקיס אונ באָושאָווערס)—אויסוואל אונ רעדאקציע אי. פעפער, ע. פינינבערג. קאָאָפעראטיווער פארלאג „קולטור־ליגע", קיעוו 1931", 8־טל פאָרמאט, 324 זייטנ. דערפונ 47 לידער פונ דאָוויד עדעלשטאט מיט טעקסטנ-ענדערונגענ אונ אויס־טייטשונגענ פונ ווערטער.

„די ערשטע יידישע ארבעטער-דיכטער (מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דאָוויד עדעלשטאט, יויסעפ באָושאָווער), צונויפגעשטעלט אונ געגעבנ אנ אריינפיר—י. ד. קורלאנד. (פונ דער סעריע „ליטעראטור פאר דער שול"). צענטראלער פעלקער־פארלאג פונ פססר, מאָסקווע—כארקאָוו—מינסק, 1931", 8-טל פאָרמאט, 128 זייטנ (12 לידער אונ ציטאטעס פונ עדעלשטאטס ארטיקלענ, וויכטיקסטע ביאָגראפישע יעדיעס אונ „ביבליאָגראפיע פארנ לערער").

עדעלשטאטס ליטעראַרישע ירושה

דאָוויד עדעלשטאט האָט פאר דער קורצער צײַט פון זײַן שאפן אין יידיש אָנגעשריבן ארום 140 לידער, 15 דערציילונגען, בילדער און פעליע־טאָנען און א 50 פובליציסטישע ארטיקלען. דערפון האָט ער פארעפנטלעכט בא זײַן לעבן איבער דרײַ פערטל פון זײַנע לידער, קימאט די גאנצע פראָזע און נײַן צענטל פון זײַנע פובליציסטישע און קריטישע ארטיקלען.

פון עדעלשטאטס 45 פובליציסטישע און קריטישע ארטיקלען איז ארויס אין א בוך־פאָרם בלויז 4, ס'הייסט ווייניקער ווי א צענטכיילעך. דאָסגלײַכן געפינט זיך נאָך צעוואָרפן אין צײַטונגען א ריי לידער און א פּאָר פּראָ־זע־שריפטן, וואָס זײַנען נאָך ניט ארײַן אין קיין איין עדעלשטאט־אויסגאבע.

צווישן עדעלשטאטס מאנוסקריפטן געפינט זיך איבער 60 קאָפּיעס אָדער ניט־געענדיקטע אָנווורפן פון זײַנע לידער. צווישן זיי א ריי ווארי־אנטן. ס'זײַנען פאראן דאָרט אויך אזוינע לידער, וואָס זײַנען נאָך קיינמאָל ניט געווען געדרוקט. פון די איבער צוויי צענדליק מאנוסקריפטן פון פּראָזע, דיכטונג, פובליציסטיק און קריטיק איז די מערהײַט דערפון פראגמענטן פון נאָך ניט־געדרוקטע זאכן. אויסער דעם געפינט זיך אן אָנדערהאלבן צענדליק קאָפּיעס און אָנווורפן פון בריוו.

אין רוסיש האָט עדעלשטאט בא זײַן לעבן ווייניק וואָס פארעפנט־לעכט. אפ זיכער קאָן מען פעסטשטעלן בלויז די 2 לידער אין „זנאמיא"[207], וואָס ער האָט דערמאָנט אין זײַן טאָגבוך פון יאנוואר 1889, און צו איינציקע לידער אין דער „ניו־יאָרקער יידישער פאָלקס־צײַטונג" 1889, אין „ארבעטער־פרײַנט" (1890) און אין דער „פ.א.ש." (1891). די גרעסטע מער־הײַט פון זײַנע איבער 100 רוסישע לידער איז נאָך קיינמאָל ניט געווען געדרוקט. א פּרוּוו זיי ארײַנצושיקן אין רוסלאנד, קעדיי זיי צו דרוקן אין אן אומלעגאלער דרוקערײַ, איז דורכגעפאלן איבער אן ארעסט אפ דער גרענעץ[208]. אויסער דעם געפינט זיך צווישן זײַנע מאנוסקריפטן א טוץ בילדער און ארטיקלען, א פראגמענט פון א טאָגבוך און איבער דרײַ צענדליק בריוו.

עדעלשטאט, ווי ער האָט אויסגעזען בא זײַנע מיטצײַטלער

א ו י ס ז ע ן.

„א גראדע פיגור פון מיטעלער הויך, ס'מעטריע אין דעם געבוי פון די גלידער; א ליכטי־קער פּאָנעם מיט איידעלע צארטע געזיכט־צוגן, אפ וועלכע עס איז אויסגעגאָסן א כייַן פון א הויכער אינטעליגענץ און פון טיפן געפיל; א פּאָר ווײַט צעעפנטע קארע אויגן, באזוימט מיט ארקן־פאָרמיקע שאָטן־ברעמען־אויגן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ א פראגע און אויסרופ, א מין פארוווּנדערונג" (מוישע קאטץ, פאָרעדע, 1909, ז. 3).

„א מונטערע, אָבוואָל א שטילע, אין זיך פארטיפטע נאטור, האָט אויסגעזען געזונט, מוטיק און שטארק, אין פולער בליִונג פון קויכעס און יאָרן" (דאָרט, ז. 20).

„פּ׳ין מיטעלן וווּקס, א בלאס־לענגלעכ פּאָנעם, ארומגערינגלט מיט א קורצער ברוינער בערדל, ליפּן עטוואָס דיקלעכע, א שיינע גריכישע נאָז, גרויסע ברוינע אויגן, וועלכע האָבן אײַ

צוגעצויגן צו זיך מיט א מאגנעטישער קראפט; א שיין, ליכטיק פּאָנעם" (ד״ר. מיכאָעל קאָן אין א בריוו פונעם 18־טן יאנואר 1934).

„א הויכער, גוט געבויט, שלאנק ווי א טאָפּאָל, שטענדיק מיט א שווערן שטעקן אין האנט, ענלעך געווען צו אן אפּאָסטאָל פון די לאנג פארגאנגענע צייטן" (ארקאדי טעלסאָן, 1934) 167.

כאַראַקטער

„א מוסטער פון ערלעכקייט און גייסטיקער ריינהייט" („ארבעטער־צייטונג", 28־טן אָקטיאבער 1892).

„ער האָט ליב געהאט מוזיק, בלומען, די נאטור אין אלע אירע פארבן, און באזונדערס האָט ער ליב געהאט קינדער, ווי די האָפענונג אף א בעסערער צוקונפט פון דער מענטשהייט" (סאָניע עדעלשטאט אין א בריוו פון 14־טן מארט, 1934).

„ער איז געווען די פּערזאָניפיצירטע גוטסקייט, די פארקערפּערונג פון ליבשאפט. דאָוויד עדעלשטאט איז געווען פארליבט אין דער מענטשהייט און מענטשן. נישט אבסטראקט, נישט אין דער טעאָריע, נאָר פּאקטיש; אים איז ליב און טייער געווען איטלעכער מענטש באזונדער — — — עדעלשטאט איז אמאָל ארייַן צו מיר א פרימאָרגן מיט שייַנענדיקע אויגן און א ליכטיק פּאָנעם, האלטנדיק א שיינע בלום אין האנט — „אָט זעט, קאָפּעלאָוו, קוקט זיך צו, זעט ווי געשמאַק און ליבלעך יעדעס קווייטעלע איז דאָ, זעט נאָר, וויפל פארבן און קאָלירן קרייצן זיך דאָ דורך, זעט, ווי זיי זייַנען אייַנגעוועבט און באהעפט איינע אין די אנדערע, און דאָס זייַנען זיי גאנץ דייַטלעך באזונדער — — — איך האָב זיי בעעמעס ליב — — — מיר דאכט זיך, אז איך קען ריידן, פארברענגען מיט זיי, און דאָך — ווי קומען זיי צו דער גרויסקייַט און דערהייבנקייַט פון א מענטש? דער פּאָשעטסטער באַסערוואָראָם האָט דאָך גייַסט, פארשטאנד, געפילן. אויך דער מענטש בייַט זיך דאָך אלע ווייַלע, ער האָט דאָך אויך פארשיידענע קאָלירן: אָט איז ער אין קאַס, באטריבט פון לײדן, אומעטיק, פארזאָרגט — וויפל פארשיידענע קוילעס גיסן זיך דאָס צונויף, וואָס פאר א קאָמפּליצירטער מעכאניזם, וואָס פאר א פייַנע קונציקע בריַע דער מענטש איז!" (י. קאָפּעלאָוו, אמאָל אין אמעריקע, 1928, ז. 277).

„עדעלשטאט האָט געלעבט צוזאמען מיט זייַנער א שוועסטער בא זייַנעם א ברודער, וועלכער האָט געהאט א קליינעם רעסטאָראן אין קאָרטיס סטריט (דענווער). איך פלעג זיך מיט אים טרעפן זייער אָפט, און טראָץ דעם, וואָס מיר האָבן אלע געוווסט, דאָס עדעלשטאט איז זייער קראנק אף דער פראָלעטארישער קראנקהייַט טובערקוליאָז (ער אלײן און מיר אלע האָבן געוווסט, דאָס זייַנע טעג זייַנען געציילטע) האָט מען אָבער קיינמאָל ניט געהערט פון אים ער זאָל זיך באקלאָגן. ער האָט איבערהויפּט פייַנט געהאט צו ריידן וועגן זיך. און סיי אין געזעלשאפט און סיי אין גאס פלעגט ער אימער מיט זיך האָבן זייַן נאָטיץ־ביכל און אלעמאָל עפּעס פארשרייַבן. ער פלעגט זיך באקלאָגן אף די פּאָעטן פון זייַן צייַט, דאָס אָנשטאָט צו וועקן און רופן דעם ארבעטער צום קאמף, פלעגן זיי בלויז וויינען אף דעם ש־קזאל פון דעם געפּלאָגטן ארבעטער־פאָלק — — — אין די לעצטע טעג פון זייַן לעבן, ווען ער האָט שוין פון בעט ניט געקאָנט ארויסגיין, פלעגט ער זיך נאָכפרעגן אף געוויסע שטרייַקן, וועלכע זייַנען אָנגעגאנגען דעמאָלט" (אווראָם יודעלאָוויטש פון דענווער) 194.

לייטפאָדעמ פונ עדעלשטאטס לעבנ

1866.

געבאָרנ דעם 19־טנ מײַ אינ קאלוגע (רוסלאנד)׳ זײַנ פאָטער אנ אויסגעדינטער ניקאָלײַ־ישער סאָלדאט, איז צוערשט געווענ א גאָראָדאָווױ (פאָליציאנט), אונ שפּעטער האָט ער גע־ארבעט אינ א זעג־מיל.

1873/76.

לערנט בא א מעלאמער א ביסל איווריע אונ בא א רוסישנ לערער — די רוסישע שפּראכ.

1877/79.

הייבט אָנ שרײַבנ רוסישע לידער. איינ ליד זײַנע ווערט געדרוקט אינ דער קאלוגער צײַ־טונג „גובערנסקי וועדאָמאָסטי״. „אינ עלטער פונ 15 יאָר — דערציילט ערעלשטאט — האָב איכ צווישנ פרײַנט אונ באקאנטע געטראָגנ דעם נאָמענ „פּאָעט״ אונ געשריבנ רוסישע געדיכטע. מײַנ לײַדנשאפט פאר פּאָעזיע, איבערהויפּט פאר די רוסישע דיכטער נ י ק י ט י נ אונ נ ע ק ר א ס א ו ו, האָט זיכ פרײַ דערוועקט אינ מײַנ הארצנ״ („ווערא״).

1880.

פאָרט אריבער קיינ קיִעוו. לעבט אינ א קרײַז, וואָס שטייט נאָענט צו דער רוסישער פאָלקיסטישער באוועגונג.

1881.

לעבט איבער דעם צארישנ פּאָגראָמ אפ יידנ פונעם 8־טנ מײַ. ווערט קראנק פונ אופּ־רעגונג. ליגט אינ שפּיטאָל, ווערט דאָרט באקאנט מיט א רײַ סטודענטנ אונ מיט דר. מאקס מאנדעלשטאמ, וועלכער נעמט אימ אָנ אפ ארבעט אינעמ קאָמיטעט אפ פאנאנדערטיילנ הילפ צווישנ די פּאָגראָמ־געליטענע.

1882.

פאָרט קיינ אמעריקע צוזאמענ מיט דער קיִעווער גרופּע „אמ אוילאָמ״ (אייביק פאָלק), וואָס האָט געהאט בעדייע צו גרינדנ דאָרט א לאנדווירטשאפטלעכע קאָלאָניע אפ קאָמוניסטישע יע־סוידעס. באזעצט זיכ אינ סינסינעטי, ווו עס געפינענ זיכ זײַנע צוויי עלטערע ברידער פונ איינ מא־מענ: גרישא (הערש) אונ אראָשע (ארנ) מושניקאָוו.

1883/84.

ווערט א קנאָפּלאָכ־נייער אינ א שנײַדער־פאבריק, איז פאריינטערעסירט הויפּטזאכלעכ מיט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אינ רוסלאנד.

1885.

דערלערנט די ענגלישע שפּראכ. ווערט באקאנט מיט דער ארבעטער־באוועגונג אינ אמע־ריקע. הערט ריידנ אלבערט פארסאָנס, דעמ רעדאקטער פונעמ ענגלישנ אנארכיסטישנ וואָכנבלאט

„אלארם“ אין טשיקאגאָ. ווערט א מיטגליד פון דער „יידישער אינטערנאַציאָנאַלער גרופּע“ אין סינסינאַטי.

1886.

ווערט אריינגעצויגן אין דער קאמפּאניע פארן גענעראַל־שטרייק פונעם 1־טן מיי 1886, וואָס איז געפירט געוואָרן אונטערן לאָזונג פון אויסקעמפן דעם 8־שאָעדיקן אַרבעטסטאָג.

— מיי. דער גענעראַל־שטרייק אין טשיקאגאָ. די בלוטיקע אָנפאלן אף די דאָרטיקע אַרבעטער. די באָמבע, געוואָרפן פון א פּראָוואָקאטער אף דער פּאָליציי בייס א פּראָטעסט־פאַרזאמלונג פון ארבעטער אף היימארקעט־סקווער, די פּאָליציי׳שע שכיטעס אף די ארבעטער, דער ארעסט פון די פירער פונעם גענעראַל־שטרייק און דאָס אָנקלאָגן זיי און פארורטיילן צום טויט פאר דערמאָרדן דעם פּאָליציסט, וואָס איז געטויט געוואָרן דורך דער פּראָוואָקאטאָר׳שער באָמבע, — דאָס אַלץ רעוואָלוציאָניזירט דער 20־יאָריקן דאָוויד עדעלשטאַט.

— זומער. מאכט א פּרווו צו „יוניאָניזירן“ (גרינדן א פּראָפעסיאָנעלן פאריין פון) זיינע שניידער־פאַך. ער פארלירט דערפאר זיין ארבעט־פּלאַץ און פאָרט אָפּ קיין ניו־יאָרק.

ווערט טעטיק אין דער קאמפּאניע פון די ניו־יאָרקער ארבעטער פאר אויסוויילן הענרי דזשאָרדזשן פאר מעיאָר (בירגעמייסטער) פון ניו־יאָרק. ווי א סאך אנדערע, האָפט עדעלשטאַט דורך דעם צו ראַטעווען די פארורטיילטע צום טויט ארבעטער־פירער אין טשיקאגאָ.

— אָקטיאבער. די פאמיליע קומט פון קיעוו קיין אמעריקע. דאָוויד עדעלשטאַט נעמט זי אראָפּ פון שיף און פאָרט מיט איר צוריק קיין סינסינעטי.

1887.

ווערט ארעסטירט פאר זיין אָנטייל אין די פּראָטעסט־פארזאמלונגען קעגן דער קעפונג פון די טשיקאגער ארבעטער־פירער.

— 11־טער נאָיאבער. די טשיקאגער מארטירער ווערן אופגעהאנגען. דאָוויד עדעלשטאַט איז שטארק אופגערודערט, האלט באַם פארלירן דעם זינען פון ווייטעק. ער ראַטעוועט זיך דורך אָפּפאָרן אף א צייט קיין ניו־יאָרק, וו די ארבעטער־באַוועגונג ברויזט מיט קאמפ קעגן דער ברוטאַלער בורזשואַזיע.

1888.

ווערט זומער ווידער ארבעטלאָזיק. קאָן ניט זוזען די נויט אין דער היים, „זען די מוטער א קראַנקע, א גרויע, אָפּגעריסן־אָפּגעשליסן, — — — די יונגע שוועסטער אין בלי פון אירע קוויכעס, ווי עס שניידן פון איר שטיקער די אָרעמקייט און די טאָגטעגלעכע נויט, ווי זי איז דערשלאָגן פון צאָרעס“. (פון א רוסישן פראגמענט אין מאנוסקריפּט).

— אָנהייב נאָיאבער. פאָרט אָפּ זוכן ארבעט קיין ניו־יאָרק.

— 11 נאָיאבער. באזוכט אן ארבעטער־פארזאמלונג צום יאָרצייט פון די טשיקאגער מארטירער, וואָס זיינען אופגעהאנגען געוואָרן דעם 11־טן נאָיאבער 1887 פאר זייער טעטיקייט אינעם גענעראַל־שטרייק פאר אן אכטשאָעדיקן ארבעטסטאָג דעם 1־טן מיי 1886. די רעדע פונעם סאָציאַל־דעמאָקראַטישן פירער סערגיי שעוויטש רירט עדעלשטאַטן ביז טרערן.

קריגט ניט קיין ארבעט לויט זיין פאַך. גייט ארום אָן ארבעט.

1889.

— 5 יאנואר. פארעפנטלעכט צום ערשטן מאָל אין אמעריקע זיינע א ליד (אין רוסיש): דאָס ליד „פּראָלעטאריער“, געדרוקט אין דער ניו־יאָרקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער „זנאַמיא“ (די פאָן). הייבט אָן פירן א טאָג־בוך (אין רוסיש).

— 17 יאנואר. פארעפנטלעכט זיין צווייטע רוסישע ליד „די פיס“ (Ноги), קאָן דרוקן נאָך לידער, נאָר אים דערעסט „ארומצושלעפן זיך אין רעדאקציע“. דערצו איז ער ניט געזונט און ארבעטלאָזיק.

— 30 יאנואר. קומט זוכן ארבעט אין עדיסאָנס פאָנאָגראַף־פאַבריק אין אָרענדזש, ניו דזשוירסי. מע הייסט עדעלשטאַטן קומען מיט א פּאָר וואָכן שפּעטער. — עדעלשטאַט ארבעט אין עדיסאָנס פאַבריק בלויז 4 טעג — פונעם 18־טן ביזן 21־טן פעברואַר. נאָכדעם פארמאַכט זיך די פאַבריק אויף דריי וואָכן.

— 15 פעברואַר. דערשיינט דער ערשטער נומער פון דער אַנאַרכיסטישער „וואַרהייט" מיט עדעלשטאַטס ערשטן פּרוּוו צו שרייבן אין יידיש (זיין ליד „צוּרוּף [צוּ] דער וואַרהייט"), שרייבט נאָכדעם קעסיידער פאַר איר אין יעדן נומער ביז איר אונטערגאַנג דעם 12־טן יולי 1889 (פון אָט די ערשטע 20 לידער ווערן 8 געזונגען נאָך מיט צענדליקער יאָרן שפּעטער אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד).

— 24 פעברואַר. קריגט ארבעט אין ניו־יאָרק אין זיין פאַך, פאַר 8 דאָלאַר א וואָך.

— 25 מיי. עדעלשטאַטס פריינט פייערן זיין געבורטסטאָג, האַלטן רעדעס וועגן זיין „באַדייטונג אלס פּאָעט, אלס מענטש, אלס פריינט" אאַז״וו.

— יוני. די פאַמיליע רופט אים צוריק קיין סינסינעטי. פאַר זיין אָפּפאָרן פון ניו־יאָרק, דעם 27־טן יוני 1889, פאָטאָגראַפירט ער זיך לויטן פארלאַנג פון זיינע פריינט (פון יענער צייט שטאַמט זיין באַקאַנט בילד מיט א באָרד).

אין סינסינעטי ארבעט עדעלשטאַט אין דעם ראַדיקאַלן ארבעטער־פאַריין „טרוט סיקער" (עמעס־זוכער). שיקט אינעם נאָמען פון אָט דעם פאַריין שטיצע פאַרן לאָנדאָנער „ארבעטער־פריינט". (קוויטירט אינעם נומער פונעם 17־טן יאַנואַר 1890).

.1890

— יאַנואַר 30. הייבט אָן מיטאַרבעטן אין דער פּריוואַטער סאָציאַליסטישער צייטונג „מאָרגנשטערן". שרייבט זיינע לידער אונטערן נאָמען פונעם הויפּט־העלד פון אוידאַס ענגלישן ראָמאַן „פאַסקאַרעל", וועלכער קעמפט קעגן עסטרייך אין די אינטערעסן פון די איטאַליענישע אונטערדריקטע מאַסן.

— 17 מאַרץ. טיילט מיט זיין פריינט יאַקאָוו (ליפּשיץ), וואָס רופט אים צוריק קיין ניו־יאָרק, אַז ער קאָן ניט פאַרלאָזן סינסינעטי, ווייל ער דאַרף מיט זיין פאַרדינסט אויסהאַלטן די גאַנצע פאַמיליע.

— 4 יולי. הייבט אָן אַרויסגיין די „פרייע ארבעטער־שטימע". עדעלשטאַט ווערט א שטענדיקער מיטאַרבעטער.

— סעפּטעמבער. לאָזט אַרויס אן אויפרוף צו די יידן פון סינסינעטי וועגן הילף פאַר די ניי־געקומענע רוסיש־יידישע איינוואַנדערער צו ווערן אין אַמעריקע ערדאַרבעטער.

— 10 דעקאַבער. דער רעדאַקטער פון דער „פרייע ארבעטער־שטימע" פאָדערט אויף עדעלשטאַטן צו קומען אלס דעלעגאַט צו דער צווייטער קאָנווענשאָן (צוזאַמענפאָר) פון די 32 ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס, וואָס גיבן אַרויס די צייטונג.

— 25 דעקאַבער. עדעלשטאַט ווערט אויסגעטיילט פונעם צוזאַמענפאָר פאַר דעם אַנאַרכיסטישן רעדאַקטער פון דער „פ.א.ש." (אלס סאָצ. רעד. ווערט אויסגעטיילט דר. יִצחק אייזיק הורוויטש).

.1891

— 9 מאַרץ. באַשרייבט זיין רעדאַקציע אין א בריוו צו זיין שוועגערן אנא עדעלשטאַט, אלס „שמוציקער קעלער"..., קאַלט..., פּרעס־מאַשין קלאַפּט אין קאָפּ. רעדאַקציע „פול מיט א טומלדיקן האַמוין"... מוז דאָרט „שרייבן אַן אַרטיקל, פאַרפאַסן פּאָעזיע", אויסהערן „קריטיק פון קאַפּע סאַלוני [קיבעצאַרניע] כאַכאָמים"... שטרענגע אָנדייטונגען פון אַנטוישטע שרייבער, זידלעריי פון גאַראָנים אאַז״וו, „דאַרף שרייבן, שרייבן, שרייבן" מיט „א צעבראָכן האַרץ"..., מיט בלוטכאַרקעניש". אָנגעוואָרן זיינע „בעסטע פריינט", „געקראָגן א הויפן נאַרישע סאָנים".

— 13 מאַרץ. טרעט אַרויס אויף א קאָנצערט אין פילאַדעלפיע מיט זיינע לידער, נאָר ליידט פון בלוט־פיבער.

— 29 אַפּריל. דערמוטיקט זיין איינציקע שוועסטער סאָניע צו ווערן אן אַגיטאַטאָרשע פאַר דער ארבעטער־באַוועגונג (דאָס איז זיין לעצטער אָפנהיטער בריוו פון ניו־יאָרק).

— יולי — אויגוסט. הייבט אָן שטאַרק ליידן פון טובערקולאָז.

— סעפּטעמבער. ווערט אָפּגעפֿירט אַהיים קיין סינסינעטי אין אַ קראַנקן צושטאַנד.

דאָס אומגעריכטע דערשײַנענ פונ אונדזער קאטצנ [1]. ער האָט זיכ אזוי ווי פונ הימל גלײַכ אראָפּגעוואלגערט אהינצו. ער איז איצטער אינ ניו־יאָרק, אָבער, דוכט זיכ, נאָר אפ א צײַט, ער וועט ווידער אוועקפאָרנ קיינ באָס־טאָנ. ער איז דער זעלבער גוטער אונ ווייכער, נאָר ניט אזוי פעט ווי ער איז געווענ פארנ אוועקפאָר פונ אונדז. צו אימ קומט אינגיכנ צו פאָרנ די פרוי, ס'קענ זייער זײַנ, אז אפ פייסעכ וועל איכ אויכ פאָרנ קיינ באָס־טאָנ צו דעקלאמירנ אפ זייער קאָנצערט.

[צו דער שוועסטער]

New-Jork, April 8 1891

Дорогая моя Соня!

Из писем Мэйтуса и Блоха я вижу, что ты больна, что меня страшно беспокоит. Напиши, пожалуйста, в чем дело, не грипп ли? Здесь многие страдают этой модной болезнью. Во всяком случае, постарайся выздороветь, чтоб могла танцовать на балу. Ваши синсинатские провинциалы не могут понять, как это у человека нет времени прислать брошюры немедленно, или сыскать какого-нибудь пропавшего родственника? Эх, добрые патриархальные души, жить Вам сто лет в Вашем святом неразумении! Право, у меня, строго говоря, нет жизни вне редакции. С знакомыми раззнакомился, потому что масса труда, а главное сознаешь, что за все сам ответственность несешь, и вот хочешь, чтобы голова всегда была у дела! Не столько пишешь, сколько приходится следить за тем, чтобы писанное и присланное было рассортировано, исправлено, не искажено наборщиками да корректуристами [корректорами]. А где партийные заботы? Того-то задели, того-то обидели. Там совершили подлость, за всеми следи, и знай, чему место дать и что выбросить... Исполняю ли я все верно, другой вопрос, но пока нужно все исполнять, как понимаешь. Есть и светлая сторона в этой рабочей медали, да, право, некогда ею заниматься да и пыль практической жизни забрасывает ее! Рад я, братцы, что Вы в Синсинати воскресли — труд благородное дело! Но пожалуйста не ругайте меня, если что-нибудь не так скоро исполню. Ведь и редакторам позволяется быть занятыми до черта! У меня даже нет времени для музы, уж давно ей не отдавался, а я ли ее не любил, я ли не сидел с нею после тяжелого рабочего дня до часу ночи? Впрочем, вот идет к весне и все оживет: и я, и моя муза, и Вы, и ты, Соня; черт возьми, не вечно же квасить да канцелярничать! Почему ты, Арон, ничего этакого критического мне

1 מוישע קאטצ. זע ביאָגראפיע, אָנמערקונג 182.

не напишешь, ведь ты молодец на это, ведь у Вас там не только митинги да пропаганда, есть же и закулисная жизнь, не щади, брат, давай все сюда, редакторов никто не щадит, ибо они никого не щадят; что-нибудь не так, прямо значит в короб на вечную каторгу посылают! Что поделывают все? Как папаша да мама? Почему Ермиша еще ни разу не написал? Что, он занимается музыкой или только продает музыку? Пусть все напишут. Сэйдину карточку получил и целовал и целую. Милая девочка, особенно на первом портрете. Пишет ли Вам Гриша? Как он поживает? Михля и ребенок здоровы ли? Ожидаю немедленного ответа. Соня, пиши я безпокоюсь страшно о твоем здоровье.

Целую всех и кланяюсь Мэйтусу и Блоху.

Ваш Давид

ניו־יאָרק, 8־טנ אפרעל 1891

מײַנ טײַערע סאָניע!

פונ מייטוסעס אונ בלאָכס בריוו זע איכ, אז דו ביסט קראנק, דאָס באומרויִקט מיכ שרעקלעכ. שרײַב אָנ, איכ בעט דיכ, וואָס איז מיט דיר, צי ניט קײנ גריפּ? דאָ לײַדנ פיל אפ דער דאָזיקער מאָדנער קראנקײַט. יעדנפאלס, באמי זיכ געזונט צו ווערנ, קעדיי דו זאָלסט קענענ טאנצנ אפנ באל. אײַערע סינסינעטער פראָווינציִאלנ קענענ ניט פארשטײנ, ווי האָט עס א מענטש קײנ צײַט ניט עקסטרע צו שיקנ בראָשורנ אָדער אופזוכנ עפּעס א פארלוירענעמ קאָרעוו? עכ, גוטע פאטריִארכאלע נעשאָמעס, הונדערט יאָר וועט איר לעבנ אינ אײַער הייליקנ ניט־פארשטײנ! בעעמעס איז בא מיר, שטרענג גערעדט, ניטאָ קײנ לעבנ אויסער דער רעדאקציע. פונ באקאנטע האָב איכ זיכ אָפּגעפרעמדט, ווײַל איכ האָב א מאסע ארבעט, אונ דערי־קער — דער באוווסטזײַנ, אז פאר אלצ טראָגסטו די פאראנטוואָרטלעכקײַט, איז אָט ווילסטו, אז דער קאָפּ זאָל שטענדיק זײַנ בא דער ארבעט! איכ בינ ניט אזויפיל פארנומענ מיט שרײַבנ, וויפל מיט אכטונג געבנ, אז דאָס אָנגעשריבענע אונ צוגעשיקטע זאָל זײַנ אויסגעסאָרטירט, אויסגעפאריכט, ניט פארקריפּלט דורכ די זעצערס אונ קאָרעקטאָרנ. הײַנט ווו זײַנענ די פארטייִשע זאָרגנ? דעמ האָט מענ אָנגעדירט, יענעמ האָט מענ באליידיקט, דאָרט איז מענ באגאנגענ א נעוואָלע, נאָכ אלעמענ שפיר נאָכ, אונ ווייס וואָס געבנ אנ אָרט אונ וואָס ארויסוואַרפנ... צי פיל איכ אלצ אויס ריכטיק, דאָס איז אנ אנדער פראגע, אָבער דערווײַל מוזסטו אלצ אויספילנ, ווי דו פאר־שטייסט. זי פארמאָגט אויכ א ליכטיקע זײַט, די דאָזיקע ארבעטער-מעדאל, נאָר גלייבט מיר — ס'איז קײנ צײַט ניטאָ מיט איר צו פארנעמענ זיכ, אונ דערצו נאָכ פארשיט זי דער שטויב פונעמ פראקטישנ לעבנ! איכ בינ צופרידנ, ברידערלעכ, וואָס איר האָט אופגעלעבט אינ סינסינעטי — ארבעט איז א נאָ־בעלע זאכ! איכ בעט אײַכ אָבער, זידלט מיכ ניט, אויב איכ וועל עפּעס וואָס

ניט אזוי שנעל אויספילנ. רעדאקטאָרנ ווערט דאָכ אויכ דערלויבט צו זײַנ פארנומענ ביזנ האלדז! ס'קלעקט מיר אפילע ניט קײנ צײַט פאר דער מוזעס וועגנ. שוינ לאנג האָב איכ זיכ איר ניט אָפגעגעבנ, אונ ווער האָט זי אזוי געליבט ווי איכ, וויַר פלעגט, ווי איכ, אָפזיצנ מיט איר נאָכ דעם שווערנ ארבעטסטאָג ביז 1 אזייגער אינ דער נאכט? איבעריקנס, גייט צו פרילינג אונ אלצ וועט אופלעבנ: אי איכ אונ מײַנ מוזע, אי איר, אי דו, סאָניע, דער רועכ זאָל עס נעמענ, ס'איז דאָכ קײנ ארבעט ניט אייביק צו מארינירנ זיכ אונ קאנצעליארעווענ! פארוואָס שרײַבסטו מיר, אראָנ, גאָרנישט, כאָטש עטוואָס קריטישעס, דו ביסט דאָכ דערופ א מײַסטער, בא אײַכ איז דאָכ דאָרטנ ניט דורכויס מיטינגענ אונ פראָפאגאנדע, עס איז דאָכ פאראנ אויכ א הינטער-קוליסנ-לעבנ, שאנעווע ניט, ברודער, לייג אלצ ארויס אפנ טיש: די רעדאקטאָרנ שאנעוועט קיינער ניט, ווײַל זיי שאנעווענ אויכ קיינעמ ניט: טאָמער עפעס ניט אזוי — זײַנענ זיי עס מעשאלייעכ גלײַכ אינ קאָרב אפ אייביקער קאטאָרגע! וואָס מאכנ אלע? וואָס מאכנ דער טאטע אונ די מאמע? פארוואָס האָט יערמישא נאָכ קײנ איינ מאָל ניט אָנגעשריבנ? ער פארנעמט זיכ מיט מוזיק, צי ער פארקויפט בלויז מוזיק? זאָלנ אלע אָנשרײַבנ. סיידעס בילד האָב איכ דערהאלטנ אונ געקושט אונ איכ קוש. א ליב מיידעלע, באזונדערס אפנ ערשטנ בילד. צי שרײַבט אײַכ גרישע? ווי לעבט זיכ אימ? וואָס מאכנ אינ געזונט מיכליע[1] אונ דאָס קינד?

איכ ווארט אפ א באלדיקנ ענטפער. סאָניע, שרײַב, איכ באומרויִק זיכ שרעקלעכ וועגנ דײַנ געזונט.

איכ קוש אלעמענ אונ גריס מייטוסנ אונ בלאָכנ.

אײַער דאָוויד.

[צו דער שוועסטער]

Нью-Йорк, 29 апреля 1891 г.

Милая Соня!

Я сегодня получил твое письмо, и вот имея, к счастью, немного свободного времени, я отвечу тебе. Во-первых, меня очень радует, что ты взялась учиться с целью суметь сделаться апостолом правды и свободы среди рабочего класса. Я не сомневаюсь, что если ты только не потеряешь духа и энергии, ты с успехом достигнешь эту благородную цель. Главное это не торопиться, знанья не даются моментально—нужно работать и выжидать. Имея порядочный запас знания, ты, я думаю, сделаешь хорошего агитатора [сделаешься хорошим агитатором], в чем теперь мы так нуждаемся. Теперь отвечу на твои вопросы. Первое, кто писал «Музыку» и «Сон Редактора». Конечно, что и то и другое писал твой «Дюдик». И если это тебе нравится, я очень

1 מיכליע מוטשניקאָווא — די צווייטע פרוי פונ גרישע מוטשניקאָוו, דאָוויד עדעלשטאטס ברודער.

рад. Насчет моего здоровья могу только сказать, что я все так же. Поэтическая бледность неразлучна со мною, это, должно быть, символ поэтов.

Живу я больше в редакции, чем в своей комнате, которая, как все Нью-Йоркские комнаты, вмещает в себе постель, стул или два, и затем две пары человеческих фигур, если они не особенной толщины. В общем жизнь полна заботы и трудов—партийных и литературных. Жизнь революционера в наше время не может быть красивой. Каждый шаг вперед требует борьбы и труда. Поэтому и моя жизнь—жизнь трудовая, даже часто суровая, но я раз сознал, что крест идееносца тяжелый крест, и я ношу его без...

Говорить ли тебе о моей жизни. Повторять ли опять, опять то, что так старо и вместе с тем вечно ново еще для каждого живого сердца? Надежда на рукоплесканья или благодарности от тех, за которых мы работаем? Мы не можем ожидать немедленных плодов нашего труда. Наш труд слишком сложен, чтоб мог принести сейчас же результаты. Мы даже должны быть готовы выслушать глумленья тех, которые нас прекрасно понимают, но которые ради своих чувствований и мелкого эгоизма находят выгодным чернить нас.

Революционер не работает потому, что он надеется на симпатию массы, он работает для того, чтоб открыть глаза массы для света, чтоб, так сказать, перетащить массу из мрака к свету, если-б даже пришлось это сделать на собственных плечах и получить за это пощечину. Только молодые, так сказать, «зеленые» социалисты при малейшем восторге поднимаются на небо и при малейшей неудаче падают в самую глубь практического болота. Опытный бывалый работник на Ниве народной свободы работает постоянно, поскольку у него силы хватает, не обращая внимания на различных поганых мух, которые садятся ему на нос и хотят помешать ему; он их или пришибает или живьем их хватает и прогонит с носу долой.

Ну, довольно пока этой философии. Кац теперь опять в Бостоне. Золотарев уже устроил докторский кабинет и докторствует. Боданос тебе кланяется, она очень рада, что ты учишься и агитируешь. Расцелуй всех за меня, Сэйду непременно. Кланяюсь и желаю всего хорошего.

Ваш Давид.

ניו־יאָרק, דעם 29־טנ אפרעל 1891

ליבע סאָניע!

הײַנט האָב איך באקומענ דײַנ בריוו, אונ אזויווי איך האָב, צום גליק, א ביסל פרײַע צײַט, וועל איך דיר ענטפערנ. ערשטנס, פרייט מיך זייער, וואָס דו האָסט זיך גענומענ לערנענ מיטנ ציל צו קענענ ווערנ אנ אפּאָסטאָל פונ

עמעס און פרייַהייַט צווישן דעם ארבעטער־קלאס. איך צווייפל ניט, אז אויב דו וועסט נאָר ניט פארלירן דעם מוט און די ענערגיע, וועסטו מיט דערפאָלג דערגרייכן דעם דאָזיקן נאָבעלן ציל. דעריקער איז ניט געיילט, קענטעניש גיבן זיך ניט מאָמענטאל — מע דארף ארבעטן און אויסוואַרטן. האָבנדיק א פייַנעם זאפאס קענטעניש, וועסטו, רעכן איך, ווערן א גוטער אגיטאטער, אין וואָס מיר נייטיקן זיך איצטער אזוי שטארק. איצטער וועל איך ענטפערן אף דייַנע פראגן. ערשטנס, ווער האָט אָנגעשריבן די „מוזיק" און דעם „רעדאקטערס כאָלעמ". אוואדע האָט אי דאָס אי יענץ אָנגעשריבן דייַן „דודיק". און אויב דאָס געפעלט דיר, בין איך זייער צופרידן. וועגן מייַן געזונט קען איך דיר נאָר זאָגן, אז איך בין פונקט ווי געוועז. די פאָעטישע בלאסקייַט צעשיידט זיך ניט מיט מיר, דאָס איז, אפאָנעם, דער סימבאָל פון דיכטער.

איך וווין מער אין רעדאקציע איידער אין מייַן צימער, וואָס נעמט אין זיך אריין, פונקט ווי אלע ניו־יאָרקער צימערן, א בעט, א בענקל אָדער צוויי, און דערצו צוויי פאָר מענטשלעכע פיגורן, אויב זיי זייַנען ניט שטארק דיק. אין אלגעמיין איז דאָס לעבן פול מיט זאָרג מיט פארטייִשע און ליטעראַרישע. דאָס לעבן פון א רעוואָליוציִאָנער אין אונדזער צייַט קען ניט זייַן זיס. יעדער שריט פאָרויס פאָדערט קאמף און מי. דעריבער איז אויך מייַן לעבן א האָרעפאשנעו, אָפט אפילע א שווערער, נאָר איך האָב איינמאָל באַזיניקט, אז דער קרייַז פון א אידייען־טרעגער איז א שווערער קרייַז, און איך טראָג אים אָן...

זאָל איך דיר דערציילן וועגן מייַן לעבן? זאָל איך איבערכאַזערן ווידער דאָס, וואָס ס'איז אזוי אלט און אייַנצייַטיק אייביק נאָך ניי פאר יעדעס לעבעדיק הארץ? האָפן אף אפלאָדיסמענטן אָדער אף א דאנק פון די, פאר וועלכע מיר ארבעטן? מיר קענען ניט דערווארטן קיין באלדיקע פרוכט פון אונדזער מי. אונדזער מי איז צו קאָמפליצירט, אז זי זאָל קענען טייקעף געבן רעזולטאטן. מיר דארפן אפילע זייַן גרייט אויסצוהערן שפּאָטווערטער פון די, וואָס פארשטייען אונדז גאנץ גוט, נאָר וואָס צוליב זייערע געפילן און דריבנעם עגאָיִזם געפינען זיי פאר לויִנעוודיק אונדז צו באשמוצן.

דער רעוואָליוציִאָנער ארבעט ניט דערפאר, וואָס ער האָפט אף דער סימפאטיע פון דער מאסע; ער ארבעט צוליב דעם, קעדיי צו עפענען דער מאסע די אויגן פאר דער שייַן, קעדיי, אזוי צו זאָגן, אריבערפעקלען די מאסע פון דער פינצטערניש צו דער ליכט, ווען ס'זאָל אפילע אויסקומען דאָס אָפטאָגן אף די אייגענע אקסלען און באקומען דערפאר א פאטש אין פאָנעם. נאָר די יונגע, אזוי צו זאָגן, „גרינע", סאָציִאליסטן דערהייבן זיך בא דער קלענסטער אנציקונג ביזן הימל און פאלן טיף אינעם פראקטישן זומפ באם מינדסטן דורכפאל. דער דערפארענער אויסגעפרווטער טוער אפן פעלד פון דער פאָלק־פרייַהייַט ארבעט קעסיידער וויפל עס סטייַען אים די קויכעס, ניט לייגנדיק קיין אכט אף פארשיידענע פאסקודנע פליגן, וואָס זעצן זיך אים אף דער נאָז און ווילן אים שטערן; אָדער ער צעקוועטשט

זיי, אָדער ער כאַפּט זיי לעבעדיקערהייט און טרייבט זיי דורכ פונ זיי נאָז.

נו, גענוג דערווייל די דאָזיקע פילאָסאָפיע. קאַטצ איז איצט ווידער אינ באָסטאָנ. זאָלאָטאַראָוו האָט שוינ איינגעאָרדנט א דאָקטערשנ קאבינעט אונ דאָקטערט. באָדאַנעס [1] גריסט דיר, זי איז זייער צופרידנ, וואָס דו לערנסט זיכ אונ אַגיטירסט. צעקוש אַלעמענ פאר מיר, סיידינ אומבאַדינגט.

כ׳גריס אונ ווינטש אַלעס בעסט.

אייער דאָוויד

[צו כאַוויירימ אינ ניו־יאָרק]

Cincinati, October 27—91

טייערע פריינדע אונ גענאָסנ!

הייטע איז דער טאָג פונ מיינ אָפּרייזנ נאָכ דענווער, קאָלאָראַדאָ. עס איז מיר געבליבנ נאָכ עטלעכע שטונדנ צו פארבלייבנ אינ דעמ הויז פונ מיינ פאַמיליע. אונ אָט דענקענדיק וועגנ מיינ שווערער רייזע, קומענ מיר אפּנ זינענ די לעצטע טרויעריקע עריייגניסנ פונ מיינ לעבנ אונ ליידנ. עס שוועבנ פאר מיר זי געזיכטער פונ מיינע לאַנג באַקאַנטע אונ אומבאַקאַנטע פריינט, אונ איכ קענ זיכ ניט איינהאַלטנ אומ ניט צו זאָגנ אַנ אָפּשיידנס־וואָרט, וועלכעס רייסט זיכ איצט ארויס פונ מיינ קראַנקער ברוסט, צו וואָס זאָל איכ פאַרבאָרגנ מיינ שוואַכע, סענטימענטאַלע, פילייכט קינדערשע נאַטור פונ אייכ, מיינע פריינט?

יאָ, אינ דיזע מינוטנ פיל איכ הייסע טרערנ אינ מיינע אויגנ. איכ וואָלט געוואָלט אייכ אַלעמענ ארומנעמענ אונ צודריקנ שטאַרק צו מיינ ברוסט. די טרערנ, וועלכע איכ פיל איצט, זיינענ אָבער זיסע, ערלייכטנדע טרערנ. זיי זיינענ ארויסגערופנ בא די ערינערונגענ פונ ווארעמענ ברידערלעכנ אָנטייל, וועלכנ איר, מיינע פריינט, האָט גענומענ אונ נעמט יעצט אינ מיינ קריטישער לאַגע. איכ ווייס גוט דעמ ניו־יאָרקער לעבנ, איכ ווייס דעמ ביטערנ קאַמפּ פיר דאָס דאַזיינ, וועלכנ יעדער פונ אייכ מוז דורכמאַכנ; איכ ווייס, וואָס פאר אומגעהייערע אָפּפער יעדער פונ אייכ ברענגט פאר דער אידיי, וועלכע ער פאַרטיידיקט; אונ ווענ כוץ אַלע דיזע קעמפּע אונ אָפּפער איז נאָכ געבליבנ א שטיקעלע פּלאַצ אינ אייער האַרצנ אונ געהירנ פאר אייער ליידנדנ פריינט, ווענ צווישנ טויזנטע זאָרגנ אונ שמערצנ פונ אייער אַלטעגלעכנ פּראָלעטאַריער־לעבנ, האָט איר נאָכ געקענט ניט פארגעסנ אָנ מיר, אונ טאָנ מער ווי איר קענט, אומ צו געבנ מיר די מעגלעכקייט צו ערהאַלנ זיכ פונ מיינ שווערער קראַנקהייט, דאַנ זאָג איכ,

---

1 א ניו־יאָרקער אנאַרכיסטקע, וואַרשיינלעכ, א שוועסטער פונעמ ווילנער רעוואָליוציאָנער שויעל באָדאַנעס, וואָס עדעלשטאַט איז מיט אימ צוזאַמענ געקומענ קיינ אַמעריקע.

2 געווענ פאַרעפנטלעכט אינ „פ.א.ש.” פאַרנ 6־טנ נאָיאַבער 1891 מיט פאָלגנדיקער באַמערקונג: „דיזער בריוו איז ניט געשריבנ צומ דרוקנ. אפּ דעמ פאַרלאַנג אָבער פונ אונדזער פאַעטס פריינט פאַרעפנטלעכנ מיר אימ”.

אַז דאָס איז מער, פיל מער, איך האָב ווענ־עס־איז געקענט ערוואַרטנ, אונ אינ מיר וועקט זיך אופ אַפדאָסניי מײַנ שטאָלצער מוט, אונ איך פיל, אַז די האַנט, די וואַרעמע האַנט, וועלכע העלפט מיר אינ מײַנ איצטיקער לאַגע, איז אַ וואַרע ברידערלעכע האַנט — אַ האַנט, וועלכע איז ניט פאַרגיפטעט מיט דעמ ביטערנ גיפט פונ הײַנטיקער ווילטעטיקײַט. איך וויל אויך האָפנ, אַז, העלפנדיק מיר, האָט איר אינזינענ מער די זאַך, וועלכער איך האָב טרײַ געדינט, ווי מײַנ אייגענע פערזאָנ, וועלכע איז ניט ערגער אונ ניט בעסער ווי יעדער איינער פונ די לײַדנדע פראָלעטאַריער דער וועלט.

איך ווייס אויך, אַז עס וועלנ זיך געפינענ פערזאָנענ, וועלכע זוכנ אימער די געלעגנהײַט צו וואַרפנ אינ יענעמ מיט שמוץ, אונ זיי וועלנ אָנצײַגנ אַפ מיר, ווי אַפ אַ פערזאָנ, וועלכער מאַכט אַ לעבנ פונ דער באַוועגונג אונ איצט אַ לוסט־רײַזע נאָך דער שיינער קאָלאָראַדאָ. איך האָב שוינ געהאַט די טרויעריקע געלעגנהײַט צו הערנ פונ אַזעלכע ברוימ, אָבער איך טרייסט זיך דערמיט, דאָס די יעניקע פונ אײַך, וועלכע האָבנ געקענט מיך פערזענלעך, זײַנענ לעבנדיקע פראָטעסטנ קעגנ אַלע פאַרלוימדונגענ. דאָס איז אַלעס, פרײַנדע, וואָס איך קענ אײַך זאָגנ יעצט. איך האָפ זיך אײַנגיכנ צו ערהאָלנ אונ קומענ צוריק צו מײַנע קרעפטנ, דאַנ וועל איך ווידער מיט נײַער קראַפט אונ מוט זיך נעמענ צו אונדזער הייליקער אַרבעט, וועלכע איז דער איינציקער לעבנס־גליק אינ הײַנטיקער טרערנ־וועלט...

ד. עדעלשטאַט.

פ. ס. איך האָב נאָר וואָס ערהאַלטנ פונ טשיקאַגאָ אַ בריוו מיט אַ טיקעט, איך זאָל קומענ אַהינ אַפ זייער פאַרזאַמלונג דעמ 1-טנ נאָוועמבער. צו מײַנ גרעסטנ באַדויערנ, קאָנ איך דאָס ניט טאָנ, זיי ערוואַרטנ אַ רעדנער פונ ניו־יאָרק.

די 25 דאָלאַר ערהאַלטנ.

[צו י. קאָפעלאָוו]

Денвер, 17 Декабря 1891 г.

Дорогой друг Копелов.

Посылаю Вам письмо, которое прошу прочесть на Конвенции. Так как у Вас будет пункт «Фрайе Арбейтер Штымме», то тогда, я думаю, будет уместно прочесть это письмо. Я думаю, что мои требованья довольно справедливы и логичны, чтобы заслужить вниманья Конвенции и были проведены. Думаете ли Вы, что Конвенция сделает что-нибудь? Я, признаться, мало верю в полезность Конвенций, но может быть, это будет исключенье к лучшему. Что нового в Нью-Йорке? Как дела наших агитаторов? Успевают ли они что-нибудь. Газета улучшается, дай-то Аллах, чтоб все шло к лучшему. У меня ничего нового. Что слышно с предисловием, переписали? Так присылайте сюда. Что-то не пишется, окончу тут же.

Кланяйтесь Нюте, как ее здоровье? *Ваш Давид*

דענווער, דעם 17־טן דעקאַבער 1891

טײַערער פרײַנט קאָפּעלאָוו!

איך שיק אײַך אַ בריוו, וואָס איך בעט פּאַרלייענען אַף דער קאָנווענציע[1], אַזויווי באַ אײַך וועט זײַן אַ פּונקט „פרײַע אַרבעטער־שטימע", איז דאָן, רעכן איך, וועט זײַן פּאַסיק פּאַרלייענען דעם דאָזיקן בריוו. איך מיין, אַז מײַנע פּאָדערונגען זײַנען גענוג גערעכטע און לאָגישע, אַז זיי זאָלן פאַרדינען די אויפמערקזאַמקייט פון דער קאָנווענציע און זאָלן דורכגעפירט ווערן. ווי רעכנט איר, די קאָנווענציע וועט עפּעס אויפטאָן? איך בין זיך מודע, אַז איך גלייב קנאַפּ אין דער נוצלעכקייט פון די קאָנווענציעס, נאָר עפּשער וועט דאָס זײַן אַן אויסנאַם צום גוטן. וואָס הערט זיך נײַס אין ניו־יאָרק? ווי גייט עס באַ אונדזערע אַגיטאַטערס? צי האָבן זיי עפּעס דערפּאָלגן? די צײַטונג בעסערט זיך אויס, גיב אַלאַך, אַז אַלץ זאָל גיין צום בעסערן. באַ מיר איז קיינע נײַס. וואָס הערט זיך מיט דער פּאָרעדע, איר האָט איבערגעשריבן? טאָ שיקט צו אַהער. עפּעס שרײַבט זיך באַ מיר ניט. כ'וועל טאַקע דאָ ענדיקן. אײַער דאָוויד.

גריסט ניוטען, וואָס מאַכט זי אין געזונט?

[צו ה. ווײַנבערג[2]]

Denver, December 25, 91

גענאָסע און פרײַנט ווײַנבערג!

אײַער בריוו ערהאַלטן און עס פרייט אונדז זייער, דאָס זי זינד ענדלעך אין איר היים מיט אײַער פרוי און קינדער.

באַ אונדז גייט עס ווי אימער, קיינע נײַס, מײַן געזונט איז נאָך אַלץ ניט אַמבעסטן, איך הוסט און פיל זיך שוואַך. וויאַזוי פילן זיי זיך יעצט? אין ניו־יאָרק איז יעצט זייער אַ לעבעדיקע צײַט, ווי גערן וואָלט איך זײַן איצט אַף דער קאָנווענציאָן צווישן די גענאָסן, אָבער מען קען זיך ניט העלפן און ביז אַ צײַט מוז מען נאָך בלײַבן אין דער טויטער דענווער. וויאַזוי גייט עס אין פילאַדעלפיע? זײַנען די גענאָסן מוטיק גענוג אין דער אַגיטאַציאָן? פאַרשטאַרקערן זיך די רייען פון די אַנאַרכיסטן? איך וואָלט אַלעס געוואָלט וויסן וואָס אָנבאַלאַנגט דער פילאַדעלפיער באַוועגונג, און ווען דאָס איז פיר אינען ניט שווער, שרײַבן זיי מיר אַלעס דעטײַלעך אַרויס.

מיר האָבן ערהאַלטן פיר אײַך אַ לעטער פון שטאַלערן, ענטשולדיקט, וואָס איך האָב דעם בריוו געעפנט. איך האָב דאָס געטאָן פון גרויסער נײַגעריקײַט צו וויסן, וואָס עס הערט זיך אין דער טשיקאַגער באַוועגונג, איך שיק אײַך יעצט דעם בריוו. אין דענווער זײַנען יעצט גרויסע פרעסט. איך מוז זיצן אַ גאַנצן טאָג אין רום, און דאָס ווירקט אַף מײַן געזונטהײַט ניט גוט.

1 עס האַנדלט זיך וועגן דער אַנאַרכיסטישער קאָנווענשאָן, וואָס איז פאָרגעקומען סאָף דעקאַבער 1891.

2 אַן אַנאַרכיסטישער טוער אין פילאַדעלפיע.

שרײַבט, וואָס פיר א וועטער איר האָט יעצט אינ פילאדעלפיע, אונ צי פילט איר א פארענדערונג אינ אײַער געזונטהײַט. מער האָב איכ פאָרלויפיק ניט וואָס צו שרײַבנ. אלע אײַערע גרוסנ האָב איכ איבערגעגעבנ. איצט גריסט פונ מיר אלע פרײַנט אונ גענאָסנ, ווי אויכ אײַער פרוי.

אײַער עדעלשטאט.

פ. ס. גענאָסע בלומענטאל[1] שיק איכ א הערצלעכנ גרוס, איכ האָפ אימ אינגיכנ צו שרײַבנ. מײַנ שוועסטער גריסט אײַכ אלעמענ פרײַנטלעכ. שרײַבט אלע נײַעס פונ דער איסט אונ איבערהויפט וועגנ דער קאָנווענציאָנ.

ד. עדעלשטאט

הער פאלינ, זײַנ פארטנער, אונ פרײַנט קאָפמאנ[2] גריסנ אײַכ פרײַנטלעכ.

Denver, February 20, 92

בעסטער פרײַנט ווײַנבערג?

אײַער בריוו האָב איכ געסטערנ ערהאלטנ. עס האָט מיר געבראכט פיל פארגעניגנ צו הערנ, דאָס זי זינגט וואָל אונ דאָס זי מאכנ פאָרשריטע אינ דער פראָפאגאנדע פאר אונדזער גרויסער זאכ. איכ האָב אײַכ ביז יעצט ניט געשריבנ, ווײַל איכ האָב זיכ געפילט זייער שלימ אינ מײַנ געזונטהײַט, דאָכ יעצט פיל איכ ווידער עטוואָס בעסער אונ האָפ זיכ אינ דעמ פרילינג אונ זומער צו ערהוילנ פונ מײַנ קראנקהײַט. וואָס אָנבאטרעפט מײַנ מאטעריעלער לאגע, איז זי אויכ ניט אמבעסטנ, דאָכ ניט זאָ שלעכט ווי זי זיכ פאָרשטעלנ. איכ האָב ברויט אונ פלייש אונ דאָס, גלייב איכ, איז ניט זאָ גראדע שלעכט ווי בא יענע טויזנטע, וועלכע האָבנ קיינ ברויט אונ קיינ פלייש. וואָס מיכ פײַניקט—איז מײַנ לעבנ אָנ טעטיקײַט, אָנ פרײַנט, ווײַט פונ דער לעבעדיקער וועלט.

איכ ערווארטע מיט אומגעדולד די שטונדע, ווענ איכ זאָל ווידער זײַנ אינ־שטאנדע לעבנ אונ ארבעטנ פאר דער איינציקער זאכ, וועלכע איז נאָכ גע־בליבנ הייליק אינ דיזער שמוציקער העסלעכער געזעלשאפט. שרײַבט מער אָפט, פרײַנט, אלעס גענוי וועגנ דער פילאדעלפיער באוועגונג, איכ האָפ, אז אונדזערע גענאָסנ וועלנ ווידער אופוואכנ, אונ זיכ נעמענ מונטער צו דער ארבעט. ווי גייט עס בא אײַכ מיט דער „פ. א. ש״? אלזאָ, דאָס איז אלעס, וואָס איכ קאָנ אײַכ יעצט שרײַבנ.

אײַער פרײַנט ד. עדעלשטאט.

גריסט פונ מיר הערצלעכ קאָמראד פרענער[3], וואָס מאכט זײַנ שוועסטער? אויכ די איבעריקע גענאָסנ גריס איכ פרײַנטלעכ.

מײַנ שוועסטער גריסט אײַנע, ווי אויכ איר פרוי אונ קינדער גריסנ מיר הערצלעכ. מײַנ נײַער אדרעס איז — 939 מארקעט.

---

1 א פילאדעלפיער אנארכיסט.

2 ערעלשטאטס באקאנטע אינ דענווער.

3 א פילאדעלפיער אנארכיסטישער טוער.

P. S. פילײַכט האָבנ זי געפונענ װעלכע בילדער אינ אײַערע ביכער? מײַנ שװעסטער דענקט, דאָס זי האָט באהאלטנ אײניקע בילדער אינ אײַערע ביכער אונ האָט זײ פארגעסנ ארױסנעמענ, װענ זי האָבנ דיזע בילדער געפונענ, װעלנ זי זײַנ זאָ גוט זײ צוריקשיקנ. פילײַכט האָבנ זי נאָכ אײַערע ביכער גאָרניט נאָכגעזענ, דאנ טוענ זי יעצט דאָס.

ד. עדעלשטאט.

[צו דער פאמיליע]

Денвер, 9-го марта—92

Милые и дорогие!

Так как у Вас наш молчаливый философ Лифшиц, то он вероятно передал Вам и образ моей жизни и всякие *как* и *что*.

Что же Вам писать?

Я и Соня продолжаем считать дни и месяцы, когда уже поедем здоровые обратно, рисуем себе картины будущей радости и т. д.

Погода здесь вдруг испортилась, но как-нибудь уже этот месяц проживем, а там уж и лучше пойдет — и светло и ясно будет.

Приехал к нам еще товарищ по болезни Г. Слабуцкий, также из Елисаветграда. Немного похож на Луковского, т. е. лицом и манерами, но этот умнее и не пишет столистовых философий.

Так как Пурим на носу, то мы уже говорили о «гоменташен» и имели диспут: «мацес одер хомец» с некоторыми «картопачими».

Это все, что нашел писать, когда после немалых трудов думал, что писать.

Ваш Давид

דענװער, דעמ 9־טנ מארט 1892 י.

ליבע אונ טײַערע!

אזױװי בא אײַכ איז געװענ אונדזער שװײַגנדיקער פילאָסאָפ ליפשיצ, האָט ער אײַכ מיסטאמ איבערגעגעבנ אי אונדזער ארט לעבנ אי אלערלײ װיאזױ אונ װאָס.

װאָס זשע זאָל איכ אײַכ שרײַבנ?

איכ מיט סאָניען זעצנ פאָר צו צײלנ די טעג אונ כאדאָשימ, װענ מיר װעלנ שױנ פאָרנ געזונטע צוריק. מיר מאָלנ זיכ בילדער פונ דער צוקונפטיקער פרײד אונ אזױ װײַטער.

דער װינטער איז דאָ פלוצעמ קאליע געװאָרנ, נאָר װי ס׳ניט איז װעלנ מיר שױנ דעמ כױדעש איבערלעבנ, אונ נאָכדעמ װעט שױנ אװעקגײנ בעסער—אי ליכטיק אי לױטער װעט זײַנ.

געקומענ צו אונדז צו פאָרנ נאָכ א כאװער לױט דער קראנקהײַט, ה. סלא-

בוצקי, אויכ פונ יעליסאַוועטגראַד. אַ ביסל געראָטנ אינ לוקאָווסקי [1], דאָס הייסט מיטנ פּאָנעם אונ מיט די מאַנירנ, נאָר דער איז קליגער אונ שרײַבט ניט קיינ הונדערטבויגנדיקע פילאָסאָפיע.

אַזויווי פּורים איז שוינ אָפּ דער גאָז, האָבנ מיר שוינ גערעדט וועגנ האָמענטאַשנ אונ געהאַט אַ דיספּוט „מאַצעס אָדער כאָמעצ" מיט אייניקע „קאַרטאָפּאַטשעס".

דאָס איז אַלצ, וואָס איכ האָב געפונענ צו שרײַבנ, ווענ איכ האָב, נאָכ ניט ווינציק האָרעוואַניע, געטראַכט וואָס צו שרײַבנ.

אײַער דאָוויד

[צו ראָבינסאָנ [2]]

Denver, May 16, 92

טײַערער פרײַנט!

עס וועט אײַכ פּליײַכט וווּנדערנ, וואָס איכ האָב אַזאַ לאַנגע צײַט אײַכ ניט געשריבנ אונ גראַדע יעצט זיכ ערינערט אַנ דיזער פליכט פונ מײַנ זײַט. איכ זאָג פליכט, ווײַל צו נימאַנדנ בינ איכ, דאַכט זיכ, אַזויפיל ניט פאַרפליכ-טעט, ווי צו אײַכ, ווענ איכ ערינער זיכ אָנ דער צײַט פונ מײַנ טרויעריקע פּוס-קראַנקהײַט אינ ניו-יאָרק. אימער, ווענ איכ דענק פונ יענער צײַט, קומענ מיר טרערנ אינ די אויגנ. איכ האָב געהאַט אונ האָב נאָכ איצט פיל פרײַנט. דאָכ קיינער פונ זיי האָט זיכ אַזוי ניט אָפּגעאָפּפערט פאַר מײַנ געזונט, פאַר מײַנ וווילזײַנ, ווי איר, איבערהויפּט רייטצעל. זי שטייט אימער פאַר מײַנע אויגנ ווי אַ וואַרער ענגעל פונ מיטלײַד אונ וואַרע מענטשלעכקײַט. איכ ווייס ניט אויב איכ וועל זײַנ אַמאָל אינשטאַנד איר מיט עטוואָס באַצאָלנ פאַר איר איידעלע, נאָבעלע טאַטנ קעגנ מיר. איכ מאַכ ניט קיינ קאָמפּלי-מענטנ, איכ בינ איבערהויפּט ניט פייִק פאַר זיי, איכ זאָג דאָס, ווײַל עס איז אומעגלעכ פאַרגעסנ פאַר אַנ עלנטנ קראַנקנ מענטשנ, ווי איכ בינ דעמלט געווענ...

[צו דער פאַמיליע]

[דענווער, יונ 1892]

Милые и дорогие!

Наша жизнь течет по обыкновенному.

Посылка Ваша, особенно портрет мамы, была для нас необыкновенным эпизодом.

Мы ожили немного и надежда на скорое возвращение домой опять забилась сильнее в наших сердцах.

Не знаю почему, но я нигде не чувствовал себя так чужим, как в этом Денвере. Интересы наших знакомых здесь так неизмеримо далеки от наших, что приходится часы целые иногда выслушивать чепуху, до которой тебе нет ни-

---

1 לוקאָווסקי יויסעפ — אַנ אַרבעטער, האָט געהערט צו ערדעלשטאַטס קרײַז אינ סינסינעטי.

2 ראָבינסאָנ אונ זײַנ פרוי רייטצעל — ערדעלשטאַטס באַקאַנטע אינ ניו-יאָרק: ער האָט געוווינט בא זיי אינ הויז פאַר זײַנ לעצטנ אָפּפאָרנ פונ ניו-יאָרק.

какого дела. Но какой-нибудь человек все-таки лучше, чем никто, и вот заводишь знакомства с каждым встречным-поперечным, только бы спасти себя от скуки и хандры. Вчера я еще с двумя ходил ловить рыбу, понятно, что я согласно своему призванию, ни одну не поймал.

Мой знакомый американец, который наловил множество, прислал мне из-за вежливости пару рыб и утешил меня.

У нас опять дождит. Какова у Вас погода?

В Синсинати было убито 40 человек на мосту, нас это перепугало, пока мы не прочли подробности в газетах.

Уелл, обнимаю опять Вас всех...

Ваш Давид

ליבע און טײַערע!

אונדזער לעבנ פליסט ווי געוויינלעכ.

אײַער פעקל, באַזונדערס דער מאַמעס פאָרטרעט, איז פאַר אונדז געווענ אנ אויסערגעוויינלעכער עפּיזאָד.

מיר האָבנ א ביסל אופגעלעבט, אונ די האָפענונג אפ א גיכנ צוריקומענ אהיימ האָט ווידער זיכ אָנגעהויבנ שלאָגנ שטאַרקער אינ אונדזערע הערצער.

איכ ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר איכ האָב אינ ערגעצ זיכ ניט געפילט אזוי פרעמד, ווי אָט אינ דעמ דענוועער.

די אינטערעסנ פונ אונדזערע באַקאַנטע זײַנענ דאָ אזוי אומגעהייער ווײַט פונ אונדזערע, אז ס'קומט אויס אָפטמאָל שאָענווײַז אויסצוהערנ נאַרישקײַטנ, וואָס דו האָסט צו זיי קיינ שומ אינטערעס ניט.

אָבער אוואָסער-כ'ניט-איז מענטש איז אַלצ בעסער איידער גאָרנישט, איז אָט פאַרפירנ מיר באַקאַנטשאַפטנ מיטנ ערשטנ בעסטנ, וואָס באַגעגנט זיכ, אבי צו ראַטעווענ זיכ פונ לאַנגווײַל אונ כאַנדראַ.

נעכטנ בינ איכ מיט נאָכ צווייענ געגאַנ כאַפּנ פיש, קלאָר, אז איכ האָב אַנטשפּרעכיק צו מײַנ באַרופ קיינ איינע ניט געכאַפּט. מײַנער א באַקאַנטער אַמעריקאַנער, וואָס האָט אָנגעכאַפּט אָנ א שיר, האָט מיר צוגעשיקט פאַר העפלעכקײַט וועגנ א פּאָר פיש אונ האָט מיכ געטרייסט.

בא אונדז רעגנט ווידער. וויאַזוי איז בא אײַכ דער וועטער?

אינ סינסינעטי זײַנענ דערהאַרגעט געוואָרנ פערציק מאַנ אפנ בריק. דאָס האָט אונדז איבערגעשראָקנ ביז מיר האָבנ ניט איבערגעלייענט די פּראָטימ אינ די צײַטונגענ.

וועל, איכ נעמ ארומ אײַכ אַלעמענ.

אײַער דאָוויד

[צו זײַנ פרײַנט מייטוס]

[דענעווער, יונ—יול, 1892]

Дорогой друг Мейтус.

Читая твое последнее письмо, мне пришло на мысли, что было бы хорошо теперь проследить историю нашей дружбы

и это, мне кажется, помогло бы рассеять те недоразумения, которые теперь нас обоих так тревожат. История эта очень поучительна, и я ее хорошо помню. Когда мы впервые встретились, я был не страдальцем, как теперь, а был здоровым независимым парнем, зарабатывающим деньгу, опрятно одетым молодцом. Тебя влекли ко мне не мои страданья, а мой так называемый «идеализм». Ты в то время был еще под влиянием Елисаветградского братства, которое хотя и не было совершенством, однако искало в человеке человеческое.

Между другими друзьями, как Росинский, Фэйшн, Золотарев, которые болтали разный вздор и вели часто грязные разговоры и делишки, я, безсомненно, выделялся своей чистой скромностью, и для тебя, напитанного идеализмом духовного братства, я представлял самого подходящего друга. Я, с моей стороны, без всяких претензий влиять полюбил тебя, как честного доброго малого, и мы сблизились. Мой поэтический огонь имел, безсомненно, на тебя влияние, так как у тебя уже билась эстетическая жилка и прежде, ты сделался более и более мягким и гуманным, ты полюбил поэзию, и даже начал писать стихи, иные, очень недурные. Но ты все-таки был не я, и имел свои индивидуальные особенности. Ты не мог быть так платоничен, как я, т.-е., ты был более реален, и на тебя имели влияние, не только поэзия, но и серая проза, окружающая тебя. Ты не мог так уноситься в небеса, как я, ты требовал счастья на земле и, не находя его, ты приходил в меланхолию и пессимизм. Вспомни, как мы любили...

טײַערער פרײַנט מייטוס!

לייענענדיק דײַנ לעצטנ בריוו, איז מיר ארומ אפנ זינענ, אז איצטער וואָלט גוט געווענ דורכקוקנ די געשיכטע פונ אונדזער פרײַנטשאפט, אונ דאָס וואָלט מיר, דוכט זיכ, געהאָלפנ צעווייענ די מיספארשטייענישנ, וועלכע באומרויִקנ איצטער אזוי שטארק אונדז ביידנ. די דאָזיקע געשיכטע איז זייער א באלערעוודיקע, אונ איכ געדענק זי גוט. ווענ מיר האָבנ זיכ דאָס ערשטע מאָל באגעגנט, בינ איכ ניט געווענ קיינ לײַדנדיקער ווי איצטער, נאָר איכ בינ געווענ א געזונטער אומאָפּהענגיקער באָכער, וואָס פארדינט געלט, א ציכטיק-געקליידעטער בראווער יונג. דיכ האָבנ צו מיר געצויגנ ניט מײַנע ליידנ, נאָר מײַנ אזויגערופענער „אידעאליזמ". דו ביסט אינ יענער צײַט נאָכ געווענ אונטער דער ווירקונג פונ דער יעליסאַוועטגראדער ברודערשאפט, וועלכע איז האגאמ ניט געווענ קיינ פולקאָמענהײַט, דאָכ געזוכט אינעמ מענטשנ דאָס מענטשלעכע.

צווישנ אנדערע פרײַנט, ווי ראָסינסקי, פיישנ[1], זאָלאָטאראָוו, וועלכע

1 האָט געהערט, גלײַכ ווי ראָסינסקי, צו עדעלשטאטס קרײַז אינ סינסינעטי.

האָבנ געפלוידערט פארשיידענע נארישקײַטנ אונ אָפט געפירט שמוציקע געשפרעכנ אונ געשעפטלעכ, האָב איכ זיכ, בעליסאָפעק, אויסגעטיילט מיט מײַנ ציכטיקער באשיידנקײַט, אונ פאר דיר, אנ אָנגעשפיגעוועטנ מיטנ אידעאליזמ פונ דער גײַסטיקער ברודערשאפט, בינ איכ געווענ דער פאסיקסטער פרײַנט. איכ, פונ מײַנ זײַט, האָב דיכ, אָנ שומ פרעטענזיעס צו באײַנפלוסנ, ליב געקראָגנ, אלס אנ ערלעכנ אונ א גוטנ כעווערמאנ, אונ מיר האָבנ זיכ דערנענטערט. מײַנ פאָעטישער פײַער האָט אפ דיר, בעליסאָפעק, געהאט א ווירקונג, ווײַל בא דיר האָט שוינ פריער אויכ געקלאפט אנ עסטעטישער אָדער, דו ביסט געוואָרנ אלצ מער אונ מער ווייכ אונ הומאניש, דו האָסט ליב געקראָגנ די פאָעזיע אונ האָסט אפילע אָנגעהויבנ צו שרײַבנ לידער, אייניקע גאָר ניט קיינ שלעכטע. אָבער דו ביסט פאָרט געווענ ניט איכ, אונ דו האָסט געהאט דײַנע אינדיווידועלע באזונדערקײַטנ. דו האָסט ניט געקאָנט זײַנ אזוי פלאטאָניש ווי איכ, ד.ה. דו ביסט געווענ מער רעאל, אונ אפ דיר האָט געהאט א ווירקונג ניט נאָר די פאָעזיע, נאָר אויכ די גרויע פראָזע, וואָס רינגלט דיכ ארומ. דו האָסט ניט געקענט אזוי אוועקטראָגנ זיכ אינ די הימלענ ווי איכ, דו האָסט געפאָדערט גליק אפ דער ערד, אונ, ניט געפינענדיק אימ, פלעגסטו ארײַנפאלנ אינ מעלאנכאָליע אונ פעסימיזמ... דערמאנ זיכ, ווי מיר האָבנ ליב געהאט...

[צו דער פאמיליע]

Денвер, 8-го июля 1892

Милые и дорогие.

Я, собственно, хотел теперь ответить на письмо Арона, но вопросы, которые приходится обсуждать теперь, касаются всех нас, а потому я обращаюсь ко всем Вам, многострадальные страдальцы. Приступим прямо к делу. У нас сначала сложился план, чтоб в октябре ехать домой. Но это было, так сказать, наброски только плана, теперь же, когда мы стали глубже задумываться над этим, является вопрос, куда ехать. Ехать в «Синсината»? Но с какой стороны не посмотришь на Синсината, — эта тюрьма ничего отрадного собой не представляет. Ее климатические условия — дрянь, дым, разъедающий легкие, ее общество опять, с позволения, сказать, дрянь.

Пять лет тому назад, здоровый и счастливый, я имел там друзей, но теперь такие не имеются. Что касается до материальных условий, то мы тоже больших успехов не делаем. Абраша от своего погреба никак избавиться не может, Арон продолжает работать у банкротов, и ничего лучшего не предвидится, Эмиль тоже ни к чему еще не прибился. Принимая все это во внимание, я думаю, что нам бы не мешало переменить, наконец, место жительства. Но куда

ехать? Над этим вопросом и я и Соня себе немало ломали голову. «Синсината» — гадость. Нью-Йорк теперь тоже гадость. Абраша пишет, что он думает поехать в Чикаго и посмотреть, не сумеем ли там пристроиться. Но мне кажется, что в настоящее время, перед всемирной выставкой, в Чикаго, все так дорого и все места стоят золото. Заработают ли что-нибудь или нет, но пока за все дерут громадные цены, и Абраше без капитала едва ли удастся там порядочно устроиться. У нас остается только один план, но раньше, чем его отрицать или утверждать, ради всего святого, подумайте хорошенько над ним. Знайте, что все, что я пишу, есть правда. Я не буду преувеличивать...

דענווער, דעם 8־טנ יול 1892 י.

ליבע און טײַערע!

איכ האָב, אײגנטלעכ, געוואָלט איצט ענטפערנ אפ אראָנס בריוו, נאָר די פראגנ, וואָס ס'קומט אויס איצטער צו באהאנדלענ, זײַנענ נעגײע אונדז אלעמענ, און דעריבער ווענד איכ זיכ צו אײַכ אלעמענ, פיל־לײַדנדיקע מארטירער. לאָמיר צוטרעטנ גלײַכ צום איניענ. בא אונדז איז פריִער אופגעקומענ א פלאנ, אז מיר זאָלנ פאָרנ אינ אָקטיאבער אהײמ. נאָר דאָס איז געווענ, אזוי צו זאָגנ, בלויז עסקיזנ פונ א פלאנ, איצטער אָבער, אז מיר האָבנ גענומענ טיפער זיכ ארײַנטראכטנ אינ דעמ, שטעלט זיכ די פראגע, וווּהינ פאָרנ. פאָרנ קײנ „סינסינעטי״? נאָר פונ וועלכער זײַט דו זאָלסט ניט א קוק טאָנ אפ סינסינעטי, שטעלט מיט זיכ ניט פאָר די דאָזיקע טורמע קײנ עפעס רעכטס. אירע קלימאטישע באדינגונגענ—פאסקודסטווע, א רויכ, וואָס צעפרעסט די לונגענ. די געזעלשאפט אירע איז ווידער, זײַט מיר מויכל, פאסקודסטווע.

מיט פינפ יאָר צוריק, ווענ איכ בינ געווענ געזונט און גליקלעכ, האָב איכ דאָרטנ געהאט פרײַנט, נאָר איצט זײַנענ אזעלכע ניטאָ. וואָס ס'איז שײַעכ צו די מאטעריִעלע באדינגונגענ, איז מאכנ מיר אויכ ניט קײנ גרויסע גליקנ. אבראשע קענ אלצ ניט פאָטער ווערנ פונ זײַנ קעלער. אראָנ ארבעט נאָכ אלצ בא די באנקראָטנ און קײנ בעסערס זעט זיכ ניט פאָרויס. עמיל האָט זיכ נאָכ אויכ ניט דערשלאָגנ צו עפעס. נעמענדיק דאָס אלצ אינ אכט, טראכט איכ, אז אונדז וואָלט ניט געשאדט איבערצובײַטנ סאָפקאָלסאָפ אונדזער ווינאָרט. נאָר וווּהינ פאָרט מענ? אפ דער פראגע האָב אי איכ אי סאָניע ניט ווייניק זיכ געבראָכנ דעמ קאָפ. „סינסינעטי״ איז פאסקודסטווע, ניו־יאָרק איז איצטער אויכ פאסקודסטווע. אבראשע שרײַבט, אז ער טראכט זיכ דורכפאָרנ קײנ טשיקאגאָ און א קוק טאָנ, צי וועלנ מיר ניט קענענ דאָרט זיכ אײַנאָרדענענ. נאָר מיר דוכט, אז בא איצטיקער צײַט, ערעוו דער אלוועלטלעכער אויסשטעלונג, איז אינ טשיקאגאָ אלצ אזוי טײַער און אלע ערטער קאָסטנ גאָלד. צי וועט מענ

עפּעס פאַרדינען, צי ניין, נאָר דערווײַל שינדט מען פאַר אַלץ ריזיקע פּרײַזן, און ווער ווייסט, צי אַבראַשען וועט זיך אײַנגעבן דאָרט נישקאָשע זיך אײַנאָרדענען אָן קאַפּיטאַל. בא אונדז בלײַבט נאָר איין פּלאַן, נאָר איידער איר וועט אים אָפּוואַרפן אָדער באַשטימען, טוט גוט א טראַכט אײַן נאָמען פון אַלץ, וואָס הייליק איז. איר זאָלט וויסן, אַז אַלץ, וואָס איך שרײַב אײַך, איז עמעס, איך וועל ניט איבערטרײַבן...

[צו א ניו-יאָרקער כאַווער]

[דענווער, יול—אווגוסט 1892]

Вы говорите, что Вы, между прочим, уважаете Мерлино больше Моста, ну, каждая новинка хороша. Притом он итальянец, сын поэтической Италии, я б и сам, пожалуй, влюбился в него, но, по правде сказать, поскольку я могу судить из «Солидариты», ему, как журналисту, далеко до Моста, «Солидариты» по моему страдает отсутствием революционной соли. Она, так сказать, больше джентльмен, чем революционер, а что нам нужно — это, по словам одного очень хорошо знакомого Вам поэта:

Громи врага, громи, чем можешь,
Громи, как можешь, но громи.

Впрочем, у Вас в Нью-Йорке теперь люди более склонны к спокойной философии, чем к неспокойной деятельности. Теперь о себе поговорю.

Роковой вопрос, куда ехать, и зачем ехать занимал меня очень серьезно за последнее время. Если б я чувствовал себя достаточно крепким выносить какую бы то ни было жизнь, я б, конечно, немедленно явился в Нью-Йорк, и представьте себе, что я, скромный человек, ни капли не сомневаюсь, что и «Фрайе Арбайтер Штымме» опять бы воскресла и жила, и—что еще больше—Копелов бы по старой памяти работал и ругался и помогал делу, и сонный Кац бы проснулся, и доктора и адвокаты взялись бы вновь за старое знамя, да все это было бы, я вполне уверен..., да только беда, что я вполне знаю, что Нью-Йоркская жизнь с ее безсонными ночами, и тяжелой умственной работой не по силам мне теперь, и то, что я выиграл в последний год, я опять потеряю бесполезно, т. е., вместо работника, окажусь инвалидом, одним словом, я еще не чувствую себя готовым для битвы и думаю еще обождать здесь. Если приехать к Вам, то не для спанья, а для работы, а это требует еще обождать немного...

[דענווער, יול—אווגוסט, 1892]

איר זאָגט, אַז אײַך איז, אגעוו, מערלינאָ [1] בעסער געפעלן איידער מאָסט. נו, אַלץ וואָס נײַ — איז גוט. דערצו איז ער אן איטאַליענער, א

1 דער רעדאַקטער פונעם אַנאַרכיסטישן אָרגאַן „סאָלידאַריט”.

זונ פונ דער פּאָעטישער איטאליע, איכ אַלײנ װאָלט זיכ עפּשער אויכ אײַנ אימ אײַנגעליבט, נאָר, דעמ עמעס זאָגנ, אפ װיפל איכ קענ אורטײלנ לויט דער „סאָלידאריט", איז װי קומט ער צו מאָסטנ. די „סאָלידאריט" לײַדט, לויט מײַנ מײנונג, דערפונ, װאָס ס'פעלט איר רעװאָליוציאָנערע אַלצ. זי איז, אזוי צו זאָגנ, מער דזשענטעלמענ אײדער רעװאָליוציאָנער, אונ דאָס, װאָס מיר דארפנ, איז לויט די װערטער פונ אײנעמ, אײַכ א זײער גוט־באקאנטער דיכטער:

קלאפּ דעמ פײַנט, קלאפּ מיט װאָס דו קענסט,
קלאפּ װיאזוי דו קענסט, נאָר קלאפּ.

איבעריקנס, זײַנענ די מענטשנ בא אײַכ אינ ניו־יאָרק איצטער מער גענײגט צו רויִקער פילאָסאָפיע אײדער צו אומרויִקער טעטיקײַט. איצט װעל איכ א ביסל שמועסנ װעגנ זיכ.

די הארבע פראגע, װוהינ פאָרנ אונ צוליב װאָס פאָרנ, האָט מיכ באַשעפטיקט זײער ערנסט פאר דער לעצטער צײַט. װענ איכ זאָל זיכ פילנ גענוג פעסט אפ איבערצוטראָגנ װאָס פאר א לעבנ ס'זאָל ניט זײַנ, װאָלט איכ אװאדע טײקעפ זיכ צוגעשטעלט קײנ ניו־יאָרק, אונ שטעלט אײַכ פאָר, אז איכ, א באשײדנ מענטשעלע, צװײפל אפ קײנ האָר ניט, אז אי די „פרײַע ארבעטער־שטימע" װאָלט װידער אופגעשטאנענ טכיעס־האמײסימ אונ געלעבט, אונ, װאָס נאָכ מער, אי קאָפּעלאָװ װאָלט לויט דער אלטער טראדיציע געארבעט אונ געזידלט זיכ אונ געהאָלפנ דער זאכ, אי דער פארשלאָפענער קאטצ װאָלט אופגעװאכט, אי די דאָקטוירימ מיט די אדװאָקאטנ װאָלטנ זיכ װידער גענומענ פאר דער אלטער פאָנ; יאָ, דאָס אלצ װאָלט געשענ, איכ בינ פולשטענדיק זיכער... די צאָרע איז נאָר, װאָס איכ װײס װויל, אז דאָס ניו־יאָרקער לעבנ מיט זײַנע שלאָפלאָזע נעכט אונ מיט דער שװערער אינטעלעקטועלער ארבעט איז איצטער ניט פאר מײַנע קויכעס אונ דאָס, װאָס איכ האָב אויסגעװוּנענ פארנ לעצטנ יאָר, װעל איכ צוריק פארלירנ אומנוצלעכ, דה. אָנשטאָט א טוער װעל איכ בלײַבנ אנ אינװאליד; מיט אײנ װאָרט, איכ פיל זיכ נאָכ ניט גרײט צומ שלאכט אונ רעכנ נאָכ אויסװארטנ דאָ. אויב קומענ צו פאָרנ צו אײַכ, איז ניט אפ שלאָפנ, נאָר אפ ארבעטנ, אונ דאָס פאָדערט א ביסל נאָכ אויסװארטנ...

[צו דער פאמיליע]

[דענװער, יול—אװגוסט, 1892]

...можем еще сделать многое, главное не быть халатными к интересам первой важности. Аня пишет ей, что вот ты, мол Соня, герой, и все тобой очарованы, но она забывает, что этот героизм стоит очень дорого, и что ради него можно за ничто растратить свои силы. Я теперь верю в один только героизм — это уметь сохранить как можно больше сил для жизни, и для борьбы за свое счастье. Героизм, ко-

торый ведет к преждевременному разложению, старости и дряхлости, есть не героизм, а глупость и вера в самораспинание, достойное только язычников, не здравомыслящих людей. Я лучше хочу видеть Соню здоровой и свежей, обыкновенной женщиной, чем слабой и недостаточно здоровой героиней.

Изо всего сказанного я прихожу к заключению, что приезд мамы и Арона, хотя и очень желательный, потому что мы здесь одиноки, но я не вижу, чтоб этим положенье Сони облегчилось. Представляю Вам опять таки думать об этом. Что касается до того, что я здесь должен остаться год, то дело в том, что здешние доктора не советуют никому ехать обратно. Будь я здесь еще два года, доктора все таки скажут, что я могу мол проехаться, если хочу в Калифорнию, но что самое лучшее—это быть здесь. Конечно, сравнивая с Синсината, я знаю, что здесь лучше, и потому и придется, пожалуй, еще год бедовать тут. Зима здесь не особенно приятная. Тут и страшные холода, и частые перемены от холода к теплу, от снега к дождю, но делать нечего. Я б хотел, по крайней мере, чтоб в эту зиму мы не были здесь так одиноки, как в прошлую. Почему Вы не пишете, где Абраша нанял лавку и как у него дела, и если Вы думаете выбраться в центр, это значит Нью-Йорк или Чикаго, то когда и каким образом? Надеюсь, в следующем письме Вы будете более обстоятельны.

У нас тут сильная жара, и аппетит мой очень слаб, ел бы что-нибудь такое, что, вероятно, не существует. Пишите, как Вы все поживаете в этой жаре? Как Сэйди и Лион? целую их

Ваш Давид

...מיר קענען נאָך פיל אופטאָן, דעריקער איז ניט זײַן גלײַכגילטיק צו
אינטערעסן פון דער ערשטער וויכטיקײַט. אַניע שרײַבט איר, אַז אָט, סאָ־
ניע, דו ביסט אַ העלד און אַלעמען האָסטו פאַרצויבערט. זי פאַרגעסט
אָבער, אַז די דאָזיקע העלדישקײַט קאָסט זייער טײַער און אַז צוליב
איר קען מען אומזיסט־אומנישט אויסברענגען די אייגענע קויכעס. איך
גלייב איצטער נאָר אין איין העלדישקײַט, דאָס איז — קענען אָפּהיטן
וואָס מער קויכעס צום לעבן און צום קאַמף פאַרן אייגענעם גליק. העל־
דישקײַט, וואָס פירט צו פריצײַטיקער צעלייגונג, אַלטקײַט און צעבראָכנ־
קײַט, איז ניט קיין העלדישקײַט, נאָר נאַרישקײַט און גלויבן אין זעלבסט־
קרייצונג, וואָס פּאַסט נאָר פאַר געצנדינער, ניט־געזונטפאַרשטאַנדיקע
מענטשן. איך וויל בעסער זען סאָניען אַלס געזונטע און פרישע, געוויינ־
לעכע פרוי, איידער אַלס שוואַכע און ניט־גענוג געזונטע העלדן.

פונ אלעם געזאָגטנ קומ איכ צומ אויספיר, אז האגאמ ס'איז זייער געוווּנטשנ, אז די מאמע אונ אראָנ זאָלנ קומענ צו פאָרנ, ווײַל מיר זײַנענ דאָ איינזאמ, דאָכ זע איכ ניט, אז דערמיט זאָל סאָניעס לאגע פארגרינגערט ווערנ. איכ לאָז איבער פאר אײַכ ווידעראמאָל א טראכט צו טאָנ וועגנ דעמ.

וואָס ס'איז שײַעכ דערצו, וואָס איכ דארפ דאָ בלײַבנ נאָכ א יאָר, איז די זאכ אינ דעמ, וואָס די היגע דאָקטוירימ ראטנ קיינעמ ניט צו פאָרנ צוריק. ווענ איכ זאָל דאָ זײַנ נאָכ צוויי יאָר, וועלנ די דאָקטוירימ פונדעסטוועגנ זאָגנ, אז איכ קענ, הייסט עס, זיכ דורכפאָרנ, אויב איכ וויל, קיינ קאליפאָרניע, נאָר אז דאָס בעסטע איז צו זײַנ דאָ. געוויס, פארגלײַכנדיק מיט סינסינעטי, ווייס איכ, אז דאָ איז בעסער, אונ דעריבער וועט אויסקומענ, א סוואָרע, צו מאטערנ זיכ דאָ נאָכ א יאָר. דער ווינטער איז דאָ ניט באזונדערס אָנגענעמ. דאָ האָסטו אי שרעקלעכע קעלטנ אי אָפטע ענדערונגענ פונ קעלט צו ווארעם, פונ שניי צו רעגנ. נאָר וואָס קענ מענ העלפנ. איכ וואָלט א באלנ געווענ, ווייניקסטנס, אז דעמ ווינטער זאָלנ מיר דאָ ניט זײַנ אזוי איינזאמ, ווי פאראיאָרנ. פארוואָס שרײַבט איר ניט, ווו האָט אבראשע געדונגענ א קלייט אונ וויאזוי גייענ בא אימ די געשעפטנ, אונ אויב איר רעכנט זיכ איבערקלײַבנ אינ צענטער, באטײַט דאָס ניו־יאָרק אָדער טשיקאגאָ, איז ווענ אונ וויאזוי. איכ האָפ, אז אינעמ צווייטנ בריוו וועט איר זײַנ גענויער.

דאָ בא אונדז איז א שטארקע היצ אונ דער אפעטיט מײַנער איז זייער שוואכ, איכ וואָלט געגעסנ עפעס אזוינס, וואָס עס עקזיסטירט מיסטאמ ניט. שרײַבט, וואָס מאכט איר אלע אינ אזא היצ. וואָס מאכנ סיידי אונ ליאָנ? איכ קוש זיי.

אײַער דאָוויד

[צו דער פאמיליע]

Денвер, 26 августа 1892 г.

Милые и дорогие.

Письмо Ваше получили. После различных передумываний мы пришли к заключению, что единственный удобный план— это чтоб мама и Арон приехали. Как средства к существованию, мы находим, что устроим ресторан, мы сумеем прожить как-нибудь. А может быть и устроим порядочную жизнь. Конечно, что для устройства нужно иметь деньги, и вот эти 50 долларов, которые Абраша хочет дать, можно будет употребить на ресторан, конечно это будет мало, но я думаю, что мы здесь уже как-нибудь вывернемся. Нам бы хотелось устроить настоящий ресторан, т. е. нанять большую лавку и превратить ее в столовую, к тому же иметь и чайную и кофейную. Вы должны привезти самовар, это будет своего рода приманка. Также иметь все еврейские газеты, чтоб люди могли заходить выпить чашку чая или кофе и

тоже почитать газету. Я думаю, таким образом, мы бы могли привлечь порядочное число посетителей. Насколько это удастся, не знаю, приедете, поговорим. Говорят, что лавка обойдется очень дорого и что удобней нанять частный дом и устроить «Прайвет Бординг Гауз». Но мы уже все это потом увидим. Что меня беспокоит, это то, что Соне и маме придется тяжело работать и что для Сони здесь нет общества, но я имею надежду, что дела ресторана пойдут хорошо, и тогда можно будет нанять прислугу, чтобы она помогала. Затем, если Абраша остается в «Синсината», то это еще не значит, что мы здесь остаемся навсегда, и когда разбогатеем от ресторана или страшно обеднеем, мы отсюда удерем. Я-б конечно желал лучше всего, чтобы Соня уехала домой, но она говорит, что я и Арон здесь не сумеем существовать и что мы от одной денверской пищи заболеем. Приходится покориться. Затем пусть мама будет здесь, никто не может придумать лучшего, чем мать для своего детища. Будучи здесь, она сумеет посоветовать то, что лучше для нас всех.

Итак, будем ожидать Вашего приезда. Мне кажется, что Арон, наконец, сумеет приложить к жизни свои гастрономические познания и построить великолепный ресторан. А там, кто знает, мы еще, может быть, и разбогатеем в «Денвере», чем глупая судьба не шутит?

Не забудьте привезти самовар, насчет мебели Соня напишет. Итак, обнимаю Вас всех до скорого свиданья.

Ваш Давид

Сэйди шлет поцелуй. Вы конечно сообщите день выезда и приезда.

דענווער, דעמ 26-טנ אווגוסט, 1892

ליבע אונ טײַערע!

אײַער בריוו האָבנ מיר דערהאלטנ. נאָכ פארשיידענע טראכטענישנ זײַנענ מיר געקומענ צומ אויספיר, אז דער אײנציקער באקוועמער פּלאנ איז, אז די מאמע אונ אראָנ זאָלנ קומענ צו פאָרנ. אלס מיטלענ צו עקזיסטירנ, האלטנ מיר, אז מיר וועלנ עפענענ א רעסטאָראנ, מיר וועלנ ווי-ס'ניט-איז קענענ דורכלעבנ זיכ. אונ עפשער וועלנ מיר נאָכ אײַנאָרדענענ אנ אָנשטענדיק לעבנ. קלאָר, אז צוליב דער אײַנאָרדענונג דארפ מענ האָבנ געלט. איז אָט וועט מענ קאָנענ די 50 דאָלאר, וואָס אבראשא וויל געבנ, ארײַנלייגנ אינעמ רעסטאָראנ. פארשטייט זיכ, אז דאָס וועט זײַנ ווייניק, אָבער איכ רעכנ, אז מיר וועלנ זיכ דאָ שוינ ווי-ס'ניט-איז אויסדרייענ. מיר וואָלטנ א באלנ געווענ אײַנאָרדענענ אנ עמעסנ רעסטאָראנ, דה. דינגענ א גרויסע קלייט אונ פארוואנדלענ זי אינ א גאָרקיכ, אונ דערצו נאָכ האָבנ אי א טיי-הויז אי א קאפע-הויז. איר דארפט ברענגענ

צו פירנ א סאמאָוואר, דאָס וועט זייַנ א מינ סאָרט פרימאנקע. מ'עט דארפנ אויכ, ס'זאָלנ זייַנ אלע יידישע צייַטונגענ, קעדיי מענטשנ זאָלנ קאָנענ אריַינגיינ אויסטרינקענ א גלאָז טיי אָדער קאווע אונ א לייענ טאָג דערבייַ א צייַטונג. אפ אזא מינ אויפנ, רעכנ איכ, וואָלטנ מיר געקענט צוציִענ א היפשע צאָל באזוכער. אפ וויפל דאָס וועט זיכ אייַנגעבנ, ווייס איכ ניט, איר וועט קומענ — וועלנ מיר זיכ דורכשמועסנ. מע זאָגט, אז א קלייט וועט קאָסטנ זייער טייַער אונ אז באקוועמער איז צו דינגענ א פריוואט הויז אונ אייַנאָרדענענ א „פרייַוועט באָרדינג האוז" [פריוואטער פאנסיאָנ]. נאָר דאָס אלצ וועלנ מיר שוינ שפעטער זענ. וואָס מיכ באומרויִקט, איז דאָס, וואָס סאָניִענ אונ דער מאמענ וועט אויסקומענ שווער צו ארבעטנ אונ וואָס פאר סאָניִענ איז דאָ ניטאָ קיינ געזעלשאפט, נאָר איכ האָב א האָפענונג, אז די געשעפטנ פונעמ רעסטאָראנ וועלנ גיינ גוט, אונ דאנ וועט מענ קענענ דינגענ א דינסט, אז זי זאָל העלפנ.

כוצ דעמ, איז אויב אבראשע בלייַבט אינ „סינסינעטי", באטייַט עס נאָכ ניט, אז מיר בלייַבנ דאָ אפ אייביק, אונ ווענ מיר וועלנ רייַכ ווערנ פונעמ רעסטאָראנ אָדער שטארק פאראָרעמט ווערנ, וועלנ מיר פונ דאנענ מאכנ די פלייטע.

איכ וואָלט אוואדע געוואָלט בעסער פאר אלצ, אז סאָניע זאָל אוועקפאָרנ אהיימ, נאָר זי זאָגט, אז איכ מיט אראָנענ וועלנ דאָ ניט קענענ עקזיסטירנ אונ אז פונ דער דענווערער דערנערונג אלייִנ קענענ מיר קראנק ווערנ. מע מוז פאָלגנ. כוצ דעמ זאָל די מאמע זייַנ דאָ, קיינער קאָנ ניט צוטראכטנ קיינ בעסערס איידער א מאמע פאר איר קינד. זייַענדיק דאָ, וועט זי קאָנענ ראטנ דאָס, וואָס ס'איז בעסער פאר אונז אלעמענ.

אלזאָ, ווארטנ מיר אפ אייַער קומענ. מיר דוכט, אז אראָנ וועט סאָפקאָלסאָף בעיאד האָבנ רעאליזירנ זייַנע גאסטראָנאָמישע יעדיִעס אונ אויסבויענ א פראכטפולנ רעסטאָראנ. אונ ווייַטער, ווער ווייסט, עפשער וועלנ מיר נאָכ רייַכ ווערנ אינ „דענווער", איר שפילט זיכ מיט דעמ נארישנ גוירל?

פארגעסט ניט ברענגענ צו פירנ א סאמאָוואר, וועגנ מעבל וועט סאָניע אָנשרייַבנ. אלזאָ, איכ נעמ ארומ אייַכ אלעמענ. צומ גיכנ ווידערזענ.

אייַער דאָוויד

סיידי שיקט א קוש. איר וועט, פארשטייט זיכ, צוויסנ געבנ וועגנ דעמ טאָג פונעמ ארויספאָר אונ אָנקומ.

Денвер, 26 августа 1892 г.

Дорогой друг Копелов.

Наконец-то я получил Ваше письмо. Прочитав его, я улыбался, горько улыбался..., хотите знать причину? А вот послушайте.

Вы делаете мне упрек, как это сами говорите, упрек потому, что я вечно толкую об общих вопросах, и как будто

избегаю говорить о себе лично, из этого вы выводите заключенье, что я Вас не считаю за друга. Теперь скажите, пожалуйста, если человека, любящего более толковать об общих вопросах, чем о собственной персоне, можно заподозрить в недружестве, то как считать мне человека, который не пишет иногда по целым месяцам ни строчки и который, живя среди движения и борьбы, которые составляют часть моей жизни, не считает нужным поменяться теми впечатлениями и мыслями, которые он сам переживает! Что значит дружба? Это желанье, потребность мыслить и чувствовать заодно с другим симпатичным мне существом. Примите это качество у дружбы, и дружба остается пустой фразой. Раз у Вас нет денег, Вы не чувствуете потребности писать мне. Как будто Вы мой казначей, а не близкий товарищ. А между тем хорошее слово, ободряющее слово иногда делает больше чудес, чем холодный доллар. И после всего этого Вы все-таки упрекаете меня в недружестве.

Не считай я Вас за друга, за своего человека, я б еще имел достаточно гордости отказаться от материальной помощи, которую получаю от Вас или через Вас. Если я пользуюсь этой помощью, то это потому, что я знаю, что дело, которому я служил, есть также дело и Вашего сознания и Вашего стремленья. Что только желание видеть меня опять на поле сражения побуждает Вас помогать мне придти к своим силам. Если б не это, если б я Вас считал за покровителя или филантропа, поверьте, я б давно порвал всякую связь с Вами, и как бы мне горько ни пришлось, я б все-таки не пал так низко. Кроме всего этого, я не вижу, чтоб я что-нибудь утаил от Вас из моей личной жизни. Ход моей болезни или здоровья нельзя определять ежедневно, в общем я поправился, но не могу сказать совсем. Очень вероятно, что я останусь еще на лето здесь, хотя меня и влечет страшно в Нью-Йорк. Я думал, что мать моя приедет сюда, чтоб помочь сестре в ее работе для «бордеров», что составляет поддержку моего существования здесь. Сестра работает тяжело, и только благодаря ей мы могли избегать нужду, когда Ваша помощь замедлялась...

דענווער, דעם 26־טנ אווגוסט, 1892

ליבער פרײַנט קאָפּעלאָוו!

ענדלעך, האָב איך באקומענ אײַער בריוו. איבערגעלייענט אים, האָב איך געשמייכלט, ביטער געשמייכלט... איר ווילט וויסנ די סיבע? אָט הערט.

איר מאכט מיר א פּאָרוואורף, ווי איר אליינ זאָגט, א פּאָרוואורף לעמײַ איך בקירע טאָמעד וועגנ אלגעמיינע פראגנ, אונ מײַד אזויווי אויס צו ריידנ וועגנ זיך פּערזענלעך, דערפונ מאכט איר אנ אויספיר, אז איך האלט אײַך ניט פאר קיינ פרײַנט. איצטער זאָגט מיר, איך בעט אײַך, אויב א

מענטשנ, וואָס האָט מערער ליב צו כקירענ וועגנ אלגעמיינע פראגנ איידער וועגנ זײַנ אייגענער פּערזאָנ, קאָנ מענ כוישעד זײַנ אינ ניט-פרײַנטשאפט, איז וויאזוי זאָל איכ קוואליפיצירנ א מענטשנ, וועלכער שרײַבט נישט אָפּט־מאָל גאנצע כאדאָשימווײַז קיינ שורעלע אונ וועלכער, לעבנדיק אינ דער באוועגונג אונ אינעמ קאמפ, וואָס זײַנענ א טייל פונ מײַנ לעבנ, האלט אפילע ניט פאר נייטיק צו טיילנ זיכ מיט די אײַנדרוקנ אונ געדאנ־קענ, וואָס ער אליינ לעבט איבער. וואָס איז אזוינס פרײַנטשאפט? דאָס איז א פארלאנג, א באדערפעניש צו דענקענ אונ פילנ אינ איינקלאנג מיט א צווייטנ, מיר סימפּאטישנ וועזנ. נעמט אָפּ די דאָזיקע אייגנשאפט פונ דער פרײַנטשאפט, בלײַבט די פרײַנטשאפט א פּוסטע פראזע. וויבאלד איר האָט ניט קיינ געלט, פילט איר ניט קיינ באדערפעניש מיר צו שרײַבנ. פּונקט ווי איר וואָלט געווענ מײַנ קאסיר, אונ ניט קיינ נאָענטער כאווער. אונ אינדערעמעסנ איז א גוט וואָרט, א דערמונטערנדיק וואָרט טוט אמאָל אופּ גרעסערע ווונדער איידער א קאלטער דאָלער. אונ נאָכ דעמ אלעמ ווארפט איר מיר פונדעסטוועגנ פאָר ניט-פרײַנטשאפט.

ווענ איכ זאָל אײַכ ניט האלטנ פאר א פרײַנט, פאר אנ אייגענעמ מענטשנ, וואָלט בא מיר נאָכ געקלעקט שטאָלצ אָפּצוזאָגנ זיכ פונ דער מאטעריעלער הילפ, וואָס איכ באקומ פונ אײַכ אָדער דורכ אײַכ. אויב איכ באנוצ זיכ מיט אָט דער הילפ, איז נאָר דערפאר, וואָס איכ ווייס, אז די זאכ, וועלכער איכ האָב געדינט, איז אויכ די זאכ פונ אײַער באוווסטזײַנ אונ פונ אײַער שטרעבונג; אז נאָר דער באגער צו זענ מיכ ווידער אפנ שלאכטפעלד באוועגט אײַכ צו העלפנ מיר קומענ צו זיכ. ווענ ניט דאָס, ווענ איכ זאָל אײַכ האלטנ נאָר פאר א באשיצער אָדער פילאנטראָפּ, וואָלט איכ שוינ לאנג צעריסנ יעדער פארבינדונג מיט אײַכ, אונ ווי ביטער ס'וואָלט מיר ניט געווענ, וואָלט איכ דאָכ אזוי נידעריק ניט געפאלנ. כוצ דעמ אלעמענ, זע איכ ניט, אז איכ זאָל עפּעס האָבנ פארדייקנט פאר אײַכ פונ מײַנ פּערזענלעכ לעבנ. דעמ גאנג פונ מײַנ קראנקײַט אָדער געזונט קאָנ מענ ניט באשטימענ טאָגטעגלעכ. אינ אלגעמיינ, האָב איכ זיכ פאריכט, נאָר איכ קאָנ ניט זאָגנ — אינגאנצנ. ס'איז זייער ווארשײַנלעכ, אז איכ זאָל נאָכ בלײַבנ אפנ זומער, כאָטש עס ציט מיכ שרעקלעכ קיינ ניו-יאָרק. איכ רעכנ, אז מײַנ מוטער וועט קומענ אהער, קעדיי צו העלפנ דער שוועסטער אינ איר ארבעט פאר די „באָרדערס", וואָס דערמיט האלט זי דאָ אונטער מײַנ עקזיסטענצ. די שוועסטער ארבעט שווער, אונ נאָר אדאנק איר, זײַנענ מיר געווענ אימשטאנד אויסמײַדנ די נויט, ווענ אײַער הילפ פלעגט פארשפּעטיקנ...

(עסקיז פונ א בריוו צומ י. קאָפּעלאָווונ) Denver, September 22 92

Дорогой друг Kopeloff!

Скучно, страшно скучно и паскудно на душе, вот и я берусь писать Вам, чтоб нарушить как-нибудь монотонность свою. Чем дальше в лес, тем больше дров. — говорит пословица. Чем дальше я живу в Денвере, тем больше...

דענווער 22־טנ סענטיאבער 1892.

טייַערער פרייַנט קאָפּעלאָוו!

עס איז לאנגווייַליק, שרעקלעכ לאנגווייַליק אונ פּאסקודנע אפּ דער נעשאָמע; איז אָט נעמ איכ זיכ אייַכ שרייַבנ, קעדיי ווי עס איז צעשטערנ די מאָנאָטאָניע. „וואָס ווייַטער אינ וואלד, זאָגט דאָס שפּריכוואָרט, אלצ מער האָלצ". וואָס מער איכ ווינ אינ דענווער, אלצ מער...

[צו דער פאמיליע]

Денвер, 25-го сентября—92 г

Милые и дорогие.

Арон уже Вам написал все, и я, право, не знаю, что писать. Мы теперь только и заняты нашим новым предприятием, т. е. рестораном. Трудностей много, пока устроимся, но надеемся, что сумеем делать свою жизнь из ресторана, а это много значит. Во первых, я бы освободил Нью-Йоркцев от тяжелого бремени, да у них уже и так истощались все источники, и они не могут мне больше помогать.

При ресторане каждый из нас найдет какую-нибудь работу и со временем устроим здесь наш дом.

Пишете, когда Вы выезжаете.

Если ты, Абраша, хочешь получить «Арбейтер Фрейнд», пошли в Лондон 50 центов, они тебе его вышлют.

Он очень интересен, я туда иногда пишу стихотворения.

Адрес следующий:

Затем кланяюсь Вам всем. До скорого свиданья.

Целую Сэйди 100 раз.

Ваш Давид

דענווער, דעמ 25־טנ סענטיאבער, 1892 י.

ליבע אונ טייַערע!

אראָנ האָט אייַכ שוינ אלצ געשריבנ, אונ איכ ווייס ניט, גלייבט מיר, וואָס צו שרייַבנ.

מיר זייַנענ איצטער פארנומענ בלויז מיט אונדזער נייַער אונטערנעמונג, ד. ה. מיטנ רעסטאָראנ.

שוועריקייַטנ איז דאָ א סאכ ביז מיר וועלנ זיכ אייַנאָרדענענ, נאָר מיר האָפנ, אז מיר וועלנ קענענ מאכנ א לעבנ פונעמ רעסטאָראנ, אונ דאָס באַטייַט זייער פיל. ערשטנס, וואָלט איכ באפרייַט די ניו־יאָרקער לייַט פונ א שווערער לאסט, בא זיי האָבנ זיכ שוינ טאקע אזוי אויכ אויסגעלאָזט אלע קוואלנ, אונ זיי קענענ מיכ מער ניט שטיצנ.

באמ רעסטאָראנ וועט יעדערער פונ אונדז געפינענ עפּעס אנ ארבעט, אונ מיט דער צייַט וועלנ מיר אייַנאָרדענענ אונדזער גאנצע מישפּאָכע.

שרייַבט, ווענ פאָרט איר ארויס.

אויב דו, אבראשא, ווילסט באקומענ דעמ „ארבעטער־פרייַנט", טאָ שיק

קיינ לאָנדאָנ 50 סענט, זיי וועלנ דיר אימ ארויסשיקנ. ער איז זייער אינ-טערעסאנט, איכ שרייב אהינצו צייטנווייז לידער.
דער אדרעס איז פאָלגנדער:
אונ ווייטער גריס איכ אייכ אלעמענ. צום גיכנ ווידערזענ. איכ קוש סיידי 100 מאָל.
אייער דאָוויד

[צו דר׳ מיכאָעל קאָנ [1]]

Denver, Sept. 26, 1892.

פרײַנט מיכאיל!

ווי איר זעט, ווער איכ אָדער מײַנ פאמיליע ביזנעס-לײַט. מיר עפענענ א רעסטאָראנ.

[סענטיאבער—אָקטיאבער, 1892]

איכ וואָלט קיינ מינוט ניט געזעסנ דאָ. ווי א צערייצטער לייב וואָלט איכ ארופגעפאלנ אפ די פארשלאָפענע טוערס אונ זיי וואָלטנ מוזנ ארבעטנ צוזאמענ מיט מיר ערגסט, מוטיק אונ קרעפטיק.

[אָקטיאבער 13-טנ, 1892]

פרײַנט מיכאיל!

אזא מיזעראבלע צײַט ווי יעצט האָב איכ נאָכ, דאכט זיכ, אינ מײַנ לעבנ ניט געהאט. אמאָל לײַדט מענ שמערצנ פונ זיכ, אָבער מע האָט כאָטש פארגעניגנ פונ אנדערע. מ׳הערט א גוט וואָרט, א פרײַנטלעכנ גרוס, אנ ערמונטערטע נײַס. יעצט איז עפעס אומעטיק, שטיל, אלעס איז אָפגע-שטאָרבנ. שוינ מער אלס איינ מאָנאט, ווי מ׳הערט פונ קיינעמ ניט. אויב איר ווייסט עפעס וואָס עס טוט זיכ אפ דער וועלט, וואָס עס הערט זיכ וועגנ דער „פר. ארב. שט.״ אונ איבערהויפט איבער דער באוועגונג, זײַט אזוי מענטשלעכ אונ שרײַבט מיר. איכ גריס אײַכ אונ אנא.
אײַער דאָוויד

[1] דער ערשטער בריוו איז א ניט-פארענדיקטער עסקיז. דער צווייטער אונ דער דריטער זײַנעב פארעפנטלעכט פונ דר. מ. קאָנ אינ „ארבעטער-פרײַנט״ פארנ 11 נאָיאבער 1892.



דער דענקמאָל אפֿן קייווער פֿון ד. עדעלשטאט
אפֿן בעסוילעם פֿונעם ארבעטער־רינג, אין דענווער

אָנמערקונגען און עקסקורסיעס

קירצונגען, וואָס ווערן באַניצט אין די אָנמערקונגען:

„אַמאָל אין אַמעריקע“ („אַמאָל אין אַמעריקע, זיכרוינעס פון דעם יודישן לעבן אין אַמעריקע אין די יאָרן 1888 — 1904“ פון י. קאָפּעלאָוו, וואַרשע, 1928).

„בלעטער“ („בלעטער פון מיין לעבן“, ב. 2 — „מיינע ערשטע אַכט יאָר אין אַמעריקע“, ב. 3 — „זיבן יאָר קאָהאַלישע טעטיקייט“. פון אַב. קאַהאַן. ניו-יאָרק, 1926).

„געש. יוד. אַרב. באַוועגונג“ („געשיכטע פון דער יודישער אַרבעטער-באַוועגונג אין אַמעריקע, רוסלאַנד און ענגלאַנד“ פון הערץ בורגין. ניו-יאָרק 1915).

„סאָציאַלע טרייבקרעפטן“ (סאָציאַלע טרייבקרעפטן אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע פון א. מ. סיימאָנס).

„פּאָרעדע“ („פּאָרעדע איבער דאָס לעבן און שאַפן פון דעם דיכטער“ פון מ. קאַטץ צו דאָוויד עדעלשטאַטס „שריפטן“, לאָנדאָן, 1909).

„פ. א. ש.“ („פרייע אַרבעטער-שטימע“).

„פערציק יאָר“ („פערציק יאָר אין דער יודישער אַרבעטער-באַוועגונג (בלעטלעך ערינערונגען)“ פון ב. ווייַנשטיין, ניו-יאָרק, 1924).

צו קאפּיטל 1

1. אלע יעדיעס וועגנ עדעלשטאטס קינדהײַט און יוגנט, וווּ איכ גיב ניט אָנ קײנ אנדערע קוועלנ, זײַנענ מיר מיטגעטײלט געוואָרנ מינדלעכ און שריפטלעכ פונ עדעלשטאטס שוועסטער סאָניע (סאָרע עדעלשטאט — טעלסאָנ) און פונ זײַנ עלטערנ ברודער אבראשע (אווראָמ) עדעלשטאט. דער לעצטער האָט עס געטאָנ דורכ א בריוו, געשריבנ פונ זײַנ פרוי אנא דעמ 23-טנ מארט 1934.

2. אינ זײַנ ליד „Семейный портрет“ פאמיליענ-פּאָרטרעט שילדערט עדעלשטאט זײַנ מוטער אזוי:

„אָט איז די מאמע, די לײַדנדע און גוטע,
כ׳געדענק מיר דײַנ געשטאלט.
דײַנ קלאָרנ קאָפּ, די ליבע דײַנע
פארפלאָכטנ איז מיט פּײַנ און זאָרג“.

דעמ פאָטער באשרײַבט ער אזוי:

„און דו, מײַנ פאָטער, מײַנ פארטראכטער,
גרויער און געטרײַער.
ס׳אָטעמט פונ דײַנ בילד מיט צארטקײַט,
מיט ערלעכקײַט פּאטריארכאלער“.

(בײדע ציטאטעס זײַנענ איבערגעזעצט פונ דעמ יונגנ סאָוועטישנ דיכטער א. גאָנטאר).

3. לויט אב. עדעלשטאט האָט דער פאָטער געדינט אינ דער ארמײ 25 יאָר.

4. אכוצ איר ארבעט צו באדינענ אזא גרויס געזינד (3 נעפּאשעס), פלעגט עדעל-שטאטס מוטער נאָכ העלפנ טראָגנ דעמ יאָכ פונ פּארנאָסע דורכ האלטנ קווארטי-ראנטנ און פּאנסיאָנערנ (לויט אבראשעס בריוו).

5. Еврейская энциклопедия, том XI, СТП, 5, 1910/11, стр. 18

6. לויט די אָפיציעלע ציפערנ אינ דעמ Энциклопедический словарь СТП, т. XXVII, стр. 89—90

7. לויט מ. קאטצ („פאָרעדע“ צו עדעלשטאטס שריפטנ), איז דער שמועס גע-ווענ וועגנ דעמ שלעכטנ סאָפּ פונ נאפּאָלעאָנ III. אנ אָפיצער דערקלערט, אז „דרײַ איז א סאקאָנעדיקע צאָל, און ווענ אלעקסאנדער III וועט ווערנ קײסער, וועט מיס-טאָמע אויכ אנ אומגליק פּאסירנ“.

8. דאָרט, די קאלוגער „גובערנסקי וועדאָמאָסטי“ פונ יענע יאָרנ איז מיר ניט געלונגענ צו זענ.

9. די דערציילונג „וועראַ“ האָט עדעלשטאט פארעפנטלעכט אינעמ לעצטנ יאָר

פונ זײַנ לעבנ. די מײַסטע מיטנ קריטיקער פונ זײַנע ארבעטער-לידער איז, וואַרשײַנלעכ, געבוימ אפ זײַנע דערפארונגענ אינ אמעריקע.

10. לויט ווי אבראשע שרײַבט, איז ווערא א ווירקלעכע פערזאָנ. איר נאָמענ איז געווענ ווערא פאָרטוגאלאָווא.

צו קאפיטל 2

11. אינ זײַנ רוסישער ליד „פאמיליענ-פאָרטרעט", געשריבנ ארומ 1885, דער-קלערט דאָוויד עדעלשטאט, אז ער אונ זײַנ ברודער אבראשע זײַנענ בײדע, לויט זײַער אפשטאמונג, לײַדנדיקע האָרעפּאשניקעס: „די הארטע נויט איז אונדזער טויראנ — ארבעט! צענ ערלעכע פינגער — אָט דאָס איז אונדזער גורל אינעמ לעבנ. נאָר דערפאר, ברודער, איז ריינ אונדזער געוויסנ.

13. אבראשע שרײַבט, אז דאָוויד עדעלשטאט פלעגט זיצנ גאנצענע טעג אינעמ קיעווער באָטאנישנ גאָרטנ אונ דאָרט לייענענ אונ שרײַבנ. דאָרט האָט ער זיכ אויכ באקאנט מיט א היפשער צאָל קיעווער אוניווערסיטעט-סטודענטנ. לויט מ. קאטצ („פאָרעדע", ז. 13) פלעגט עדעלשטאט זיצנ אפ די בערג (באמ דניעפער) אונ טרוימענ אונ שילדערנ די שײנע נאטור.

14. עדעלשטאטס ליד M. M-y (אינ מאנוסקריפט) איז, קענטיק, געשריבנ צו מאנדלשטאמס א קינד.

15. סאָניע, עדעלשטאטס שוועסטער, דערציילט, אז ווענ ער איז אָנגעקומענ גע-וואָרנ אפ ארבעט אינ דער קאנצעליאריע פונעמ קאָמיטעט פאר פאנאנדערטיילנ הילפ די פּאָגראָמ-געליטענע, האָט ער געוואָרנט זײַנ פאמיליע, אז קיינער פונ אירע מיט-גלידער זאָלנ ניט וואגנ קומענ צו אימ נאָכ הילפ.

16. הערמאנ ראָזנטאל, א קיעווער דרוקער אונ צײַטונג-ארויסגעבער (1878—1881). זע „Jewish Encyclopedia", באנד VII, ז. 491. לויט דער „Евр. Энциклопедия" ב. XI, שפאלט 524, האָט די צאָל פאמיליעס אבסאָליוט אָנ מיטלענ דער-גרייכט ביז 762.

17. יאנקעוו דינענזאָנ, „טרויערדיקע דערינערונגענ", „יידישעס טאגעבלאט", ניו-יאָרק, 20-טער מארט 1910.

18. אבראשע אונ סאָניע עדעלשטאט דערציילנ, אז די קיעווער „אמ-אוילעמ"-גרופּע איז אָרגאניזירט געוואָרנ פונ מאנדלשטאמס סטודענטנ-קרײַז. דערפאר האָט זיכ דאָוויד עדעלשטאט אָנגעשלאָסנ אינ איר. נאָר לויט דר. כאימ ספּיוואק, עדעל-שטאטס א מיטרײַזנדער, האָבנ זיי זיכ בײדע אָנגעשלאָסנ אינ דער קיעווער „אמ-אוילעמ"-גרופּע ערשט אינ לעמבערג (גאליציע), אפנ וועג קיינ אמעריקע (ציטירט לויט דער „פרײַער ארבעטער-שטימע" פארנ 10-טנ דעקאבער 1915).

19. ניקאָלײַ אַלייניקאָוו, זע בורגינס „געשיכטע פונ דער יידישער ארבעטער-באוועגונג". ניו-יאָרק, 1915, זז. 76 — 77.

20. איבערגעזעצט פונ דעמ יונגנ סאָוועטישנ דיכטער א. גאָנטאר.

21. אינ דער יידישער איבערזעצונג פונ א. גאָנטאר לייענט זיכ עדעלשטאטס ליד „אינ אמעריקע" אזוי:

„כ'בינ צומ צילפּונקט שוינ געקומענ,
איצט בינ איכ אינ פרײַענ לאנד:
לעבנ-כוואליעס קאָכנ, ברומענ,
ווי א שטורעמ אינ מײַנ הארצ —
ס'איז ארומ אלצ נײַ אונ פּרעכטיק
פארנ אויג אונ דעמ געהער,
כ'האָב די ווערטער ניט פארשטאנענ

פונ דעמ אַלצ, וואָס כ'האָב געהערט,
נאָר ס'פילט מײַנ ברוסט די פרײַהײַט,
עטעמט פרײַ אונ טיפ,
אונ מײַנ טרוימ פליט הויכ צומ הימל,
ס'שפּילט מײַנ האַרצ אונ שטיפט,
דאָס איז ער דער טרוימ פונ דיכטער —
לעבנ, לעבנ, ניט קײנ טרוימ.
דאָ גײט אומעט אַפ דער פרײַהײַט,
שײנהײַט, וואַרהײַט אָנ א צוימ".

צו קאַפּיטל 3

21א. אַלעקסאַנדער האַרקאַווי, וועלכער איז געקומענ קײנ אַמעריקע אײנצײַטיק מיט עדעלשטאַטנ אונ האָט באַשריבנ זײער אַלגעמײנע צוזאַמענוווינונג אינ ניו-יאָרק, וואָס דער הילפס-פאַרײנ פאַר עמיגראַנטנ האָט זײ געגעבנ, דערצײלט דאָרט אַזוי: „דער יונגער דאָוויד עדעלשטאַט פלעגט אַרומגײנ איבערנ צימער הינ אונ צוריק מיט א בוכ פונ רוסישער „סלאָוועסנאָסט" אונ האָט צו זיכ אַלײנ געלעזנ די פּראָבנ פונ קלאַסישע רוסישע געדיכטע" („טעאַטער-זשורנאַל אונ פאַמיליענ-פרײַנט", ניו-יאָרק, 1902, אָקטיאַבער 22, ז. 4 — 5).

22. פ. זאָרגע אינ זײַנ אַרײַנפיר צו קאַרל מאַרקס בריוו צו אימ פונ 1877 (בריוו פונ מאַרקס-ענגעלס צו פרידריכ זאָרגע, שטוטגאַרט, 1921).

23. „יידישע וואָכנבלאַט", ניו-יאָרק — טשיקאַגאָ פאַרנ 16-טנ אָקטיאַבער 1887.

24. זאָלאָטאַראָוו אונ מײַזוס, וועלכע האָבנ געאַרבעט באַ שנײַדערײַ צוזאַמענ מיט זײערע פאָטערס, ווערנ שפּעטער דאָקטוירימ. הילעל זאָלאָטאַראָוו (1865 — 1921) איז שפּעטער געווענ באַוווסט אַלס אַנאַרכיסטיש-ציוניסטישער רעדנער אונ שרײַפטשטעלער. אויכ ז. זאַסלאַווסקי אונ יוסעפ לוקאָווסקי אַרבעטנ מיט שפּעטער אינ דער יידישער ראַדיקאַלער פּרעסע. לוקאָווסקי פלעגט שרײַבנ לאַנגע פילאָזאָפירנדיקע אַרטיקלענ, אָדער, ווי עדעלשטאַט דריקט זיכ אויס (אינ א בריוו פונעמ 9-טנ מאַרט 1892), „הונדערט בויגנ פילאָזאָפיעס", וועלכע ער (עדעלשטאַט) אַלס רעדאַקטער פונ דער „פ. א. ש." האָט זיכ אָפּגעזאָגט צו דרוקנ. אינ א בריוו צו מײַזוסנ פונ דענ-ווער, זומער 1892, שרײַבט עדעלשטאַט: „צווישנ אונדזערע פרײַנט, ווי ראָסינסקי, פײַשע, זאָלאָטאַראָוו, וועלכע האָבנ געפלוידערט פאַרשײדענע נאַרישקײַטנ אונ אָפט געפירט שמוציקע געשפּרעכנ אונ געשפּעטלענ, האָב איכ זיכ בעליסאָפעק אויסגע-טוילט מיט מײַנ ציכטיקער באַשײדנקײַט". אינ זײַנ „בריוו פונ א זעלבסטמערדער" שרײַבט עדעלשטאַט: „מײַנע קאַמעראַדנ זײַנענ געווענ פאַרנומענ מיט זײער שטודיומ, מיט זײער קאַריערע, מיט פּריוואַט-געשעפטנ, מיט פרויענ-ליבע, מיט געלט-זאָרגנ: איכ האָב מיט גרויס אָנשטרענגונג זיכ אויסגעלערנט א מעלאָכע, דורכ וועלכע איכ האָב געקאָנט פאַרדינענ מײַנ ברויט אונ האָב ניט געטראַכט וועגנ זיכ".

25. אינ א פרײַער יידישער איבערזעצונג (פונ ש. בריאַנסקי) לײענט זיכ עדעלשטאַטס ליד אַזוי:

„אונ אויב צוויי מאָל צוויי איז פיר,
איז פאַרוואָס זשע האָבנ מיר
אויסדערווילט זיכ דעמ וואַמפּיר,
דעמ טעמפּנ שיכּור, אָט דעמ הינקער,
וואָס קענ ניט פילנ, קענ ניט דענקענ,
פאַר א קײסער אימ צו קרוינענ,
אונ מיט פורכט אימ הערנ, שוינענ,
אונ געהאָרכזאַמ ווי די קנעכט,

בויגנ טיפ פאר אימ די קעפ,
פאר דעמ טעמפנ גראָביאנ.
דעמ גראָבנ, שיקערנ טיראַנ,
וואָס נאָר פוילונג האָט ער האַלט
אונ קאטקאָוונ, * דעמ גראָבנ קאָפ".

צו קאפיטל 4

26. „אמאָל אינ אמעריקע", זז. 50 — 56.

27. פ. זאָרגע, אריינפיר צו די בריוו פונ מארקס, ענגעלס אונ אנדערע פונ 1874. א מאסנ־פארזאמלונג פונ ארבעטלאָזיקע אפ טאָמקינס סקווער אינ ניו־יאָרק איז דעמ 13־טנ יאנואר 1874 ברוטאַל צעטריבנ געוואָרנ, אונ דערביי זיינענ א סאכ ארבעטער שטארק צעשלאָגנ געוואָרנ. דאָס איז געווענ דער ערשטער פאל פונ אזא ברוטאלקייט; ענגעלס האָט אינ פארבינדונג דערמיט באמערקט אינ זיינ בריוו צו פ. זאָרגע פונעמ 27־טנ פעווראל 1874, אז די אמעריקאנער פאָליציי וויל, וואר־שיינלעכ, איבערשטייגנ די ווערסאלער (די מערדער פונ דער פאריזשער קאָמונע).

28. אינ א בריוו צו ענגעלסנ פונעמ 25־טנ יולי 1877 שרייבט מארקס אזוי:
„וואָס זאָגסטו צו די ארבעטער פונ די פאראייניקטע שטאטנ? דאָס איז דער ערשטער אופרייס קעגנ דער אָליגארכיע פונעמ אסאָציִיטעט (פאראייניקטנ) קאָפיטאַל, וועלכער איז אופגעקומענ נאָכנ בירגערקריג — אזוי, אז ס'פארקאָכט זיכ דאָרט א קאשע" (מארקס־ענגעלס „בריוו־וועקסל" (דייטש), ב. IV, שטוטגארט, 1913).

29. דער אָרדנ „נאיטס אָוו לייבאָר" (ריטער פונ ארבעט) איז ארויסגעוואָקסנ פונ א געהיימער ארבעטער־אָרגאניזאציע, געגרינדעט אינ פילאדעלפיע אינ 1869. איר נאָמענ איז קיינמאָל אינ ערגעצ ניט פארשריבנ געוואָרנ, נאָר פלעגט באצייכנט ווערנ דורכ פינפ שטערנ (סיומאָנס, „סאָציאלע טרייב־קרעפטנ", זז. 314 — 315). שפעטער אינעמ אָנהייב פונ די 80־ער יאָרנ, ווענ זי ווערט א מאסנ־באוועגונג אונ קאָנ שוינ ניט זיינ מער געהיימ, רעאָרגאניזירט זי זיכ אלס אנ אָרדנ (געזעלשאפט פאר זעלבסט־הילפ) אונ האלט אָפ אירע זיצונגענ הינטער פארמאכטע טירנ אונ מיט צערעמאָניעס, לויטנ שטייגער פונ ד' פריי־מויערער אונ פונ אנדערע אזוינע לאָזשעס אונ „ברודערשאפטנ". ענגעלס האָט דערקלערט, אז אירע פארפלאָנטערטע פרינציפנ אונ לעכערלעכע אָרגאניזאציע־פאָרמעס אנטשפרעכנ צו דעמ פלאָנטער אינ די מוי־כעס פונ דער דעמלטיקער אמעריקאנער ארבעטערשאפט. (בריוו צו זאָרגענ פארנ 29־טנ נאָיאבער 1886).

30. די אימיגראציע אינ די 80־ער יאָרנ האָט, לויט אָפיציעלע ציפערנ בא־טראָפנ ניט 2 500 000 מאנ מער, ווי אינ די 70־ער יאָרנ. דער פרייער באָדנ אינ די מיירעוו־שטאטנ איז שוינ געווענ פארכאפט אונ די גרעסטע מערהייט פונ די אָנגעקומענע 5 246 613 אימיגראנטנ האָט געמוזט זוכנ ארבעט אינ די פאבריקנ.

30א. לענינ, ב. XVII, אויסגאבע 1925, ז. 125.

31. „ס'איז גאָר קיינ וואונדער ניט, וואָס דער פראָלעטאריאט פונ די „פאָרגעשרי־טענע", פארלאמענטארישע לענדער פילט אנ עקל, ווענ ער זעט אזעלכע „סאָציא־ליסטנ". ווי די שיידעמאנס, דאווידס, לעגינס, סאמבאס, רענאָדעלס, הענדערסאָנס, וואנדערוועלדס, סטאונינגס, בראנטינגס, ביסאָלאטיס אונ קאָמפאניע, פלעגט אלצ אָפ־טער אָפגעבנ זיינע סימפאטיעס דעמ אנארכאָ־סינדיקאליזמ, ניט געקוקט דערויפ, וואָס ער איז א לייבלעכער ברודער פונעמ „אָפאָרטוניזמ" (לענינ, ב. XXI, „מעלוכע אונ רעוואָלוציע", ז. 400).

32. יאָהאנ מאָסט (1846 — 1906) — דייטשישער אנארכיסט. אינ אָנהייב פונ

* א באוווסטער רוסישער רעאקציאָנער.

זײַנ פּאָליטישער טעטיקײַט — א סאָציאַל־דעמאָקראַט, א בוכ־דרוקער. 1867 — 1870 באַטײליקט ער זיכ אינ דער אַרבעטער־באַוועגונג אינ ווינ, וו ער איז אײנער פונ די פירער פונ דעמ „לינקנ" האַלב־אַנאַרכיסטישנ פליגל. אינ דײַטשלאַנד רעדאַקטירט ער, זינט 1871, די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צײַטונג „כעמניצער פרײַע פּרעסע". 1874 — 1878 איז ער א מיטגליד פונעמ דײַטשישנ רײַכסטאַג. זינט 1876 רעדאַקטירט ער די „בערלינער פרײַע פּרעסע". נאָכ דעמ, ווי דער סאָציאַליזמ ווערט פאַרבאָטנ אינ דײַטשלאַנד, וואַנדערט מאָסט אַריבער קײנ לאָנדאָנ, וו ער הײבט אָנ אַרויסגעבנ (אינ יאַנוואַר 1879) זײַנ וואָכנבלאַט „פרײַהײַט", וואָס אַנטוויקלט זיכ אינ אַנ אַנאַרכיסטישער צײַטונג. אָפ דעמ פּאַרטײ־טאַג (צוזאַמענפאָר) פונ 1880 ווערט מאָסט אויסגעשלאָסנ פונ דער דײַטשישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ. ער פאָרט אַריבער קײנ אַמעריקע, וו ער גיט ווײַטער אַרויס זײַנ „פרײַהײַט" אונ ווערט דער הױפּט־וואָרטזאָגער פונעמ אַנאַרכיזמ. גלײַכ נאָכ מאַרקס טויט (14־טער מאַרט 1883) דערקלערט מאָסט אינ אַמעריקע, אז ער איז געשטאַנענ מיט מאַרקסנ אינ נאָענטע באַציִונגענ, אונ אז מאַרקס איז געווענ אײַנפאַרשטאַנענ מיט זײַנ (מאָסטס) פּראָפּאַגאַנדע. די ניו־יאָרקער „מענטראַל־ליבאָר־יוניאָנ" (צענטראַלער אָרגאַנ פונ די טרעד־יוניאָנס) ווענדט זיכ וועגנ דעמ צו פרידריכ ענגעלסנ, וועלכער לײקנט עס אָפּ אינ א בריוו פונעמ 18־טנ אַפּרעל 1883. ענגעלס פאַרענדיקט דעמ בריוו אזוי: „פאַר זײַנ (מאָסטס) אַנאַרכיזמ אונ פאַר זײַנ אַנאַרכיסטישער טאַקטיק האָבנ מיר געהאַט די זעלבע פאַראַכטונג, ווי פאַר די לײַט, בא וועלכע ער האָט בײדע זאַכנ דערלערנט". (בריוו צו זאָרגענ).

33. אַלבערט פּאַרסאָנס (1818 — 1887), געבאָרנ אינ דער שטאַט אַלאַבאַמאַ, אינ א פאַמיליע, וואָס האָט אײַנגעוואַנדערט קײנ אַמעריקע אינ 1632. צו 12 יאָר ווערט ער א דרוקער אונ א צײַטונג־טרעגער. אינ 1868־טנ יאָר גיט ער אַרויס א וואָכנבלאַט „ספּעקטאַטאָר", אינ וועלכנ ער פאַרטײדיקט די רעכט פונ די נעגערס. אַלס מיטגליד פונ דער הערשנדיקער בורזשואַזער רעפּובליקאַנישער פּאַרטײ, קריגט ער צו 21 יאָר א רעגירונגס־שטעלע, ווערט אויכ אויסגעקליבנ פאַר א סעקרעטאַר פונעמ סענאַט אינ טעקסעס. 1873 זאָגט ער זיכ אָפּ פונ זײַנ אַמט אונ באַזעצט זיכ אינ טשיקאַגאָ, וו ער אַרבעט אַלס דרוקער. דאָרט ווערט ער א מיטגליד פונ דער דרוקער־יוניאָנ אונ פאַרינטערעסירט זיכ מיט דער אַרבעטער־פראַגע. 1875 ווערט ער א מיטגליד אינ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטײ פונ אַמעריקע, וואָס פאַראײניקט זיכ א יאָר שפּעטער מיט דעמ לינקנ פליגל פונ די טרעד־יוניאָנס אונטערנ נאָמענ „אַרבעטער־פּאַרטײ פונ די פאַראײניקטע שטאַטנ". ער ווערט אויכ א מיטגליד פונ די נאַיטס־אָוו־ליבאָר. (זע באַמערקונג 29). בײַם דעמ גרויסנ אײַזנבאַנ־שטרײַק פונ 1877 האַלט ער א רעדע פאַר א מאַסע פונ 20 ביז 30 טויזנט אַרבעטער. די טשיקאַגער „טײַמס", וו ער אַרבעט אַלס זעצער, זאָגט אימ דערפאַר אָפּ פונ זײַנ שטעלע. ער ווערט אַרעסטירט, אונ מע דראָעט אימ מיט מאָרד. צוויי יאָר איז ער אַרבעטסלאָז, אונ זײַנ פאַמיליע לײַדט גרויס נויט. די אַרבעטער שטעלנ אימ אַרויס בא די וואַלנ אַלס זײערנ קאַנדידאַט אינעמ שטאַטראַט אונ אינ קאָנגרעס. ער באַטײליקט זיכ אינעמ צוזאַמענפאָר פונ דער „אַרבעטער־פּאַרטײ פונ די פאַראײניקטע שטאַטנ" אינ 1878, ווענ זי נעמט אָנ דעמ נאָמענ „סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטײ". 1879 שטעלט די פּאַרטײ אימ אַרויס אַלס איר קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פונ די פאַראײניקטע שטאַטנ (ער האָט ניט אָנגענומענ, ווײַל ער איז נאָכ ניט געווענ אַלט 35 יאָר, ווי דאָס פאָדערט דער געזעץ). אינ דער זעלביקער צײַט אָרגאַניזירט ער די פאַראײניקונג פונ אַלע יוניאָנס אינ טשיקאַגאָ אונ אינ דער געגנט, האַלט אויכ הונדערטער רעדעס אונ טוט א גרויסע אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט אינ אַנדערע שטעט. אַנטוישט דורכ די מאַכינאַציעס פונ דער טשיקאַגער בורזשואַזיע ניט צוצולאָזנ קײנ אויסגעוויילטע אַרבעטער־פאָרשטײער צו די געזעצגעבנדיקע אָרגאַנענ, גײט אָפּ פּאַרסאָנס אינ יאָר 1880 פונ יעטווידער פּאָליטישער טעטיקײַט.

ער קאָנצענטרירט זײַנ גאַנצע ענערגיע אויפֿ קאַמפּ פֿאַר דער אַכטשאָ־באַוועגונג. ער שליסט זיכ אָנ אינ 1883 אינ דער אַנאַרכיסטישער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־פֿאָלקס־אַסאָציאַציע" (גלייבט, אַז דאָס איז אַ פֿאָרזעצונג פֿונעמ I אינטערנאַציאָנאַל). 1884 ווערט ער רעדאַקטער פֿונעמ „אַלאַרמ", דער ענגלישער אָרגאַנ פֿונ דער דאָזיקער אַסאָציאַציע. נאָכנ שטרײַק פֿונעמ 1־טנ מײַ 1886, ווענ די שטרײַק־פֿירער ווערנ ארעסטירט, געלינגט אימ צו באַהאַלטנ זיכ. קיינער קאָנ אימ ניט דערקאָנענ, נאָר ווענ זײַנע כאַווייריםמ ווערנ אָנגעקלאָגט אינ מאָרד, באַשליסט פּאַרסאָנס ניט לאָזנ זיי אַלייננ אונ גיט זיכ איבער פֿרײַוויליק צומ געריכט.

34. „אַלאַרמ" 5־טער דעקאַבער 1885, ציטירט אינעמ „ארבעטער־פֿרײַנט" פֿונעמ 15־טנ יאַנואַר 1886.

35. אויגוסט שפּיז (1855 — 1887), געבאָרנ אינ דײַטשלאַנד. באַזוכט אַ פֿאָליטעכניקומ. הערט אויפֿ שטודירנ, ווענ דער פֿאָטער שטאַרבט אונ די פֿאַמיליע בלײַבט אָרעמ. קומט קיינ אַמעריקע אינ 1872. ווערט אַ מעבל־ארבעטער. לייענט די ווערק פֿונ באָקלי, מאָרגאַנ אונ מאַרקס. שליסט זיכ אָנ אינ דער סאָציאַליסטישער ארבעטער־פּאַרטיי, 1877. לויט זײַנ אויטאָביאָגראַפֿיע, געשריבנ אינ טורמע, נאָכ דעמ, ווי ער איז פֿאַרורטיילט געוואָרנ צומ טויט, איז שפּיז, אַזוי ווי פּאַרסאָנס, אונטער דער ווירקונג פֿונ די שווינדלערײַענ אונ שפּיצלעכ פֿונ דער בורזשואַזיע קעגנ די קאַנדידאַטנ פֿונ דער ארבעטערשאַפֿט געוואָרנ אַנטוישט אינעמ פּאָליטישנ קאַמפּ. דאָס טרײַבט אימ אינעמ אַנאַרכיסטישנ לאַגער.

36. בריוו צו פֿ. זאָרגע פֿונ 20־טנ אַפּרעל 1886.

•

צו קאַפּיטל 5

37. בריוו צו באָלטע פֿונ 23־טנ נאָיאַבער, 1871. מאַרקס־ענגעלס „אויסגעווילטע בריוו", אַרויסגעגעבנ פֿונ מאַרקס־ענגעלס־לענינ־אינסטיטוט, מאָסקווע, 1934. קאַרל מאַרקס האָט זיכ שטאַרק אינטערעסירט מיט דער ארבעט פֿונ דער „8־שאָ־ליגע". ער האָט זיכ אויכ געשטעלט מיט איר אינ פֿאַרבינדונג צו קריגנ די ליטעראַטור (מאַרקס בריוו צו זאָרגע פֿונ 19־טנ סענטיאַבער 1879).

38. פֿ. זאָרגעס באַמערקונגענ צו מאַרקס בריוו פֿונעמ 12־טנ סענטיאַבער 1871.

39. „פּראָטאָקאָלנ פֿונ די קאָנווענשאָנס פֿונ דער אַמעריקאַנער פֿעדערײשנ אָוו ליבאָר" 1884 — 1885. אינ 1888 האָט אַ קאָנווענשאָנ פֿונ דער זעלבער אָרגאַניזאַציע ווידער באַשלאָסנ צו דערקלערנ אַ גענעראַל־שטרײַק אויפֿ דעמ 1־טנ מײַ (1890) מיט דער פֿאָדערונג פֿונ אַנ 8־שאָעדיקנ ארבעטסטאָג. אויפֿ דעמ גרינדונגס־קאָנגרעס פֿונ דעמ II אינטערנאַציאָנאַל (אויגוסט 1889) איז באַשלאָסנ געוואָרנ אָנצונעמענ אַט די קאַמפּ־דאַטע פֿונ דעמ אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט — דעמ 1־טנ מײַ — פֿאַר דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־באַוועגונג. די פֿירער פֿונ דער „אַמעריקאַנער פֿעדערײשאָנ־ליבאָר", גאָמפּערס אונ אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע אַגענטנ, האָבנ באַלד פֿאַראַטנ די באַשלוסנ פֿונ איר 7־טער אונ 8־טער קאָנווענשאָנ. זיי האָבנ ניט דורכגעפֿירט קיינ שטרײַק פֿאַרנ 8־שאָעדיקנ ארבעטסטאָג, זיכ ניט באַטייליקט אינ דער אינטערנאַציאָנאַלער דעמאָנסטראַציע פֿונעמ 1־טנ מײַ 1890, אונ אויכ ניט אינ די שפּעטערדיקע ערשטמײַיקע אַרויסטרעטונגענ (ק. מאַרמאָר „דער ערשטער מײַ", „האַמער", 1926, זז. 20 — 24).

40. „אַמאָל אינ אַמעריקע", זז. 173 — 180.

41. רייזנדיק וועגנ דעמ פּראָצעס פֿונ די רוסישע רעוואָלוציאָנערע פֿאָלקיסטנ, די „נאַראָדאָוואָלצעס", וואָס האָבנ דערהאַרגעט דעמ צאַר אַלעקסאַנדער II, דערקלערט מאַרקס, אַז „דאָס זײַנענ דורכ אונ דורכ טיכטיקע לײַט, אָנ מעלאָדראַמאַטישער פּאָזע, איינפֿאַכע, זאַכלעכע, העראָישע. שרײַענ אונ טאָנ זײַנענ אומפֿאַרייניקבאַרע קעגנזאַצנ. דער פּעטערבורגער אויספֿיר־קאָמיטעט, וואָס האַנדלט אַזוי

ענערגיש, לאָזט ארויס מאַניפעסטנ פונ ראפינירטער „טעטיקײַט“. דאָס איז װײַט אװעק פונ דער שול־ױנגלשער מאַניר פונ מאָסטנ אונ פונ אנדערע קינדישע שרײַ־ערס, װאָס פריידיקנ טיראַנענ־מאָרד אלס א „טעאָריע“ אונ אלס אנ „אלהיילמיטל“ (בריװ צו זײַנ טאָכטער זשעני פארנ 11־טנ אפרעל 1881):

42. „סאָציאַלע טרײַב־קרעפטנ“ ז. 315, סיימאָנס דערציילט, אז די אמעריקאנער ארבעטער האָבנ דערװארט דעמ גענעראַל־שטרײַק פונעמ 1־טנ מײַ 1886 מיט „רעליגיעזער היסלאַװעס“, כאָטש קיינ אייג באדײַטנדיקע אָרגאַניזאציע האָט ניט באשטימט אָט די דאטע (די „אמעריקאנער פעדעריישנ־אָװ־לייבאָר“ פונ יענער צײַט האָלט סיימאָנס ניט פאר קיינ באדײַטנדיקער). די „נאַיטס־אָװ־לייבאָר“ (איר פירערשאפט) האָט זיכ אָפיציעל אָפגעזאָגט פונ אָט דער דאטע. דאָכ איז די באװעגונג געװאקסנ אונ האָט דערגרייכט אזא פארנעמ, אז עס האָט גענומענ דראָענ מיט אנ ערנסטער פארקלענערונג פונ דעמ כיילעק, װאָס דער קאפיטאַל נעמט פונעמ אר־בעט־פּראָדוקט, אונ דעמ הערשנדיקנ קלאַס האָט ארומגעכאפט א מינ פאניק.

43. לויט בראָדסטריט, ציטירט פונ י. סולטאנ, „רעװאָלט־מאָמענטנ אינ דער אמעריקאנער געשיכטע“, ניו־יאָרק, 1934, ז. 28.

44. „די טשיקאַגאָ־טריבונ“ איז אויכ הײַנט איינע פונ די פארביסנסטע העצ־בלעטער קעגנ דער רעװאָלוציאָנערער ארבעטערשאפט.

45. זע לינגס דערקלערונג אינ באמערקונג 61. ענלעכס דערציילנ אויכ אלבערט פארסאָנס אונ אויגוסט שפיז אינ זייערע אויטאָביאָגראפיעס. זע אויכ „סאָציאַלע טרײַב־קרעפטנ“, ז. 315.

46. א קאָרעספּאָנדענצ פונ טשיקאגאָ (דאטירט דעמ 25־טנ מײַ 1886) צומ לאָנדאָנער „ארבעטער־פרײַנט“ דערציילט, אז אנערעכ 6000 שטרײַקער פונ מעקאָר־מיקס פאבריק האָבנ נאָכ זייערע א פארזאמלונג געמאכט א פרוװ צו „שטערנ“ די „סקעבס“ (שטרײַק־ברעכערס) אינ דער ארבעט. דער פאבריקאנט האָט גלײַכ גע־שיקט נאָכ פּאָליציי אונ אינ איניקע מינוטנ זײַנענ בא דער פאבריק געשטאנענ אומגעפער 150 פּאָליסלײַט (פּאָליציאנטנ) מיט רעװאָלװערנ אינ די הענט. די „פּאָ־ליסלײַט“ זײַנענ „באפאלנ װי װילדע טיגער“ די ארבעטער, װעלכע האָבנ זיכ „נאָר געקאָנט פארטיידיקנ מיט שטיינער“. א באריכט אינ דער „שיקאגער דיילי ניוס“ פונ דעמ זעלביקנ טאָג (3־טער מײַ) האָט מיטגעטיילט, אז 6 ארבעטער זײַנענ גע־פאלנ טויט, אונ 20 זײַנענ געװענ פארװונדעט.

47. דער אופרופ פונ אויגוסט שפיז איז פארשפּרייט געװאָרנ אינ ענגליש אונ אינ דײַטש. כ'ברענג דאָ דעמ ענגלישנ אופרופ, װי ער איז איבערגעדרוקט אינ די זיכרוינעס װעגנ דעמ פּראָצעס פונ די אנארכיסטנ, געשריבנ פונ איינעמ פונ זייערע אדװאָקאטנ, זיגמונד ציישלער, אינעמ יורידישנ זשורנאַל פונ די אוניװער־סיטעטנ פונ טשיקאגאָ אונ פונעמ שטאט אילינאָיס, נאָיאבער־נומער, 1926, זז. 224 — 250.

Sigmund Zeisler, Reminiscences of the Anarchist Code.
Illinois Law Review, vol. XXI, № 3, November, 1926 p.p. 224—250.

ארבעטער, צו װאפנ!

אײַערע באלעבאטימ האָבנ ארויסגעשיקט זייערע בלוט־הינט — די פּאָליציי. זיי האָבנ הײַנט נאָכמיטיק דערמאָרדעט 6 פונ אײַערע ברידער בא מעקאָרמיקנ. זיי האָבנ דערמאָרדעט אָט די אָרעמע לײַדנדיקע זיי האָבנ דערמאָרדעט אָט די עלנטע מענטשנ, װײַל זיי האָבנ, אזוי װי איר, געהאט דעמ מוט ניט אונטערצוװארפנ זיכ צו דעמ הויכמוטיקנ װילנ פונ אײַערע באלעבאטימ. זיי האָבנ דערמאָרדעט, װײַל זיי האָבנ געװאגט צו פאָדערנ א קירצערנ ארבעטסטאָג. זיי האָבנ דערמאָרדעט, צו װײַזנ אײַכ, „פרײַע אמעריקאנער בירגער“, אז איר מוזט זיכ צופרידנשטעלנ מיט דעמ, װאָס אײַערע באלעבאטימ װעלנ אײַכ נאָר צוװארפנ, אָדער איר װעט װערנ אויסגעשלאכטעט!

יאָרנלאַנג האָט איר געדולדעט די ערגסטע דערנידעריקונגענ; יאָרנלאַנג האָט איר געליטנ אומגעהייערע אומגערעכטיקײַטנ; איר האָט געהאָרעוועט איבער אײַערע קויכעס; איר האָט געליטנ הונגער אונ נויט; איר האָט אײַערע קינדער געבראַכט פאַר קאָרבאָנעס צו די פאַבריק-מאַגנאַטנ — קורצ, איר זײַט די אַלע יאָרנ געווענ עלנטע געהאָרכזאַמע שקלאַפנ. פאַרוואָס? קעדיי צופרידנצושטעלנ די אומזעדזעטיקלעכע גיריקײַט אונ אָנצופילנ די קאַסעס פונ אײַער רויבערישנ האַר! ווענ איר בעט אימ איצט צו פאַרלײַכטערנ אײַער יאָכ, שיקט ער ארויס זײַנע בלוט-הינט אײַכ צו דערשיסנ, אײַכ צו דערמאָרדנ!

אויב איר זײַט מענער, אויב איר זײַט זינ פונ אײַערע פאָטערס, וועלכע האָבנ פאַרגאָסנ זייער בלוט, קעדיי אײַכ צו באַפרײַענ, אַזוי דערהייב זיכ אינ דײַנ מאַכט, הערקולעס, אונ צעשטער דעמ עקלדיקנ מאָנסטער (פאַרזעעניש), וואָס זוכט דיכ צו פאַרניכטנ.

צו געווער רופנ מיר אײַכ, צו געווער!

אײַערע ברידער“.

אינ דײַטש איז אינ אָט דעמ „ראַבע-צירקוליאַר“ געשטאַנענ אַזוי:

„אַרבעטער-לײַט! איר זײַט געקומענ צו אַזאַ פּונקט, ווו די וועגנ טיילנ זיכ. וועלכנ וועג וועט איר אויסקלײַבנ? פונ שקלאַפערײַ אונ הונגער, אָדער פונ פרײַהײַט אונ ברויט? אויב איר וועט אויסקלײַבנ דעמ צווייטנ וועג, טאָ ליגט עס ניט אָפּ אַפ קיינ איינ רעגע, טאָ נעמט זיכ פאַרנ געווער!“ (ק. מאַרמאָר — „די שיקאַגער מאַרטירער“, „פרײַהײַט“ פונ 13-טנ נאָיאַבער 1927).

48. שפּיז האָט אינ זײַנ רעדע אַפ הײמאַרקעט-סקווער דעמ גרויסקאַפּיטאַליסטישנ מעקאָרמיק געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעכ פאַר דער בלוט-פאַרגיסונג פונעמ 3-טנ מײַ. דערבײַ האָט שפּיז אָנגעוויזנ, אַז אינ טשיקאַגאָ געפינענ זיכ פונ 25 ביז 30 טויזנט פאַמיליעס, וואָס לײַדנ הונגער („אַרבעטער-פרײַנט“, יול, 1886). פּאַרסאָנס האָט גערעדט וועגנ דער 8-שאָ-באַוועגונג אונ אָנגעוויזנ אַפ די נויטנ פונעמ אַרבעטער-קלאַס אינ טשיקאַגאָ אונ אינ די פאַראייניקטע שטאַטנ בכלל. ער האָט ציטירט די ווערטער פונ דער בורזשואַזער צײַטונג „ניו-יאָרק העראַלד“, פונ דער צײַט פונ אײַזנבאַנ-שטרײַק: „גיט זיי די ביקסנ-דיעטע אונ זעט, וויאַזוי זיי וועלנ ליבנ אָט דעמ סאָרט דיעטע“. ער האָט אויכ ציטירט די רייד פונ אַנדערע בורזשואַזע וואָרטפירער קעגנ דעמ אַרבעטער-קלאַס. ער האָט אויפגעפאָדערט די אַרבעטער צו פאַרטיידיקנ זייער פרײַהײַט, צו שטיינ פאַראייניקט, ווײַל אינ אייניקײַט איז זייער מאַכט. (אַלבערט פּאַרסאָנס לעבנ, ענגליש, ארויסגעגעבנ פונ ליוסי פּאַרסאָנס, שיקאַגאָ, 1889, ז. 116 — 127). אינ אַ קאָרעספּאָנדענצ צו דער דענווערער אַרבעטער-צײַטונג „ליבאָר אָוו קוריער“ פונעמ 17-טנ מײַ 1886, דערציילט פּאַרסאָנס פרוי ליוסי, אַז די פאַרזאַמלונג אַפ הײמאַרקעט-סקווער איז באַפאַלנ געוואָרנ פונ 300 פּאָליציאַנטנ אונ אַז 50 פונ זיי זײַנענ פאַרוואונדעט געוואָרנ פונ דער באָמבע. ווענ ענגעלס ווערט באַקאַנט מיט די ריכטיקע פאַקטנ פונ דער פּראָוואָקאַציע פונ דער אַמעריקאַנישער בורזשואַזיע אונ פונ איר קאָרופּטירטנ געריכט, קעגנ די טשיקאַגער אָנגעקלאָגטע אַרבעטער-פירער, איז ער (ענגעלס) געווענ אײַנשטימיק מיט דיטצגענ אונ זאָרגענ, אַז די גאַנצע אַרבעטער-באַוועגונג דאַרפ שטיצנ די אָנגעקלאָגטע, ניט געקוקט אַפ קיינע פאַרטיי-דיפערענצנ (זע ווײַטער, באַמערקונג 49). שפּעטער, ווענ די טשיקאַגער אַנאַרכיסטנ ווערנ פאַרורטיילט צומ טויט, שרײַבט ענגעלס צו זאָרגענ (דעמ 29-טנ נאָיאַבער 1886), אַז אינ קיינ לאַנד אינ דער וועלט טרעט ניט אויפ די בורזשואַזיע „אַזוי אומפאַרשעמט אונ טיראַניש“ ווי אינ אַמעריקע, אונ די אַמעריקאַנישע ריכטער זײַנענ נאָכ ערגער ווי די ביסמאַרקישע אינעמ קייזערלעכנ דײַטשלאַנד“.

49. אינ זײַנ בריוו צו פ. וואָרגע פונעמ 17-טנ מײַ 1886 שרײַבט יאָזעפ דיטצגענ, אַז ער האָט געהאַט די זעלביקע מיינונג ווי וואָרגע, אַז מענ דאַרפ ניט איבער-

טרײַבנ דעמ אונטערשייד צווישנ די אנאַרכיסטנ מיט די סאָציאַליסטנ, אַפּ וויפל דאָס זײַנענ „ריינע מיינונג-אונ אָרגאַניזאַציע-דיפערענצנ“, אונ אַז ווי נאָר דער פּערסאָנאַל פֿונ דער „אַרבעטער-צײַטונג“ איז „אַרײַנגעכאַפּט געוואָרנ אינ פּאָליציישע נעצנ“, האָט ער גלײַכ פֿאָרגעלייגט זײַנ דינסט אונ מע האָט עס טייקעפּ אָנגענומענ. דערבײַ גרענעצט זיכ אָבער דיטצגענ גלײַכ אָפּ פֿונעמ „מאָסטיאַניזמ“, מיט וועלכנ ער קאָנ ניט שליסנ קיינ פֿרידנ. אינ א בריוו צו זאָרגענ פֿונעמ 16-טנ סעפּטעמבער דערקלערט ענגעלס, אַז ער קאָנ ניט אײַנשטימענ מיט דיטצגענ, „דער מאָמענט,— זאָגט ענגעלס,— מעג עס אנטשולדיקנ, אָבער ער זאָל אויכ אינעמ אנטשיידענעמ מאָמענט ניט פֿאַרגעסנ זײַנ גאַנצע דיאַלעקטיק“..

50. דער גובערנאַטאָר אַלטגעלד, וואָס האָט באַפֿרײַט (26-טנ יונ 1893) די דרײַ פּאָליטישע אַרעסטירטע פֿונ 1886 (די גרויסבורזשואַזיע האָט אימ דערפֿאַר מער ניט צוגעלאָזנ צו קיינ אַמט), האָט דערקלערט אינ זײַנ אָפֿיציעלער אַמניסטיע-שריפֿט: „1) די געשוואָרענע ריכטער, וואָס האָבנ געפֿירט דעמ פּראָצעס, זײַנענ לעכאַטכילע אויסגעקליבנ געוואָרנ מיט דעמ זינ צו פֿאַרורטיילנ. 2) לויט זייערע אייגענע דערקלערונגענ זײַנענ די געשוואָרענע ריכטער ניט געווענ קאָמפּעטענט, אונ דער גאַנצער פּראָצעס איז דעריבער ניט געווענ געזעצלעכ. 3) עס איז מיט קיינ זאַכ ניט באַוויזנ געוואָרנ, אַז די אָנגעקלאָגטע זײַנענ שולדיק. 4) דער פּראָקוראָר האָט אַליינ דערקלערט, אַז ער האָט ניט קיינ שומ באַשולדיקונג קעגנ ניבע, דאָכ האָט מענ אימ די אַלע יאָרנ געהאַלטנ אינ טורמע. 5) דער הויפּטריכטער, וואָס האָט געפֿירט דעמ פּראָצעס, איז אָדער געווענ אַזוי פֿאַרויסגעשטימט קעגנ די אָנגעקלאָגטע, אָדער אַזוי פֿאַרינטערעסירט צו געווינענ די צושטימונג פֿונ א געוויסנ קלאַס אינ דער געמיינדע, אַז ער האָט ניט געקאָנט פֿירנ אונ האָט טאַקע ניט געפֿירט קיינ ערלעכנ פּראָצעס“.

פֿראַנק העריס אינ זײַנ דערציילונג „די באָמבע“ שרײַבט: „דאָס געריכט-הויז איז געווענ געפּאַקט מיט פֿרײַנט פֿונ דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, מיט רײַכ-געקליידטע בירגער, וואָס האָבנ אָפֿנ אַרויסגעוויזנ זייערע געפֿילנ... דעמ פּראָלעטאַריאַט, וואָס ציילט צוויי מאָל אַזויפֿיל ווי די רײַכע, איז ניט דערלויבט געוואָרנ צו שיקנ זײַנע פֿאַרשטייער אינעמ געריכט; ווער ס'איז אַהינ געקומענ, איז אַרעסטירט געוואָרנ אונ אַוועקגעשיקט אינ טורמע. מע האָט זיכ דערבײַ ניט גערעכנט מיט געזעצלעכקײַט, קעדיי אָפּצושלאָגנ דעמ כיושעק בא די איבעריקע“. פֿונ די איבער טויזנט אײַנגעלאַדענע קאַנדידאַטנ פֿאַר געשוואָרענע ריכטער זײַנענ בלויז 10 געווענ פֿונעמ אַרבעטער-קוואַרטאַל, וואָס האָט געהאַט א באַפֿעלקערונג פֿונ איבער 130 000, איבער א פֿערטל פֿונ גאַנצ טשיקאַגאָ. אויכ די צענ קאַנדידאַטנ „זײַנענ אַלע געווענ פּערזענלעכ אויסגעקליבנ דורכ דער פּאָליציי“. ווענ איינער פֿונ די אויסגעווײלטע קאַנדידאַטנ האָט אַליינ צוגעגעבנ, אַז ער האָט א פֿאָרורטייל קעגנ די אָנגעקלאָגטע, אונ זייער אַדוואָקאַט האָט פֿאַרלאַנגט ניט צוצולאָזנ אימ, האָט דער פּאַרזיצער פֿונעמ געריכט, דער ריכטער גערי, אימ פֿונדעסטוועגנ דערלויבט צו בלײַבנ א געשוואָרענער ריכטער.. „דער ריכטער גערי האָט פֿונ אָנהייב ביזנ סאָפֿ געשטיצט דעמ פּראָקוראָר גרינעל אונ באַקעמפֿט דעמ אַדוואָקאַט פֿונ די אָנגעקלאָגטע.. ער האָט דערלויבט צו ברענגענ אַלס באַווײַז קעגנ די אָנגעקלאָגטע א בוכ פֿונ מאָסטנ, דעמ האַלב-מעשוגענעמ אַנאַרכיסט, כאָטש ס'איז ניט געווענ קיינ מינדסטער באַווײַז, אַז עמעצער פֿונ די אָנגעקלאָגטע האָט דאָס בוכ געזעענ“. „די אײדעס פֿונ דער באַשולדיקונג האָבנ אַליינ צוגעגעבנ, אַז זיי זײַנענ אַגענטנ פּראָוואָקאַטערס“.

ראָבערט העריק, פּראָפֿעסאָר פֿונ טשיקאַגאָ-אוניווערסיטעט אינ זײַנ דערציילונג „דערינערונגענ פֿונ אַנ אַמעריקאַנער בירגער“ דערציילט, אַז די געשוואָרענע ריכטער זײַנענ באַשטימט געוואָרנ פֿאַרויס אינ די קאַנטאָרנ פֿונ די מיליאָנערנ. ווענ דער אַדוואָקאַט פֿונ די אָנגעקלאָגטע, קאַפּיטאַנ בלעק, האָט באַוויזנ, אַז זיי האָבנ

פאַרויסבאַשטימטע מיינונגענ, פאָרורטיילנ אונ קאָנענ לויטנ געזעצ ניט זײַנ קיינ
געשוואָרענע ריכטער, האָט זיכ אַרײַנגעמישט דער פּרעזידירנדיקער ריכטער גערי אונ
אַרײַנגעליוגט דעמ געשוואָרענעמ ריכטער אינ מויל דעמ ענטפער: „איכ גלייב, אַז
כ'וועל אורטיילנ דעמ פּראָצעס בלויז לויט די באַווײַזנ, אָנשטענדיק". פּראָפעסער
העריק אונטערשטרײַכט אויכ דעמ פאַקט, אַז אַכוצ געוויינלעכע אַנאַרכיסטישע פּראַ-
זעס איז ניט געווענ דער מינדסטער באַווײַז, אַז די אָנגעקלאָגטע האָבנ וועלכע-
ס'ניט־איז שײַכות צומ וואַרפנ די באָמבע. דער ריכטער האָט אָבער דערקלערט די
געשוואָרענע ריכטער דעמ באַטײַט פונ אופּרייצנ אונ בונטעווענ, אונ מע האָט זיי
פאַרורטיילט אַלס „אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט".

ענלעכע פאַקטנ, וויאַזוי די בורזשואַזיע האָט געטראָטנ אַפּ אירע אייגענע גע-
זעצנ, אַבי צו ברענגענ די טשיקאַגער אַרבעטער־פירער אַפּ דער טליִע, אונ דורכ דעמ
אָפּצושטעלנ די אַגיטאַציע פאַרנ 8־שעהדיקנ אַרבעטטאָג, ווערנ אויכ דערציילט אינ
די (אינ באַמערקונג 47) דערמאָנטע זיכרוינעס פונעמ אַדוואָקאַט פונ דער פאַרטיי-
דיקונג, זיגמונד צייסלער.

צו קאַפּיטל 6

51. ענגעלס אינעמ בריוו צו זאָרגענ פונ 9־טנ אַפּריל 1887 דערקלערט, אַז
דער דערפאָלג פונ „די פרילינג־וואַלנ אינ טשיקאַגאָ אונ סינסינעטי האָט געהאָלפנ
צו פאַרשטאַרקנ די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אינ ענגלאַנד.

52. „געש. יִיד. אַרב־באַוועגונג", ז. 119.

53. (מיטגעטיילט פונ עדעלשטאַטס שוועסטער), אינ דער וואַל־קאַמפּאַניע פאַר
הענרי דזשאָרדזש האָבנ זיכ באַטייליקט אויכ אַנדערע אַנאַרכיסטנ („אַמאָל אינ
אַמעריקע", ז. 186 — 188). פונ דער אַנדערער זײַט, האָט דער סאָציאַליסטיש-
אָפּאָרטוניסטישער לאָנדאָנער „אַרבעטער־פרײַנט", אונטער דער רעדאַקציע פונ ווינ-
טשעווסקינ אונ קראַנצ, דערקלערט (אינעמ אָקטיאַבער־נומער 1886), אַז „עס וואָלט
געווענ פיל בעסער פאַר די אינטערעסנ פונ „די אַרבעטער־קלאַסע" צו שטרעבנ צו
באַפרײַענ אונדזערע טשיקאַגער העלדמוטיקע גענאָסנ", איידער „צו פאַרלירנ אַזויפיל
צײַט אונ פּאַפּיר" אַפּ אויסצוווײלנ הענרי דזשאָרדזש, וועלכער „איז קיינ סאָציאַ-
ליסט" אונ מע האָט „גאַרניש צו דערוואַרטנ אַפילע אינ בעסטנ פאַל... די עקאָ-
נאָמישע לאַגע פונ די נײַ־יאָרקער אַרבעטער וועט זיכ אַפּ אַ האָר ניט אויסבע-
סערנ".

54. דאַוויד גרינבערג (1852 — 1917) האָט אינ רוסלאַנד געהייסנ דאַוויד זאַ-
היִק. אונטער אָט דעמ נאָמענ האָט ער פאַרפאַסט זײַנ פּיעסע „די ראָזע צווישנ דער-
נער" (פּעטראָקאָוו, 1884). קיינ אַמעריקע קומט ער אינ 1885, אַרומ דער צײַט
פונ דער באַוועגונג פאַרנ גענעראַל־שטרײַק פונעמ 1־טנ מײַ 1886. אַ געוויסע צײַט
שרײַבט ער רעוואָלוציאָנערע לידער אונ אַרטיקלענ. אינ די 90־ער יאָרנ ווערט
ער אַ ציִעניסט אונ שרײַבט נאַציאָנאַליסטישע לידער, מערנסטייל אונטער דעמ
נאָמענ ד. ג. בענ־ישי. אַ טייל פונ אָט די לידער איז דערשינענ אינ בוכ־פאָרמ —
„די יידישע האַרפע", פּיטסבורג, 1897. אינ די ביִאָגראַפישע נאָטיצנ, וואָס איכ
האָב אַמאָל געקראָגנ פונ זײַנ אַלמאָנע, דערמאָנט זי, אַז ער האָט אינ די 80־ער
יאָרנ געהערט צוזאַמענ מיט דאַוויד עדעלשטאַט אונ הילעל זאָלאָטאַראָוו צו אַנ אַפּי-
קאָרסיש קרײַזל אינ סינסינעטי.

55. די שוועסטער זײַנע געדענקט ניט גענוי די צײַט, ווענ עדעלשטאַט האָט
פאַרלאָרנ זײַנ אַרבעט־פּלאַצ אַלס שטראָף פאַר זײַנ יוניאָנ־טעטיקײַט. ס'איז אָבער
זיכער, אַז דאָס איז פאָרגעקומענ אונטער דער ווירקונג פונ דער באַוועגונג פאַרנ
גענעראַל־שטרײַק פונ 1886 אונ פונ דער אַלגעמיינער אויפלעבונג נאָכ די געשעע-
נישנ פונעמ 1־טנ מײַ אינ טשיקאַגאָ.

56. ציטירט לויטנ „ארבעטער־פרײַנט“ פאר נאָיאבער 1887.

57. אינ ענגלאנד האָבנ די רעוואָלוציאָנערע ארבעטער דורכגעפירט א גרויסע פראָטעסט־דעמאָנסטראציע. אינ דײַטשלאנד האָבנ די סאָציאַל־דעמאָקראטנ געשיקט א פראָטעסט־טעלעגראמע צומ גובערנאטער פונ שטאט אילינאָיל (צו וועלכנ טשיקאגאָ געהערט) מיט די אונטערשריפטנ פונ בעבעל, גרילנבערג, ווילהעלמ ליבקנעכט אונ פאול זינגער (מארקס־ענגעלס, בריוו צו בעבעל, ליבקנעכט אונ אנדערע. ערשטער טייל, ז. 452). עס זײַנענ אויכ געווענ פעטיציעס, אפ וועלכע ס'האָבנ זיכ אונטערגעשריבנ בארימטע שרײַבער פונ ענגלאנד אונ אמעריקע, צומבײַשפּיל, אָסקאר ווײַלד, בערנארד שאָו, ווילליאמ דינ, אועלס אד.ג.

58. ציטירט פונ פּעטער קראָפּאָטקינענ, לויטנ „ארבעטער־פרײַנט“ פאר נאָיאבער 1887.

59. לויסי פּאַרסאָנס באטייליקט זיכ שוינ א סאכ יאָרנ אינ די מאסנ־אָרגאניזאציעס פונ דער קאָמוניסטישער באוועגונג אונ איז באזונדערס אקטיוו אפנ געביט פונ דער אינטערנאציאָנאלער ארבעטער־פארטיידיקונג („א. ל. ד.“ — „מאָפּר“), אויכ די אלמאָנע פונ אויגוסט שפּיז נעמט איצט אנטייל אינ דער רעוואָלוציאָנערער ארבעטער־באוועגונג אונטערנ אָנפיר פונ דער קאָמ. פארטיי.

60. די בורזשואזע פּרעסע האָט בא איר גאנצער בייזוויליקײַט ניט געקאָנט אפּשוואכנ דעמ גוואלדיקנ אײַנדרוק, וואָס עס האָט געמאכט דער העלדנ־מוט פונ די טשיקאגער ארבעטער־מארטירער. זיי זײַנענ געגאנגענ צומ עשאפאָט מיט אויסערגעוויינלעכנ מוט, ווי מענטשנ, וואָס זײַנענ זיכער, אז זייער טויט וועט פיל אופטאָנ פאר זייער לעבנ־אידעאל. זיי זײַנענ געשטאנענ פעסט, אפילע, ווענ מע האָט זיי אָנגעטאָנ די שלייפנ אפ די העלדזער. ווענ מע האָט זיי אָנגעטאָנ די מיצנ אפ די קעפּ אונ זיכ געגרייט צו פארציִענ די שלייפנ, האָבנ זיכ פונ אונטער די מיצנ צום ערשט דערהערט די היסטאָריש־געוואָרענע ווערטער פונ אויגוסט שפּיז. אונ דער שריפטזעצער אדאָלפ פישער: „דאָס איז דער גליקלעכסטער מאָמענט פונ מײַנ לעבנ!“ דער לעצטער, פּארסאָנס, האָט געוואָלט האלטנ א רעדע. ער האָט אָנגעהויבנ אזוי: „וועט מיר דערלויבט זײַנ צו ריידנ, אָ מענער פונ אמעריקע! לאָז מיכ ריידנ, שעריפ מאטסאָנ! זאָל די שטימ פונ פאָלק געהערט ווערנ! אָ“ — נאָר דער קאפּיטאליסטישער דינער, דער שעריפ (דער באאמטער, וואָס האָט די אויפזיכט איבער דער דורכפירונג פונעמ געזעצ) האָט גלײַכ געגעבנ דעמ צייכנ אונ די שלייפנ זײַנענ טייקעפ פארצויגנ געוואָרנ.

61. אינ זײַנ שלוס־רעדע נאָכ דער פארורטיילונג האָט דער יונגער מעבל־ארבעטער לויִס לינג שארפ דעמאסקירט דאָס גאנצע צוויִעס פונעמ געריכט. ער האָט פעסטגעשטעלט, אז די אלע דינער פונ דער בורזשואזיע, פונ דער פּאָליציי ביזנ פּראָקוראָר, באשטייענ פונ גאנאָווימ אונ זשוליקעס, פונ באוווסטזיניקע ליגנער אונ פארשווערערס, אונ ער האָט דערצו באמערקט: „אונ איר טאַדלט מיכ נאָכ פאר מײַנ פאראכטנ אזוינע „פארטיידיקער פונ געזעצ“. — אזוינע אומגעהייערע היפּאָקריטנ!“ לינג דערמאָנט, וויאזוי אָט די „פארטיידיקער פונ געזעצ“ האָבנ ברוטאל אונטערגעדריקט יעדנ פּרווו פונ די ארבעטער צו פארבעסערנ זייער לאגע דורכ זייערע טרעד־יוניאָנענ, ווי אויכ דורכ גוואלט־מיטלענ, ניט דערלאָזנ צו באנוצנ זיכ מיט זייער וואל־רעכט. אפ דעמ, וואָס מע האָט די אָנגעקלאָגטע באשולדיקט אינ א פארשווערונג, ענטפערט לינג: „דער עלנט פונ די מאסנ, די רויבערײַענ פונ דער קאפּיטאליסטישער היענע האָט אונדז צוזאמענגעבראכט אינ אונדזער אגיטאציע ניט אלס פּערזאָנענ, נאָר אלס מענטשנ, וואָס ארבעטנ פאר דער זעלביקער זאכ. דאָס איז „די פארשווערונג“, פאר וועלכער איר האָט מיכ פארורטיילט.

לויִס לינג וויל ניט קיינ גנאָד פונ די בורזשואזע ריכטער, ער דערקלערט זיי:

שטאָלצ: „איכ האָב גערופֿנ די בארויבטע אונ אונטערדריקטע מאסנ צו שטעלנ זיכ קעגנ דער מאכט פֿונ זייערע אונטערדריקער. אַט די מאכט איז באזירט אַפֿ שענדלעכע געזעצנ, וואָס ווערנ דורכגעפֿירט אינ די אינטערעסנ פֿונ קאַפּיטאַל דורכ באוואָפֿנטער מאכט. איכ האָב זיי גערופֿנ זיכ צו שטעלנ קעגנ דער דאָזיקער מאכט, קעדיי זיי זאָלנ זיכ קאָנענ דערשלאָגנ צו א ווירדיקער אונ מענטשלעכער עקזיסטענצ דורכ דעמ, וואָס זיי וועלנ קריגנ דעמ פֿולנ ווערט פֿונ זייער ארבעט. דאָס אונ בלויז דאָס איז דער „פֿארברעכנ“, וואָס איז קעגנ מיר דערווייזנ געוואָרנ. פֿארלייכטערנ דעמ אורטייל וועט זיינ א באווייז, אז דער הערשנדיקער קלאַס, וועמענ איר פֿארטרעט, שעמט זיכ פֿאר זיינ טאַט. איכ כאַזער איבער, אז איכ בינ א סוינע פֿונ דער היינטיקער אָרדענונג, אונ איכ כאַזער איבער, אז אַזוי לאַנג ווי ס'בלייבט אַנ אָטעמ אינ מיר, וועל איכ זי באַקעמפֿנ מיט אַלע מיינע קויכעס. איכ דערקלער נאָכאַמאָל פֿריי אונ אָפֿנ, אז איכ בינ פֿאַר נוצנ געוואַלט. — ווענ איר וועט אונדז קאַנאָנעדירנ, וועלנ מיר אייכ דינאַמיטירנ. איכ פֿאַראַכט אייכ, פֿאַראַכט אייער אָרדענונג, אייערע געזעצנ, אייער אויטאָריטעט, וואָס האַלט זיכ אַפֿ ברוטאַלער מאַכט. הענגט מיכ דערפֿאַר!“

62. די דריי טשיקאַגער פּאָליטישע ארעסטאַנטנ זיינענ באַפֿרייט געוואָרנ ערשט דעמ 26-טנ יונ 1893, ערעוו דער וועלט-אויסשטעלונג פֿונ טשיקאַגאָ. אַפּאַנעמ קעדיי צו מאכנ א גוטנ איינדרוק אַפֿ די באַזוכער פֿונ אַלע וועלט-טיילנ (זע אויבנ, באַמערקונג 50).

צו קאַפּיטל 7

63. „פֿאָלקס-אַדוואָקאַט“, 7-טנ דעקאַבער 1888.

64. סערגיי שעוויטש — דער רעדאַקטער פֿונ דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער „ניו-יאָרקער פֿאָלקסצייטונג“, פֿארלאָזט אַמעריקע סאָפּ מיי 1890 („ארבעטער-צייטונג“, 23-טער מיי). ער באַזוכט רוסלאַנד אונ באַזעצט זיכ נאָכדעמ אינ דייטשלאַנד. דער בערלינער „פֿאָרווערטס“ אונטער ליבקנעכטס רעדאַקציע ברענגט דעמאָלט די נייעס, אז שעוויטש איז געוואָרנ א צאַרישער באַאַמטער אינ ריגע, אונ דערקלערט אימ פֿאַר א פֿאַררעטער. אויכ וואַרפֿט ער אַפֿ שעוויטשנ א כשאַד, אז ער איז געווענ א שפּיאָנ אינ אַמעריקע (לויט דר. יִצכאָק איינזיק הורוויטשנ אינ דער „פֿ. א. ש.“ פֿונ 9-טנ יאַנואַר 1890 אונ אַב. קאַהאַנ, „בלעטער פֿונ מיינ לעבנ“, ב. 3, ניו-יאָרק, 1926, ז. ז. 328—333). שעוויטש קומט אַפֿנ 3-טנ אינטערנאַציאָנאַלנ סאָציאַליסטישנ קאָנגרעס אינ ציריכ (אויגוסט, 1893) אונ פֿאָדערט פֿונ ליבקנעכטנ, ער זאָל נעמענ צוריק זיינע באַשולדיקונגענ, ער באַווייזט, אז אַראָנק זיינע קרויווימ, הויכע צאַרישע באַאַמטע (זיינ ברודער איז געווענ גובערנאַטאָר פֿונ קאַלוגע), איז אימ געווענ לייכט אריינצופֿאָרנ קיינ רוסלאַנד וועגנ ירושע-אַנגעלעגנהייטנ. בעבעל האָט אַנטשיידט די פֿראַגע, אונ דער צק פֿונ דער דייטשישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער פּאַרטיי האָט פֿעסטגעשטעלט, אז די באַשולדיקונג איז אומבאַגרינדעט. סערגיי שעוויטש אונ זיינ פֿרוי העלענע פֿאָנ ראַקאָוויטש (די געליבטע פֿונ לאַסאַלנ, איבער וועלכער ער איז דערהאַרגעט געוואָרנ אינ א דועל), נעמענ זיכ ביידע דאָס לעבנ אינ 1908-טנ יאָר.

65. „געש. יִד. ארב.-באַוועגונג“, ז. 152. דער גרינדער אונ רעדאַקטער פֿונ דער „זנאַמיאַ“ לעאָ באַנדעס איז, אַזוי ווי עדעלשטאַט, געשטאָרבנ פֿונ טובערקולאָז אונ אויכ אינעמ עלטער פֿונ 26 יאָר (9-טנ מאַרט, 1889). די „זנאַמיאַ“ האָט ווידער אויפֿגעלעבט מיט א יאָר שפּעטער אונטער דער רעדאַקציע פֿונ ל. מילער. זי האָט זיכ געמאַטערט 8 כאָדאָשימ אונ איז ווידער אונטערגעגאַנגענ. אינ יענער צייט איז שוינ געווענ דורכגעפֿירט א גרינטלעכע שפּאַלטונג צווישנ די אַנאַרכיסטנ

מיט די סאציאל־דעמאקראטנ. עדעלשטאט האט דעריבער ניט געקאנט מיטארבעטנ דארט, ביפראט, אז מילער איז געווענ דער הויפט־אנפירער פונעמ קאמפ קעגנ די אנארכיסטנ.

66. צווישנ עדעלשטאטס רוסישע לידער איז ניטא קיינ איינ ליד מיטנ נאמענ „פראגרעס“. מעגלעכ, אז ער מיינט די ליד „Научные методы“, ווו ער לאכט אויס דעמ בורזשואזנ פראגרעס אפנ זעלביקנ שטייגער, ווי אינ זיינ יידישער ליד „א וויסנשאפטלעכער מארד!“.

צו קאפיטל 8

67. „געש. ייד. ארב.־באוועגונג“, ז. 160.

68. הארט. די מיטארבעטער פונ דער „ווארהייט“ (הילעל זאלאטאראוו, ש. יאנאווסקי, י. יאפע, ר. לוינ, דר. מעריסאנ, דאוויד עדעלשטאט, קאטצ, מאריס ראזענפעלד אונ אנד.) האבנ אלע געהערט צו די „פיאנערע דער פרייהייט“. אינ רייזענס לעקסיקאנ (ב. I, שפאלט 1220) ווערט ש. יאנאווסקי אנגעגעבנ אלס פאקטישער רעדאקטער פונ דער „ווארהייט“ אונ י. יאפע, דער ווירקלעכער רעדאקטער, ווערט אריינגערעכנט צווישנ די מיטארבעטער. דאס שטימט ניט מיט די אנגאבעס דארט ב. I, שפאלטנ 1022 — 1023 אונ 1230. י. יאפע ווערט שפעטער א מיטארבעטער אינעמ קלעריקאלנ „יידישעס טאגעבלאט“. (זע באמערקונג 186).

69. ש. יאנאווסקי — „צומ 10־טנ יארצייט פונ מאריס ראזענפעלד“, „פ. א. ש.“ פאר׳נ 2־טנ נאיאבער 1933. יאנאווסקי גיט דארט אנ ניט ריכטיק, אז די „ווארהייט“ האט אנגעהויבנ דערשיינענ אינ 1888, פאקטיש איז זי ארויס דעמ 15־טנ פעווראל 1889.

70. „א מעלאדיע פונ א רוסישער ליד האבנ מיר צו איר („די צוואווע“) צוגעפאסט, אונ אזא הארציקייט האט זיכ געפילט, ווענ מיר פלעגנ זי זינגענ מיט אינ זיינ אנוועזנהייט, אז טרערנ פלעגנ אנלויפנ אינ די אויגנ“ (מ. קאטצ אינ זיינ פארעדע צו עדעלשטאטס שריפטנ, לאנדאנ 1909).

מ. קאטצ דערציילט, אז זיי האבנ די ליד געזונגענ זומער 1888. דאס שטימט ניט מיט די פאקטנ. לויט עדעלשטאטס בריוו פונעמ 6־טנ נאיאבער 1888 אונ פונעמ 23־טנ מארט 1889, איז ער געקומענ פונ סינסינעטי קיינ ניו־יארק ערשט אינ אנהייב נאיאבער, אונ זיינ ליד „מיינ צוואווע“ האט ער פארפאסט אינ מארט 1889. אינ דער יידישער ליטעראטור איז ביז עדעלשטאטנ געווענ באקאנט א ליד פונ 88 שורעס מיט דעמ זעלביקנ נאמענ „מיינ צוואווע“ פונ מיכל גארדאנ („קול לעם“, קעניגסבערג, 20־טער אפרעל, 1877). די „צוואווע“ פונעמ ליבעראלנ מאסקל איז: „זיי א מענטש אונ זיי א ייד“. נאטירלעכ, דארט איז דער מינדסטער פראטעסט קעגנ דער צאריש־פריצישער אונטערדריקונג פונ „מענטש“ אונ „ייד“.

71. צו עדעלשטאטס 40־טנ יארצייט איז פונ „ארטעף“ (ארבעטער־טעאטער־פארבאנד) צוזאמענ מיטנ „פרייהייט־געזאנג־פאריינ“ אינ ניו־יארק געפלאנט געווארנ צו אינסצענירנ עדעלשטאטס „צוואווע“. מאכמעס אויסערלעכע אומשטענדנ האט עס אבער ניט געקאנט דורכגעפירט ווערנ.

72. סקודיצקי, ז. — „וועגנ פאלקלארישנ ארבעטער־ליד“ (אינ „פראבלעמעס פונ פאלקלאריסטיק“) — זאמלונג 1, כארקאוו — קיעוו, 1932, ז. 184 — 192 אונ „פאלקלאר־לידער“, נייע מאטעריאלנ־זאמלונג, מאסקווע, 1933, ז. 30 — 33. ביידע ווערק אונטער דער רעדאקציע פונ מ. וויינער, עטנאגראפישע סעקציע פונעמ אינסטיטוט פאר יידישער פראלעטארישער קולטור פונ דער אלוקראינישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע.

שמועל לעהמאנ, „ארבעט אונ פרײַהײַט“ — זאמלונג פונ לידער, וואָס זײַנענ אנטשטאנענ אינ פאָלק אינ דער צײַט פונ דער פרײַהײַט=באוועגונג אינ צאַרישנ רוסלאנד, ווארשע, 1921, זז. 118 — 121.

72. „אינ די ארכיוונ פונ דער וויטעבסקער זשאנדארמעריע געפינענ מיר מאטעריאלנ וועגנ דעם ארעסט פונ א רעוואָלוציאָנער אינ 1899 יאָר דערפאר, וואָס מע האָט בא אימ געפונענ איבערגעשריבענע לידער פונ דאָוויד עדעלשטאטנ, ווי „נאטור אונ מענטש“ אונ אנדערע“ (ש. אגורסקי — איינלייטונג צו „לידער פונ קאמפ אונ נויט“, פארלאג „עמעס“, 1930, ז. 25).

73. אינ עדעלשטאטס ארכיוו געפינט זיכ א קאָפּיע, געשריבנ מיט זײַנ האנט פונ ווינטשעווסקיס ליד „א מיידעלע אינ דער סיטי“, וואָס ער, עדעלשטאט, באטיטלט „קויפט מעטשעס, העיר!“

74. מאָריס ווינטשעווסקי אינ זײַנע „נאָטיצנ“ צו זײַנע „לידער אונ געדיכטע“, ניו=יאָרק, 1901, דערקלערט (אפ ז. 319), אז די ליד „יעציִעס מיצראַיִמ“ איז ניט זײַנע, ווי עס ווערט אָנגעגעבנ אינ „איינ זאמלבוכ“ (ער מיינט „פרײַהײַט“, לאָנדאָנ, 1901, ווינטשעווסקי דערמאָנט אָבער ניט, אז די דאָזיקע ליד איז עדעלשטאטס.

75. אנ ערעכ מיט 15 יאָר שפעטער, אינ 1905, האָט נאָכ רודאָלפ ראָקער, דער דײַטשישער רעדאקטער פונעמ יידישנ אנארכיסטישנ „ארבעטער=פרײַנט“ געשריבנ אונ גערעדט פייסעכ=צײַט וועגנ יעציִעס מיצראַיִמ אפ דעמ זעלביקנ אויפנ ווי מאָסט אינ דער „ווארהײַט“ פונ 1889.

76. לויט זײַנ שוועסטערס אינפאָרמאציע.

77. מיטגעטיילט פונ ארקאדיע טעלסאָנ (עדעלשטאטס שוואָגער).

78. דאָס איז, ווארשײַנלעכ, אנ אָנדײַטונג אפ היינעס א ליד אינ דער סעריע „נײַער פרילינג“ נומ. 77, אינ וועלכער היינע זאָגט, אז ער ווייסט ניט, אינ וועמענ די רויז איז פארליבט: אינ שמעטערלינג, אינ דער נאכטיגאל אָדער אינעמ אוונט=שטערנ.

79. אינ א פעליעטאָנ „אָפּפער=אלטאר“, פונ דער סעריע „צעשלאָגענע געדאנקענ פונ א משוגענעמ פילאָסאָפ“ („ארבעטער=פרײַנט“ פארנ 5=טנ יול 1889) האָט מאָריס ווינטשעווסקי אויסגעלאכט די דאָרטיקע פּאָעטנ אונ קריטיקער.

80. זע בריוו פונ 23=טנ מארט 1889.

81. אינ זײַנ ליד „סאָנ“ (א כאָלעמ), געשריבנ אינ מארט, 1889.

82. זע בריוו פונ 23=טנ מארט 1889.

83. עדעלשטאט איז געבאָרנ געוואָרנ דעמ 19=טנ מײַ. אזוי ווי דער 19=טער מײַ 1889 איז אויסגעפאלנ אפ זונטיק, אפ עדעלשטאטס אנ ארבעט=טאָג (אינ דער שאָפּ, אינ וועלכער עדעלשטאט האָט דעמלט געארבעט, איז דער רו=טאָג געווענ שאבעס), האָבנ עדעלשטאטס פרײַנט געפײַערט זײַנ געבורטטאָג מיט 6 טעג שפעטער, שאבעס דעמ 25=טנ מײַ.

84. איינעמ אלבאָמ פונ אנא נעטער (1870 — 1920) האָט עדעלשטאט ארײַנגעשריבנ א ריי לידער אינ יידיש אונ אינ רוסיש. איר איז, קענטיק, אויכ געווידמעט די ערשטע ליד, וואָס הייבט זיכ אָנ מיט די ווערטער: „איכ געדענק די שטונדע זיסע“, אינ דער סעריע פונ היינע („פ. א. ש.“, 16=טנ אָקטיאבער, 1891). אפ דער צווייטער זײַט פונ איינעמ פונ זײַנע מאנוסקריפטנ איז אָנגעשריבנ א סאכ מאָל דער נאָמענ נעטער.

85. ווארשײַנלעכ האָט דערצו אויכ מיטגעווירקט דער בארימט פונ זײַנ סינסינעטער באוווער דער שנײַדער מייטוס, דערמאָנט אינ דעמ זעלביקנ בריוו (פארנ 23=טנ מארט), וועלכער איז מיט א קורצער צײַט פריִער געווענ בא אימ אינ ניו=יאָרק.

צו קאַפּיטל 9

86. „געש. יוד. ארב=באוועגונג“, ז. 86.

87. צו עדעלשטאַט האָט געשריבנ אינ דער „ניו־יאָרקער יודישער פאָלקס=צײַטונג“ אויכ יודישע לידער, איז שווער פעסטצושטעלנ, קאָלזמאַנ אינ קיינ איינ ביבליאָטעק איז ניטאָ קיינ פולער קאָמפּלעקט פונ אָט דער צײַטונג.

88. מיט א וואָכ פריער (דעמ 5=טנ נאָיאבער, 1889) האָט די „ניו=יאָרקער יודישע פאָלקסצײַטונג“ פאַרעפנטלעכט א יודישע ליד „טשערנישעווסקי איז טויט“ פונ מאָריס ראָזענפעלד.

89. „תפילה זכה ליומים הנוראים לשבתות ולמועדים ולכל ימות השנה“. א האַלבער צײַטונג=פאָרמאַט. לויט ה. בורגינס „געש. יוד. ארב=באוועגונג“, ז. 141, זײַנענ די אַרטיקלענ אינ די „טפילע זאַקעס“ געווענ פאַרפאַסט פונ טאַנענבוימ, דאַוויד עדעלשטאַט אונ אנד. י. קאָפּעלאָוו, אַליינ א מיטגליד פונ די פּיאָנערנ אונ א באַוואוסטער באוטער פונ דאַוויד עדעלשטאַט, פאַרזיכערט אָבער, אז „די ערשטע „טפילע=זאַקע“ האָט ניט צוזאַמענגעשטעלט ניט דאַוויד עדעלשטאַט אונ ניט א. טאַנענבוימ“. ס'איז אָבער גאַנצ מעגלעכ, אז עדעלשטאַט האָט עפּעס וואָס יאָ צוגעשיקט פונ סינסינעטי פאַר דער „טפילע=זאַקע“ פונ 1889. קאָפּעלאָוו דערקלערט אויכ, אז די פּיאָנערנ „האָבנ באַשלאָסנ אַנצופירנ א שטאַרקע אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע“, ווײַל זיי האָבנ געהאַלטנ, אז „קעדיי אויסצוקלאָרנ דעמ אַרבעטער וועגנ זײַנ ביטערנ גורל, — מוז מענ אימ פריער איבערצײַגנ, אז ניט פונ גאָט זײַנענ באַשטימט געוואָרנ די איצטיקע פאַראַנדקעס“ („אַמאָל אינ אַמעריקע“, זז. 333 — 334).

90. אינ רייזענס „לעקסיקאָנ“ (ב. 1, שפּאַלט 409) ווערט עדעלשטאַט ניט דערמאָנט צווישנ די מיטאַרבעטער פונעמ „מאָרגנשטערנ“. אַנשטאָט אימ ווערט דאָרט אַרײַנגעבראַכט מאָריס ווינטשעווסקי, וועלכער האָט דאָרט קיינמאָל ניט געשריבנ.

91. די מיינונג פונ דער בורזשואַזער קריטיק איבער אונדזאַס ראָמאַנענ איז אויסגעדריקט אינעמ בוכ פונ Some Englich story-tellers — F. T. Cooper., מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „איר קענט דעמ טיפּישנ אונדזאַס=יונגשעט, די פאַלשע גוטהאַרציקײַט, וואָס ברענגט א מענטשנ, ער זאָל אָפּגעבנ א טיטל, א פאַרמעגנ אונ זײַנ געליבטע, ער זאָל נעמענ אפ זיכ דאָס פאַרברעכנ פונ א צווייטנ אונ פאַרשווינדנ פונ דער וועלט, וועלכע קענ אימ, אינ א לעבנ פונ אָרעמשאַפֿט אונ טונקלקייט. אונדזאַס שרײַענדיקע מעלאָדראַמע, איר ניט=קענענ דאָס לעבנ, אירע פאַלשע אידעאַלנ, האָבנ מיר אינ „פאַסקאַרעל“ אונ „אונטער צוויי פאָנענ“.— אונטער „פאַלשע אידעאַלנ“ פאַרשטייט דער בורזשואַזער קריטיקער אונדזאַס פאָלקיזמ, מיט וועלכנ ס'זײַנענ דורכגעדרונגענ אונדזאַס ראָמאַנענ פונעמ איטאַליענישנ לעבנ. אינ איר דערציילונג א „דאָרפ=געמיינדע“ (לאָנדאָנ, 1881) ווײַזט אונדזאַ, וויאַזוי דער קאַפּיטאַליזמ דרינגט אַרײַנ אינעמ איטאַליענישנ דאָרפ אונ זויגט עס אויס. זי ווײַזט אויכ אָנ אפ דער פאַרבינדונג צווישנ דער רעגירונג, וואָס פירט א גראָבע עקספּלואַטאַטאָרישע פּאָליטיק, מיט די אָרטיקע עקספּלואַטאַטאָרס. אונדזאַ (1839 — 1908) האָט אָנגעשריבנ א היפּשע צאָל פּובליציסטישע אַרטיקלענ איבער דעמ „פּאָליטישנ אונ סאָציאַלנ לעבנ פונ איטאַליע“. זי שילדערט דאָרט דעמ גראָנ דעספּאָטיזמ, וויאַזוי די קאָנסטיטוציע איז בלויז אפנ פּאַפּיר, וויאַזוי א באַנדיטישע אָרגאַניזאַציע, די „קאָמאָרא“, הערשט אינ די העכסטע רעגירונגס=אַנשטאַלטנ, אונ אז די גאַנצע פּאָליטיק איז געצילט צו באַרײַכערנ די העכערע קלאַסנ, בײַמ די אַרבעטנדיקע מאַסנ שטאַרבנ בוכשטעבלעכ פאַר הונגער. אונדזאַס פּאָלקיזמ איז אָבער געווענ אָנגעווענדט בלויז צו איטאַליע. אינ אירע ראָמאַנענ וועגנ ענגלאַנד אונ טיילווײַז אויכ פונ אַנדערע לענדער שילדערט זי הויפּטזאַכלעכ די גווירימ

אונ אַריסטאָקראַטנ (וועמענ זי סימפּאַטיזירט) אונ באַווײַזט דאָרט זעלטנ די אַרבעטנדיקע... אויך דאָס ראָמאַנענ זײַנענ געווענ זייער פּאָפּולער אינעם לעצטנ פערטל פונעם XIX יאָרהונדערט. אַרומ אַ צענדליק פונ אירע ראָמאַנענ איז איבערגעזעצט געוואָרנ אויפ רוסיש אינ די יאָרנ 1875 — 1899. איר פּאָלקיסטישער ראָמאַנ „אַ האָרפּ-געמיינדע" איז אַרויס אינ 3 באַזונדערע רוסישע איבערזעצונגענ, צוויי אינ די זשורנאַלנ פונ 1881 אונ איינע אינ בוכ-פאָרמ (1899).

92. קאַרל מאַרקס אונ פרידריכ ענגעלס, „דער פאָלקס-טריבונ", רעדאַקטירט פונ הערמאַנ קריגע, 11-טער מײַ 1846. איבערגעדרוקט פונ אַ ליטאָגראַפישנ צירקוליאַר אינ מאַרקס-ענגעלס-שריפטנ, ערשטע אָפּטיילונג, ב. VI (פונ מײַ 1846 ביז מאַרט 1848), מאָסקווע — לענינגראַד, 1933, ז. 1 — 21 (דײַטש).

93. ישׂראָעל בענ-אַוילעמ איז ניט קיינ פּסעוודאָנימ פונ מאָריס ווינטשעווסקי, ווי עס ווערט אָנגעגעבנ אינ אַ פּאָר עדעלשטאַט-אויסגאַבעס („לידער פונ קאַמפּ אונ נויט", מאָסקווע, 1931, ז. 23, „די ערשטע ייִדישע אַרבעטער-הימנער". מינסק, 1931, ז. 84).

אונטערנ נאָמענ ישׂראָעל בענ-אַוילעמ האָט געווירקט אונ געשריבנ דער שנײַדער-אַרבעטער ישׂראָעל באַרסקי. ער ווערט געלויבט פונ אַלע זײַנע מיטצײַטלער פאַר זײַנ אויפריכטיקײַט אונ פאַר זײַנ טרײַקײַט צו דער אַרבעטער-זאַכ. ער האָט אויכ פאַרמאָגט אַ שוישפּילערישנ טאַלאַנט אונ פלעגט אַרויסטרעטנ אויפ אַרבעטער-פאַרזאַמלונגענ מיט דעקלאַמאַציעס אונ סצענעס. לויט מ. קאַטצ (אינ זײַנ ענט. ער אויפ מײַנעמ אַ פראַגע-צעטל דורכ די באַווײַזיממ אַב. שולמאַנ אונ פ. סאַנדלער אינ פילאַדעלפיע) איז באַרסקי געווענ „איינער פונ עדעלשטאַטס בעסטע פרײַנט".

94. מיט אַ יאָר שפּעטער (מײַ 1891) האָט עדעלשטאַט, כאָטש, דאָקטער זאָלאָטאַראָוו, געהאַלטנ אַ צוויי-שעהדיקע לעקציע איבער דער טעמע: „ליבע האָט דאָס פאָלק פאַרקערקעט [פאַרשקלאַפט], דער האַס וועט דאָס פאָלק באַפרײַענ" („פ. א. ש." פאַרנ 22-טנ מײַ, 1891).

95. „אַרבעטער-פרײַנט" פאַרנ 21-טנ פעברואַר 1890.

צו קאַפּיטל 10

96. אַווראָמ ראָזענבערג — „די קלאָוקמאַכער אונ זייערע יוניאָנס", ערינערונגענ, ניו-יאָרק, 1920, ז. 22. „40 יאָר". ז. 114. „געש. ייִד. אַרב-באַוועגונג", ז. 153 — 155, 326 — 328.

97. „אַמאָל אינ אַמעריקע", ז. 244.

98. „געש. ייִד. אַרב-באַוועגונג", ז. 222 — 231.

99. „אַמאָל אינ אַמעריקע", ז. 242. אינ אַנ אַנדער אָרט, ז. 232 — 233 דערציילט קאַפּעלאָוו, אַז די אַנאַרכיסטישע „פּיאָנערנ" האָבנ, אַכוץ בילדונג-פאַריינענ אינ ייִדיש אונ אינ ענגליש פאַר די אַרבעטער, אויכ „אָרגאַניזירט די ערשטע קלאָקמאַכער-יוניאָנ (פאַראָפּאַרייִנ פונ דאַמענ-שנײַדער), די פּענטס אונ ני-פּענטס (הויזנ-אונ קניהויזנ-יוניאָנ), די מוזיקער אונ נאָכ פיל אַנדערע יוניאָנס. די גרעסערע ווירקונג פונ די סאָציאַל-דעמאָקראַטנ אויפ דער אָרגאַניזירטער ייִדישער אַרבעטערשאַפט איז, זיכער, געווענ אַ רעזולטאַט ניט בלויז פונ זייערע „פּאָשעטע דיבורימ", ווי קאַפּעלאָוו מיינט, נאָר דערפונ, וואָס זיי זײַנענ געווענ אויסגעהאַלטענער, ווי די אַנאַרכיסטנ, וועמענס טרייד-יוניאָנ-טעטיקײַט האָט זיכ ניט געשטימט מיט זייער ביטל צו דעמ טאָג-טעגלעכנ קלאַסנקאַמפּ פונ די זעלביקע אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס.

100. דאָרט, זז. 247 — 248.

101. „געש. ייִד. אַרב-באַוועגונג", ז. 177 — 178.

102. דאָרט, ז. 183, „בלעטער", ב. 3, ז. 23—24. צווישנ די פּראָטעסטירער

קעגנ ארויסגעבנ צוויי ארבעטער־צײַטונגענ איז אויכ געווענ דער דערמאָנטער אינ באַמערקונג 93 שנײַדער באַרסקי (ייִסראָעל בענ־אוילעמ). ער האַלט, אַז „עס וואָלטנ זיכ אַלע פּאַרטייענ פונ דער ארבעטער־באַוועגונג: די סאָציאַליסטנ, אַנאַרכיסטנ, געווערקשאַפטלער, אונד אַלע ערלעכ־דענקענדע מענטשנ באַדאַרפט פאַראייניקנ אומ צו זיכערנ דעמ עקזיסטענצ פונ איינ צײַטונג" („מאָרגנשטערנ", 14־טער פעווראַל, 1890).

103. אב. קאַהאַנ („בלעטער", ז. 13) דערציילט, אַז דאַוויד עדעלשטאַט איז געווענ א דעלעגאַט פונ די „פיאָנערנ" צו דער צײַטונג־קאָנווענשאָנ. אב. קאַהאַנ שטיצט זיכ, קענטיק, אפ בורגינס ווערק — דער קוואַל, פונוואַנענ ער (קאַהאַנ) שעפּט א סאַכ פונ זײַנע „מעמוארנ". קאָפּעלאָוו (אמאָל אינ אַמעריקע, ז. 246) פאַרזיכערט אָבער, אַז ער אונ ר. לוימ זײַנענ געווענ די צוויי דעלעגאַטנ פונ די „פיאָנערע דער פרײַהײַט". אונ אַז „עדעלשטאַט איז גאָר אינ ניו־יאָרק אפילע נישט געווענ". אינטערעסאַנט איז, אַז ה. בורגינ רעכנט ארײַנ (אפ ז. 76) צווישנ די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע דעלעגאַטנ אויכ באַנדעסנ (דעמ יונג־פאַרשטאָרבענעמ רעדאַקטער פונ דער „זנאַמיא") וועמעס טויט (דעמ 9־טנ מאַרט 1889) מיט איבער דרײַ פערטל יאָר פאַר דער קאָנווענשאָנ בורגינ אליינ פאַרצייכנט מיט 24 זײַטנ פריִער (ז. 152). קאָפּעלאָוו לייקנט, אַז באַנדעס איז געווענ א דעלעגאַט. עליאָהו שולמאַנ (אינעמ זאַמלבוכ „צו דער געשיכטע פונ דער ייִדישער פרעסע אינ אַמעריקע", רעדאַקטירט פונ דר. שאַצקי, ז. 29) גיט איבער „אָביעקטיוו" ביידע מיינונגענ, בורגינס אונ קאָפּעלאָווס, אונ באַמערקט ניט, אַז לויט בורגינס איגענע ווערטער איז לעאָ באַנדעס שוינ געווענ לאַנג טויט.

104. אינ „ארבעטער־פרײַנט" פונעמ 17־טנ יאַנוואַר געפינט זיכ אינעמ בריוו־קאַסטנ „פונ די עקספּעדיציאָנ" דער פאָלגנדיקער ענטפער: „גענאָסע עדעלשטאַט, סינסינעטי, אַמעריקע (פיר דעמ ארבעטער־פאַריינ „טרוט סיקערס"): די 3 דאָלאַר מיט אײַער ווערטנ שרײַבנ ערהאַלטנ מיט פרייִדע. בעסטנ דאַנק פיר אײַער פאַרשפּרעכנ אונ ווונטשנ גוטנ דערפאָלג אינ אײַער גוטע אונטערנעמונג".

105. „די מיניסטאָרנ אונ פאַרלאַמענטאַריער לויט פראָפעסיע, די פאַרטרעטער בענעגייע צומ פּראָלעטאַריאַט אונ „געשעפטלערישע" סאָציאַליסטנ פונ אונדזערע טעג, — ווײַזט אָנ לענינ, — האָבנ איבערגעלאָזט די קריטיק פונעמ פאַרלאַמענטאַריזמ איינגאַנצנ פאַר די אַנאַרכיסטנ, אונ אפ דעמ דאָזיקנ וואונדערבאַר סייכלדיקנ סמאַכ האָבנ זיי י ע ט ו ו י ד ע קריטיק פונעמ פאַרלאַמענטאַריזמ דערקלערט פאַר „אַנאַרכיזמ"!... מאַרקס האָט געוווסט ווי צו רײַסנ אָנ ראַכמאָנעס מיטנ אַנאַרכיזמ פאַר ניט וויסנ ווי אויסצונוצנ אפילע דעמ „שטאַל" פונעמ בורזשואַזנ פאַרלאַמענטאַריזמ, באַזונדערס דאַנ, ווענ עס איז בעפירעש ניטאָ קיינ רעוואָליוציאָנערע סיטואַציע, אינ דער זעלביקער צײַט אָבער האָט ער (מאַרקס) געוווסט אויכ ווי צו געבנ א ווירקלעכ רעוואָליוציאָנער־פּראָלעטאַרישע קריטיק פונעמ פאַרלאַמענטאַריזמ. איינ מאָל אינ עטלעכע יאָר צו אַנטשיידנ, וואָסער מיטגליד פונעמ הערשנדיקנ קלאַס וועט שטיקנ, טרעטנ דאָס פאָלק אינ פאַרלאַמענט, — אָט וואָס ס'איז דער עמעסער טאַכ פונעמ בורזשואַזנ פאַרלאַמענטאַריזמ, ניט בלויז אינ די פאַרלאַמענטאַר־קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיעס, נאָר אויכ אינ די סאַמע דעמאָקראַטישע רעפּובליקנ" (לענינ, ב. XXI, „מעלוכע אונ רעוואָליוציע", ז. 400).

צו קאַפּיטל 12

106. כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דעמאַגאָגיע פונ די אַנאַרכיסטנ פונ יענער צײַט איז, וואָס זיי פלעגנ זוכנ צו „באַגרינדנ" זייערע „טעאָריעס" מיט ציטאַטעס פונ מאַרקס אונ ענגעלס. באַזונדערס פלעגט אַזוי טאָנ דאָקטער מעריסאָנ, דער רעדאַקטער פונ דער „פ.א.ש.". אינ זײַנעמ אַנ ארטיקל אינ „ארבעטער־פרײַנט"

פאַרנ 4־טנ אַפּרעל 1890 רופט ער אָנ מאַרקסנ אונ ענגעלסנ ,,אונדזערע בעסטע סאָציאַליסטנ“.

107. די ווערטער ,,פאַרהאַכט ניט די וואַרהייט אונ אירע פּראָפעטנ“ אונ אַנדערע אויסדרוקנ וועגנ דער ,,וואַרהייט“, וואָס זיינענ פאַראַנ אינ דער דאָזיקער ליד, קאָנענ זיינ פּונקט ווי די אויסדרוקנ: ,,די וואַרהייט ליגט עלנט“ אונ ,,פאַרלירט ניט די וואַרהייט“ אינ דער ליד ,,אַנ די גענאָסנ“ (,,וואַרהייט“. 21־טער יול, 1889) — אַנ אָנדייט אַפּ דער ניט לאַנג פאַר דעמ אונטערגעגאַנגענער אַנאַרכיסטישער צייטונג, וועלכער עדעלשטאַט האָט געוואָלט העלפנ ווידער אויפלעבנ.

צו קאַפּיטל 13

108. עדעלשטאַט האָט פיל געהאַלטנ פונ דעמ ,,סאָציאַליסטיש־אומפּאַרטייִשנ“ רעדאַקטער פונ ,,אַרבעטער־פריינט“, קאָנסטאַנטינ גאַלאָפּ (1862—1892). עדעלשטאַט ענדערט ניט זיינ שטעלונג צו אימ אַפילע דעמאָלט, ווענ דער ,,אַרבעטער־פריינט“ גייט איבער צו די אַנאַרכיסטנ, אונ גאַלאָפּ גרינדעט דענ סאָציאַליסטישנ כווידעש־זשורנאַל ,,פרייע וועלט“, וואָס ווערט ביטער באַקעמפּט פונ די לאָנדאָנער אַנאַרכיסטנ. ווענ דער יונגער גאַלאָפּ שטאַרבט פונ טובערקוליאָז, דעמ 13־טנ יאַנוואַר 1892, באַקלאָגט אימ עדעלשטאַט, וואָס האָט געליטנ פונ דער זעלביקער קראַנקהייט, אינ א ליד In Memoriam — צומ אָנדענקענ — ,,ק. גאַלאָפּס“. ער זאָגט דאָרט:

,,ווי א בלומ, וואָס האָט נאָכ ניט צעלאָזנ
די יונגע קנאָספּנ, די ראָזעווע קוויט,
האָט ער די ליידנדע וועלט פאַרלאָזנ
ריינ — מיט שמערצנ, אָרעמ — מיט פרייד!“

עדעלשטאַט דערציילט, אַז כאָטש ער האָט זיכ מיט גאַלאָפּנ פּערזענלעכ ניט געקענט, דאָכ האָט ער ,,געשפּירט אינ זיינ וואָרט אונ זיינ לערע א הייליקנ פייער, וואָס האָט העל געברענט מיט האַס אונ מיט ליבע, מיט שטאָלצ אונ מיט ערע“. עדעלשטאַט לויבט אויכ גאַלאָפּנ, אַז ער איז ניט געווענ קיינ ,,מאַגיד“ — אַנ אָנצוהערעניש קעגנ די וווּלגאַרע ,,סעדרעס“ אינ דער ,,אַרבעטער־צייטונג“, געשריבנ פונ אַב. קאַהאַנ אונטערנ נאָמענ ,,דער פּראָלעטאַרישער מאַגיד“ (זע ווייטער באַמערקונג 112).

109. ,,40 יאָר“ זז. 127 — 128.

110. פיליפּ קראַנצ — ווירקלעכער נאָמענ איז געווענ יאַנקעוו ראָמבראָ (1858—1922). אונטער אָט דעמ נאָמענ פלעגט ער שרייבנ קאָרעספּאָנדענצנ אינעמ בורזשואַזנ רוסיש־יִדישנ כווידעש־זשורנאַל ,,וואָסכאָד“. מיט יאָרנ שפּעטער, אַלס מיטאַרבעטער פונעמ קלעריקאַלנ ניו־יאָרקער ,,מאָרגנ־זשורנאַל“, פלעגט ער זיכ אונטערשרייבנ ,,יאַנקל בעלאָמ“. מאָריס ווינטשעווסקי האָט אימ געמאַכט פאַר א יִדישנ שרייבער אונ אימ אויכ רעקאָמענדירט פאַרנ רעדאַקטער פונעמ ,,אַרבעטער־פריינט“ (1885 יאָר). מיט 5—6 יאָר שפּעטער ווערט קראַנצ אַטאַקירט אינעמ ,,אַרבעטער־פריינט“ פונ ווינטשעווסקינ אונ פונ אַנדערע פאַר זיינ אָפּאָרטוניזמ אַלס רעדאַקטער פונ דער ,,אַרבעטער־צייטונג“. אינ דער ,,צוקונפט“ פונ מאַרט 1897 גיט ווינטשעווסקי א פאַרניכטנדיק ,,כאַראַקטער־בילד“ פונ קראַנצנ אונטערנ נאָמענ ,,ער“ (אַריינ אינ ווינטשעווסקיס ,,געזאַמלטע ווערק“, פאַרלאַג ,,פרייהייט“, 1928, ב. VI). אינ ניו־יאָרק ווערט קראַנצ וואָס ווייטער אַלצ מער אָפּאָרטוניסטיש אונ רעפאָרמיסטיש. ער שטעלט פאָר צוזאַמענ מיט הילקוויטנ, מילערנ, אַב. קאַהאַנענ אאַז. דעמ סאַמע רעכטנ פליגל אינ דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אינ די יאָרנ 1906—1907 קומט ער צוריק קיינ רוסלאַנד, ווערט רעדאַקטער פונ דער פּראָלע־

מאָרישער וועלט" (יידישער אָרגאַנ פונ דער פ.פ.ס.) אונ איז אינ דער זעלביקער צײַט קאָרעספּאָנדענט פונעמ קלעריקאַל-רעאַקציאָנערנ ניו-יאָרקער „מאָרגנ-זשורנאַל". אינ דער צײַט פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע איז ער א סאָציאַל-פּאַטריאָט. ער לויבט די באַלפור-דעקלאַראַציע אונ האַלט פאַר מעגלעכ, אז ענגלאַנד וועט אויסבויענ אינ פּאַלעסטינע א יידישע מעלוכע. ער איז, נאַטירלעכ, א פײַנט, א קעגנער פונעמ באָלשעוויזמ אונ דערקלערט זיכ (אינ א בריוו צו מיר פונ 1917—1918) פאַר א רעוויזיאָניסט פונעמ מאַרקסיזמ אינעמ גײַסט פונ עדואַרד בערנשטײַנ.

111. דאַניעל דעליאָנ (1852—1914) איז געבאָרנ געוואָרנ אינ צענטראַל-אַמעריקע פונ שפּאַנישע עלטערנ. אינ די 80-ער יאָרנ איז ער געווענ א לעקטער פונ אינטערנאַציאָנאַלנ רעכט אינ דעמ אַריסטאָקראַטישנ קאָלומביע-אוניווערסיטעט פונ ניו-יאָרק. דער רעוואָלוציאָנערער שטראָמ פונ 1886 ציט אימ אַרײַנ אינ דער באַוועגונג פאַר סאָציאַלע רעפאָרמענ. ער קומט אינ באַריר מיט סאָציאַליסטנ, הייבט אָנ שטודירנ דעמ מאַרקסיזמ, אונ אינ 1890 שליסט ער זיכ אָנ אינ דער „סאָשעליסט לייבאָר-פּאַרטיי" — „ס. ל. פּ." (סאָציאַליסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי — „ס. א. פּ.") אַלס פּראָפּאַגאַנדיסט פונעמ וויסנשאַפטלעכנ סאָציאַליזמ, רעדנער אונ שרײַפטשטעלער אונ אַלס טרײַער איבערגעגעבענער רעוואָלוציאָנער ווערט דעליאָנ אינ די 90-ער יאָרנ דער אָנערקענטער פירער פונ דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער-פּאַרטיי. אונטער דעליאָנס רעוואָלוציאָנערנ אָנפיר ווערט די ס.א.פּ. א וויכטיקער פאַקטאָר אינ דער אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג. דעליאָנ ציט אַרײַנ אינ דער פּאַרטיי נײַע קאַדרענ פונ די אײַנגעבוירענע אַמעריקאַנער. ער פירט אָנ אומדערמידלעכנ קאַמפ קעגנ אָפּאָרטוניזמ, פּשאָרעמאַכערײַ אונ רעפאָרמיזמ אינ דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, שטרעבנדיק צו פאַרוואַנדלענ די ס.א.פּ. אינ א דיסציפּלינירטער פּאָליטישער פּאַרטיי. לענינ, וועלכער האָט זיכ נעגאַטיוו באַצויגנ צו דעליאָנס לערע וועגנ מעלוכע אונ צו זײַנע סינדיקאַליסטישע אָפּנייגנ, פּלעגט זיכ אַרויסזאָגנ מיט מיטגעפיל וועגנ דעליאָנס קאַמפ קעגנ אָפּאָרטוניזמ, ספּעציעל דעמ אַמעריקאַנישנ („באָלשאַיאַ סאָוועטסקאַיאַ ענציקלאָפּעדיאַ"). אינ דער „קינדער-קראַנקהײַט פונ לינקסקײַט" רעדט לענינ מיט אָנערקענונג וועגנ „אויסגעצייכנטנ, טיפ-ריכטיקנ אויסדרוק פונ דאַניעל דעליאָנס נאָכפאָלגער אינ אַמעריקע" (עס האַנדלט זיכ וועגנ דעמ אויסדרוק „אַרבעטער-פּריקאַשטשיקעס פונעמ קאַפּיטאַליסטנ-קלאַס"). דעליאָנ האָט אויכ שטאַרק אויפגערודערט די אַמעריקאַנער אַרבעטער-באַוועגונג מיט זײַנ אומדערמידלעכנ קאַמפ צו פאַרוואַנדלענ די אַמעריקאַנער טרעד-יוניאָנס (פּראָפעסיאָנעלע פאַרייננ) אינ א ווערקצײַג פונעמ רעוואָלוציאָנערנ קלאַסנ-קאַמפ, שטיצנדיק זיכ דערבײַ הויפּטזאַכלעכ אָפּ די רעוואָלוציאָנערע עלעמענטנ אינ די רייענ פונ די פּראָפּפאַריינענ.

אינ א רעדע געהאַלטנ אינ ניו-יאָרק (ניו-דזשורסי סט.) דעמ 12-טנ אַפּריל 1904 אָפּ דער טעמע: „די ברענענדיקע פראַגע פונעמ טרעד-יוניאָניזמ", האָט דעליאָנ דערקלערט, אז יעדער סאָציאַליסט דאַרפ זוכנ צו אָרגאַניזירנ זײַנ אינדוסטריע. אויב די טרעד-יוניאָנ פונ זײַנ פאַכ ליגט אינ די הענט פונ א נאָמפּער-סיסטעמישנ „אַרבעטער-ליטענאַנט פונ קאַפּיטאַל", דאַרפ דער סאָציאַליסט ווירקנ, אז זי זאָל זיכ אָנשליסנ אינ דער סאָציאַליסטישער טרעד-יוניאָניסטישער „אַליאַנס". אויב אָבער די אָרגאַניזאַציע געפינט זיכ אינ די הענט פונ א קאַפּיטאַליסטישנ אַגענט, וואָס האָט זי קאָרופּטירט, אויב זי נעמט ניט אַרײַנ קיינ נײַע מיטגלידער אונ זוכט צו געווינענ פאַר די אַלטע מיטגלידער פּריווילעגיעס אָפּנ כעזשבנ פונ דער גרויסער מערהײַט אַרבעטער פונדרויסנ — „אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז ניט קיינ גליד פונ דער אַרבעטער-באַוועגונג, זי איז א גליד פונ קאַפּיטאַליזמ; זי איז א צעכ: זי איז א דעגענעראַציע צומ אויסגאַנג-פּונקט פונעמ בורזשואַזנ אָדער קאַפּיטאַליסטישנ קלאַס; אונ כאָטש זי מאַסקירט זיכ מיטנ נאָמענ „אַרבעטער", איז זי ניט

מער ווי א קאריקאטור, ווײַל זי איז א פארשפּעטיקטע רעפּראָדוקציע פונ דער אלטער צעכנ־סיסטעמ, — אזא אָרגאניזאציע איז ניט מער קיינ ארבעטער־אָרגאניזאציע, פונקט ווי דאָס איז ניט די ארמײ פונעמ רוסישנ צאר, כאָטש זי באשטײט אינגאנצנ פונ ארבעטער, ווײַל זי ווערט קאָמאנדירט פונ דעמ עקספּלואטירנדיקנ קלאָס. אינ אזא פאל מוזנ די סאָציאליסטנ זיכ אָנשטרענגענ צו שאפנ א ריכטיקע ארבעטער־יוניאָנ און צו טאָנ אלצ, וואָס זײ קאָנענ, קעדײ ארונטערצורײַסנ דעמ שווינדל. דער ארבעטער־קאנאָנ, וואָס וועט אמאָל זיכער באזיגנ די צארישע ארמײ און פארניכטנ זי, וועט ברענגענ אויסלייזונג אויכ פאר די ארבעטער פונ אָט דער ארמײ, כאָטש א סאכ פונ אירע סאָלדאטנ וועלנ דורכ דעמ געטויט ווערנ“.

מע דאַרפ אָבער דערבײַ צוגעבנ, אז אינ זײַנע ארויסטרעטונגענ וועגנ פראגעס פונ דער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג איז דעליאָנ געשטאנענ אפ אנ אולטראלינקער פאָזיציע, אגיטירנדיק בלויז פאר דעמ מאקסימומ־פּראָגראמ — פאר דער סאָציאלער רעוואָלוציע (ב. רײַנשטײנ, דאַניעל דעליאָנ, אינ דער גרויסער סאָוועטישער ענציקלאָפּעדיע).

די אָפּאָרטוניסטישע סאָציאל־דעמאָקראטנ האָבנ זיכ פונ אָנהײב אָנ געבונטעוועט קעגנ דעליאָנס רעוואָלוציאָנערער אָנפירונג. דער איצטיקער סאָציאל־פאשיסט אב. קאהאנ, אשטיגער, איז שוינ אינ 1893 געווענ א קעגנער פונ דעליאָנענ (מאָריס ווינטשעווסקי, „געזאמלטע ווערק“, פארלאג „פרײַהײַט“, ניו־יאָרק 1928, ב. X, ז. 239). אָפּנ טרעטנ זײ ארויס קעגנ אימ, ווענ ער פּרווט זיכ שטעלנ די טרעדיוניאָנס אונטער דער אָנפירונג פונ דער סאָציאליסטישער פארטײ און די סאָציאליסטישע פרעסע אונטערנ פארטײ־קאָנטראָל. די יידישע אָפּאָרטוניסטישע סאָציאל־דעמאָקראטישע פירער זײַנענ געווענ די ערשטע ארויסצוטרעטנ קעגנ דעליאָנס אָנפירונג אינ דער ס.א.פּ.; אינ דער צײַט פונ דעמ שפּאניש־אמעריקאנישנ קריג אפעלירנ זײ קעגנ דעליאָנענ צו די שאָוויניסטישע געפילנ פונ די אָפּגעשטאנענע ארבעטער־מאסנ, פאר וועלכע זײ שילדערנ אימ, ספּעקולירנדיק אפ זײַנ שפּאנישער אָפּשטאמונג, אלס „שפּאנישנ אינקוויזיטער“... „טאָרקוועמאדאָס אייניקל“ אחנ. די יידישע אָפּאָרטוניסטנ גיצנ אויס די טאקטישע פעלערנ און דאָס היפּשע ביסל סעקטאנטישקײַט בײַ דעליאָנענ און אנדערע לינקע פירער פונ דער ס. א. פּ. צו שאפנ אנ אייגענעמ אָרגאנ (דעמ איצט באוווסטנ געלנ סאָציאל־פאשיסטישנ „פאָרווערטס“), דורכ וועלכנ זײ העלפנ צעברעכנ די ס.א.פּ. און שאפנ אפ איר אָרט אנ אָפּאָרטוניסטישע פארטײ — די איצטיקע סאָציאליסטישע פארטײ.

דעליאָנ האָט אָנגעהויבנ שפּילנ א ראָליע אינ דער ס.א.פּ., ווענ דער אנארכיזמ האָט שוינ געהאט פארלוירנ זײַנ ווירקונג בײַ די יידישע ארבעטער־מאסנ אינ אמעריקע. ס'איז אָבער ניטאָ קיינ שומ ספק, אז די אנארכיסטישע אינטעליגענטנ, וועלכע זײַנענ געבליבנ גענעראלנ אָנ אנ ארמײ, האָבנ דערפילט אינ דער סאָציאליסטישער ארבעטער־פארטײ אונטער דעליאָנס אָנפירונג די עמעסע געפאר פארנ אנארכיזמ און האָבנ אויסגעשטרעקט די הענט די אָפּאָרטוניסטישע סאָציאל־דעמאָקראטנ, וואָס האָבנ פריער אזוי ביטער געקעמפט קעגנ זייער געוועזענעמ פירער דאָוויד עדעלשטאט (קאָפּעלאָוו, „אמאָל אינ אמעריקע“, זז. 384 — 385). פונ דער אנדערער זײַט, איז דער סאָציאל־רעפאָרמיסטישער „פאָרווערטס“ שטארק אָנגעפאלנ אפ דעליאָנענ, ווענ ער איז שארפ ארויסגעטראָטנ קעגנ דעמ אנארכיסט קראָפּאטקינ, בײמ יענער האָט אינ 1897 באזוכט די פארייניקטע שטאטנ.

112. אינ זײַנע „בלעטער“ (ב. III, זז. 203 — 206) קלײַבט צונויפ אב. קאהאנ די „גוטע מאטעריאלנ“ פונ זײַנע „סעדרעס“, אינ וועלכע ער געפינט ערטערווײַז „א געראָטענעמ הומאָר פונ א בעסערנ סאָרט; ערטערווײַז אנ אינטערעסאנטנ אײַנפאל אָדער א פּאָעטישנ בילדל“. אלס מוסטער ברענגט ער א פּאָר סעדרעס וועגנ

„מױשע ראבײנו“, װעלכנ ער רופט אָנ „גענאָסע מױשע“, אונ אױבנ, װאָס אנטהאלט „א סאטירע אױפ די אנארכיסטנ“. „מױשע ראבײנו“ שילדערט אב. קאהאנ אלס פרײַהײט-קעמפער אונ יונגאַנ-װירער, פונ װעלכנ מע דארפ זיך הײַנט אראָפּנעמענ א בײַשפּיל. די „סאטירע אױפ די אנארכיסטנ“, װעלכע אב. קאהאנ גיט איבער גענױ, פארמאָגט אזױנע „פערל“: „אָט איז די הײַנטיקע סעדרע אינ קאס! הערט, װי זי בײזערט זיך, אונ שילט, אונ קריצט מיט די צײנ אונ טאָראָפּאָצעט מיט די פיס אונ גלאָצט מיט די אױגנ... הערט נאָר, װאָס עס טוט זיך. זי װעט באַפאלנ א שרעקנס, זי װעט שיקנ אנ אױסצערונג, װאָס װעט פארדארבנ די אױגנ..., זי װעט אײַנ ארײַנשלײַדערנ א ניכפע אינ הארצנ, א בראַנד אינ די בײנער, א פינצטערניש אינ מאָגנ, א זיבנגאָרנדיקע מאָקע אונטערנ פּאכװע, זי װעט בראָטנ אונ ברענענ...“ ציטירט לױט עליאָהו שולמאַנ אינעמ זאמלבוך „צו דער געש. ײד. פּרעסע“, ז. 36). די ײדישע סאָציאַל-רעפאָרמיסטנ פונ דער „ארבעטער-צײַטונג“ האָבנ זיך ביכלאל געהיט אָנצורירנ די ײדישע רעליגיע.

װי מיר זעענ, איז אב. קאהאנ שױנ אינ אָנהײב פונ זײַנ זשורנאליסטישער קאריערע געװענ א מײַסטער פונ געל-סאָציאַליסטישנ שונד, װאָס איז אזױ כאראקטעריסטיש פאר איצטיקנ סאָציאַל-פאשיסטישנ „פאָרװערטס“. נאָכ מיט העכער 40 יאָר צוריק האָט ער שױנ ארױסגעװיזנ גרױס בעריעשאפט צו שטעלנ זײַנ „סאָציאַליסטישע“ פענ צו דינסט דעמ ײדישנ קלעריקאליזמ.

113. „ס'איז באװוסט, — דערקלערט לענינ, — אז אינ דער מאָס, װאָס די דײַטשישע סאָציאַל-דעמאָקראטיע האָט גענומענ פוילנ, װערנדיק אלץ מער אָפּאָרטוניסטיש, פלעגט זי אָפטער אונ אָפטער זיך אראָפּקײַקלענ צומ פיליסטערישנ קרומ-אױסטײַטשנ די בארימטע פאָרמול: „דערקלערנ די רעליגיע פאר א פריװאט-זאכ“. געמײנט: די דאָזיקע פאָרמול פלעגט אױסגעטײַטשט װערנ אזױ, אז קלױמערשט אױכ פאר דער פארטײ פונ רעװאָלוציאָנערנ פּראָלעטאריאט איז די פראגע װעגנ דער רעליגיע א פריװאט-זאכ!“ לענינ פארענדיקט, אז די דײַטשישע סאָציאַל-דעמאָקראטיע האָט מיט אָט דעמ מינ אָפּאָרטוניזמ אירנ „דערנידעריקט די פארטײ פונעמ רעװאָלוציאָנערנ פּראָלעטאריאט ביז צומ ניװאָ פונ געמײנסטנ „פרײַדענקערישנ“ באלעבעסלטומ, װאָס איז גרײט צו דערלאָזנ אנ אױסערגלױבנ-צושטאנד, נאָר װאָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פונ דער אױפגאבע פונ פארטײישנ קאמפ קעגנ רעליגיעזנ אָפּיומ, װאָס מאכט נאריש דאָס פאָלק“ (לענינ, ב. XXI, „מעלוכע אונ רעװאָלוציע“, זז. 421 — 424).

114. קאָפעלאָװ. „אמאָל אינ אמעריקע“, זז. 234 — 235.

115. די „ארבעטער-צײַטונג“ פארנ 2-טנ מײַ, 1890, דערצײלט, אז אױפ אנ „אומפארטײיִשער“ פארזאמלונג פונ די „ריטער דער פרײַהײט“ האָט דער אנארכיסטישער פירער פרעכער דערקלערט, אז די אמעריקאנער סאָציאַל-דעמאָקראטנ זײַנענ „שװינדלער“... „לומפנ“... אונ אז די „ארבעטער-צײַטונג“ „װערט ארױסגעגעבנ פונ א באנדע שװינדלער אומ צו מאכנ געלט אונ צו פירנ א לײַכטנ לעבנ“... פונ דער אנדערער זײַט, האָבנ די מיטארבעטער פונ דער „ארבעטער-צײַטונג“ שפּעטער אלײנ צוגעגעבנ, אז „אינ איר זײַנענ געפירט געװאָרנ פארברעכערישע, איבערגעטריבענע אונ אבסאָליוט אומערלעכע אטאקעס אױפ די אנארכיסטנ“ (אב. קאהאנס „יובילײ-שריפט“, ניו-יאָרק 1910). אױפ ניט קײנ העכערנ ניװאָ זײַנענ אױכ געשטאנענ די „טעאָרעטישע“ פּאָלעמיקעס צװישנ די אנארכיסטישע מיט די סאָציאַליסטישע פירער. קאָפעלאָװ דערצײלט, אז אױפ „אנ אָפענער דעבאטע איבער אנארכיזמ מיט סאָציאַל-דעמאָקראטיזמ“ צװישנ דעמ סאָציאַל-דעמאָקראט ל. מילער אונ דעמ אנארכיסט ש. יאנאָװסקי האָט אײנער פונ זײ — „קעדײ צו פארשטארקנ זײַנ פּאָזיציע“ — „געבראכט רײַעס פונ אױטאָריטעטנ אונ האָט דערמאָנט א סאכ פילאָסאָפנ בא זײערע נעמענ, װעלכע זאָלנ האָבנ אָנגעדײַטעט אינ זײערע װערק דיזעלבע מײנונג װי דעמ דעבאטאנטס. דער אנדערער האָט אינ זײַנ ענטפער אָנ-

געוואָרפנ נאָכ מער באַרימטקייטנ. ער האָט אָנגערופנ דײַטשישע, פראַנצויזישע בני־מינ און אויכ אַלטע גריכישע פילאָסאָפנ. אַז דער ערשטער דעבאַטאַנט האָט מיט פאַרוווּנדערונג א פרעג געטאָנ: „ווער זײַנענ דאָס אַט־אָ די אַלע געלערנטע, וווּ האָט ער געלייענט וועגנ זיי, זאָל ער אָנרופנ די נעמענ פונ די ביכער“, איז יענער א ברעקל ניט ניספּאָעל געוואָרנ, נאָר קאַלטבלוטיק דעמ פרעגער צוריק געפרעגט: „און ווו האָט איר אײַערע ציטירטע פילאָסאָפנ גענומענ, האַ?“ — „איר מעגט שלעפנ נעמענ, ניט געשטויגענע און ניט געפלויגענע? נו, האָב איכ אויכ אַזוי געטאָנ, טאַקע פונ דער זעלביקער האַפּטווירע“ („אַמאָל אינ אַמעריקע“, ז. 173).

116. כ׳ מאַקס עריק מאַכט מיר אויפמערקזאַמ, אַז סאַמבאַטיאָנ־זעליקאָוויטשעס „קאַסאָווער טײַוול“ איז, ווײַזט אויס, נאָכגעמאַכט דעמ «Dialle Boit eux» (קרומענ טײַוול) פונעמ פראַנצויזישנ שרײַבער לעסאַזש (1707), דער מעכאַבער פונ „זשיל בלאַז“. אַזוינע נאָכמאַכונגענ זײַנענ ניט געווענ קיינ נײַס בא זעליקאָוויטשנ. נאָכ מיט א צײַט פריִער ווערט ער אינ א ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט („פאָלקס־אַדוואָקאַט“ פאַרנ 18־טנ מאַרט 1890) געשטעמפּלט פאַר א פּלאַגיאַטער. דאָס ווערט דאָרט באַוויזנ דורכ אָפּדרוקנ זײַנע פערזנ און די ענגלישע ליד׳, פונוואַנענ ער האָט זיי גענומענ.

117. אינ זײַנ אַרטיקל „צײַטונג־שאַרלאַטאַניזמ“ („פ. א. ש.“, 7־טער אוי־גוסט, 1891) שרײַבט עדעלשטאַט אַזוי:

„עס איז א שאַנדע, וועלכע מוז געבראַנדמאַרקט ווערנ פונ יעדנ אָרנטלעכנ, אָנשטענדיקנ מענטשנ. די זעלביקע „אַרבעטער־צײַטונג“ שעמט זיכ ניט צו אַנאָנ־סירנ, אַז סאַמבאַטיאָנ, אַלס ליטוורישער פילאָסאָף, וועלכער לעקט איצט די שטיוול פונ א באָס, פונ א שמוציקער רעאַקציאָנערער בלאַט, וועט ווערנ א מיטאַרבעטער פונ דיזער סאָציאַליסטישער צײַטונג. דיזע צײַטונג־פּראָסטיטוטקע האָט זיכ שוינ טויזנט מאָל פאַרקויפט יעדנ איינציקנ, וועלכער האָט נאָר געוואָרפנ א פּאָר קלינ־גערס. דיזער ליטעראַרישער פּאַיאַצ האָט שוינ ניט איינ מאָל געמאַכט צו שפּאָט און שאַנד די הייליקע אידייע פונ סאָציאַליזמוס. און יעצט שעמט מענ זיכ ניט צו אַנאָנסירנ וועגנ דיזער שמוציקער בריִע אינ אַנ אַרבעטער־צײַטונג! טפו זאָל דאָס זײַנ! איז ווירקלעכ אינ אַמעריקע דאָס יידישע לעזער־פּובליקומ אַזוי פאַרזומפּט, אַזוי פאַרוויזלט, אַז קיינער וועט ניט געבנ קיינ שפּײַ אָפ דיזער שאַנד־טאַט, אָפ דיזער שמוציקער קאָמעדיע אונטער דעמ שלייער פונ סאָציאַליסטישער ליטעראַטור?

——— אַזעלכע צײַטונגענ האָבנ גאָרניט צו טאָנ מיט דער וואָרנ רעוואָלוציאָנערנ סאָציאַליזמ, זייער אויפגאַבע איז מאַכנ בוזנעס, מאַכנ געלט אָפ דעמ מאַרק. פאַקטיש האָט געצל זעליקאָוויטש שוינ מיטגעאַרבעט אינ דער אַרבעטער־צײַטונג אינ 1890 אונטער די נעמענ „אויס־קאָפּעליוש־מאַכער“ און „סאַמבאַטיאָנ“. קענטיק, אַז ער איז אַהינ אַרײַנגעצויגנ געוואָרנ דורכ אַב. קאַהאַנענ, וועלכער איז פריִער געווענ א מיטאַרבעטער אינ זעליקאָוויטשעס א צײַטונג („פאָלקס־אַדוואָקאַט“, 1889).

118. „אַמאָל אינ אַמעריקע“, ז. 278 — 279.

צו קאַפּיטל 14

119. לויט א פראַגמענט צווישנ זײַנע רוסישע מאַנוסקריפּטנ.

120. דעמ זעלביקנ פאַקט דערמאָנט אויכ עדעלשטאַט מיט א בוידעש שפּעטער אינ זײַנ ליד „בא א טענעמענט־הויז“ („מאָרגנשטערנ“, 30־טער מײַ, 1890). וואַרשײַנלעכ, האָט ער אינ יענער צײַט געלייענט די געשיכטע, וויאַזוי די ענגלישע לאָרדנ האָבנ פאַרכאַפּט די ערד בא די פויערימ (א גרינטלעכע באַשרײַבונג דערפונ געפינט זיכ אינ מאַרקס „קאַפּיטאַל“, ב. I, קאַפּיטל 28).

121. עדעלשטאטס שוועסטער דערציילט, אז זי האט געוואלט פארנ קיינ ניו־יארק, קעדיי אנטייל צו נעמענ אינ דער באוועגונג אונטער דער אנפירונג פונ דער אנארכיסטקע (איצט אנארכא־פאשיסטקע) עמא גאלדמאנ. דאוויד עדעלשטאט איז ארויסגעטראטנ שארפ קעגנ אט דעמ פלאנ. ער האט דערקלערט, אז „דארט קענ מענ זיכ ניט אנטוויקלענ“. די שוועסטער האט געמיינט, אז ער וויל ניט, זי זאל זיכ אפגעבנ מיט דער באוועגונג, און זי איז דערפאר געווענ שטארק איבעראשט, ווענ ער האט זי גערופנ צו גיינ מיט אימ, צוזאמענ אינ קלאסנקאמפ.

122. א רודאש, עדעלשטאטס א מיטצייטלער דערציילט אינ א בריוו פונ מארט 1934, אז סטעפניאק האט אנ ערעב אינ 1889 געליינט אינ ניו־יארק רעפעראטנ איבער רוסלאנד. „עדעלשטאט איז אימ געגאנגענ הערנ און זיכ מיט אימ פאנאנדערגערעדט, און סטעפניאק האט זיכ ארויסגעדריקט: „אהינ גלאטאק רוסקאוואָ וואזדוכא“ (אינ שלונג רוסישע לופט). ער האט פארשטאנענ, אז זיינ ארט איז אינ רוסלאנד, ניט ענגלאנד אדער אמעריקע“.

123. אינעמ יאר 1890 פארשטארקט די צארישע רעגירונג אירע אויסנאמגעזעצנ קעגנ יידנ.. איר אפיציעלע פרעסע אגיטירט, אז יידנ זאלנ ארויסגעשטופט ווערנ פונ אלע ארבעט־צווייגנ. א ריי גובערנאטארס נעמענ אנ ספעציעלע מיטלענ צו פארפאלגנ די יידישע מאסנ. פונ יידנ ווערט געפאדערט אראפצונעמענ דאס היטל פאר יעדנ צארישנ טשינאווניק. דער אדעסער גראדאנאטשאלניק פאראָרדנט, אז יידנ זאלנ אפטרעטנ דאס ארט אינ טראמוויי פאר די, וואס טראגנ מונדירנ. דער מאלעווער גובערנאטער סטראשעט יידנ מיט שמיץ. א בראשור פונ טאלסטוי, קאראלענקא אא., וואס אנטהאלט א פראטעסט קעגנ פארפאלגנ די יידנ און קעגנ דער יידנ־העצע, ווערט פארבאטנ פונ דער צענזור און פארברענט. די צייטונגענ קריגנ א באפעל ניט צו דרוקנ קיינ פראטעסטנ פונ די דאזיקע שרייבער קעגנ די יידנ־פארפאלגונגענ. מעגלעכ, אז אונטערנ איינפלוס פונ אט די נייסנ האט עדעלשטאט דעמאלט אויכ געשריבנ זיינ ליד „דער יידישער פראלעטאר“ („פ. א. ש.“ פונעמ 2־טנ דעקאבער 1890), אינ וועלכער ער דערקלערט: „ברידער, מיר טראגנ א דרייפאכע קניט — אלס יידנ, אלס שקלאפנ, אלס דענקער“, און ער מאכט א פארגלייכ צווישנ דער אונטערדריקונג אינעמ צארישנ רוסלאנד מיט דעמ „בלוטנ בא דער מאשינע“ אינעמ „פינצטערנ שאפ“ פונ דער „פרייער מעדינע“.

124. ראזענבערג (אונטערנ פסעוודאנימ „פאנ דער מארק“) איז נאכ מארקס טויט (14־טער מארט 1883) ארויסגעטראטנ אינ דער דייטשישער סאציאל־דעמאקראטישער „ניו־יארקער פאלקס־צייטונג“ קעגנ דער מארקסיסטישער טעאריע פונ מעלוכע. דערביי האט ראזענבערג באשולדיקט ענגעלסנ אינ אנארכיזמ. אינ זיינ ניט־באגרייפנ דעמ גרינטלעכנ און פרינציפיעלנ אונטערשייד צווישנ דער מארקסיסטישער מעלוכע־טעאריע מיט דעמ אנארכיזמ איז ראזענבערג ניט געווענ קיינ אויסנאמ צווישנ די דייטשישע סאציאל־דעמאקראטנ פונ יענעמ דאר; צומביישפיל, וו. בלאס, וואס האט דורכגעקוקט די דייטשישע איבערזעצונג פונ ליסאגארעס געשיכטע פונ דער קאמונע, מיט וועלכער מארקס האט זיכ אינטערעסירט, האט זיכ געשראקנ, אז ליסאגארעס ווערטער „די קאמונע האט געשטרעבט צו Suppressi de l'etot (אונטערדריקונג פונ דער מעלוכע), קאנ מאכנ א שלעכטנ איינדרוק אינ אונזער אזוי שטרענג אנטי־„קאמוניסטישנ“ און אנטי־„אנארכיסטישנ“ דייטשלאנד. אינ א בריוו פונעמ צענטנ נאיאבער 1877 אייצעט מארקס בלאסנ צו איבערזעצנ עס: „אפשאפונג (אדער אונטערדריקונג) פונ דער קלאסנ־מעלוכע“. ווענ ענגעלס באזוכט אמעריקע (אויגוסט־סענטיאבער 1888), האט ער א שמועס מיט דער ראזענבערג־פראקציע. ער שמועסט מיט זיי וועגנ דעמ אפיציעלנ פארטיי־ארגאנ דער „סאציאליסט“ (רעדאקטירט פונ ראזענבערגנ) און וועגנ דער „ניו־יארקער פאלקס־צייטונג“ פונעמ רעכטנ פליגל. אינ זיינע בריוו צו זארגענ זאגט זיכ ארויס ענגעלס קעגנ ביידע לאסאליאנישע פראקציעס: סיי קעגנ די אפארטו־

ניכטנ פונ דער „פאלקס-צײַטונג“ אונ סײַ קעגנ די סעקטאנטנ פונ ראזענבערגס ריכטונג. דער צווייטער אינטערנאציאנאל האט שפעטער, נאכ דיזער שפאלטונג, אנערקענט ביידע נאציאנאלע עקזעקוטיוועס אדער צענטראל-קאמיטעטנ פאר גלײַכבארעכטיקטע ריכטונגענ אינעמ סאציאליזמ אונ אנערקענט ביידע דעלעגאציעס אפ די אינטערנאציאנאלע סאציאליסטישע קאנגרעסנ.

(אלס רעדאקטער פונעמ פארטיי-ארגאנ „דער סאציאליסט“ האט זיכ ראזענבערג אויכ אינטערעסירט מיט די יידישע טרעיד-יוניאנס. ער האט זיכ באטייליקט אינעמ גרינדנ דעמ צענטראלנ ארגאנ פונ די יידישע טרעיד-יוניאנס אינ ניו-יארק (דעמ 9-טנ אקטאבער 1888), וועלכער האט לויט זײַנ רעקאמענדאציע אנגענומענ דעמ נאמענ „פאראייניקטע יידישע געווערקשאפטנ“, „40 יאר“ ז. 180).

125. „איכ האלט פאר אנ עמעסנ גליק“, — שרײַבט ענגעלס אינ צוזאמענהאנג מיט דער שפאלטונג אינ דער סאציאליסטישער ארבעטער-פארטיי 1889, — וואס די ספעציפיש דײַטשישע פארטיי, מיט איר גאנצער לעבערלעכער טעארעטישער אומקלארקײַט, מיט איר אנטשפרעכיקער גרויסהאלטערײַ אונ לאסאליאנישקײַט, צעפאלט זיכ“ (בריוו צו זארגע, זז. 362 — 364).

126. אב. קאהאנ דערציילט, אז ער איז געווענ צווישנ די, וועלכע זײַנענ אינ 1889 ארויסגעטראטנ קעגנ דער ראזענבערג-ריכטונג אינ דער אמעריקאנער „סאציאליסטישער ארבעטער-פארטיי“ („בלעטער“, ב. II, זז. 436), אונ האט זיכ דערקלערט אײַנפארשטאנענ מיט דעמ „פאלקסצײַטונג“-צאד („בלעטער“, ב. II, זז. 435 — 436).

צו קאפיטל 15

127. די „פרײַע ארבעטער-שטימע“ האט געיארשנט פונ דער „וואהרהײַט“ דרוק-מאכשירימ אונ אפילע א געוויסע סומע געלט („אמאל אינ אמעריקע“, ז. 244). די פיאנערנ האבנ אויכ ארויסגעשטעלט די פאדערונג, אז דאס גאנצע געלט, געזאמלט אפ די זאמלונג-בויגנס פונ דער „ווארהײַט“, זאל צוגעשטעלט ווערנ פאר דער נײַער צײַטונג („מארגנשטערנ“, 7-טער פעווראל, 1890).

128. „מארגנשטערנ“, 24-טער יאנואר, 1890.

129. דארט, 14-טער פעווראל, 1890.

130. „אמאל אינ אמעריקע“, ז. 259.

131. דער ערשטער אנארכיסטישער רעדאקטער פונ דער „פ. א. ש.“ איז געווענ ראמאנ ג. לויס. דאוויד עדעלשטאט האט, לויט ווי זײַנ שוועסטער דערציילט, געהאלטנ לויסנ פאר א פויליקנ יונגנמאנ, נאר געהאט וויניק צוטרוי צו אימ. א צענ טעג נאכ עדעלשטאטס טויט דערקלערט זיכ לויס פאר א סאציאל-דעמאקראט. גייט נאכדעמ איבער צו דער בורזשואזיע. באגייט זעלבסטמארד אינ 1918 יאר. דער צווייטער רעדאקטער פונ דער „פ. א. ש.“ (נאכ לויסנ) איז געווענ פ. א. פראנק (דר. מעריסאנ). אינ „מארגנשטערנ“ 1890, אינעמ אפטייל „די פרײַע פלאטפארמ“, איז פאראנ זײַנער אנ ארטיקל איבער „אנארכיזמוס-קאמוניזמוס“. ער פרוווט זיכ, ווי זײַנ שטייגער איז געווענ, צו „באגרינדנ“ זײַנע ארויסזאגונגענ מיט ציטאטעס פונ פרידריכ ענגעלסעס „אנטשטייונג פונ דער מעלוכע“ אאזו. אינ א באמערקונג פונ דער רעדאקציע ווערט מעריסאנ געבעטנ צו שרײַבנ פאפולערער, נית מיט קײַנ „ספענסער-שפראכע“. פיליפ קראנצ, דער רעדאקטער פונ דער „ארבעטער-צײַטונג“, פלעגט אפט פאראײַלנ דעמ סאציאל-דעמאקראטישנ אוילעמ אינ קיבעצארניע דורכ פארלייענענ מעריסאנס ארטיקלענ אינ דער „פ. א. ש.“ („בלעטער“, ב. III, זז. 51 — 52). דר. יאנקעוו ישראעל מעריסאנ איז בא זײַנ אנקומ אינ אמעריקע, קענטיק, געווענ א נאציאנאליסט. אינ קאסריעל מאזעס קלעריקאלנ „יידישעס וואכנבלאט“ פונעמ 11-טנ דעקאבער 1887 איז פא-

ראנ אנ אַרטיקל „דאָס כאַנעקע־ליכט“ מיט לידער דערצו, אונטערגעשריבנ יאַנקעװ מאָריזאָנ. שפּעטער װערט ער אַרײַנגעצויגנ אינ דער אַנאַרכיסטישע באַװעגונג, כאָטש ער איז געװענ פאַר אַנטיילנעמענ אינ פּאָליטישנ קאַמפּ. א געװיסע צײַט האָט ער (לויט עדעלשטאַטס שװעסטער) געװוינט צוזאַמענ מיט עדעלשטאַטנ אונ זאָלאָטאַראָװנ אינ איינ קװאַרטיר. ער װערט א מיטאַרבעטער פונ דער „װאַרהײַט“, שרײַבט צוזאַמענ מיט זײַנ פרוי יעקאַטערינא יעװזעראָװא אונ די אַנטירעליגיעזע „טפילע־זאַקעס“. ער איז דער צװייטער אַנאַרכיסטישער רעדאַקטער פונ דער „פ. א. ש.“ צו דעמ סאָציאַל־דעמאָקראַטישנ דר. א. בראַסלאַװסקי. דר. מעריסאָנ האָט איבערגעזעצט א גאַנצע רײ װיסנשאַפטלעכע װערק אַפ ייִדיש, צװישנ זיי אויכ אַלע דרײַ בענדער פונ מאַרקס „קאַפּיטאַל“. אַפ דער עלטער געװאָרנ א נאַציאָנאַליסט, א ייִדישיסט.

132. „אַמאָל אינ אַמעריקע“, זז. 257 — 258.

133. דאָרט, זז. 273 — 274.

134. מיטנ ציל אָפּצושרעקנ די ייִדישע אַרבעטער פונעמ קאָמוניזמ אונ פרוװנדיק זיכ װאַרפנ א כילבל אַפנ קאָמוניזמ, אַז ער איז דאָס אייגענע, װאָס דער אַנאַרכיזמ, טראַכט אויס אַב. קאַהאַנ די מײַסע, אַז די דײַטשישע אַנאַרכיסטנ אינ אַמעריקע זײַנענ קלומערשט די ערשטע צײַטנ „אייגנטלעכ ניט געװענ קיינ אַנאַרכיסטנ, נאָר סאָציאַל־דעמאָקראַטישע מאַרקסיסטנ. זיי זײַנענ אָבער ניט געװענ צופרידנ מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער טאַקטיק אונ מיט דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער שפּראַכ. זיי האָבנ געפאָדערט א „רעװאָלוציאָנערע“ פּראָגראַמ מיט „רעװאָלוציאָנערע װערטער“ — צוערשט האָבנ זיי זיכ מיט דעמ נאָמענ „אַנאַרכיסטנ“ גאָרניט גערופנ. זייער אָפיציעלער טיטל איז געװענ „סאָציאַליסטנ־רעװאָלוציאָנערנ“, אַלס קעגנזאַץ צו דעמ נאָמענ „סאָציאַל־דעמאָקראַטנ“ — אונ האָבנ געגרינדעט „סאָציאַליסטישע רעװאָלוציאָנערע קלובנ“. זיי האָבנ די פּאַרטיי אַטאַקירט מיט די שאַרפסטע װערטער, זיי האָבנ אירע פירער כוזעק געמאַכט זיי פונ „לעמעשקעס“, װעלכע װילנ דעמ קלאַסנקאַמפ פירנ אַפ צירלעכ־מאַנירלעכ שטייגער. די זעלבע טײַנעס מיט די זעלבע געשרייענ, װעלכע מע הערט הײַנט פונ די באָלשעװיקעס־קאָמוניסטנ קעגנ די סאָציאַליסטנ — פּונקט די זעלבע געשיכטע“ („בלעטער“, ב. II, ז. 41).

135. דאָרט, ז. 266, לויט מ. קאַטצ אינ דער „פאָרעדע“ צו עדעלשטאַטס „שריפטנ“ (1909), האָט עדעלשטאַטס כירעס באַטראָפנ 10 דאָלאַר א װאָכ. מע קאָנ זיכ אָבער מער פאַרלאָזנ אַפ קאָפּעלאָװנ, װעלכער איז דעמאָלט געװענ דער פאַרװאַלטער פונ דער „פ. א. ש.“ אונ האָט נאָכ דערצו געהאַט א שטאַרקערנ זיקאָרנ װי מ. קאַטצ.

136. יִצכאָק־אײַזיק הורװיטש (1860 — 1924). אינ 1881 פאַרשיקט קיינ סיביר פאַר רעװאָלוציאָנערער טעטיקײַט. אינ סאָפ פונ די 80־ער יאָרנ געהאָלפנ אָרגאַניזירנ סאָציאַליסטישע קרײַזלעכ צװישנ די ייִדישע אַרבעטער אינ מינסק. 1890 אויסגעװאַנדערט קיינ אַמעריקע. צומ סאָפ פונ די 90־ער יאָרנ װערט ער שטאַרק באַקעמפט פונ מאָריס װינטשעװסקינ, װעלכער האָט אימ אָנגערופנ „פּראָפעסער פונ שאַטנעז־פּאָליטיק“ פאַר זײַנ אַגיטאַציע, אַז די סאָציאַליסטנ זאָלנ זיכ פאַראייניקנ בא די װאַלנ מיט דער ליבעראַלער בורזשואַזיע (זע קאַלמענ מאַרמאָר „מאָריס װינטשעװסקי“, ניו־יאָרק, פאַרלאַג „פרײַהײַט“, 1928, ז. 225). הורװיטש קריטיקירט יאָרנ נאָכאַנאַנד די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי צומ גרעסטנ טייל פונ רעפאָרמיסטישע פּאָזיציעס. װערט אַפ דער עלטער אַקטיװ אינ די ייִדישע נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. אינ דעמ לעצטנ יאָר פונ זײַנ לעבנ איז ער געװאָרנ א מיטאַרבעטער אינעמ געלנ סאָציאַל־פאַשיסטישנ „פאָרװערטס“, געשריבנ אַרטיקלענ אונ געהאַלטנ רעדעס קעגנ ראַטנפאַרבאַנד.

137. רויִנדיק, װיאַזוי מאַרקס אונ ענגעלס האָבנ פּאָלעמיזירט קעגנ די אַנאַר־

ניסטנ, זאָגט דער נ' לעניג אזוי: „מיר גייענ זינ קלאל ניט פאנאנדער מיט די אנארכיסטנ אינ דער פראגע וועגנ אָפּשאפנ די מעלוכע, אלס א צ י ל. מיר באהויפּטנ, אז קעדיי דערגרייכנ צו דעמ האַזיקנ ציל, איז גויטוועַנדיק א צייטווייַליקע אויס=ניצונג פונ די וועַרקצייַגנ, פונ די מיטלענ אונ די מעטאָדנ פונ דער מעלוכע=מאכט קעגנ די עקספּלואטאטערס, פּונקט ווי צוליב פארניכטנ די קלאסנ איז נויטווענ=דיק די צייטווייַליקע דיקטאטור פונעמ אונטערדריקטנ קלאס. מארקס קלייַבט אויס די סאמע שארפע אונ סאמע קלאָרע שטעלונג פונ פראגעס קעגנ די אנארכיסטנ: ארָאָפּווארפנדיק דעמ יאָכ פונ די קאפּיטאליסטנ, צי דארפנ די ארבעטער „אוועק=ליגנ דאָס געווער“ אדער אויסניצנ עס קעגנ די קאפּיטאליסטנ, קעדיי צו צעברעכנ זייער ווידערשטאנד? אונ די סיסטעמאטישע אויסניצונג פונ געווער דורכ איינ קלאס קעגנ א צווייטנ קלאס, — וואָס איז דאָס אזוינס, אויב ניט קיינ „איבער=גאנג=פאָרמ“ פונ מעלוכע?

זאָל זיכ יעדער איינער סאָציאַל=דעמאָקראט א פרעג טאָנ: צי האָט ער א ז ו י געשטעלט די פראגע וועגנ מעלוכע אינ דער פּאָלעמיק מיט די אנארכיסטנ? צי האָט א ז ו י געשטעלט די דאָזיקע פראגע די גרעסטע מערהייט פונ די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע פּארטייענ פונעמ II אינטערנאציאָנאל?

... די געוויינלעכע קריטיק פונעמ אנארכיזמ בא די הייַנטצייַטיקע סאָציאַל=דעמאָקראטנ איז באשטאנענ אינ ריינסטער באלעבעסלדיקער געמיינקייַט: „מיר אנערקענענ די מעלוכע, אונ די אנארכיסטנ ניט!“ אזא געמיינקייַט קאָנ ניט, פארשטענדלעכ, ניט אָפּשטויסנ די וויפל=ס'ניט=איז דענקענדיקע אונ רעוואָלוציאָ=נערע ארבעטער. ענגעלס זאָגט עפּעס אנדערש: ער שטרייַכט אונטער, אז אלע סאָ=ציאַליסטנ אנערקענענ דאָס פארשווינדנ פונ דער מעלוכע, אלס א רעזולטאט פונ דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע. ער שטעלט דערנאָכ קאָנקרעט די פראגע וועגנ רעוואָלוציע, נעמלעכ יענע פראגע, וואָס אויס אָפּאָרטוניזמ מייַדנ זי די סאָציאַל=דעמאָקראטנ געוויינלעכ אויס, איבערלאָזנדיק זי, אזוי צו זאָגנ, אפ אויסשליסלע=כער „באארבעטונג“ פאר די אנארכיסטנ“ (לענינ, ב. XXI, „מעלוכע אונ רעוואָ=לוציע“, זז. 411, 413).

138. „שטורעמ=וואָלקנ“ איז בא עדעלשטאטנ דעמ סימבאָל פונ יועש. ער בא=ניצט עס אינ אָט דעמ זינענ אינ זייַנ פראָזע=געדיכט „מוזיק“ אונ אינ זייַנ דער=ציילונג „דער קאר=קאָנדוקטער“.

139. „איינציקע לייַט, וואָס זייַנענ ניט אופמערקזאמ צו די באדינגונגענ פונ דער צוגרייטונג אונ אנטוויקלונג פונעמ מאסנקאמפ, האָט דערפירט צו פארצווייפ=לונג אונ אנארכיזמ האָס, וואָס ס'האָט זיכ אפ לאנג אָפּגעלייגט דער אַנטשיידע=נער קאמפ קעגנ קאפּיטאליזמ אינ אייראָפּע. מיר זעענ איצט, קורצזיכטיק אונ קליינמוטיק עס איז די אנארכיסטישע פארצווייפלונג“ (לענינ, „די היסטאָרישע שיקזאל פונ קארל מארקס לערע“, ב. XVI, ז. 333).

צו קאפּיטל 17

140. אָט זייַנענ איינציקע מוסטערנ פונעמ לייענשטאָפּ, וואָס עדעלשטאט פלעגט דרוקנ אלס רעדאקטער פונ דער „פ. א. ש.“, אונ וואָס ער פלעגט פארבראקעווענ. דעמ 16=טנ יאנואר — אנ ארטיקל, וואָס באווייַזט, אז דער „ארבעטער אינ קלאסנ=קאמפּ“ קאָנ פונ דער מעלוכע דערווארטנ נאָר „בליי“ אָנשטאָט „ברויט“. דעמ 23=טנ יאנואר — פּאָפּולערע נאטורוויסנשאפטנ. דעמ 6=טנ פעברואר — „בריוקאסטנ“ — פארבראקעוועט די ארטיקלענ וועגנ פרייַער ליבע אונ אלע צוגעשיקטע לידער. דעמ 20=טנ פעברואר — ארטיקל (מעגלעכ, עדעלשטאטס) וועגנ אנ ארבעטער, וואָס איז באגאנגענ זעלבסטמאָרד מאכמעס נויט. דעמ 13=טנ מארט — וועגנ פאבריקאנטנ, וואָס

זעענ אַנ זייערע ארבעטער (אנטלויפנ מיט דעמ נימ=אויסגעצאָלטנ ארבעטלוינ), דעמ 27=טנ מארט — פעליעטאָנ וועגנ פּורימ, אינ וועלכנ עס ווערט דערציילט, אז די פּערסישע ייִדנ האָבנ געפּרוווט זיכ העלפנ צוערשט „דורכ זעענ א ייִדנ אינ פּארלאמענט“... „דורכ רעליגיע“ (דריי טעג געפאסט) אונ צומ סאָפ זיכ גענומענ צומ קאמפ: „צעקלאפּט די זייטנ פונ א 500 דיקע בייכער“... דעמ 3=טנ אפּרעל — ארטיקלענ פאר א פּאריזיקטער אקציע פונ סאָציאַל=דעמאָקראטנ אונ אנארכיסטנ צו העלפנ די קלאָוקמאכערס. דעמ 10=טנ אפּרעל — ארטיקלענ וועגנ דער דערמאָרדונג פונ שטרייקער אינ פּיטסבורג: „וואפנ! ברידער, דאָס איז די איינציקע האָפענונג פונ ארבעטער, דאָס איינציקע מיטל צו זיינ באפרייונג“. אינ דעמ זעלביקנ נומער איז אויכ פאראנ אנ ארטיקל קעגנ „צעטעלענ“ (פּארלאמענטאריזמ) אונ פאר רעבעליאָנ (אויפשטאנד). דער שרייבער פארענדיקט: „עס לעבע די סאָציאַלע רעוואָלוציאָנ! די צוקונפט געהערט דעמ אנארכיזמוס, קאָמוניזמוס!“ (קענטיק, אז אָט א דער הורא=אנארכיזמ האָט נימ אויסגענומענ בא די ארבעטער, ווייל דעמ 29=טנ מיי הדרוקט שוינ עדעלשטאט „פּ. א. ש.“ אנ ארטיקל, אינ וועלכנ ס'ווערט דערקלערט פאר ביידע רעכילעס, אז אנארכיסטנ זיינענ „קעגנ ארגאניזאציאָנ, קעגנ שטרייקס, קעגנ אכט שטונדנ“).

עדעלשטאט האָט אויכ געגעבנ איבערזעצונגענ פונ זשול ווערנס „א רייזע ארומ דער וועלט אינ א לופטבאלאָנ“, דע=וואָלניימ „פּאראויסטונגענ פונ קיניגרייכנ“. דאָסטאָיעווסקימ „די דערנידעריקטע אונ באליידיקטע“, פעליקס פּיאטס „דער רעגנ=בעדלער פונ פּאריזש“, טורגעניעווס „אפ דער שוועל“, וויקטאָר הוגאָס „טאַוואָע“, טשערנישעווסקיס „פּארוואָס איז ארבעט אומאָנגענעמ?“, הערצענס „מענטשפרעסערייִ אינ דער היינטיקער געזעלשאפט“ אדג. ער האָט אויכ געגעבנ פּלאצ פאר א סעריע ארטיקלענ פונ א סאָציאַליסט (באראנאָוו) איבער „דער אנטוויקלונג דער בורזשואזיע אלס א שטופע אינ דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג דער מענטשהייט“. ער האָט אויכ איינגעפירט אנ אָפּטייל באשרייבונגענ פונ בארימטע מענטשנ (מיט זייערע בילדער), ווי טיבעריוס גראקבוס, דאנטאָנ, וויקטאָר הוגאָ אדג. אונ שפּריכווערטער פונ רעוואָלוציאָנערנ (פונ קארל מארקס האָט ער געגעבנ: „די געוואלט איז די היבאמע פונ יעדער אלטער געזעלשאפט, וועלכע איז שוואנגער מיט א נייער“).

141. זע אָנמערקונג 24 וועגנ לוקאָווסקיס פילאָזאָפישע ארטיקלענ.

142. זע שלומ פּונעמ קאפּיטל 13.

143. זע אָנמערקונג 115.

144. אינ זיינ ליד „פראגמענט“ ענטפערט עדעלשטאט אפ די טיינעס קעגנ זיינ אומופהערלעכנ רופ צו סאָציאַלער רעוואָלוציע. אפ דער טיינע, אז דאָס פאָלק קאָנ נאָר ברענגענ אונ ווענ עס שטילט זיכ איינ זיינ צאָרנ, „וועט עס ווידער דעמ טראָנ אנערקענענ, אונ דער ביטערער קאמפ איז פארלאָרנ“, — ענטפערט עדעלשטאט, אז „דאָס פאָלק גארנִט פרייהייט אומעטומ! אונ ווענ דער פרייהייט=קאמפ גייט פארלאָרנ, איז עס דערפאר, ווייל די פירער זיינענ דומ“... ער פארענדיקט:

„וואָרפט נימ ארופ די שולד אפנ פאָלק,
ווענ איר זייט שולדיק אליינ;
ווייסט נאָר צו פירנ דעמ קאמפ מיט א טאָלק,
אינ דער קאמפ וועט פארלאָרנ נימ גיינ!“

145. אניוטא וואָלפסאָנ איז געווענ צווישנ עדעלשטאטס נאָענטע פריינדינ—ער ווידמעט איר איינציקע לידער אינ רוסיש אונ איינ ליד אינ ייִדיש: „א בי=טערער מאזל“, פארעפנטלעכט נאָכ זיינ טויט („ארבעטער=פריינט“, 6=טער יאנואר, 1893). זי איז געווענ א קראנקנ=שוועסטער, אונ, לויט עדעלשטאטס שוועסטער, האָט זי געליפערט עדעלשטאטנ דעמ שטאָפ פאר זיינ ליד „דער קינדער=מערדער“ אונ פאר זיינע דערציילונגענ „ווער איז שולדיק“ אונ „געלט אונ ליבע“. אפ א בילד,

קענטיק, געמאכט פונ באזונדערע פאָטאָגראפיעס נאָכ עדעלשטאטס פארלאָזנ ניו־יאָרק, שטייט פונויבנ עדעלשטאטס פאָרטרעט אונ אונטער אים די פאָרטרעטנ פונ אניוטא וואָלפסאָנ אונ פונ טאָכ א יונגע פרוי. לויט מ. קאטצ (זע באמערקונג 93), האָט עדעלשטאט געגלויבט, אז זײַנ כאווער הילעל זאָלאָטאראָוו איז אינ איר פארליבט, אונ ווענ יענער האָט געהייראט אנ אנדערע, האָט ער (עדעלשטאט) געהאט דערפונ א סאכ פארדראָס.

146. אינ זײַנ איצט־באקאנטנ בריוו פונ ניו־יאָרק (29־טנ אפרעל, 1891) זוכט עדעלשטאט צו באווײַזנ זײַנ איינציקע שוועסטער, זי זאָל ווערנ אנ אגיטא־טאָרנ פאר דער ארבעטער־באוועגונג. זי ווערט דאָס טאַקע נאָכ זײַנ טויט. אינ דער „פ. א. ש." פונעמ 17־טנ אָקטיאבער 1899 ווערט אנאָנסירט — פאר א מאסנ־פאר־זאמלונג, צונויפגערופנ פונ דער „גרופע פראָלעטאריאט אָוו (פונ) ברוקלינ" — אלס רעדנער סאָרע עדעלשטאט־טעלסאָנ (די שוועסטער פונ אונדזער פאָעט ד. עדעלשטאט) „איבער די פליכטנ פונ פרויענ". די לעצטע יאָרנ טרעט זי ארויס בלויז אפ די עדעלשטאטס־פײַערונגענ.

147. לויט דער מיטיילונג פונ זײַנ שוועסטער; דאָכ איז ער געווענ גרייט צו פאָרנ קיינ באָסטאָנ אפ א קאָנצערט (בריוו צו דער שוועסטער פונ מיטנ אפרעל 1891). עס זעט אָבער אויס, אז די געפלאנטע אונטערנעמונג איז ניט דורכגע־פירט געוואָרנ.

צו קאפיטל 18

148. קעגנ די „דיכטער" פונ דער „ארבעטער־צײַטונג", מאָריס הילקוויט („המנגן") אונ אב. קאהאנ, איז געווענ געצילט אויכ עדעלשטאטס ליד די „פאָלק־שטימע" („מאָרגנשטערנ" 18־טער אפרעל, 1890) עדעלשטאט דערקלערט דאָרט, אז נאָטש „עס קלינגענ זיס געשליפענע ציינגער, עס זינגענ אונדז פאָלקס־פאָעטנ". איז דאָכ דעמ „עלנטנ שקלאפ" דערפונ ניט גרינגער, ווײַל „נאָר איינציקײַט קענ אימ איצט רעטנ" (מאָריס ראָזענפעלד האָט אָנגעהויבנ זײַנ מיטארבעט אינ דער „ארבעטער־צײַטונג" ניט מיט לידער, נאָר מיט פראָזע).

149. צווישנ עדעלשטאטס מאנוסקריפטנ געפינט זיכ א בלעטל, אפ וועלכנ עס איז אופגעשריבנ מיט לאטייניש בוכשטאבנ „ראָזענפעלד", אונ עס אנטהאלט אזוינע זאצנ: „בלײַב טרײַ די ווארהײַט, ארבעטער־דיכטער" — — — „טו דײַנ ארבעט נאָכ דײַנ איבערצײַגונג, אפ אפלאָדיסמענטנ ניט ווארט" — — — „ארבעט פלײַסיק" — — — „דײַנ ארבעט איז דײַנ בעסטער לוינ".

150. די ניו־יאָרקער אנארכיסטנ האָבנ דערקלערט ראָזענפעלדנ פאר א „פארע־טער" פאר זײַנ אוועקגיינ פונ דער אנארכיסטישער גרופע „ריטער דער פרײַהײַט" („ארבעטער־פרײַנט", 13־טער סענטיאבער 1889). די דאָזיקע גרופע, וועמעס מיט־גלידער זײַנענ געווענ אריבערגעקומענע פונ לאָנדאָנ, האָט באזונדערס אָפגעגעבנ זיכ מיט שטיצע דעמ לאָנדאָנער „ארבעטער־פרײַנט" אונ מיט ארויסגעבנ בראָשו־רעס אונטערנ ביבלישנ נאָמענ „משמיע ישועה", מערנסטנס פונ דעמ „סאָציאליסט" פײַגנבוים, לויט וועמעס פארשלאג זיי האָבנ זיכ אָנגערופנ מיט אָט דעמ נאָמענ (ב. רודערמאנ, „די יידישע סאָציאליסטישע באוועגונג אינ ענגלאנד", „פ. א. ש.", 10־טער אָקטיאבער 1934). לויט איר באריכט אינעמ „מאָרגנשטערנ" פארנ 14־טנ פעבראל 1890 פלעגט די גרופע אויכ פארלייענענ אפ אירע מיטינגענ דעמ „וויסנ־שאפטלעכנ סאָציאליזמ" פונ פרידריכ ענגעלס (זע באמערקונג 106).

151. אנ אַנדײַט אפנ עדעלשטאטס ליד „בלומענ אונ שטערנ" („ווארהײַט" פארנ 10־טנ אפרעל 1889), וו ער זאָגט: „די ערדישע בלומענ זײַנענ זייער צע־לאָזנ, זיי האָבנ גאָר קיינ מאָראל".

152. געמיינט עדעלשטאַטס ליד „פּאַרבלוטיקטע גײַסטער" („מאָרגנשטערנ", 17-טער מאַרט 1890), אינ וועלכער ער שילדערט „די געשפּענסטער" פונ די רוסי-שע רעוואָליוציאָנערנ, וואָס זײַנענ דערמאָרדעט געוואָרנ אינ צאַרישנ סיביר.

153. די שרײַבער פונ דער „אַרבעטער-צײַטונג" פלעגנ אַלע מאָל טײַנענ, ווי דאָס טוט אַב. קאַהאַנ אינ זײַנ אויבנ דערמאָנטער „סעדרע" (זע באַמערקונג 112), אַז די אַנאַרכיסטנ רײדנ בלויז וועגנ די וואָל-טאַטנ, אינדערעמעסנ אָבער זײַנענ זיי פּאַכדאָנים.

154. אָנדײַט אַפּ עדעלשטאַטס ליד „דיכטער אונ מוזע", ווו ער מוסערט דעמ דיכטער: „פּאַרקויפ ניט דײַנ פּעדער".

155. קעדיי צו באַווײַזנ דעמ אונטערשייד פונ א „וואָרנ דיכטער" ביז א „דראַמע-שרײַבער", האָט עדעלשטאַט ציטירט אינ זײַנ אַרטיקל פּרוגס עטלעכע סטראָפעס אונ זיי אָנגערופנ „הייליקע ווערטער". אינטערעסאַנט איז, אַז אינ יענער צײַט איז פּרוג אַטאַקירט געוואָרנ אינ „אַרבעטער-פרײַנט" (1890) פאַר כאַנפענענ צו די ייִדישע גווירימ.

156. געמיינט פּאָניעשע (א ייִדיש-שאָוויניסטישע באַצייכענונג פונ דער רוסי-שער שפּראַכ), אַנ אָנדײַט אַפּ עדעלשטאַטס רוסיפיצירטקײַט.

157. זע דאַוויד עדעלשטאַטס ליד „אַנ די גענאָסענ", „דער לעצטער שטרײַק". אונ מאָריס ראָזענפעלדס ליד „דער ליוב".

צו קאַפּיטל 19

158. די ליד „צומ משוגענעמ פילאָסאָפ" איז דאַטירט 17-טער מאַרט, 1890, מינסיגעטי — דעמ טאָג, ווענ ס'איז דערשינענ דער ערשטער נומער „אַרבעטער-צײַ-טונג". עס זעט אויס, אַז עדעלשטאַט איז דערמוטיקט געוואָרנ צו שיקנ די ליד צומ „אַרבעטער-פרײַנט" דורכ דעמ פאַקט, וואָס מאָריס ווינטשעווסקי האָט ניט באַגריסט די פּאַרטייִשע סאָציאַל-דעמאָקראַטישע צײַטונג.

159. מ. קאַטצ אינ זײַנע ענטפערס אַפּ מײַנ „פראַגנ-צעטל".

צו קאַפּיטל 20

160. פונ די ייִדישע אַרבעטער אינעמ „שוויצ"-שאָפּ האָט עדעלשטאַט אויכ איבערגענומענ אַזעלכע אויסדרוקנ, ווי „הייליקע שכינע" („לוים ליינג"), „פונ גאָלעס אונדז ריעטנ" („צו די פאַרטיידיקער פונ פינצטערניש"), „לאַנג ווי דער ייִדישער גאָלעס" („א רעדאַקטערס כאַלעמ") אד״ג.

161. אַנ אָנדײַט אַפּ דעמ ערשטמײַיִקנ פּאַראַד פונ די סאָציאַל-רעפאָרמיסטנ אינ ניו-יאָרק (1891), וואָס עדעלשטאַט האָט אויסגעלאַכט אינ זײַנ אַרטיקל „פּאַראַצירט".

162. אינ די לידער „צומ געבורטס-טאָג", „וואַכט אויפ", „דער עלפטער אינ דער פרעמד", „1789", „דער פאַל פונ דער באַסטיליע". (עדעלשטאַט גראַמט „ב" מיט „פּ", ווי „ליב" מיט „פּרינציפּ" אינ דער ליד „דזשאָנ בראַונ"; „ג" מיט „ק", ווי „באַטרוג" מיט „דרוק" אינ „עלנט", „ד" מיט „ט", ווי „פרייד" „קוויט" אינ „צומ אָנדענק פונ ק. גאַלאָפּ", „ל" מיט „ר", ווי „שטעלנ" מיט „צעשטערנ" אינ „דער שמיד" אאַוו.).

163. עדעלשטאַט באַניצט געוויינלעכ איינטראַפּיקע אונ צוויי-טראַפּיקע גראַ-מענ (ווי „מאַכט" מיט „נאַכט" אונ „לאָרדנ" מיט „מאָרדנ"). ער באַניצט זיכ אויכ מיט אומפּינקטלעכע גראַמענ, ווי „ברויט" מיט „פאַרשטעלט", „פאָלק" מיט „פאַר-פאָלגט", „שקלאַפּ" מיט „ווייסנשאַפט" (אינ די לידער „אַנ אַלטע געשיכטע",

„אלבערט פארסאָנס“, „דער קומענדער שטורעמ“ אד״ג.), דאקטילישע גראמענ (ווי „איבעראל“, מיט „ליבעראל“) זײַנענ בא עדעלשטאטנ א זעלטנהײַט.

164. די דרײַ לידער מיט גארטל־גראמענ (געגראמט שורעס 1—4 אונ 2—3) זײַנענ: „דער בעקער“, „דער פאל פונ דער באסטיליע“, „טרערנ“ („איכ זע א גלעזערנעמ קאסטנ“). פיר מיט געמישטע גראמענ — „די רעוואָלוציאָנ“ (זע ווײַטער, באמערקונג 166), „1789“, „דער שוועל אונ די נאכטיגאל“, „שפאניענ“. די 11 לידער מיט פאר־גראמענ (געגראמט שורע נאָכ שורע) זײַנענ: („גע־דאנקענ אפנ פאבריק“, „ווענ איכ הייראט“.. „פונ אלבערט פארסאָנס לידער“, „פרעמדעס ברויט“, „קעמפט ביזנ סאָפ“, „פאלשע דיכטער“, „דער אייזל אונ דער זונענשטראל“, „דער דיכטער“, „דער אגיטאטאר“, „א ניט־געענדיקטע דראמע“, „א טרויערדיקער געלעכטער“. די 23 ניטאיבערגעלאָזטע גראמענ (געגראמט בלויז שו־רעס 2—4): „ווארע אונ פאלשע העלדנ“, „דאָס פאבריק־קינד“, „דער ארבעטער“, „מײַנ פרילינג־ליד“, „פארבלוטיקטע גײַסטער“, „צורופ אָנ די „פ. א. ש.“, „דער לעצטער שטרײַק“, „ריכטער אונ מוזע“, „די געפאלענע“, „צו א פרײַנט“, „אונדזער אידעאל“, „א גוט וואָרט“, „אפ א באל“, „זינגט מיט לוסט“, „דער רויטער זעגל“, „די בלאסע וואסער־ליליע“, „דער פארוווּנדעטער אָדלער“, „די צײַטליד“, „א ראָ־מאנס“, „אינ נאטור־טעמפל“, „דער זעלנער“, „וואָס זאָגט איר צו אימ“, „בעסער הונגערנ איידער בעטלענ“. די ליד „סאָפיא פעראָווסקאיא“, איז אינגאנצנ אינ קרייצ־גראמענ (געגראמטע שורעס 1—3 אונ 2—4). 2 סטראָפעס אָבער (10־טע אונ 15־טע) זײַנענ אינ גארטל־גראמענ. די לידער „דער וועקער“ אונ „דער פאל פונ דער באסטיליע“, וואָס האָבנ 6־שורעסדיקע סטראָפעס, האָבנ אומעטום די ערשטע צוויי שורעס אינ פאר גראמענ.

165. מעגלעכ באווירקט פונ הײַנעס ליד נומ. 88 פונ דער סעריע „היימקער“.

„נאכט ליגט אויפ דעמ פרעמדענ וועג,
קראנקעס הערצ אונד מידע גלידער;
אכ, דאָ פליסט, ווי שטילער זעגענ,
זיסער מאָנד, דײַנ ליכט ערנידער“.

166. עדעלשטאט האָט „פרײַ איבערגעזעצט“ אָדער „פרײַ באארבעט“ 5 לידער פונ הײַנענ (א 6־טע ליד פונ הײַנענ האָט עדעלשטאט באארבעט אינ רוסיש), 4 פונ נעקראסאָוונ (א 5־טע ליד, אפ וועלכער ס'איז אָנגעגעבנ „נאָכ נעקראסאָוונ“, איז אינדערעמעס א רוסישע פאָלקס־ליד — זע ז. 46). צוויי פונ נאדסאָנענ, צוויי „פונעמ רוסישנ“, ניט אָנגעבנדיק קיינ נאָמענ, צו איינציקע פונ בײַראָנענ, לער־מאָנטאָוונ אונ פארסאָנענ, איינ ליד „נאָכנ דײַטשנ“ (פרעליגראטס) „די רעוואָלו־ציאָנ“ איז אונטערגעשריבנ (אינ דער „פ. א. ש.“ פונ 7־טנ נאָיאבער, 1890) M—n — נ. קאטש האָט זי ארײַנגענומענ אינ דער לאָנדאָנער אויסגאבע (1909) אלס עדעלשטאטס ליד. כ'האָב וועגנ דעמ אָנגעפרעגט (דורכנ ב' ל. גרינהויז) דעמ דעמאלטיקנ רעדאקטער פונ דער „פ. א. ש.“ דר. מעריסאָנ, צי מיינט ניט די אונ־טערשריפט „מ־נ“, אז ער אליינ האָט עס איבערגעזעצט. דר. מעריסאָנ האָט גע־ענטפערט, אז ער געדענקט מער קיינ זאכ ניט.

167. אפ עדעלשטאטס מאנוסקריפטנ פונ דער „פרײַ בעארבעטעט“־ליד פונ אל־בערט פארסאָנס איז פאראנ א באמערקונג צו דער רעדאקציע: „איר זאָלט מײַנ נאָ־מענ ניט אונטערשרײַבנ, ווײַל עס קענ איבערשרעקנ מײַנע איינציקע פרײַנט“.

168. אלבערט פארסאָנס האָט די דאָזיקע ליד געשריבנ אינעמ טויטנ־קאמער פונ דער טשיקאגער טורמע אינ דעמ פרימאָרגנ פונ דעמ טאָג, ווי מ'ע האָט אימ געהאנגענ צוזאמענ מיט זײַנע כאוויירימ.

169. „ווי קאָנ מענ טראכטנ וועגנ גלאטיקער פאָרמ אונ קלינגענדיקנ גראמ,

אַז ס׳דערטראָגט זיך צו מיר דאָס טראַגישע לעווײַנע־ליד אָן ווערטער, אָן קלאַנגען, נאָר פֿול מיט עלנט און טרערן" („טאָג־בוך", יאַנואַר, 1889). ווען א פֿרײַנט האָט אים אויפֿגעוואָרפֿן פֿעלערן אין זײַן גראַם, האָט דאָוויד עדעלשטאַט געענטפֿערט מיט א שטאַרקן צאָרן: „ווי שעמט איר זיך ניט ווענדן אויפֿמערקזאַמקייט אויף גראַם, ווען די אַרבעטער שטאַרבן מאַסנווײַז פֿון טשאַכאָטקע אין די אומענטשלעכע פֿאַרדומפּענע פֿאַבריקן! צי דענקט איר זיך, אַז איך קאָן זיצן גלײַכגילטיק און שניצן פֿיגורן מיט א מעסערל? איך שרײַב ניט פֿאַר אינטעליגענטן, איך בעט ניט קיין מיטלײַד באַ די בלוטזויגער, איך שרײַב פֿאַר אַרבעטער, און מיט זייער געוועער האַק איך — מיט דער האַק!" (אַרקאַדי טעלסאַן, אין א בריוו צו מיר פֿונעם 10־טן אַפּריל 1934).

170. אין די לידער „צו מײַנע לעזער", „צו מײַן פֿעדער", „מײַן מוזע", „איך קאָן ניט זאָגן ווייצן", „מײַן פֿרילינג־ליד".

171. „40 יאָר", ז. 115. ווײַנשטיין דערציילט, אַז ווען א קאָמיטעט (פּאַרטרעטערשאַפֿט) פֿלעגט קומען פֿון אַן אַנאַרכיסטישן מיטינג, פֿלעגט זי דערקלערן, אַז זי קומט פֿונעם „פֿאָלק".

172. אין די לידער: „פֿאָרווערטס", „די פֿרײַהײַט־געטן".

173. דאָרט. „צורוף צו דער „פּ. א. ש."", „אַלבערט פּאַרסאָנס", „דער לעצטער שטרײַק", „דער עלפֿטער אין דער פֿרעמד".

צו קאַפּיטל 21

174. סאָף אויגוסט 1891 ברעכט אויס א סיכסעך צווישן דער „פּ. א. ש." מיט דער דרוקער־יוניאָן. לויט דער „פּ. א. ש." איז אין דעם געווען שולדיק דער פֿאָרמאַן (אויפֿזעער) מילכיקער, וואָס האָט סאַבאָטירט דאָס אַרויסגעבן די צײַטונג צו דער צײַט („אַמאָל אין אַמעריקע", זז. 281 — 282). לויט דער דרוקער־יוניאָן האָט די „פּ. א. ש." אָפּגעזאָגט מילכיקערן, ווײַל ער איז געווען „צודרינגלעך" בענעגויע זײַנע אַרבעטלײַט (הײַמאַן ראָזענסאָן, „דערינערונגען", אין „זאַמלבוך" צום 35־יאָריקן יובילײ פֿון דער „היברו אַמעריקאַן טיפּאָגראַפֿיקאַל יוניאָן" (פּראָ־פֿאַריין פֿון ייִדישע דרוקער) נומ. 83 פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער דרוקער־יוניאָן, ניו־יאָרק 1923, ז. 11).

קאָפּעלאָוו דערקלערט, אַז אונטער עדעלשטאַטס רעדאַקציע וואָלט „עפּעס גאָר קיין שטרײַק ניט געווען. האָט דאָך דער זעלביקער מילכיקער עדעלשטאַטן פּאָשעט פֿאַרגעטערט און גרויס דרעכערעץ פֿאַר אים געהאַט" („אַמאָל אין אַמעריקע", ז. 281 — 282). עס זעט דעריבער אויס, אַז עדעלשטאַט האָט צום סאָף אויגוסט 1891 שוין ניט געטאָן קיין רעדאַקציע־אַרבעט, אָדער ער איז ניט געקומען מער אין רעדאַקציע, כאָטש די „פּ. א. ש." איז נאָך פֿול מיט עדעלשטאַטס שריפֿטן דעם גאַנצן כוידעש סעפּטיאַבער.

175. די דרײַ קורצע לידלעך, „פֿרײַ באַאַרבעט „פֿון הײַנע"", אין דער „פּ. א. ש." פֿונעם 16־טן אָקטיאַבער זײַנען, קענטיק, געשריבן א סך פֿריִער. דאָס ערשטע לידל, וואָס הייבט זיך אָן מיט דער שורה: „איך געדענק די שטונדע זיסע", איז, אָן צווייפֿל, געווידמעט זײַן פֿרײַנדין אַנאַ נעטער, וואָס האָט אים געבראַכט בלומען צו זײַן 23־טן געבורטסטאָג אין מײַ 1889 (אין מאַנוסקריפּט איז די ליד געשריבן אויף די בלאַנקען פֿון דער „פּ. א. ש."). דאָס סאַטירישע לידל וועגן באַסענע איז, מעגלעך, אינעם ערשטן וואַריִאַנט געשריבן פֿאַר אַן אַלבאָם פֿון זײַנער א פֿאַרערערן.

176. א. רודאַש (זע באַמערקונג 119) לויט מ. קאַטץ, אין זײַן „פֿאָרעדע" צו עדעלשטאַטס שריפֿטן 1909, איז עדעלשטאַט אין אָנהייב זומער 1891 שוין געוואָרן מיט יעדער וואָך בלייכער און בלייכער, און „עס האָבן זיך שוין באַוויזן סימאָנים פֿון יענער לונגען־קראַנקייט, וועלכע האָט אים אָפּגעריסן פֿון דער וועלט

אומזיסט האָבנ פרײַנט צו אימ גערעדט, אַז ער מוז פאָרנ אינ אַנ אַנדער קלימאַט. וועט ער דענ אוועקפאָרנ און לאָזנ די צײַטונג אונטערגײנ? זײַנ לעבנ איז געווענ אינ געפאַר, ער האָט געבלוטיקט". אינ יונ, דערציילט קאַטצ, האָט עדעלשטאַט אימ אופגעפאָדערט איבערצונעמענ די רעדאַקציע-אַרבעט. „אַנ־ט וועט ער פונ זײַנ הייליקנ פּאָסטנ ניט אָפּטרעטנ ביז דעמ לעצטנ מאָמענט". מ. קאַטצ דערציילט אָבער ניט, פאַרוואָס ער האָט עדעלשטאַטס פאַרלאַנג ניט אויסגעפילט און אימ געלאָזט פאַרבלײַבנ אינ ניו-יאָרק א גאַנצנ זומער.

177. קאַפּעלאָוו דערציילט: „מיר האָבנ אימ עטלעכע מאָל געשיקט א פּאָר קעסטלעכ „טאַקנײַער ווײַנ". איכ האָב אויכ זײַנע לידער צונויפגעזאַמלט און אַרויסגעגעבנ אינ א בוכ, קעדיי פאַרשאַפנ אימ א ביסעלע גײַסטיקנ פאַרגעניגנ" („אַמאָל אינ אַמעריקע", ז. 284).

178. עדעלשטאַטס שוועסטער דערציילט, אַז מאַכמעס זײַנ נאָכאַנאַנדיקנ הוסט, פלעגט ער אַלע ווײַלע מוזנ אונטערברעכנ זײַנ שרײַבנ.

179. די „פ. א. ש." פונעמ 1892-טנ יאָר; אַכוצ עטלעכע נומערנ פונעמ 1-טנ כוידעש איז ניטאָ אינ קיינ איינ עפנטלעכער ביבליאָטעק.

179א. פּ. ב. שעלי (1792 — 1822), ענגלישער רעוואָלוציאָנערער דיכטער, וועלכנ ענגעלס רופט אָנ „גענ:אַלער פּראָפעטישער".

180. באַוועגונג. געמיינט די מימישע קונסט, מיט וועלכע די קלאַסישע גריכישע דיכטער פלעגנ רעקלאַמירנ זייערע ווערק.

צו קאַפּיטל 23

181. אינ דעמ זעלבנ בריוו צו ווײַנבערגנ שרײַבט עדעלשטאַט: „איכ האָפּ, אַז אונדזערע גענאָסנ וועלנ ווידער אופוואַכנ און זיכ נעמענ מונטער צו דער אַרבעט". עדעלשטאַטנ איז, קענטיק, געווענ באַקאַנט, אַז די אַנאַרכיסטנ האָבנ אינ יענער צײַט, אינ אָנהייב 1892, שוינ פאַרלאָרנ זייער ווירקונג אַפ די יידישע אַרבעטער-מאַסנ. ער האָט אָבער געמיינט, אַז דאָס איז בלויז דערפאַר, וואָס די אַנאַרכיסטישע אַגיטאַטאָרס זײַנענ ניט גענוג טעטיק.

182. מ. קאַטצ האָט געהאַט פאַרנומענ עדעלשטאַטס פּלאַצ אַלס רעדאַקטער פונ דער „פ. א. ש." איצט איז ער רעדאַקטער פונ דער בורזשואַזער נאַציאָנאַליסטישער צײַטונג „יידישע וועלט" אינ פילאַדעלפיע.

183. וואַרשײַנלעכ, געמיינט זײַנ פרײַנדנ אַניוטאַ וואָלפסאָנ (זע באַמערקונג 145).

184. „דער אונטגלאָק" איז ניט געווענ די לעצטע ליד פונ דאָוויד עדעלשטאַט, ווי מ. קאַטצ זאָגט אינ זײַנ „פאָרעדע" צו עדעלשטאַטס שריפטנ 1909. די ליד איז שוינ אַרײַנ אינ עדעלשטאַטס לידער-זאַמלונג „פאָלקס-געדיכטע", יאַנוואַר 1892. מעגלעכ, אַז ער האָט דאָס נאָכ געשריבנ אינ סינסינעטי פאַר זײַנ אָפּפאָרנ זיכ היילנ אינ דענווער, קאָלאָראַדאָ (די ערשטע זײַט פונ דער „פ. א. ש." פאַרנ 30-טנ אָקטיאַבער 1891 פעלט אינ דער ניו-יאָרקער שטאָט-ביבליאָטעק, און קיינ צווייטע קאָפּיע איז אינ קיינ אַנדער עפנטלעכער ביבליאָטעק ניטאָ. מעגלעכ, אַז אינ יענעמ נומער איז געווענ געדרוקט די ליד „דער אונט-גלאָק").

185. דעמ אויסדרוק „טרוימפירנדיקע שווײַגנ" באַניצט עדעלשטאַט שוינ אינ פעברואַר 1888 אינעמ בריוו צו דר. זאָלאָטאַראָוו. ער באַניצט עס אויכ אינ זײַנ רוסישנ מאַנוסקריפּט „קליינע מענטשעלעכ" פונ 1887 — 1888 און אינ זײַנ בריוו צו מיכאָעל קאָנ פונ 11-טנ סענטיאַבער 1892. קאַפּעלאָוו דערציילט („אַמאָל אינ אַמעריקע", זז. 361 — 365), אַז „מאָסט איז געקומענ צו דער איבערצײַגונג, אַז, נעמענדיק אינ באַטראַכט די שוואַכקײַט פונ דער אַרבעטער-באַוועגונג בכלל און פונ דער ראַדיקאַלער בפרט, און נעמענדיק איבערהויפּט אינ באַטראַכט, דאָס די גאַנ=

צע באַוועגונג איז נאָר צווישנ די פרעמדע און נישט צווישנ געבוירענע אַמערי=קאַנער, גלייבט ער, אַז אַזעלכע טאַטנ ווי בערקמאַנס [בערקמאַנ אַטענטאַט אַפ אַ פאַבריקאַנט, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ בלוטבאָד אַפ זײַנע שטרײַקנדיקע אַרבעטער], זײַנענ נישט נאָר גיט נוצלעכ, נאָר צו אַ געוויסער מאָס זאָגאָר שעדלעכ!" אַ צווייטע אַנאַרכיסטישע פראַקציע, די „אויטאָנאָמיסטנ", אָנגעפירט פונ פויקערט, עמאַ גאָלד=מאַנ אא. זײַנענ דערפאַר אָנגעפאַלנ אַפ מאָסטנ און דערקלערט, אַז „ער האָט זיכ דערשראָקנ פאַר זײַנ אייגענער פעל"... „עס זײַנענ געוואָרנ מיינונגס=פאַרשיידנקייטנ וועגנ מאָסטס אַרויסטרעטונג". די מערסטע „פיאָנערנ" — „מאָסטס בלינדע נאָכפאָלגער— האָבנ פאַרשריענ און אָפּגעלאַכט פונ בערקמאַנס „העלדנטאַט". „נאָר עס זײַנענ אויכ געווענ אַזעלכע אַנאַרכיסטנ, וועלכע זײַנענ באַגײַסטערט געוואָרנ פונ בערקמאַנען און אידעאַליזירט זײַנ אַקט". אָט די רײַסערײַענ האָבנ צעריסנ די „פיאָנערנ". זיי זײַנענ „פאַרפרעמדט געוואָרנ איינער צום אַנדערנ"..

186. דאָוויד עדעלשטאַט האָט געהערט צו די, וואָס האָבנ אידעאַליזירט בערקמאַנס טאַט. ער האָט אים אויכ געווידמעט אַ ליד, בא אַנ אַנדער געלעגנהייט האָט עדעל=שטאַט אויסגעלאַכט דעמ גלויבנ, אַז יעכידימ זײַנענ אימשטאַנד צו באַפרײַענ דאָס פאָלק. אינ זײַנ ליד „דער אַגיטאַטאָר" זאָגט ער צו די אַרבעטער: „אָנ אײַכ הויבט זיכ גאָרנישט אָנ!" גלײַכצײַטיק אָבער האָט עדעלשטאַט דערקלערט, אַז אַזאַ פאַר=ברעכנ, ווי דאָס אויפהענגענ די טשיקאַגער אַרבעטער=פירער, וואָלט אינ רוסלאַנד געפונענ אַ נעקאָמע=נעמער. באַזונדערס וואָלט עמעצער גענומענ נעקאָמע פונ דעמ גובערנאַטער און פונ דעמ פּראָקוראָר.. („ווערטער און טאַטנ", „פ. א. ש.", 13=טער פעברואַר, 1891). אויכ אינ זײַנ ליד „לויס לינג" זאָגט עדעלשטאַט: „געוואַלט האָט אונדזער וועלט פאַרשקלאַפט, און געוואַלט וועט זי באַפרײַענ"! (זע באַמערקונג 94). און אינ זײַנ ליד „צום פאַראייניקטנ קאַמפּ" — „ווערטער זײַנענ איצט צו מענטש=לעכע וואָפנ פאַר אונדזערע אוממענטשלעכע פרײַנט". נאָכ דײַטלעכער דריקט אויס עדעלשטאַט זײַנע סימפּאַטיעס צום אינדיווידועלנ טעראָר אינ זײַנ ליד „איכ בינ דאָס שווערד, איכ בינ דער פלאַמ". ער שרײַבט דאָרט אַזוי:

„לאָז רוסלאַנד אונדז אַלס בײַשפּיל דינענ,
דאָרט פאַלנ אָפּפער אָנ אַ צאָל,
דאָכ וועט איר אימער דאָרט געפינענ
אַ קעמפער גרייט פיר ברוטוס ראָל!"

ברוטוס, דער אַלטער רוימער פּאַטריצישער ראַכע=נעמער פונ דעמ זעלבסטהער=שערישנ צעזאַר, איז פאַר עדעלשטאַטנ געווענ דער סימבאָל פונ אַ ראַכע=נעמער. אינ זײַנ אויבנ דערמאָנטער ליד „לויס לינג" לויבט דעריבער עדעלשטאַט דעמ העל=דישנ יונגנ אַרבעטער=מאַרטירער, אַז „ווי ברוטוס שטאָלצ און אומדערשראָקנ איז ער געווענ אינ פרײַהייט=קריג".

187. עדעלשטאַט באַהאַנדלט די פראַגע וועגנ אינטערנאַציאָנאַליזמ (אַ ביסל פאַר=נעפּלט, ווי אַלע אַנאַרכיסטנ) אויכ אינ זײַנ ליד „עכטער פּאַטריאָטיזמ", ער זאָגט דאָרט: „זאָל יעדער ליבנ זײַנ פאָטערלאַנד גוט, זײַנ שפּראַכ און זײַנע לידער און קעמפנ מיט זייער האַרצ און בלוט פאַר זייערע פאַרשקלאַפטע ברידער — — — און ווענ אינ יעדנ פאָטערלאַנד פאַלנ טיראַנענ און טראָנענ, — דאַנ פאַלט אויכ די פינצ=טערע וואַנט, וואָס צעטיילט איצט אַלע נאַציאָנענ".

188. „אַרבעטער=פרײַנט", אָקטיאַבער, 1892.

189. „אַמאָל אינ אַמעריקע", ז. 383. זע אויכ אָנמערקונג צום בריוו 40.

189א. דאָרט, געמיינט ש. יאַנאָווסקי, וועלכער, פאַרבלײַבנדיק אַנ אַנאַרכיסט, איז אַפ דער עלטער געוואָרנ אַ מיטאַרבעטער אינעמ געלנ סאָציאַל=פאַשיסטישנ „פאָר=ווערטס".

אויכ די „פ. א. ש." איז איצט, אַזוי ווי דער „פאָרווערטס", אַנ אָרגאַנ פונ

סאָציאַל-פאַשיזמ. זי פאַרשפּרייט בייזוויליקע רעכילעס קעגנ סאָוועטנ-פאַרבאַנד אונ קעגנ דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג אינ אַמעריקע. די „פ. א. ש." האָט געפּרוווט רייכצווואַשנ דעמ פּאָגראָמשטשיק מאַכנאָ אונ אפילו געבעטנ פאַר אימ שטיצע בא די יידישע מאַסנ אינ אַמעריקע.

190. „אַמאָל אינ אַמעריקע", זז. 364 — 365, 437 — 438.

191. קאַלמענ מאַרמאָר, „די יידישע פּיאָנערנ פונעמ סאָציאַל-פאַשיזמ אינ אַמע-ריקע", „דער האַמער", נ'ו-יאָרק, אָקטיאַבער, זז. 40 — 42.

צו קאַפּיטל 24

192. נ. מ. באַבאַד (1872 — 1903) האָט אויכ געשריבנ אַ ליד „צו עדעלשטאַטנ" אינ דער „פ. א. ש." פונעמ 25-טנ דעקאַבער 1891. ער האָט אויסגעשטודירט מעדי-צינ אונ באַלד נאָכדעמ געשטאָרבנ פונ טובערקוליאָז.

193. זוויליג האָט נאָכ בא עדעלשטאַטס לעבנ זיכ געווענדט צו אימ מיט אַ ליד „צומ פּאָעט" („פ. א. ש.", 15-טער יאַנוואַר 1892). אינ 1930 יאָר האָב איכ ייִצכאָק זווילינגנ געטראָפנ אינ קאַליפאָרניע, ווו ער האָט פּראַקטיקירט מעדיצינ. ער איז געווענ אַ סימפּאַטיזירער פונ דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער-באַוועגונג אינ אַמעריקע אונ פונעמ סאָוועטנ-פאַרבאַנד. אַקטיוו אָבער האָט ער זיכ ניט באַ-טייליקט אינעמ קאַמפּ.

194. לויט עדעלשטאַטס אַ מיטצײַטלער אַוראָמ יודעליעוויטש. מיטגעטיילט דורכנ כ' מ. דובאָוו אינ אַ בריוו פונעמ 14-טנ מײַ 1934 יאָר.

195. כ' אַגורסקי דערציילט אינ זײַנ אַרײַנפיר צו דאָוויד עדעלשטאַטס „לידער פונ נויט אונ קאַמפּ" (מאָסקווע, 1930, ז. 41), אַז ער האָט אינ 1914 אָנגעוויזנ אַפ דעמ „ניט-דערלאָזבאַרנ פאַקט" פונ פאַרנאַכלעסיקנ עדעלשטאַטס קייווער. „נאָכדעמ האָט מענ אָנגעהויבנ זאַמלענ געלט אַפ אויפצושטעלנ אַ דענקמאָל". די „פ. א. ש." פונעמ 17-טנ דעקאַבער 1915 דערציילט, אַז דער „מאָנומענט איז בעשומויפנ ניט דער אויפטו פונ אונדזער באַוועגונג. מע האָט אַפּעלירט אונ אַפּעלירט, אָבער גאָר ווייניק האָבנ זיכ אָפּגערופנ, אונ ווענ עדעלשטאַטס ברודער, אַב. עדעלשטאַט פונ ביוט-מאָנטאַנאַ, וואָלט ניט בײַגעשטײַערט דאָס מייִסטע געלט צו דער אויפשטעלונג פונ דעמ מאָנומענט, וואָלט ער נאָכ ביז הײַנט געבליבנ בלויז אַ שיינער וווּנטש".

196. „דהי דעטוועער דזשויִש ניוס", ציטירט אינ דער „פ. א. ש." פונעמ 25-טנ דעקאַבער 1915.

197. אַ מוסטער פונ אַ דאָוויד עדעלשטאַט-אָוונט אינ 1934 געפינט זיכ אינ אַ בריוו צו דער „מאָרגנ-פרײַהײַט" (21-טער אַפּרעל, 1934) פונ ל. ווײַסמאַנ, סעק-רעטאַר פונעמ „דאָוויד עדעלשטאַט"-בראַנטש (צווײַג) פונעמ אינטערנאַציאָנאַלנ אַרבע-טער-אָרדנ אינ פּיטסבורג. דער ליטעראַרישער אָוונט האָט זיכ אָנגעהויבנ מיט אַ רעדע (כ' זינגער) וועגנ „דאָוויד עדעלשטאַטס זײַנ לעבנ אונ שאַפנ", דער בריוו-שרײַבער האָט גערעדט „וועגנ דער אַנטוויקלונג פונ דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור אינ אַמעריקע". אַנ אַנדער כ' (סידער) האָט פאָרגעלייענט עדעלשטאַטס „סאַטירישע באַשרײַבונג פונ ניו-יאָרקער ראַדיקאַלנ" אונ דעקלאַמירט פּראָלעטאַרישע לידער. דער פאָרזיצער (כ' וויינער) האָט דערציילט וועגנ זײַנ „נאָענטער באַקאַנטשאַפט מיט עדעלשטאַטנ" אונ וועגנ עדעלשטאַטס אַנטירעליגיעזע אָנשויונגענ.

198. כ' בלאָשטיינ האָט אינ זײַנ פּאָעמע „דאָוויד עדעלשטאַט" געשילדערט אַ ביבליאָטעק אינ בוענאָס-אײַרעס, ווו „אַ בינטל אַנאַרכיסטנ" האָט אָפּגעהאַלטנ „אַ מיטינג קעגנ לאַנד פונ די סאָוועטנ", אונ „רעדעס — פולע זעק מיט איפּעשדיקע מיסטנ" האָבנ זיכ געשאָטנ „פונ ציינגענ בא פאַרעטער". איינער פונ אַט די אַרבע-טער-סאָנימ האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו עדעלשטאַטס בילד אונ באַמערקט: „אַט דער איז אונדזער בײַשפּיל! אַט דער איז אונדזער זינגער!" אונ כ' בלאָשטיינ

שטעלט זיכ פאָר, אז ווענ עדעלשטאט וואָלט געלעבט, וואָלט ער „געווים דאָס ליד אָנגעשריבנ, וואָס ער (בלאָשטיינ) האָט אמאָל געהערט, אז „די אנארכיסטנ זיינענ שפּיאָנעס, פּראָוואָקאטאָרנ". ס'איז קלאָר, אז בלאָשטיינ האָט געמיינט די פּאַסיוויר־טע אנארכיסטנ, וואָס ער האָט געזענ אינ א ביבליאָטעק פונ דער ארגענטינער הויפּט־שטאָט (אונ וואָס מע קאָנ זענ די לעצטע יאָרנ אויכ דאָ אינ אמעריקע). דער נאַ־ציאָנאליסטיש־ידישיסטישער דיכטער ה. ליוויק האָט דאָס אָבער אויסגעטייטשט, אז ה. בלאָשטיינ „וויל ניט אנדערש, ווי נאָר אריינלייגנ אינ מויל עדעלשטאטנ אזוינע ווערטער, עס זאָל אויסקומענ ווי ער, עדעלשטאט, וואָלט שילטנ אונ שימפנ אנארכיסטנ,—ניט נאָר א'צטיקע אנארכיסטנ, נאָר אויכ אמאָליקע אונ אָנרופנ זיי: פּראָוואָקאטאָרנ אונ שפּיאָנענ". אונ ה. ליוויק רופט אויס: „איכ בינ ניט קיינ אנארכיסט, נאָר פונ אזא מאנעווער שטעלנ זיכ די האָר אפנ קאָפּ" („צוקונפט" 40־טנ יאָרצייט פונ דאָוויד עדעלשטאט", „ידיש", 16־טנ דעקאבער 1932).

אָבער ניט אינ דער פּאָלעמיק מיט כ' בלאָשטיינ ליגט דער שווערפּונקט פונ ה. ליוויקס ארטיקל. ער טרעט ארויס דעריקער קעגנ די, וואָס „מאכנ גרעסער, אפ אייכ האָר אפילע, די באדייטונג פונ עדעלשטאטנ אלס פּאָעט פונ קינסטלערישנ שטאנדפּונקט". אפ ליוויקס „מאנעווער" (זיכ צו באנוצנ מיט זיינ שפּראכ) צו פאר־קלענערנ עדעלשטאטס דיכטערישנ ווערט אונ צו דיסקרעדיטירנ די רעוואָלוציאָנערע ליטעראטור ביכלאל האָט געענטפערט דער רעוואָלוציאָנערער דיכטער ארנ קורצ אינ „סיגנאל" (זע ביבליאָגראפיע). ה. בלאָשטיינס פּאָעמע איז פארגעלייענט געוואָרנ אפ א עדעלשטאט־אָוונט אינ לאָס־אנדזשעלעס אונטער דעמ אָנפיר פונ די קינדער־שולנ באמ אינטערנאציאָנאלנ ארבעטער־אָרדנ, „האמער"־פארוואלטונג אונ "פראָלעט־פּענ"־גרופּע („סיגנאל", נומ. 4—5, יונ—יול 1934, ז. 21).

199. קאָפּעלאָוו, וואָס האָט צונויפגעזאמלט אונ ארויסגעגעבנ אינעמ פארלאג „פ. א. ש." עדעלשטאטס „פאָלקס־געדיכטע", דערציילט, אז „דאָס בוכ לידער האָט, לוידער, זיכ גאָרנישט איינגעגעבנ. עס איז נישט געווענ, ווער עס זאָל מאכנ די ריכ־טיקע קאָרעקטור, אונ עס זיינענ אריינגעפאלנ א סאכ מיעסע גרייזנ, וועלכע נאָר אמע־ראציונ־זעצערס קאָנענ מאכנ. עדעלשטאט אינ א בריוו צו מיר—כאָטש ער האָט מיר הארציק באדאנקט פאָר מיינ גוטער קאוואָנע אונ טירכע, האָט ער זיכ אָבער דאָס הארצ אויסגעגעבנ" („אמאָל אינ אמעריקע", ז. 284). אינמיטנ ליד „בלומענ אונ שטערנ" האָבנ די דרוקער איבערגעלאָזט דעמ נאָמענ פונ דער צייטונג („וואר־הייט"), אונ אזוי איז עס איבערגעדרוקט אינ אלע עדעלשטאט־אויסגאבעס, אבוצ אינ דער לאָנדאָנער (1909), ווו ס'איז ארויסגעלאָזט געוואָרנ פיר סטראָפעס 10—13.

200. אנאָנסירט פונ ב. רודערמאנ („פ. א. ש.", 19־טער יאנואר 1900) אלס „א זאמלונג פונ אויסגעצייכנטע אונ העכסט־ריינגדע דערציילונגענ פונ אונדזער פארשטאָרבענעמ פּאָעט דאָוויד עדעלשטאט". מיט א האלב יאָר שפּעטער, דעמ 27־טנ יול 1900, אנאָנסירט די „פ. א. ש.", אז „אלע פּאָעטישע בילדער אונ דערציילונגענ אוומ דעמ ארבעטער־לעבנ פונ דאָוויד עדעלשטאט זיינענ יעצט ערשיינענ אינ איינ בוכ אונטער דעמ נאָמענ „עדעלשטאטס שריפטנ". דאָס בוכ אנטהאלט 96 זייטנ, גע־דרוקט אפ גוטנ פּאפּיר מיט א שיינעמ קאווער (הילע) אונ דערצו אלס ביילאגע דאָס בילד פונ דאָוויד עדעלשטאט. עס איז א צירונג אינ יעדעס הויז אונ קאָסט בלויז 10 סענט". דאָס איז, וואַרשיינלעכ, אויכ די „עדעלשטאטס שריפטנ", וואָס די ווילנער בוכהאנדלונג „איזראַעליט" האָט אינ 1905־טנ יאָר אנאָנסירט פאר 10 קאָפּ.

201. ארויס אויכ אינ ווארשע, 1906, אונטערנ נאָמענ „שריפטנ פונ ד. עדעל־שטאט", פּרייז 15 קאָפּ. (זע ביבליאָגראפיע).

202. אינעמ „ארבעטער־פריינט" פארנ 2־טנ דעקאבער 1892 איז אינעמ בריוו־קאסטנ פאראנ אנ ענטפער צו „גענאָסינ עדעלשטאט, דענווער, ווענג איר באשטייערונג ארויסצוגעבנ איר ברודערס שריפטנ". ס'איז ניטאָ אָבער דאָרט קיינ איינ וואָרט ווענג אנ „עדעלשטאט"־פאריינ, וואָס זאָל זיכ דערמיט אָפּגעבנ.

203. מאָריס ווינטשעווסקי אין „צוקונפֿט“, דעקאַבער 1908, ז. 773, א. ליעסין, אין „פֿאָרווערטס“, 5־טן דעקאַבער, 1908, ז. 4.

204. אורטיילנדיק לויט די בריוו פֿון מ. לענאָבל, דעם פֿאַרוואַלטער פֿונעם פֿאַרלאַג „אַרבעטער־פֿרײַנט“, אין א בריוו פֿונעם 3־טן מאַרט 1909 שרײַבט ער, אַז ס'איז נייטיק נאָך אַ סומע פֿון 50 פֿונט, קעדיי אַרויסצוגעבן דעם בוך, און דער פֿאַרלאַג דערוואַרט, אַז עדעלשטאַטס שוועסטער זאָל צולייגן אַ האַנט. אין אַן אַנדער בריוו, פֿונעם 30־טן מאַרט, שרײַבט איר דער זעלביקער, אַז ער שיקט איר צו קאָרעקטורן פֿון עדעלשטאַטס שריפֿטן, און אַז ער האָפֿט אַרויסצוקריגן פֿון מ. קאַטץ די פֿאָרעדע אָן פֿיל פֿאַרשפּעטיקונגען, קעדיי דער בוך זאָל קאָנען פֿאַרטיק ווערן צום אָנהייב מײַ.

205. א. פֿרומקין, וועלכער איז אַ צײַט געווען פֿאַרבונדן מיטן „אַרבעטער־פֿרײַנט“ אין לאָנדאָן און האָט דאָרט „געמאַכט די קאָרעקטורן און אויפֿגעפּאַסט אויף דער אויסגאַבע“ פֿון עדעלשטאַטס „שריפֿטן“, טיילט מיר מיט (אין א בריוו פֿונעם 19־טן אַפּרעל 1934) דאָס פֿאָלגנדיקע: „מ. קאַטץ האָט רעדאַקטירט עדעלשטאַטס זאַכן, וואָס זײַנען אַרײַן אין דעם באַנד. אַחוץ די לידער און דערציילונגען, וואָס זײַנען געווען געדרוקט אין דעם ערשטן ביכל פֿון דער „היברו פּאָבלישינג קאָמפּ“, האָט ער אַרײַנגענומען נאָך געדרוקטע זאַכן, וואָס זײַנען דערשינען אין דער אַלטער „פּ. א. ש.“, און וועלכע האָבן ניט געפֿונען קיין פּלאַץ אינעם ערשטן ביכל. און אויסער דעם, דוכט מיר, אויך אייניקע ניט־געדרוקטע מאַנוסקריפּטן פֿון עדעלשטאַטן. אין ניו־יאָרק איז צו יענער צײַט ניט געווען קיין מעגלעכקײַט אַרויסצוגעבן אַ נײַע אויפֿלאַגע, האָט זיך סאָרע עדעלשטאַט געווענדט צום „אַרבעטער־פֿרײַנט“ אין לאָנדאָן מיט אַ פֿאָרשלאַג אַרויסצוגעבן דאָס בוך. איר ווייסט דאָך, אַז מיר זײַנען דעמאָלט געווען טעטיק, און דער פֿאָרשלאַג איז אונדז געווען זייער ווילקאָמען. אַזוי איז די זאַך צו שטאַנד געקומען — — — מיר דוכט, אַז מען האָט געדרוקט 2000 עקזעמפּלאַרן, וועלכע זײַנען אַוועק אין אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק קורצער צײַט, אַזוי אַז מע האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן נאָך אַן אויפֿלאַגע“.

לויטן „אַרבעטער־פֿרײַנט“ פֿונעם 16־טן מאַרט, האָט קאַטץ שוין דעמאָלט „זיך אונטערגענומען צו זאַמלען און סאָרטירן עדעלשטאַטס ניט־געדרוקטע „שריפֿטן“ און די „פּראָגרעסיוו ליײַברערי“ (פּראָגרעסיווע ביבליאָטעק) פֿון ניו־יאָרק האָט געהאַט בעדייע אַרויסצוגעבן די דאָזיקע שריפֿטן „אין אַ הויפּשן ביכל מיט אַ ביאָגראַפֿיע פֿון אונדזער פֿאַרשטאָרבענעם דיכטער געשריבן פֿון מ. קאַטץ“.

206. מ. קאַטץ גיט ניט קיין רעאַלע שילדערונגען פֿון עדעלשטאַטס קינדהייט, נאָר פֿאַרנעמט זיך מיט ראָמאַנטישע עפּיזאָדן און פֿאַרשיידענע באָבע־מעשׂיות. ער דערציילט, צום בײַשפּיל, וויאַזוי אַ פּאָליציאַנט איז אַרײַן אין הויפֿצימער פֿון די גראַמען פֿון דעם נײַן־יאָריקן יינגל און אים נעווינעס געזאָגט, אַז ער וועט „אַמאָל זײַן אַ גרויסער פּאָעט“, וויאַזוי דער קאַלוגער גובערנאַטאָר ווערט איבעראַשט, ווען ער זעט, אַז דער קאַלוגער דיכטער איז „נאָך גאָר אַ יונג קינד“, און קושט אים און גלעט אים און כאַזערט דערבײַ איבער דעם פּריסטאַווס נעווינעס, אַז עדעלשטאַט וועט „זײַן אַמאָל אַ שיינער פּאָעט“ אאַז״וו. די ניו־יאָרקער „זנאַמיאַ“ פֿונעם 1889 געפֿינט זיך ניט אין קיין איין עפֿנטלעכער ביבליאָטעק, און ס'איז דערפֿאַר ניט מעגלעך צו באַשטימען, צי עדעלשטאַט האָט דאָרט געשריבן נאָך עפּעס אַחוץ די צוויי לידער, וואָס ער דערמאָנט אין זײַן טאָגבוך פֿון יאַנוואַר 1889.

207. אינעם יאָר 1902 האָבן עדעלשטאַטס שוועסטער און שוואָגער מיטגעגעבן אַ קאָפּיע פֿון עדעלשטאַטס רוסישע לידער (איבער הונדערט) צו מ. מ. ראָזענבוים, ער זאָל זיי אָפּדרוקן אין אַן אומלעגאַלער רוסישער אויסגאַבע און זיי פֿאַרשפּרייטן אינעם אונטערערדישן רוסלאַנד, ער ווערט אַרעסטירט אויף דער גרענעץ, און דערבײַ גייען אויך פֿאַרלאָרן עדעלשטאַטס לידער (אַרקאַדי טעלסאָן — זע באַמערקונג 169).

א י נ ה א ל ט :

זייט

I. פאָרוואָרט פון דער רעדאקציע . . . 5

II. דאָוויד עדעלשטאט (ביאָגראפיע) פון קאלמען מארמאָר . . . 9

פ אָ ר וו אָ ר ט . . . 13

1. עדעלשטאטס קינדהייט . . . 16
2. קיעוו — דער אָפּפאָר קיין אמעריקע . . . 18
3. אין סינסינעטי . . . 21
4. ערשטע טריט אין דער ארבעטער־באוועגונג . . . 25
5. דער קאמף פארן 8־שאָעדיקן ארבעטסטאָג . . . 29
6. אונטער דער ווירקונג פון דער „טשיקאגער טראגעדיע" . . . 32
7. ערשטע לידער פון ארבעטער־לעבן . . . 38
8. „די ווארהייט" . . . 41
9. „פאסקארעל" . . . 52
10. אין קאמף צווישן סאָציאליסטן מיט אנארכיסטן . . . 56
11. האס צום סוינע . . . 58
12. אנטירעליגיעזע פּראָפּאגאנדע . . . 61
13. די „ארבעטער־צייטונג" . . . 63
14. סינסינעטער טעטיקייט . . . 69
15. עדעלשטאט אלס מיטארבעטער און רעדאקטער פון דער „פ.א.ש." . . . 75
16. שטעלונג צו פראגעס פון טאָגטעגלעכן קלאסנקאמף . . . 84
17. רעדאקציע־ארבעט . . . 90
18. דאָוויד עדעלשטאט און מאָריס ראָזענפעלד . . . 95
19. ווינטשעווסקיס ווירקונג . . . 100
20. אין עדעלשטאטס דיכטערישער לאבאָראטאָריע . . . 107
21. פּראָזע־שריפטן . . . 121
22. אין דענווער, קאָלאָראדאָ . . . 123
23. לעצטע טעג . . . 129
24. עפילאָג (נעקראָלאָגן, ע־עלשטאטס דענקמאָל, אויסגאבעס פון עדעלשטאטס ווערק, עדעלשטאטס ליטעראַרישע ירושע, עדעלשטאט געזען פון זיינע צייט־כאווירים) . . . 136

III. לייטפאַדים פון עדעלשטאטס לעבן . . . 149

IV. בריוו פון דאָוויד עדעלשטאט . . . 155

אָנמערקונגען און עקסקורסיעס . . . 225

Редактор—С Агурский
Технический редактор — М. Погостер
Корректор — М. Иткович
Сдано в набор 7|X—34 г
Подписано к печати 29|VIII—35 г.
Ф. б. $62 \times 94^{1}/_{26}$ $16^{1}/_{2}$ п. л.
Упол. Главлита Б—6444
Цена 6 р. 25 коп.
Переплет 1 р. 75 коп.

Тип. „Дер Эмес“ Москва, Покровка, 9
зак. № 689